STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01887

A SHTOT MIT YIDN

Shlomo Bickel

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שלמה ביקל

אַ שטאָט מיט ייִדן

קיום

22

משה פייגענבלום.

שלמה ביקל

א שטאָט מיט יידן

צווייטע אויפלאַגע

פארלאג
פועלי ציון-התאחדות

בוענאָס איירעס, ה׳תש״ך — 1960

דאָס דאָזיקע בוך איז דערשינען
מיט דער הילף פון די פריינט
עדית און ישראל פּאָלאַק
פון טשילע
וועמען דער פאַרלאַג דריקט אויס
אַ האַרציקן יישר כוח.

„אַ שטאָט מיט ייִדן" איז געשריבן געוואָרן אין די פֿחדימדיקע חדשים פֿון זומער 1941, ווען עס האָט זיך גענומען עפֿענען דער תּהום פֿון חורבן פֿאַר אונדזערע שטעט מיט ייִדן אין אייראָפּע.

פֿיר יאָר שפּעטער איז קלאָר געוואָרן דער ביטערער סך־הכּל, און פֿאַר די לעצטע פֿופֿצן יאָר לעבן מיר מיט דער אָפֿענער ווונד פֿון אַ זעקס־מיליאָניקן ייִדישן אומקום אין האַרצן. די צייט היילט טאַקע ווונדן, אָבער די צייט פֿון איין דור איז צו קורץ דערפֿאַר.

איך ווייס נישט צי איז עס ס'שרייענדיקע קול פֿון פּיין צי די שטי־לע שטים פֿון טרייסט, אָדער גאָר ביידע אינאיינעם, וואָס מיט די יאָרן פֿון אונדזער דור זעען מיר דאָס אומגעקומענע ייִדישע לעבן אַלץ דערהויבענער, אַלץ הייליקער, און אונדזער בענקשאַפֿט נאָך יענעם לעבן און נאָך יענע ייִדן ווערט אַלץ טיפֿער און מאָנענדיקער.

***

ווען מיין בוך איז אַרויס אין 1943 האָב איך עס געהייליקט דעם אָנדענק פֿון דעם טראַגישן רעבעל שלמה חלפֿן — אין פֿופֿציקסטן יאָר נאָך זיין אומקום און עס אונטערגעטראָגן אַ מתּנה מיין טאַטן, שלמה חלפֿנס איייניקל.

אין די זיבעצן יאָר זינט דעמאָלט איז איבעריק געוואָרן דער יבדל לחיים צווישן איייניקל און זיידן. מיין פֿאָטער, דער איידעלער און שטי־לער בן־תּורה, האָט זוכה געווען צו שיבת ציון און האָט זיך דאָרט אין ישׂראל, באַהעפֿט אין דער אייביקייט צו זיין זיידן, דעם שטורמישן טראַכטער און גייסטיקן תּקיף שלמה חלפֿן. עס איז אין דער צייט שוין אַוועק אויפֿן עולם האמת אויך שלמה חלפֿנס אוראיייניקל, מיין ייִנגע־רער ברודער אליעזר. ער איז געווען פֿון שלמה חלפֿן גייסט. ער האָט פֿאַרמאָגט דעם זיידע שלמהס עקשנותדיקן כּוח צו בלייבן אַליין מיט זיך און מיט זיין מחשבה.

***

אין די פֿאַרשפּרייט־באַדינגונגען פֿונעם ייִדיש־בוך איז עס נישט קיין גוזמא צו זאָגן, אַז די ערשטע אויפֿלאַגע פֿון „אַ שטאָט מיט ייִדן" איז געווען דאָס וואָס מע רופֿט ביי די אומות העולם אַ „בעסט־סעלער".

עס האָט זיך גיך, אין אַן ערך צען חדשים אויספּאַרקויפט און — אויב מען זאָל משפּטן אויפן סמך פון די נאָכפרעגענישן, וואָס האָבן אָנגע־האַלטן אַלע זעכצן יאָר זינט דעמאָלט, איז נאָך הײַנט, דאַכט מיר, דער אינטערעס צום בוך (איך באַוואָרן זיך ווידער מיט אונדזערע מאָס) נישט אָפּגעשוואַכט געוואָרן.

עס קומט דערפאַר דעם פאַרלאַג „קיום", וואָס האָט גענומען די איניציאַטיווע אַרויסצוגעבן אַ צווייטע אויפלאַגע פון „אַ שטאָט מיט ייִדן" אַ טאָפּלטער דאַנק, קודם מצד דעם מחבר און דערנאָך פונעם מחבר אין נאָמען פון דער היפּשער צאָל נאָכפרעגער.

ש. ב.

צוויי לאַנדסלייט אין דער טשערנאָוויצער מלוכה־גימנאַזיע

די וועלט־מלחמה האָט מיך פאַרטריבן פון מיין גאַליצישער היימשטאָט. דער וועלט־פרידן האָט מיך איינגעדונגען פאַר אַ סטודענט אין טשערנאָוויץ און פון מיר געמאַכט אַ רומעניש̈ן בירגער.

זיין אַ סטודענט און זיך נישט האָבן באַציטנס אָנגעגרייט אַ „וואָלהאָ־בענדען" טאַטע (אין גאַליציע: אַ טאַטע מיט אַביסל פּרנסה) אָדער כאָטש אַ „שטיינרייכן" פעטער (אין דער זעלבער מדינה: אַ פעטער, וואָס האָט אַ סך ווייניקער וויפל ער האָט פיינט צו געבן) איז קיינמאָל נישט, און אין מיינע צייטן אויך נישט, געווען קיין סגולה צו אַ שטיקל ברויט. האָב איך צוליב אַפּעטיט געטאָן דאָס, וואָס דורות סטודענטן האָבן געטאָן פאַר מיר: איך האָב צוגעקנעלט.

געווען איז עס די צייט, ווען די שלום־טראַקטאַטן אין ווערסאַי און אין אַנדערע שטעטלעך אַרום פּאַריז האָבן זיך נאָך געהאַלטן אין קאָכן און די רעגירונגען פון די באַפרייטע לענדער האָבן זיך נאָך געחנפעט מיט „קוצעניו מוצעניו" צו זייערע מינאָריטעט־פעלקער. דעמאָלט איז דאָס געווען, אַז די יידישע קינדער אין די טשערנאָוויצער מלוכה־גימנאַזיעס האָבן געמוזט לער־נען פאַר אַ קורצער צייט העברעיש אָדער יידיש, און דעמאָלט האָב איך — הגם פון פאַך אַ יוריסט — באַקומען אַרבעט ווי אַ העברעישער לערער אין אַ מלוכהשער מיטלשול פאַר מיידלעך.

געפילט האָב איך מיך ביי מיין נייער פּרנסה גאָרנישט פויגלדיק. שלעכט צווישן די שילערינס און נאָך ערגער צווישן די לערערס. די בוגרות־מיידלעך פון די העכערע קלאַסן האָבן זיך צו מיר, זייער יונגן לערער, באַצויגן מיט גרויס ביטול. מען האָט געדערדט, געלאַכט און געליאַרעמט, עלעהיי אין אַ טאַנצזאַל. מען האָט זיך אַפילו נישט גענומען די מי געוווירן צו ווערן, צי איך בין שוין דאָ אין קלאַס. די גאַנצע לאַנגע שעה פון פערציק מינוט האָב איך געהאַלטן אין איין ציטערן, טאָמער גייט פאַרביי דער דירעקטאָר אָדער אַן עלטערער לערער, דערהערט די געוואַלדן און ס'פאַלט אים איין אַריינצוקו־מען. אין דער קאַנצעלאַריע ווידער, האָבן פליכעוואַטע, באַברילטע און גרייז־גראָע לערער און עטלעכע געציילטע לערערינס (באַלייבטע מאַטראָנעס מיט העכסט פאַראָנטוואָרטלעכע פּנימער) דערהרגעט מיין צוויי און צוואַנציק־יעריקייט מיט קאַלטער און שטייפער העפלעכקייט. איך האָב געפילט, אַז איך

טרענק מיך אין אַן אייז־ים פון רעספּעקט. „הער קאָלעגע" אַהער און „הער קאָלעגע" אַהין. איך האָב זיך ביי יעדן מאָל געמוזט דערמאָנען, אַז דאָס מיינען די בכבודע טאַטעס און מאַמעס אין פּראָפעסאָרן־צימער מיך — זייער מוזינעק.

וואָלט איך טאַקע געווען אַנטלאָפן געוואָרן פון מיין מלוכה־פּאָסטן וואָס גיכער, ווען איז זאָל נישט געווען טרעפן דאָרט מיינעם אַ לאַנדסמאַן. מיין לאַנדסמאַן איז געווען אַ קליין, איינגעבויגן און אויסגעדייוועט ייִדל פון קנאַפּע פופציק יאָר און האָט געלערנט רעליגיע אין אַלע העכערע קלאַסן. אין גלות טשערנאָוויץ — האָט ער מיר שפּעטער דערציילט — איז ער שוין געווען איבער צוואַנציק יאָר און האָט פאַר דער גאַנצער צייט נישט אויפגעהערט צו בענקען נאָך אונדזער בשותפותער גאַליציִשער היימשטאָט, וואָס איז געלעגן נישט מער ווי צוויי שעה מיט דער באַן פונעם טשערנאָוויצער וואָקזאַל. מילא, איצט האָט מען שוין פאַר די צוויי שעה רייזע געדאַרפט האָבן אַ פּאַספּאָרט מיט שטעמפּלען און וויזעס, און מיין לאַנדסמאַן, זוסמאַן שפּינדל, האָט פיינט געהאַט די אַלע זאַכן, און דער עיקר די געפעק־רעוויזיעס ביי דער גרענעץ. איז ער טאַקע דערפאַר נישט געפאָרן זיך זען מיט זיין נאָענטער היימשטאָט. אָבער אין די צוואַנציק יאָר ביז דעמאָלט? — איז ער אויך נישט געפאָרן.

— פאַרוואָס, ר' זוסמאַן? (נאָך די ערשטע צוויי באַגעגענישן בין איך איבערגעגאַנגען פון „הער פּראָפעסאָר" צו „ר' זוסמאַן", ווייל ער האָט געוואָלט, איך זאָל אים רופן ווי מען רופט אַ באַלעבאַטיִשן ייִדן ביי אונדז אין דער היים).

— ווייל איך האָב מיר נישט געוואָלט קאַליע מאַכן די בענקשאַפט — האָט ער מיך אָפּגעפּטערט מיט אַ חכמה, און אין דער חכמה איז געלעגן דער גאַנצער אמת. ער האָט געבענקט נאָך זיין שטאָט ווי ער האָט זי איבערגעלאָזט, און מורא געהאַט טאָמער איז זי איצט אַנדערש. ער האָט אַפילו נישט געוואָלט וויסן ווי זי איז איצט. אַ סימן, ער האָט מיך קיינמאָל וועגן דעם נישט געפרעגט. די איינציקע נייעס, וואָס האָט אים יאָ אינטערעסירט וועגן איצט, איז געווען, צי דער אָדער יענער לעבט נאָך. טאָמער לעבט ער נאָך, האַלט אים זוסמאַן אויף זיין אָרט אין קלויז ביי דעם אָדער יענעם שטענדער. טאָמער אָבער איז ער געשטאָרבן, טראָגט אים זוסמאַן אין קאָפּ אַריבער אויפן בית־עולם און לייגט אים אַוועק אויף אַ געהעריקן פּלאַץ, ווי עס פּאַסט פאַרן פאַרשטאָרבענעמס שטאַנד, יחוס און לומדות.

— געשטאָרבן הערש פוזער, זאָגט איר? — פרעגט מיך איבער מיין לאַנדסמאַן זוסמאַן שפּינדל, און איך הער ממש ווי ער טראַכט נאָך, ווו ער

דאַרף אַוועקלייגן דעם נפטר. מיטאַמאָל גיט עס אַ לויכט־אויף ביי אים אין קאָפּ. ער איז על־פּי שכל דערגאַנגען, ווו עס דאַרף זיין הערש פּוזערס קבר.

— הערשן — גיט ער אַ זאָג מיט אַ מינע פון איינעם, וואָס האָט דער־פילט, אַז ער האָט מנצח געווען און ס׳איז ב״ה אַלץ אין אָרדענונג — הערשן האָט מען געלייגט אויפן אַלטן בית־עולם. ס׳זענען דאָרט נאָך פאַרבליבן עט־לעכע פרייע פּלעצער לעבן אוהל פון ר׳ הלל ליכטנשטיין. מילא, הערשן — האָט ער ווייטער גערעדט — פאַרשטייט איר דאָך, אַז איך האָב אים געקענט. איך האָב אים געקענט ווען ער איז נאָך געווען אַ קליינער גביר, אָבער ווּעמען דערציילט מען דאָ עפּעס וועגן ר׳ הללן?

די מאָנגאָליש־קליינע אויגעלעך פון מיין לאַנדסמאַן האָבן זיך מיטאַמאָל אָנגעצונדן. ער האָט פאַרגעסן, אַז מיר זיצן אין פּראָפעסאָרן־צימער אין אַ ווינקל, און אַז מיר ריידן דייטש און מישן בלויז אַריין אין דער שטיל עטלעכע ייִדישע ווערטער. ער האָט גענומען ריידן אויף אַ קול אַ געדיכט און פאַרביק קאָלאָמייער ייִדיש. דער היכער היסטאָריע־פּראָפעסאָר, וואָס האָט אין דער היים און אין די פרייע שעהן אין קאַנצעלאַריע געאַרבעט איבער אַ מעטאָדע ווי אַזוי די שילער זאָלן קענען באַהאַלטן אין זכרון וויכטיקע היסטאָרישע דאַטעס, האָט זיך אַרויסגעשאַרט פון צימער אין קאָרידאָר אַריין. די באַלייב־טע לערערין פון מאַטעמאַטיק, וואָס איז געזעסן ביים טיש און האָט קאָרע־גירט העפטן, האָט אויסגעדרייט דאָס פּנים צו אונדז, אַ קוק געגעבן אויף די ווילדע מענטשן, וואָס ריידן ייִדיש אין פּראָפעסאָרן־צימער פון אַ מלוכה־גימ־נאַזיע, און זיך צוריק פאַרטיפט אין דער קולטור־שפּראַך פון אַריטמעטישע צייכנס.

זוסמאַן שפּינדל האָט זיך געהיצט צו מיר:

— איר מיינט, אַז איך האָב נישט געפּרוווט ערגעץ מיט אַ יאָר צוריק צו דערציילן די מוידן פון דעם אַכטן קלאַס וועגן ר׳ הללן?! איך האָב פון מיר אַליין נאָר חוזק געמאַכט. וואָרים אַז זיי אינטערעסירט נישט ווער אברהם אבינו איז געווען, ווועלן זיי זיין נייגעריק אויף ר׳ הללן? און אַ מענטש האָט אַמאָל אַ באַדערפעניש צו דערציילן וועגן זיין שטאָט און וועגן די מענטשן, וואָס ער האָט געקענט ווי וועגן אַן אייגענעם געראָטענעם קינד. וועמען־זשע דערציילט מען וועגן קינדער? בעזדיטניקעס, וואָס האָבן אין זייער לעבן נישט פאַרזוכט דעם טעם פון אַ קינדישן שמייכל? וואָס קענען זיי דערפון פאַרשטיין? נו, און ווער קען האָבן אַן אויער פאַר די מעשיות וועגן ר׳ הללן? די „הער קאָלעגעס" פון מאַטעמאַטיק און פון געשיכטע, וואָס זענען ערגער ווי די ערגסטע גויים?

אַז ער האָט דערזען מיין גרייטקייט אים אויסצוהערן, האָט ער זיך באַ־רויִקט און גענומען ריידן שטילער:

— איר מיינט, אַז וואָס פּרץ דערציילט אין „יוחנן מלמדס מעשהלעך" וועגן ר' יחיאלן איז אַן אויסגעטראַכטע זאַך? אַן ענלעכע מעשה דערציילט מען וועגן קאָלאָמייער רב ר' הלל ליכטנשטיין. ביי פּרצן, אויף ווי ווייט איך דערמאָן זיך, האָט ר' יחיאל געפּאַקט ביי זיך אין שטוב אַ גנב, האָט ער אים גאַנץ איידל אָפּירגענומען די געגנבעטע לייכטער פון אונטער דער פּאָלע און אים גענומען איינריידן, אַז ער וויל מן־הסתם לייען געלט אויף אַ משכון. „שעמט אייך נישט, — לאָזט פּרץ זאָגן ר' יחיאלן צום גנב, — ס'איז „גלגל חוזר", ד"ה דאָס רעדל דרייט זיך. היינט בין איך אַן עושר, און מאָרגן איר. אין מיינע אויגן זענען אייערע זילבערנע לייכטער ווערט ק"ן רובל, קען איך אייך דערויף לייען אַכציק קערבלעך: צען רובל אויף יום־טוב, זעכציק אויף נדן פאַר דער טאָכטער און נאָך צען — אַן אָנהייב פאַר חתונה־קליידער; די רעשט וועט גאָט העלפן". איאָ, ס'איז אַ שיינע מעשה? פּרץ האָט געוווסט ווי אַזוי אָוועקצושטעלן ייִדן, אַז ס'זאָל פון זיי בלענדן מיט נשמה, מיט האַרץ און מיט גרויסער מענטשלעכקייט. אָבער ווי גרויס עס זאָל נישט געווען זיין ר' יחיאל, קומט ער נאָך אַלץ נישט צו אונדזער רב ר' הלל. קודם־כל איז ר' יחיאל געווען אַ ייִד אַן עושר, און צדקה ביי אַ גביר האָט נישט דעם זעלבן טעם ווי ביי אַן אָרעמאַן. דעם עושרס גילדן איז ווייניקער ווערט ווי דעם אביונס גראָשן. וואָס האָט שוין געקענט אויסמאַכן ביי ר' יחיאלן, אַז ער האָט אָוועקגעליִען אָדער אָוועקגעשענקט הונדערט פופציק רובל און זיך דער־פאַר געקויפט אַ מצווה, וואָס איז ווערט פאַר אַ מציאה דריי מאָל אַזויפיל? אָבער אונדזער ר' הלל איז געווען אַן אָרעמאַן אין זיבן פּאָלעס. והשנית, איז דער גנב אין פּרצס מעשה געווען אַ ייִד, וואָס איז גאָר לכתחילה נישט געקו־מען גנבענען. ער האָט קיינעם נישט געטראָפן ביי ר' יחיאלן אין שטוב, האָט ער נישט געקענט ביישטיין דעם נסיון און צוגעגנבעט די לייכטער. די פאַר־לוירנקייט פון דעם ייִדן, וואָס איז פלוצים און, אַזוי צו זאָגן, קעגן זיין ווילן געוואָרן אַ גנב, האָט געקענט אַרויסרופן רחמנות נישט נאָר ביי אַזאַ איידעלן און געהויבענעם ייִד ווי ר' יחיאל, נאָר ביי יעדן מער־ווייניקער מענטשלעכן מענטש.

אין דער מעשה, וואָס האָט זיך פאַרלאָפן מיט ר' הללן, איז דער גנב געווען אַ פּראָפעסיאָנעלער פאַרברעכער, וואָס האָט דעם פרומען קאָלאָמייער רב געלאָכט אין פּנים אַריין מיט אַן אומדערהערטער עזות און דערצו אים געבראַכט ממש צו חילול־שבת, און פון דעסטוועגן איז דער רב ביי־געשטאַנען דעם נסיון.

ס'איז געווען אַ ווינטערדיקער פרייטיק־צו־נאַכטס. דער רב איז געזעסן אין פעדערשטוב און האָט געלערנט ביי די האַלב־אויסגעברענטע שבת־ליכט. אויפן

פּענצטער, וואָס פירט צום געסל, האָט די רביצין אַוועקגעשטעלט די חלה, געפילטע פיש און אַנדערע שבת־זאַכן, וואָס זענען מחוץ טשאָלנט. מיטאַמאָל הערט ר׳ הלל ווי מען רייסט דאָס פּענצטער, איין מאָל, צוויי מאָל. ער הייבט אויף דעם קאָפּ פונעם ספר און גיט אַ קוק. אַ גנב נעמט צו די זאַכן פונעם פּענצטער. שמייכלט ר׳ הלל און רופט זיך אָפּ צו אים אויף זיין אונגאַרישן ייִדיש:

— נו, עץ, איר זענט דאָך עובר אויף „לא תגנוב!‟ און ווי מאַכט מען דאָס עגמת־נפש אַ ייִדענע, וואָס האָט זיך געמיט און אַנגעגרייט אויף שבת?

דער גנב שטעלט אַרויס די צונג און ענטפערט אים מיט לצנות און מיט זידלווערטער. זעט דאָך ר׳ הלל, אַז ער האָט דאָ צו טאָן מיט אַ פאַרעקשנטן ייִד, וואָס גאַרט נאָך אַן עבירה ווי, להבדיל, אַ פרומער ייִד נאָך אַ מצווה, וויל ער נישט דערלאָזן, אַז אַ ייִד זאָל זיך נאָכגעבן די שמד און ער שרייט נאָך דעם גנב:

— זאָלסט וויסן זיין, אַז איך שענק דיר אַוועק אין נאָמען פון דער רביצין און אין מיין אייגענעם נאָמען אַלע זאַכן, וואָס זענען אַריינגעפאַלן אין דיין רשות.

דער גנב לאַכט חוצפהדיק און זידלט. „מאַכט נישט דעם אָנשטעל פון הייליקייט, — שרייט ער צוריק צו ר׳ הללן — מען קען אייך, פעטער, אַז איר קענט נישט אַריבער, ווילט איר כאַטש אַרונטער‟.

איז אָבער באַשערט געווען דעם גנב נאָך אין דער נאַכט צו ווערן צוריק אַ מענטש מיט אַ מענטשלעכער נשמה און ר׳ הללס אַ פייערדיקער חסיד. עטלעכע שריט פון ר׳ הללס הויז האָט אַ פּאָליציימאַן געכאַפּט דעם גנב, אים גענומען איבערפרעגן ווער און וואָס, און דער בחור האָט זיך מודה געווען. דער בחור טענהט: געגנבעט. ר׳ הלל זאָגט: אַוועקגעשענקט. דער פּאָליציי־מאַן חידושט זיך. דער גנב פאַרלירט די מראה פאַר שרעק. מען ברענגט די ספּראַווע צום הויפּט פון דער פּאָליציי, און עס חזרט זיך איבער דאָס זעלבע ווי פריִער. דער גנב איז זיך מודה און דער באַגנבעטער טענהט, אַז ביי אים האָט מען גאָרנישט צוגענומען. ער האָט אַלץ מיט גוטן ווילן אַוועקגעשענקט.

דער פּאָליציימאַן האָט זיך גענומען צלמען פאַר ר׳ הללן ווי פאַר אַ הייליקן און דער גנב האָט געוויינט אַ גרויס און טיף געוויין פון חרטה און תשובה. דעם רבס מקורבים האָבן דערנאָך איבערגעגעבן, אַז ר׳ הלל האָט געהאַט צער, וואָס ער האָט פאַרלוירן עטלעכע שעה פון לערנען און וואָס ער האָט אין יענעם פרייטיק־צו־נאַכטס אפשר געמאַכט מער ווי אַ תחום־שבת. אָבער ער איז געווען צופרידן: ס׳האָט זיך אומגעקערט אַ ייִד צו די עשרת הדברות.

מיין לאַנדסמאַן האָט דערציילט די מעשה מיט שטאַרקע ענלעכקייטן צו פּרצס סטיל. אַז ער האָט פאַרענדיקט, האָט ער ממש געשיינט פאַר גליק. ער האָט מיך אַלעמאָל אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט און זי געדריקט מיט הנאה, מיט פרייד, וואָס מיר ביידע זענען דורך אָט דעם שמועס אונדזערן ערגעצווו שותפים צו דעם טיפן מענטשלעכן אידעאַליזם פון אַ ר׳ הלל ליכטנשטיין און ווייסן, אַז אין זיין זכות וועלן אויך די אָפּגעבליאַקעוועטע יידישע לערערס און זאָרגלאָזע יידישע מיידלעך דאָ אַרום אונדז אין דער גימנאַזיע בלייבן באַשטיין ווי אַ פעלק. די אַלע, וואָס האָבן נישט קיין כוח און קיין געדולד אויסצוהערן זוסמאַן שפּינדלס מעשיות וועגן ר׳ הללס וווּנדערלעכן לעבן ווי אַ רעליגיעזער אַסקעט און פאַנאַטיקער, זיי אַלע געניסן פון דעסטוועגן אין נאַציאָנאַלן זינען פון אָט דעם לעבן.

— איר ווייסט, — זאָג איך צו מיין לאַנדסמאַן, — אָט דער ר׳ הלל איז טאַקע געווען אַ שרעקלעכער פאַנאַטיקער. און דער פאַנאַטיזם זיינער האָט זיך אויסגעווירקט אי אין גוזמאות פון קליינינקייטן און אי אין גרויסע קולטור־צילן. ביי די איבערטרייבונגען אין דעטאַל ווירקט די פאַנאַטישקייט ממש ווילד און לעכערלעך, אָבער ווען עס האַנדלט זיך וועגן די גרויסע קולטור־צילן, וועגן דער ריכטונג, אין וועלכער עס דאַרף גיין אונדזער רעליגיעז־נאַציאָנאַל לעבן, קומט די איינגעשפּאַרטקייט פון אַ ר׳ הלל ליכטנשטיין (און אין כמעט אַלע גאַליצישע שטעט זענען געווען אַזעלכע ר׳ הללס) אַרויס אימפּאַזאַנט און אָטעמט מיט גרויסער היסטאָרישער אינטויציע.

לאָמיר ריידן קאָנקרעט. ר׳ הלל ליכטנשטיין האָט געהאַלטן, אַז פרומע יידישע ווייבער טאָרן נישט טראָגן קיין שייטלען, וואָרום אַ שייטל הייסט קלוגעריש אַרומגיין דעם פאַרבאָט פון טראָגן אייגענע האָר. האָט ער אויף אַזאַ פּרט אויסגעלאָדן זיין גאַנצע פאַנאַטישקייט. ער האָט זיך, דערציילט מען, אין איינעם אַ שבת אָנגעשטעלט ביי דער עזרת נשים און ביי פרומע, בכבודע ווייבער געריסן די שייטלען פון קאָפּ. איאָ, ווילד און משונה? אָבער דער זעלבער ר׳ הלל ליכטנשטיין האָט אויך געקענט אויסנוצן זיין עקשנות אויף וויכטיקע פּרינציפּ־פראַגעס און דערביי אַרויסווייזן אי דראַמאַטישן זשעסט און אי אמתע זעלבסט־פאַרלייקענונג.

אָט, למשל, ווי אַזוי עס ווערט דערציילט וועגן די לעצטע עטלעכע טעג פון ר׳ הללס לעבן. אַ צוויי מעת־לעת פאַרן טויט האָט זיך ר׳ הלל געהייסן אַראָפּנעמען פון בעט און אַוועקלייגן אויפן הוילן דיל. דערנאָך האָט ער געשיקט רופן די ראשי קהל. ביי אַלעמען איז געווען קלאָר, און ביים ראש הקהל נישט ווייניקער, אַז דער רב וויל בעטן די שטאָט, זי זאָל אינזינען האָבן זיין צווייט ווייב מיט די יונגע יתומים, וואָס בלייבן ווי אויפן וואַסער. און מ׳האָט

טאַקע אַ קלער געטאָן, אַז ר׳ הלל האָט זיך דאָס ערלעך פאַרדינט. מען דאַרף עס אים צוזאָגן. אָבער אַלע האָבן זיך טועה געווען. דער רב האָט פאַרן טויט נישט געטראַכט פון אַזעלכע קלייניקייטן ווי ווייב און קינדער. ער האָט איינזינען געהאַט דעם גאַנג פון ייִדיש־רעליגיעזן לעבן אין זיין קהילה. וויבאַלד דער ראש הקהל איז אַריינגעקומען, האָט זיך דער שטאַרבנדיקער רב אויפגעזעצט מיט די לעצטע כוחות און אויסגעדריקט זיין בקשה.

— איך וויל, — האָט ער געזאָגט, — אַז איר זאָלט מיר געבן די האַנט, אַז ווי לאַנג איר וועט לעבן וועט איר נישט אויפנעמען אַ דייטשן רב אין שטאָט, און אַז איר וועט האַלטןביים אַוועקגיין פון דער וועלט, זאָלט איר פון אייערע יורשים פאַרלאַנגען, זיי זאָלן אייך דאָס זעלבע צוזאָגן.

דער זשעסט פונעם חולה־מסוכן איז געווען אַ פּאַטעטישער און האָט אויסגעדריקט פאַנאַטישן ווילן און ציל־זיכערקייט. אין יענער דראַמאַטישער שעה איז פאַרזיגלט געוואָרן פאַר אַ צייט פון פופציק יאָר דער גאַנג פון אַ ייִדישער קהילה. אַוודאי האָט קאַלאָמיי, ווי אַלע אַנדערע גאַליצישע שטעט, דורכגעמאַכט אין די פופציק יאָר אַלע געזעלשאַפטלעכע מאַזלען און פּאָקן. עס זענען דאָרט געווען אַ היפש ביסל משכילים, עס האָבן דאָרט געשלאָגן וואָרצלען אַלע שאַטירונגען פון ציוניזם. ס׳איז דאָרט געווען פאַרטראָטן אין אַ היפשער מאָס דער גאַליציאַנער נוסח פונעם „בונד“, דער זשעטעפּעסיזם. עס האָבן זיך געיאָוועט איינצלנע דרייסטע פריידענקערס, אָבער די גאַנצע קהילה איז אין משך פון דעם האַלבן יאָרהונדערט אין תוך געווען באַהערשט פון יענעם מעמאָראַבעלן מאָמענט, ווען דער ראש הקהל האָט דערלאַנגט די האַנט דעם שטאַרבנדיקן רב און אָנגענומען זיין צוואה. קאָלאָמיי איז די אַלע פופציק יאָר געבליבן אַ פעסטונג פון אָרטאָדאָקסישן ייִדנטום. און ווען איך האָב ס׳לעצטע מאָל געווײלט אין שטאָט, האָב איך אין די בתי־מדרשים געטראָפן מער לערנערס און ביי די לערנערס מער חשק צום לערנען ווי מיט יאָרן צוריק. און וואָס שייך ייִדישע קליידונג, מוז איך אייך זאָגן, אַז הגם שטריימלעך זענען כמעט פאַרשוווּנדן, האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז יונגע מענטשן טראָגן איצט אַ סך מער קיילעכדיקע סאַמעטענע קאַפעליושן און טונקעלע זשאַקעטלעך ווי אין די צייטן, ווען איך בין געווען אַ סטודענט. דעמאָלט האָב איך געהאַט ס׳געפיל, אַז אַלע ייִדישע ייִנגלעך אין שטאָט זענען סטודענטן פון דער פוילישער גימנאַזיע, וואָס ליגט אויף דער מיצקעוויטש־גאַס, און אַלע טראָגן מונדירן מיט זילבערנע און גילדענע פּאַסיקלעך אויפן קראַגן.

דעם טאָג האָבן איך און מיין לאַנדסמאַן זיך אַזוי פאַררעדט, אַז מיר האָבן אַזש פאַרגעסן אַריינצוגיין צו דער צייט אין די קלאַסן. איך בין געווען

אויסער זיך. וואָס וועט זאָגן דער דירעקטאָר — אַ קליינער, אַ דיקער און מיט אַ שטרענגן צוויקער (פּענסנע) אויף דער נאָז — און וואָס פאַר אַ פאַר־ענטפערונג וועל איך אים קענען געבן? זוסמאַן שפּינדל האָט מיך גע־טרייסט. ער האָט אויף זיך גענומען איבערצורײדן מיטן דירעקטאָר, וואָס איז זיינער אַ פריינט.

— וואָס וועט איר אים זאָגן? — האָב איך געשטאַמלט נישט ווי אַ לע־רער, נאָר ווי אַ שילער, וואָס מען האָט געכאַפּט רויכערן אַ פּאַפּיראָס, — וואָס וועט איר אים זאָגן?

— איך וועל אים זאָגן דעם גאַנצן אמת. אַז איר קוקט אים אָן, דעם דאַזיקן יידישן דייטש, מיינט איר אַוודאי, אַז ער האָט נאָר אינזינען גריכישע גראַמאַטיק און האָמערס העקסאַמעטרן; וויל איך, איר זאָלט וויסן, אַז אָט דער טאַביאַס ווייסלבערגער איז אפשר דער איינציקער, וואָס וואָלט הנאה געהאַט פון דער מעשה וועגן ר׳ הללן. און כ׳וועל אים טאַקע פאַרבעטן צו מיר אַהיים — ס׳גייט דאָך עפּעס פּסח — מיט אייך אינאיינעם, און איר וועט אים דערציילן וועגן דעם ווי אַזוי ר׳ הלל איז געשטאָרבן.

און מיטאָמאָל האָט ער מיך אַ כאַפּ געטאָן אונטערן אָרעם און מיר אַריינגעלויכטן מיט זיינע טאַטערישע אייגעלעך אין פּנים אַריין.

— איר הערט, שלמה (ער האָט מיך איצט צום ערשטן מאָל גערופן אינטיםביים ערשטן נאָמען), פאַרוואָס עפּעס נאָר וועגן ר׳ הללן? קאָלאָמיי, זאָגט איר דאָך, איז געבליבן די זעלבע שטאָט וואָס געוועזן. אַ שטאָט מיט יידן און מיט תורה. האָב איך דאָך נישט וואָס מורא צו האָבן, טאָמער וועל איך מיר קאַליע מאַכן די בענקשאַפט. ס׳איז דאָך די זעלבע שטאָט, זאָגט איר. מעג איך דאָך מיך אויפזעצן און אַ פאָר טאָן צוריק צו מיינע מקומות. נישט מיט דער באַן, פאַרשטייט זיך, נאָר מיט דער פאַנטאַזיע. איר, שלמה (דער נאָמען מיינער האָט געקלונגען היימיש־צערטלעך אין זיין מויל, און איך האָב זיך דערפילט דערמוטיקט און באַשיצט), וועט דערציילן אייערע קאָלאָמייער יאָרן. איר וועט דערציילן וועגן אַלע פּלעצער, וועגן דער אויסגעפּוצטער קרייז־אַמט־גאַס און וועגן דער קאַמינקער גאַס, ווו מתים שפּאַצירן אום ביינאַכט ווי ביי זיך אין דער היים; וועגן די חדר־יינגלעך און אייערע מלמדים, וועגן די קאַצעביניקעס און וועגן די חשובע לומדים און באַלעבאַטים פון דער מזרח־וואַנט אין ר׳ איציקל־קלויז, וועגן צו־להכעיסדיקע אַפּיקורסים און וועגן פייער־דיקע זשידעטשויוער חסידים. אויף אייער דערציילונג וועל איך מאַכן מיין פאַנטאַסטישע רייזע צוריק צו מיין אַרקאַדיע. מיט דער באַן איז וויט, פאַרט צוויי שעה פאַרעכץ. און אַזוי וועל איך דאָך האָבן אמתע קפיצת־הדרך ווי אַ ריכטיקער לאַמעד־וואָווניק. אַי, וועט דאָס זיין אַ פּסח, אַן אמתער זמן־

חרותנו. איך וועל זיך באַפרייען פון אַ מורא, וואָס איז אויף מיר שווער געלעגן יאָרלאַנג, טאָמער איז מיין קאַלאַמיי איצט אַנדערש.

עס האָבן זיך איצט פון מיין לאַנדסמאַן געשאָטן ווערטער גיך און פאַרשפּיצט ווי קיינמאָל נישט. מען האָט ממש געקענט אָנטאַפּן זיין גליק. און ווי אַ פאָרשפּיל צו דער דערציילערישער חתונה — האָט ער צו מיר טאַטישגוט אַ ווונק געטאָן:

— וועל איך אייך האָבן עפּעס צו זאָגן וועגן אייער ייִדן. איר האָט אייך מן־הסתם שוין געגנוג אָנגעהערט, אָבער כאָטש אַזוי וועט פאַר אייך אַ סך זיין אַן איבעראַשונג.

באַראָן דאַוויד היינריך מילער פון בעטשוטש

דאָס קעזל איז געווען גוט אויסגעבאַקן, פעט און געשמאַק. דער רומע־נישער ווײַן איז געווען אַ ווײַסער, אַ פרײַלעכער און האָט פאַרמאָגט אין טעם עפּעס אַ ממזרישן צוויק אין דער צונג, פון וועלכן מען האָט נישט געקענט קלוג ווערן, צי מען מעג אײַנשטעלן און טרינקען נאָך אַ גלעזל. דער טאָג איז געשטאַנען אין דרויסן אַ וואַרעמער, אַ שטילער, און זיך פאַר מידקייט, נאָך כמעט שוין אַ וואָך יום־טוב, געפאָכעט מיט אַ צאַרט און מילד פרילינג־ווינטל.

מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט זאַלבעדריט אויף ווייכע פאָטערשטולן: מײַן לאַנדסמאַן זוסמאַן שפּינדל, דער דירעקטאָר ווײַסלבערגער און איך. מיר האָבן געקענט זײַן זאַלבעפערט, אָבער אונדזער גאַסטגעבערין מאַדאַם שפּינדל איז געווען פון די מענטשן, וואָס האָבן פײַנט צו פאַרלירן צײַט מיט צוהערן יענעמס רייד. מיר האָבן גענומען צו גלעזלעך ווײַן, פאַרביסן מיט שטיקלעך קעזל, געכאַפּט אַ קוק אויף דעם מחיהדיקן דרויסן און זענען באַלד אַרײַן אין דער שטימונג פון זאָגן גוטס אויף ייִדן. זיצנדיק אַזוי אויף די ווייכע שטולן בײַ די אָפענע פענצטער, האָבן מיר זיך דערפילט ווי פּאַסאַזשירן אין אַ באַן־קופּע צווייטן קלאַס. ווּהין פאָרט איר, פאַניע שפּינדל? און איר, פאַניע ווײַסל־בערגער? לאָמיר עפּעס טאָן מיט דער צײַט!

זוסמאַן שפּינדל האָט געגעבן דעם סיגנאַל:

— מײַנע ליבע פרײַנט, — האָט ער אַ זאָג געטאָן מיט דער זאַכלעכקייט פון אַ באַן־קאָנדוקטאָר, — עס הייבט זיך אָן די יאָזדע אַהיים. — און נישט וואַרטנדיק אויף קיין ווײַטערע באַמערקונגען פון אונדזער זײַט, האָט ער גע־נומען דערציילן. ער האָט זיך געווענדט צו מיר און מיך געפרעגט:

— זענט איר שוין געווען אַמאָל אין ווין?

— יאָ! — האָב איך געענטפערט. — שוין עטלעכע מאָל.

— האָט איר אַמאָל באַזוכט דעם „צענטראַל־פרידהאָף”, איך מיין, די ייִדישע אָפּטיילונג זײַנע?

אַז איך האָב באַשטעטיקט אויף יאָ, האָב איך געפילט, ווי איך האָב אים געהאָלפן אָפּראַמען אומנוציקע שטיינער, וואָס זענען געלעגן אָנגעוואָרפן אויפן וועג צו זײַן דערציילונג.

— באַלד ווי איר קומט אַרײַן דורכן גרויסן טויער, — האָט מײַן לאַנדס־מאַן גענומען באַשרײַבן דעם ווינער בית־עלמין, — האָט איר אין דער לינקער

זייט די קברים פון די שטאָטישע פּני. דאָרט ליגן די יעלינעקס, די פּאָלאַקס, די קאָריס, און עס שטייען די מאַרמאָר־ און גראַניט־מצבות, פון ווו עפּעס אַ רייכן ווינער באַנקיר אָדער זיידן־פאַבריקאַנט. די אייביקייט זייערע האָט זיך באַהאַלטן אין שטיינער. צעברעכטס אַ שטיין, האָסטו צעשטערט איינע פון די נעבעכדיקע אייביקייטן אויף אייביק. אָבער איר פאָלגט מיך! לאָזט איבער די גבירישע קברים אויף דער לינקער זייט און פאַרנעמט זיך אויף רעכטס. אינגאַנצן עטלעכע הונדערט שריט און איר קומט צו צו אַ מאָדנער מצבה. זי זעט אויס ווי אַ הויפן שטיינער, וואָס פאַרבייגייער האָבן אין משך פון יאָרן צונויפגעוואָרפן, איעדער אויף זיין שטייגער, אָבער איעדער מיט דער פרומער כוונה צו שטעלן אַ מאָנומענט דעם גרויסן מענטש, וואָס איז דאָ געקומען צו קבורה. דעם העברעישן אויפשריפט אויף דער מצבה געדענק איך שוין נישט, אָבער דערפאַר האָט אויף מיר דער דייטשער פּסוק געמאַכט אַן אומגעהייערן איינדרוק ביים איבערלייענען און ער איז מיר פאַרבליבן אין זכרון.

מיין לאַנדסמאַן האָט גענומען דעקלאַמירן דעם זאַץ און נישט אַראָפּגעלאָזט קיין אויג פון אונדז. ער האָט געוואָלט זען, וואָס פאַר אַן איינדרוק עס מאַכן אויף אונדז די ווערטער: „די פּראָפעטען אָפענבאַרטען איהם איהרען גייסט“ (די נביאים האָבן צו אים אַנטפּלעקט זייער גייסט). אַז ער האָט באַמערקט, אַז ער האַלט מיט אונדז אויף אַ וועג און מיר זענען גרייט צו הערן און צו הערן, האָט ער ניכטער צוגעגעבן:

— און דאָס איז נישט סתם אַ מליצה, וואָס מען שרייבט אויף אַ ייִדישער מצבה, נאָר דער נאַקעטער אמת אָן אַ שום פאַרפּוץ.

פּראָפעסאָר ד אַ וו י ד ה יי נ ר י ך מ י ל ע ר, דערלויבט מיר אייך צו זאָגן, וואָרום איך האָב געהאַט דאָס גליק צו הערן זיינע לעקציעס און צו שטודירן זיינע ספרים, איז געווען דער גרעסטער אויטאָריטעט אויפן געביט פון תנ״ך־קענטעניש אין גאַנץ אייראָפּע. ער האָט אַרויסגעגעבן עטלעכע אויפלאַגעס און געשריבן דערגאַנצונגען צום גרויסן העברעיִש־אַראַמעיִשן ווערטערבוך פון פּראָפעסאָר געזעניוס, וואָס די געלערנטע באַטראַכטן עס פאַרן סאַמע פונדאַמענטאַלסטן ווערק וועגן דער תנ״ך־שפּראַך.

עס קען זיין, — האָט זיך שפּינדל פּלוצים אַ קרים געטאָן, גלייך ווי עמיצער זאָל אים געווען אַ שטאָך טאָן אויף נישט קיין פּאַסיקן אָרט, — אַז געזעניוס איז טאַקע געווען גאָר אַ וואַזשנער קענער פון העברעיִש, אָבער איך האַלט, — האָט ער אַ שטורעם געטאָן צו אונדז מיט דער זיכערקייט פון אַ פאַרליבטן, — וויפל פּראָפעסאָר מילער האָט פאַרמאָגט העברעיִש אין ייִנגסטן נאָגל, האָט דער פּראָטעסטאַנטישער גלח נישט געהאַט אין זיין גאַנצן

לייב און לעבן. אַי, די וועלט שרייט דאָך: געזעניוס! איז, ווער שרייט? ייִדן שרייען! זיי ווערן נתפעל, אַז אַ גוי קען אַביסל. וויפל אַ ייִד קען, איז נישט גענוג. גויִים האָבן די טייערע פּריווילעגיע ווייניק צו קענען און אַ סך צו גנבענען און צו האָבן דעם שם, אַז זיי קענען אַ סך.

מילא, מיר וועלן שוין די וועלט נישט איבערמאַכן, — האָט מיין לאַנדס־מאַן אויפן שטייגער פון אַ בכבודן ייִדישן באַלעבאָס אַ זיפץ געטאָן — אָבער מילער האָט אויך אָנגעשריבן אַ גרויסן צווייבענדיקן בוך וועגן „די נביאים אין זייער אורשפּרינגלעכער פאָרם״, האָבן אַפילו ייִדן געמוזט מודה זיין, אַז ער פאַרשטעקט געזעניוסן אין קעשענע. און אַפילו דער אַנטיסעמיטישער ווינער אוניווערסיטעט האָט נישט געהאַט קיין ברירה און אונדזער מילערן געמוזט מאַכן קודם־כל פאַר אַ שטיקל פּראָפעסאָר, דערנאָך פאַר אַ האַלבן און סוף־כל־סוף פאַר אַ גאַנצן פּראָפעסאָר.

געוויינלעך האָט זיך דער ווינער אוניווערסיטעט אַזוי נוהג געווען. האָט זיך אַ ייִדישער געלערנטער אַרויסגערוקט מיט קענטענישן, וואָס האָבן צופיל געשטאָכן אין די אויגן און מ׳האָט פאַר בושה וועגן געמוזט עפּעס טאָן, האָט מען אים באַשטימט פאַר פּריוואַט־דאָצענט און אים געגעבן אָנצוהערן, אַז ער זאָל אויפהערן צו קריכן העכער מיט זיין געלערטערייַ, וואָרום מער ווי פּרי־וואַט־דאָצענט קען ער נישט ווערן. טאָמער איז אָבער דער ייִד געווען אַן איינ־געשפּאַרטער און האָט נישט געפאָלגט און האָט, פאַרקערט, אַרויסגעגעבן ביכער און פאַרחידושט מיט וויסנשאַפטלעכע אויפטוען, האָט פאַר אים דער ווינער אוניווערסיטעט געהאַט צוויי ברירות: איינע איז געווען — שמד דיך, מיין ליבער ייִד, וועלן מיר דיך מאַכן פאַר פּראָפעסאָר אין ווין; טאָמער אָבער ביסטו אויך אין דעם פּרט אַן עקשן, וועלן מיר דיך אַוועקשיקן קיין טשער־נאָוויץ. איז טאָקע ווו אַ ייִדישער געלערנטער, וואָס קען מער ווי מען דאַרף און האָט נישט געוואָלט אויסבייטן ס׳רענדל, איז ער געוואָרן פּראָפעסאָר אין טשערנאָוויץ. אַזוי האָט דער קליינער אוניווערסיטעט ביים פּרוט, העט וווייט ביי דער רומענישער גרענעץ, אַריינבאַקומען צו זיך באַרימטקייטן, פון וועלכע ער האָט קיינמאָל נישט געוואָגט צו חלומען. אַזוי זענען געוואָרן פּראָפעסאָרן אין טשערנאָוויץ די באַרימטע רעכט־געלערנטע ערלעך, אַדלער און פעטשעק, און אַזוי איז מגולגל געוואָרן אַהין דער גרויסער שעקספּיר־פאָרשער לעאָן קעלנער, וואָס איז דערצו נאָך געווען אַ ציוניסט און אַ פריינט פון ד״ר הערצל.

טשיקאַווע איז אָט־וואָס. טשערנאָוויץ איז נישט נאָר געווען אַן אַזיל פאַר ייִדישע באַרימטקייטן, וואָס האָבן זיך נישט געוואָלט שמדן, נאָר אויך פאַר גויִישע קאַליקעס, וואָס זענען געווען מיוחסים און האָבן פון דעסטוועגן נישט

געקענט אָנקומען אויפן ווינער אוניווערסיטעט, ווייל זייער עם־הארצות האָט צופיל געבלישטשעט. אַזוי אַרום איז טשערנאָוויץ געוואָרן אַ מין סיביר פאַר ייִדישע צו־שאַרפקייטן און גויִישע צו־טעמפּקייטן.

— לאָמיך שוין הערן, וואָס איר זענט אויסן מיטן פּראָפעסאָר מילער.

— איז דירעקטאָר ווייסלבערגער געוואָרן אומגעדולדיק. — וועגן טשערנאָוויץ קען איך א יי ך דערציילן. ווו איז קאָלאָמיי? ווו איז אייער גאַליציע? דערווייל זענען מיר בלויז געווען אויפן ווינער בית־עולם און אין טשערנאָוויצער אוניווערסיטעט.

— האָט געדולד, מיין ליבער דירעקטאָר, — האָט מיין לאַנדסמאַן זיך געבעטן, — איכ׳ל אייך צופרידנשטעלן. איר׳ט שטוינען, אַז איר וועט גע־וויר ווערן, אַז פּראָפעסאָר דאַוויד היינריך מילער קער זיך אָן מיט קאָלאָמיי, אַ פּראָסטער דוד הערש אברהם בעטשוטשערס. אָבער דערווייל מוז איך אייך נאָך באַקענען מיטן סוף פון מילערס קאַריערע. ער איז געווען פון די גע־ציילטע, אויב איך מאַך נישט קיין טעות, דער איינציקער נישט־געשמדטער ייִד, וואָס די רעגירונג האָט זיך מיט אים נישט געקענט קיין עצה געבן און אים באַשטימט פאַר אַ פולן פּראָפעסאָר אין ווין. דער שם פונעם גרויסן ייִדישן געלערנטן איז אַפילו דערגאַנגען צום קייסער פראַנץ־יאָזעף. קירה האָט מילערן פאַרבעטן צו ווערן דער לערער פון אַראַביש פאַרן קרוינפּרינץ רודאָלף.

דאָ האָט מיין לאַנדסמאַן ווידער איבערגעהאַקט זיינע לויבענישן צו פּראָפעסאָר מילער, וואָס זענען אַרויסגעקומען פון זיין מויל מיט דער זעלבער פרומקייט, מיט וועלכער אַ פאַרברענטער חסיד דערציילט די שבחי בעש״ט אָדער די מופתים פון זיין רבין. ער האָט איבערגעריסן, כדי זיך אַ בייזער צו טאָן:

— פאַרוואָס דער קרוינפּרינץ רודאָלף האָט דווקא געדאַרפט קענען אַראַ־ביש און העברעיִש נישט, הייב איך נישט אָן צו פאַרשטיין. וואָס? אין עסט־רייך זענען געווען מער אַראַבער ווי ייִדן?

— אַזויפיל אַראַביש האָט ער טאַקע געקענט, וויפל אַראַבער עס זענען געווען אין עסטרייך, — האָט דירעקטאָר ווייסלבערגער אַראָפּגעכאַפּט דעם צוויקער פון דער נאָז און אַ לאַך געטאָן מיטן פולן מויל. — רודאָלפן איז געלעגן אין זינען העברעיִש און אַראַביש? אים איז שוין דעמאָלט דער קאָפּ געווען ביי דער שיינער באַראָנעסע וועטשעראַ און דער רעוואָלווער איז שוין געלעגן געלאָדן אין קעשענע.

— וואָס אין מייערלינג איז פאַרגעקומען, דאָס ווייס קיינער נישט, און די ראָמאַנען דערציילן פּשוט אויסגעטראַכטע מעשיות, — האָט שפּינדל גע־זאָגט מיט געפּיל און זיך פאַטריאָטיש אָנגענומען פאַרן גוטן נאָמען פון פראַנץ

יאַזעפס משפּחה. — אָבער לאָמיר נישט אָפּגיין פונעם וועג. פּראָפעסאָר דאַוויד הײַנריך מילער איז געוואָרן אַן אײַנגייער ביים קייסער אין הויף עטלעכע יאָר פאַר זיין טויט. ער איז געשטאָרבן אַ צוויי יאָר פאַר דער מלחמה. האָט אים פראַנץ יאָזעף געגעבן דעם טיטל באַראָן, און דוד הערש אברהם בעטשוטשערס איז געוואָרן באַראָן פּראָפעסאָר דאָקטאָר דאַוויד הײַנריך מילער.

שפּינדל האָט אויפגעצילעט דעם לאַנגן טיטל פון דוד הערש אברהם בעטשוטשערס מיט דעם זעלבן ערנסט און מיט דער זעלבער פּאַרזיכטיקייט, מיט וועלכער אַ האַבסבורגישער צערעמאָניע־מייסטער פלעגט דעקלאַמירן די אומצאָליקע טיטלען פון פראַנץ יאָזעפן.

נאָך אַ געשמאַקער עס־ און טרינק־פּויזע האָט זוסמאַן שפּינדל זיך געראַכּט...

נאָך אַ געשמאַקער עס־ און טרינק־פּויזע האָט זוסמאַן שפּינדל זיך געבומען דערציילן וועגן די יאָרן, ווען דאַוויד הײַנריך מילער איז נאָך געווען דוד הערש אברהם בעטשוטשערס און האָט געלערנט „פּאַרזיך" ביי אַ שטענדער אין אַלטן קאָלאָמייער בית־המדרש. געווען איז דוד הערש אַ בעטשושער, אָבער ווען ער איז אַלט געווען אַרום זעכצן יאָר, האָט אים אַ קאָלאָמייער גביר איינגעהאַנדלט פאַר אַן איידעם און אים אַראָפּגעבראַכט קיין קאָלאָמיי. פרומע ייִדן ביי אונדז אין שטאָט האָבן נישט איבעריק געהאַלטן פון בעטשוטש. מען האָט געוווּסט, אַז אין בעטשוטש קען מען לערנען און אַז ס'זענען דאָרט בנמצא אַ היפּש ביסל שאַרפע קעפּ, אָבער די פרומקייט פון די בעטשוטשער האָט געהאַט אַ שפּאַרונע, ווו־אַרומעט זי האָט לייכט געקענט אויסרינען. מען האָט דאָרט געקענט צופיל דקדוק. אין קאָלאָמיי פלעגט מען זיך וויצלען, אַז אין בעטשוטש קענען אַפילו די ייִנגלעך, וואָס טראָגן אַרום פּאַרקויפן פּרעצל, דקדוק. עס וועט אַזאַ ייִנגעלע קיינמאָל נישט איינפאַלן צו זאָגן „פּרישע פּרעצל", וואָרום ער ווייס, אַז על־פּי דקדוק קומט נאָך אַן „עיִן" נישט קיין דגש און מען מוז דערפאַר זאָגן „פּרישע פּרעצל". מילא, דאָס איז געווען אַ וויץ. אָבער מיין מלמד משה בעטשוטשער, וואָס איז געווען מער שדכן ווי מלמד און איז דערפאַר זעלטן געווען אין חדר, האָט אַמאָל פירגעלייגט מיינעם אַ פעטער אַ שידוך מיט לאה פּערלס. וואָרום, האָט ער געזאָגט: אויב פּערלן האָט זיך פאַרגלוסט צו האָבן אַ טאָכטער לאה, קען זי על־פּי דקדוק נישט מער הייסן פּערל, נאָר פּערל, ווייל לאה ענדיקט זיך מיט אַ „ה". צוליב דער דאָזיקער ליידנשאַפט צו דקדוק, וואָס בעטשוטשער ייִדן האָבן אַרויסגעוויזן, האָט מען אין קאָלאָמיי נישט געהאַלטן פון זייער פרומקייט.

מיט דוד הערשן האָט דער קאָלאָמייער גביר איינגעשטעלט און — טאַקע אויך נישט געטראָפן. דוד הערש איז געווען אַ זעלטענער עילוי. זכריה מענדל דיין האָט ליב געהאַט מיט אים צו כאַפּן אַ שמועס אין תורה, און שלמה חלפן, וואָס איז נאָך דעמאָלט אויך געווען אַ יונגערמאַן, אָבער עלטער מיט אַ צען

יאָר פון דוד הערשן, האָט געזאָגט, אַז דער בעטשוטשער איידעם קען שוין היינט מער ווי דריי רבנים איינאיינעם.

דער שווער איז געווען אַ הייסער קאָסעווער חסיד און האָט געוואָלט מיטנעמען דוד הערשן צום רבין. דער ייִד האָט געהאָפט, אַז דער רבי וועט פאַרטשעפען דעם איידעם זיינעם אין תורה און אים וועט אַרויסקומען כבוד דערפון. אָבער דוד הערש האָט נישט געוואָלט פאָרן. דער פאָטער איז געווען אַ מתנגד און האָט זיך אויסגעדונגען ביי די תנאים, אַז דער זון זיינער וועט נישט מוזן „פאָרן". דער שווער האָט דערפאַר נישט הנאה געהאַט מיטן גאַנצן האַרץ פונעם שידוך. ער האָט נישט געטרויט דוד הערשס פרומקייט און אים געהיט ביים לערנען ווי אַ זשאַנדאַר. עס האָט אַזוי לאַנג געלויערט דער גביר, געקומען צען מאָל אַ טאָג, ווען מען דאַרף און ווען מען דאַרף נישט, אין בית־המדרש אַריין אַ קוק טאָן צום איידעם, ביז ער האָט אים דערטאַפּט מיט אַ טריף־פּסול אונטער דער גמרא. ס'איז געווען די בעטשוטשער ליידנשאַפט: אַ גראַמאַטיק, נישט קיין העברעיִשע, נאָר אַ דייטשע. קרובים האָבן דאָס אויסגענוצט און געוואָלט דערמיט איינשטילן דעם שווער. זיי האָבן געטענהט: גאָט צו דאַנקען וואָס אַ דייטשע און נישט קיין העברעיִשע. דער שווער האָט זיך נישט געלאָזט ריידן. ערשטנס, האָט ער געענטפערט: פונוואַנען וייס איך אַז דער בחור וועט זיך מאָרגן נישט נעמען טאַקע צום העברעיִשן דקדוק? און צווייטנס, איז דייטשע גראַמאַטיק אויך אַן אומדערהערטע אַפּיקורסות.

מען מוז מודה זיין, אַז די מורא פונעם קאָלאָמייער גביר בנוגע דער מעגלעכער ליידנשאַפט פון זיין איידעם אויך צו העברעיִשער גראַמאַטיק איז געווען פולקאָם באַרעכטיקט, וואָרום דוד הערש איז דאָך, ווי איר ווייסט שוין, געוואָרן מיט יאָרן שפּעטער דער באַרימטער גראַמאַטיקער פון דער תנ"ך־שפּראַך. האָט דער שווער טאַקע רעכט געהאַט. וואָס ער האָט נישט געטרויט אַ בעטשוטשער, ווען ס'האַנדלט זיך וועגן גראַמאַטיק.

דער שווער האָט געשריגן: גט. מענטשן האָבן אים געוואָלט איינריידן, אַז דאָס פאָרפאָלק האָט זיך ליב און מען טאָר נישט צעשטערן אַ שלום־בית. מען זאָגט אַפילו, אַז דער פאָטער אַליין האָט איבערגעפרעגט די טאָכטער, און אַז זי האָט זיך נישט געשעמט מודה צו זיין פאַר אים, אַז זי האָט ליב דוד הערשן. ס'האָט נישט געהאָלפן. דער שווער איז באַשטאַנען אויף אַ גט.

און דאָ הייבט זיך אָן אַ געשיכטע פון צוויי מענטשלעכע שיקזאַלן, וואָס זעט אויס גלייך ווי זי וואָלט דערציילט געוואָרן נישט פון עפּעס אַ ייִדן, וואָס גיט איבער אַ מעשה שהיה, נאָר נישט אַנדערש ווי זי וואָלט אַרויסגענומען געוואָרן פון אַ ראָמאַן פון פּרץ סמאָלענסקין. דוד הערש אברהם בעטשוטשערס איז אַ מין גדעון פון פּרץ סמאָלענסקיס ראָמאַן „התועה בדרכי החיים". ער

גייט — אַזוי דערציילט מען אין קאַלאָמיי — צופוס קיין ווין. אויפן וועג ליידט ער הונגער און דאָרשט, ביז ער דערשלאָגט זיך צו די קוואַלן פון שכל און וויסן אין ברעסלאַו און ווין. ער נעמט שמ'ען אויף דער וועלט מיט זיין גרויסער געלערנטקייט, ביז ער ווערט דאָקטאָר, פּראָפעסאָר און דערנאָך, ווי איר ווייסט שוין, אויך באַראָן. מיט איין זאָך איז ער, דאַכט זיך מיר, אַנדערש ווי סמאָלענסקיס אַ העלד; דער העברעישער השכלה־שרייבער וואָלט אַזאַ יידן ווי דוד הערש, וואָס האָט זיך אַזוי ביטער אָנגעמוטשעט, ביז ער איז אַרויס פון דער פינצטערניש און איז געוואָרן דאָס, וואָס ער איז געוואָרן, נישט געלאָזט פאַרבלייבן אַ פרומער ייד. קאָלאָמייער און בעטשוטשער יידן האָבן אָבער וועגן זייער דוד הערשן דערציילט (איז דאָס געווען ווירקלעכקייט, צי בלויז אַ רעזולטאַט פון דער פאָלקס־פאַנטאַזיע?), אַז פון ווין איז אָפּגע־רעדט. דאָרט פאַרפעלט ער נישט אַ שבת אין טעמפּל און דאַוונט אינדער־היים יעדן טאָג אין טלית און תפילין. אָבער נאָך ווייניק: פון צייט צו צייט פאַרבענקט ער זיך צו דער אַלטער קלויז אין בעטשוטש און כאַפּט זיך אַהין אַראָפּ פון ווין אָפּלערנען אַ בלאַט גמרא מיט די אַלטע בעטשוטשער לומדים. צו דער לוויה פון זיין מוטער, באַרימען זיך בעטשוטשער און נישט ווייניקער אויך קאָלאָמייער, איז דוד הערש געקומען אין שטעטל אַריין, האָט געטיילט גרויס צדקה און געזאָגט אויפן בית־עלמין אַ פּראָסט־גאַליצישן רבנן־קדיש, איך מיין, אַזוי ווי מ'רעדט אַרויס ביי אונדז די ווערטער און נישט ווי ביי זיי, אין די ווינער טעמפּלען.

אין דעם פּרט האָט זיך, ווי איר זעט, דוד הערש שווער בפירוש טועה געווען. זיין טעות איז געווען, וואָס ער, דער פרומער קאָלאָמייער ייד, איז זיך, אַזוי צו זאָגן, ליטעראַריש צונויפגעקומען מיט די השכלה־שרייבער. אויך אין זיין פאָרשטעלונג האָט אַ ייד מיט גראַמאַטיק אויסגעקוקט אַזוי ווי עס האָבן אים געזען און געוואָלט ער זאָל אויסזען, די שריפטשטעלער פון דער אויפקלערונג.

וואָס שייך אָבער דעם גורל פון דעם ווייבל, וואָס דוד הערש האָט אויפן שווערס באַפעל אָפּגעגט, שטימט ער פולקאָם מיט די שאַבלאָנען פון דער השכלה־ליטעראַטור. זי איז געווען אַ קרבן פון איר פאָטערס פאַנאַטיזם. זי האָט צום צווייטן מאָל חתונה געהאַט און אין קאָלאָמיי געדענקט מען גוט, ווי זי איז געזעסן אין אַ קרעמל לעבן די קאַנאַלן און האָט פאַרקויפט טויפנס זאַלץ אין הורט און אין לאחדים צו פויערים און דאָרפס־יידן, וואָס זענען געקומען פרייטיק אויפן יאַריד. איטע זיגלוואַקס איז אין טעג, ווען ס'לייזונג איז גע־ווען אַ שוואַכס, געזעסן אַ פאַרזאָרגטע פאַר דער טיר פון איר זאַלצקראָם, וועגן וואָס צו זאָרגן זיך איז געווען: קינדער, פרנסה און סתם. אָדער אפשר

האָט זיך אין איר גראָען קאָפּ אַמאָל אויך אַריינגעכאַפּט אַ מחשבה, אַז איר פֿאָטער האָט זי פֿאַראומגליקט. ווען נישט איר פֿאָטערס עקשנות, וואָלט זי היינט אפשר געווען אַ באַראָנעסע אין ווין און נישט קיין קרעמערקע אין קאָלאָמיי.

— איר הערט, וואָס איך וועל אייך זאָגן, — האָב איך צום ערשטן מאָל איבערגעשלאָגן מיין לאַנדסמאַן זוסמאַן שפּינדל. — טאָמער האָט איטע זיגל־וואַקס אַמאָל אַזוי געטראַכט, האָט זי געטראַכט פֿונעם ווער. וואָלט זי זיך דעמאָלט נישט געווען געג׳גט מיט דוד הערשן, איז אַ גרויסער ספֿק, צי זי וואָלט געוואָרן אַ באַראָנעסע אין ווין, אָבער ס׳איז מער ווי זיכער, אַז דער באַראָן דוד הערש וואָלט געווען געבליבן אַ זאַלץ־ייִד אין קאָלאָמיי. און דאָס וואָלט געווען אַ סך מער אַ שאָד ווי דאָס, וואָס איטע איז נישט געוואָרן קיין באַראָנעסע. אָבער סוף־כּל־סוף איז דאָך דאָס נישט מער ווי אַ נאַרישער פּלפּול וועגן מענטשלעכן שיקזאַל. מיר גייט דאָ וועגן גאָר עפּעס אַנדערש. איך האָב מורא, אַז איר באַוווּנדערט אין דער מעשה נאָר דוד הערשן און לאָזט אַרויס פֿון אייער סימפּאַטיע דעם שווער זיינעם. און איך — איך בין זיך מודה, האָב גרויס אָפּשיי פֿאַר דעם ייִד, דעם עקשן, וואָס איז צוליב זיין פֿרומקייט, צוליב דער אידעע פֿון פֿרומקייט, מקריב אַזויפֿיל קראַפֿט און זעלישע רו און שטעלט זיך נישט אָפּ צו ברענגען פֿאַר אַ קרבן אויף דעם דאָזיקן מזבח אַפֿילו דאָס גליק פֿון זיין אייגן קינד. ס׳איז דאָ אין דעם ייִדן עפּעס פֿון יע־נעם וווּנדערלעכן כּוח און קנאות, וואָס פֿרץ האָט אַריינגעגעבן אין זיין אַלטן ייִד אין „די דריי מתּנות״, ווען ער הייסט אים אָוועקגעבן גאָלד און זילבער, זיין גאַנצן פֿאַרמעגן, אַלץ, און זיך לאָזן דערשטעכן פֿאַר אַ קליין זעקעלע ארץ־ישׂראל־ערד.

זוסמאַן שפּינדל האָט אַ ווײַלע נאָכגעטראַכט און דאַן שטיל און פֿרום אַ זאָג געטאָן:

— איך בין מסכּים, אינגאַנצן מסכּים, אָבער זייט וויסן, אַז די געשיכטע מיט דוד הערשן איז דאָך ערשט אַ הקדמה צו דער מעשה וועגן אייער עלטער־זיידע שלמה חלפֿן, וואָס איז געווען אומגעוויינלעך אינטערעסאַנט, אפֿשר נאָך אינטערעסאַנטער פֿונעם באַראָן דוד הערש מילער.

שלמה חלפן אַקעגן אַ שטאָט מיט ייִדן

מיין לאַנדסמאַן האָט אויפגעדרייט דאָס עלעקטרישע ליכט און זיך האָס־טיק גענומען ווייטער דערציילן:

— איר פאַרשטייט אַליין, אַז די שטאָט האָט זיך געגרויסט מיט דוד הערשן. מען האָט קיינמאָל אַ פרעמדן נישט פאַרפעלט צו ווייזן דעם שטענ־דער, ביי וועלכן באַראָן מילער האָט געלערנט אין אַלטן בית־המדרש. אָבער באַזונדערע מבינים, וואָס ווערן נישט נתפעל פון טיטולן און האָבן ליב דעם סאַמע תמצית פון מוח און האַרץ, האָבן תמיד צוגעגעבן, אַז דוד הערש איז טאַקע אַן אָדם גדול, אָבער צו שלמה חלפן קומט ער נישט. שלמה איז געווען אַ שאַרפערער קאָפּ פון דוד הערשן און בכלל אַ טיפערער מענטש פון אים. ווען שלמה חלפן זאָל געווען שטודירן חכמות חיצוניות, וואָלט ער זיכער גע־ווען דער ערשטער אין דער וועלט.

אַזוי האָבן זיך געיאַכמערט קאַלאָמייער ייִדן, ווען זיי האָבן גערעדט וועגן שלמה חלפן. אָבער אויך איך, וואָס האָב מיך שוין צוגעוווינט צו מעסטן מענטשן מיט היינטיקע מאָסן, קען אייך פאַרזיכערן אָן שום איבערטרייבונג, אַז ר׳ שלמה איז געווען אַ זעלטענער קאָפּ און אַ ווונדערלעכע פערזענלעכ־קייט, — אַ פערזענלעכקייט, וואָס קיין צווייטע צו איר איז מיר אין מיין לעבן, דאַכט זיך, נישט אויסגעקומען צו באַגעגענען.

דער ייִד איז געווען איין גרויסער ברויז פון פאַרשטאַנד און געפיל. ער האָט זיך נישט געקענט צוגעוווינען צו דעם לעבנס־שאַבלאָן פון דער טשע־רעדע מענטשן. ער האָט געטראַכט אַנדערש ווי אַלע אינאייגעם און האָט פיינט געהאַט דאָס טראַכטעכץ און טועכץ בציבור. ער האָט רעבעלירט קעגן דער מערהייט און קעגן דער איינגעשטעלטער אָרדענונג אירער. אַוודאי האָט זיך ר׳ שלמהס רעבעלישקייט אין קאָלאָמיי מיט יאָרן צוריק אין אַ פרומער, אין אַ שטאָק פרומער עדה מיט ייִדן, געקענט בלויז אויסדריקן אין קליינ־קייטן, אויף וועלכע מיר, „היינטצייטיקע“, קוקן אַראָפּ און שמייכלען. אָבער אין יענער צייט און אין יענער סביבה זענען די דאָזיקע קליינקייטן געווען ממש רעוואָלוציאָנערע מעשים, און פון די־אָ קליינקייטן האָט זיך ביי ר׳ שלמהן דערנאָך אויף דער עלטער אַרויסגעוויקלט דער טראַגישער געראַנגל זיינער מיט זיך און מיט זיין אמונה. און דער געראַנגל האָט אים געקאָסט ס׳לעבן.

אין וואָס איז באַשטאַנען זיין רעבעלישקייט? אָט עטלעכע פאַקטן, וואָס אַ טייל פון זיי געדענק איך אַליין און אַ טייל האָט מען מיר דערציילט.

ער איז געווען פון די ערשטע גבירים אין שטאָט און איינער פון די טיפסטע לומדים. גבירים און לומדים זיצן אַלע אין קלויז ביי דער מזרח־וואַנט. ר׳ שלמהס שטענדער שטייט העט־ווייט אין דרום און גרענעצט זיך מיט דער באַנק, אויף וועלכער עס זיצן די אָרעמע אורחים (יעדן טאָג נעמט ער עטלעכע פון זיי מיט זיך צום טיש; שבת נישט ווייניקער פון אַ מנין). איז דאָס ביי אים געווען אפשר גאווה פון אַ גרויסן, וואָס וויל זיך טאַקע צו־ליב גאווה מאַכן קליין? חס־וחלילה. ער האָט זיך דערמיט געוואָלט בלויז אָפּגרענעצן פון זיינס גלייכן, זיין אַנדערש פון זיי. וואָרום זיי פירן זיך אַזוי נישט דערפאַר, וואָס זיי זענען דערצו געקומען על־פּי אייגענעם שכל און גע־פּיל, נאָר דאָס פירעכץ זייערס האָט פאַר זיי אויסגעטראַכט עפּעס עמיצער אַמאָל, און זיי, ווי גולמות, האָבן מורא אָפּצוטרעטן דערפון אויף אַ האָר.

און פאַרוואָס גיבן אָט די אַלע ייִדן פון דער רייכער און פון דער אָרע־מער טשערעדע אַ נאָמען בלויז נאָך אַ טויטן? אָדער זיי ווייסן טאַקע נישט פאַרוואָס, און אַז זיי ווייסן יאָ, באַשטייט דאָס וויסעכץ אין דעם, וואָס איינ־מאָל האָט איינער אַזוי געטאָן און פון דעמאָלט אָן טוען אים אַלע נאָך. און אָט איז אַ ברית ביי שלמה חלפן. אַז דער ייִד, וואָס מאַכט די ברכות, קומט אָנגעאָרגלט צום ויקרא שמו בישראל, גיט ער, ווי דער שטייגער איז, אַ פרעגנדיקן ווונק צום בעל־שמחה, ווי איינער רעדט: דערלאַנג אַהער דעם נאָ־מען נאָך אַ זיידן אָדער אַ פעטער. און שלמה חלפן דערלאַנגט טאַקע. ער גיט זיך פּאַטעטיש אַ שטרעק אויס אין זיין גאַנצער צוויי־מעטערדיקער הייך, גיט אַ פלאַם מיט זיין פייער־רויטער באָרד און אַ דונער: ה׳ אלי ועזרי — אליעזר (גאָט איז מיין גאָט און מיין הילף — אליעזר). דאָס קינד הייסט נישט נאָך אַ טויטן. עס הייסט נאָך שלמה חלפנס אייגענעם לעבעדיקן גאָט, וואָס איז זיין הילף. דאָס האָט צו יענער צייט אַרויסגערופן נישט ווייניק רעש אין שטאָט, ביז רייכע איידעמס אויף קעסט האָבן אָן אַ ברעקל אייגענער איבער־לעבונג אָנגעהויבן נאָכצוטאָן דעם רעבעל. האָט שלמה חלפן נישט געהאַט קיין ברירה און איז אַנטלאָפן צוריק צום איינגעשטעלטן שטייגער און האָט דעם יונגסטן זון דווקא אַ נאָמען געגעבן נאָכן פאָטער זיינעם.

און אַז די באַלעבאַטים אין ר׳ איציקל־קלויז, ווו ר׳ שלמה האָט גע־דאַוונט, האָבן ביי אים אין אַ ראש השנה געפּועלט, ער זאָל זיין דער בעל־שחרית, האָבן זיי אויך דערלעבט נישט קיין קליינע איבערראַשונג. אַז עס איז געקומען צום „המלך יושב על כסא רם ונשא״, אַ תפילה, וואָס שיילט זיך ביי ייִדן זינט דורות אַרויס ווי אַ יאַדרע פון צענער האַ־האַ־האַ־האַ־שאָלעכצן,

האָט ר׳ שלמה איבערגעלאָזט די מתפללים אין מיטן זייער צעכוואַליעטן האַ־האָ און איז דורכגעלאָפן איבער דער תפילה מיט אַ וואָכעדיקייט, אַז ייִדן האָבן זיך אַזש פאַר שרעק אַנידערגעזעצט. אָבער דערפאַר, אַז עס איז געקומען פאַר דער שמונה־עשרה צו דער תפילה „אהבה רבה״, אין וועלכער ייִדן בעטן ביי גאָט, ער זאָל זיך דערבאַרעמען איבער זיי און זאָל זיי אַריינגעבן פאַרשטאַנד צו פאַרשטיין און צו היטן זיין תורה מיט ליבשאַפט, איז די גאַנצע קלויז פאַרפלייצט געוואָרן מיט אַ טיפער ליידנשאַפט און בענקשאַפט צו גאָט, וואָס האָט אַראָפגעשווענקט אַלע אָפיציעלע ניגונים און דעם גאַנצן איינגעשטעלטן סדר פון דאַווענען. שלמה חלפנס געניאַל־אויפריכטיקע איבערלעבונג פון דעם דאַזיקן געבעט האָט אַלעמען מיטגעריסן און אַ קלויז מיט ייִדן האָט זיך געוויגט מיט תחנונים און געיאָמער, ווי אַ פעלד מיט רייפע זאַנגען אונטערן געיאָג פון אַ פלוצים־אויסגעבראָכענעם שטורעם. „אהבה רבה״ (דאָס געבעט פון גרויסער ליבשאַפט) האָט נישט נאָר געדויערט דריי שעה אויפן קליינעם זייגער פונעם טאָג, נאָר עס דויערט נאָך עד־היום אין קאָלאָמיי שוין כמעט צוויי דורות אויפן גרויסן זייגער פון דער צייט. איין־איינציק מאָל האָט שלמה חלפן געדאַוונט פאַרן עמוד, און מיט דעם איינעם מאָל האָט ער גע־שאַפן מנהג, דעקרעטירט געזעץ, אָדער ווי מיר זאָגן דאָס איצט: ער האָט געמאַכט שולע. עד־היום באַשטייט אַ מין סעקטע אהבה־רבהניקעס כמעט אין יעדער גרעסערער קלויז אין שטאָט. די יורשים פון שלמה חלפנס גרויסער איבערלעבעניש זענען געגליכן צו די „טויטע חסידים״ פונעם לעבעדיקן בראַצ־לאַווער רבי. זיי מיִען זיך נעבעך אומזיסט אַנצוצינדן אין זיך אַ פלאַם, וואָס האָט געהייסן ר׳ נחמן און איז געווען בלויז איינמאַליק.

ר׳ שלמה איז געווען פרנס הקהל, געגאַנגען אַפילו פון צייט צו צייט צו זיצונגען, אָבער מיט פאָליטיק האָט ער זיך נישט פאַרנומען. ער האָט דאָס איבערגעלאָזט צו די פראָפעסיאָנעלע רעגירערס פון זיין צייט, קודם צו שלמה הערש קייסער און דערנאָך צו יאָסל פונקענשטיין, וועמען שלום־עליכם האָט אַזוי טייער באַשריבן אין זיין „ס׳אַ ליגן״. אָבער איינמאָל, איין־איינציק מאָל, איז ער אַריינגעפאַלן אין פאָליטישן קאָך־קעסל פון דער שטאָט. ס׳איז טאָקע געווען דעמאָלט נישט אַנדערש ווי אַ קאָך־קעסל און דער פאָליטישער אָקריפ האָט אַזוי געזאָטן, אַז עס האָט זיך אין אים אָפגעבריט גרויס און קליין, מאַן און פרוי, רייך און אָרעם. וואָרום ווער איז דעמאָלט אין דעם וואַל־קאַמף צווישן ד״ר בלאָך און ד״ר ביק געשטאַנען אָן אַ זייט? די פראָפאַגאַנדיסטן פונעם ווינער רב ד״ר יוסף שמואל בלאָך האָבן אַרויסגעלאָזט אַ שמועה, אַז וויבאַלד עס וועט חלילה געוויילט ווערן דער לעמבערגער אַדוואָקאַט ד״ר עמיל ביק, וועלן ייִדן נישט טאָרן מל זיין די קינדער. מער האָט מען נישט

געדאַרפט. מאַנצבילן האָבן געזאָגט תהילים פאַר ד״ר בלאָך און ווייבער האָבן געמאָסטן ס׳בית־עולם, געלייגט קנייטלעך און געריסן דעם אָרון־קודש. אַ היסטעריע נישט צום איינשטילן האָט אַרומגעכאַפּט די גאַנצע שטאָט.

ביי זיך אין האַרצן, האָט מען דערציילט, איז שלמה חלפן אויך געווען פאַרן ווינער רב, ווייל וואָס פאַר אַ זכות פון ייִדישקייט האָט דאָס געקענט האָבן אין זיינע אויגן דער פאַרפּוילישטער אַדוואָקאַט פון לעמבערג? אָבער די קאָלעקטיווע געדאַנקלאָזיקייט, די טעמפּקייט פון היסטעריע האָט אים אָפּ־געשטויסן און ער איז אַרויסגעקומען עפנטלעך פאַר ד״ר ביק. איז, בשעת ער איז געשטאַנען אויפן באַלעמער און גערעדט, האָט מען געקענט מיינען, אַז עס איז אים געלונגען אָפּצושטעלן די כוואַליעס פון דעם נאַרישן פאָלקס־פחד. אָבער אַז די דרשה האָט זיך געענדיקט און ר׳ שלמה איז אַהיימגעגאַנ־גען, האָט זיך דער עולם ייִדן און ווייבער, דערעיקערשט ווייבער, פאַרזאַמלט ביי זיין הויז און געמאַכט אַ פיינטלעכע דעמאָנסטראַציע. עס האָט געהאַלטן דערביי, אַז פרומע ווייבער זאָלן כאַפּן שטיינער, אויסזעצן שויבן און זיך אַריינרייסן מיט קללות און געשלעג צו שלמה חלפן אין די שטיבער.

דאָ האָט זיך מיין לאַנדסמאַן אָפּגעשטעלט און מיט אַ ברייטן שמייכל אָפּגעווישט די פּאַטעטישע אַנגעצויגנקייט פון זיין פּנים.

— וואָס מיינט איר, — האָט ער צו אונדז געזאָגט מיט אַ געמאַכטן שטאָלץ, — נאָר פראַנצויזן קענען מאַכן רעוואָלוציע און ייִדן נישט? נאָר פראַנצויזישע ווייבער קענען לויפן מיט די הוילע צען פינגער שטורעמען די באַסטיליע און ייִדישע צנועות זענען מלופין־קינדער? זייט־זשע וויסן, אַז קאָ־לאָמיי האָט אין יענעם זומער־טאָג (עס איז געווען אין יאָר 1883) איבער־געלעבט אין קליינעם סטיל אַ מין 14טן יולי פון 1789, ווען אין פּאַריז האָט זיך אָנגעהויבן די באַרימטע פראַנצויזישע רעוואָלוציע פון פרייהייט, גלייכ־הייט און ברידערלעכקייט. דער חילוק צווישן הונדערט יאָר פריער אין פּאַריז און הונדערט יאָר שפּעטער אין קאָלאָמיי איז, פאַרשטייט זיך, אידעיש געווען אַ גרונטאָוונער. דאָרט האָבן ווייבער געריסן קעפּ ביי גענעראַלן און געבראָכן טירן פון תפיסה, כדי עס זאָל ווערן אַנדערש, ווי עס איז געווען. דאָ האָבן ייִדענעס איינגעלייגט וועלטן און... קנייטלעך, כדי עס זאָל אַלץ בלייבן ביים אַלטן. דער פּחד, טאָמער וועט אָנגערירט ווערן איינער פון די עיקרים פון ייִדישקייט, האָט פון איין זייט געשאַפן דעם גרויסן נס פון אַחדות און פון דער אַנדערער זייט אויפגעוועקט ביים פאָלק אין האַרצן דעם שד פון אומ־צוטרוי צו אַלעמען און צו יעדן. פון איין זייט זענען אין יענעם טאָג, אָדער אין יענע טעג, אָפּגעווישט געוואָרן אַלע סאָציאַלע גרענעצן. למדנים האָבן זיך געחברט מיט עם־הארצים און שיינע באַלעבאַטים מיט שוסטער־געזעלן;

חדר־יינגלעך האָבן דעמאָנסטרירט אינאיינעם מיט עלטערע ייִדענעס און ייִדן מיט גרויע בערד זענען אין געדרענג אויסגעקומען אַקסל צו אַקסל מיט יונגע ווייבלעך אין קאָקעטע שייטלען. פון דער אַנדערער זייט זענען פרומע ייִדן און ווייבער געווען גרייט חושד צו זיין אַפילו שלמה חלפן און אַפילו דעם רב, אַז זיי ווילן באַגלייך מיטן לעמבערגער אַדוואָקאַט צעשטערן דעם בונד, וואָס גאָט האָט אויפגעשטעלט אויף אייביק מיט אברהמען און מיט זיין זאָמען נאָך אים.

יענער טאָג פון אומדערהערטע ייִדישע דעמאָנסטראַציעס איז בלי שום ספק געווען אַ גרויסער, איינער פון די גרעסטע אין דער געשיכטע פון קאָלאָמיי, אָבער שלמה חלפן האָט זיך נישט געלאָזט שלאָגן פון טאָגס גרויסקייט. ער איז ביי זיך נישט געפאַלן און האָט זיך דרייסט גענומען שווימען אַקעגן די כוואַליעס פון פאָלקס צאָרן. ער איז צוגעגאַנגען צום פענצטער, האָט עס ברייט פונאַנדערגעעפנט און זיך גענומען ריידן...

— אויב איר זענט גרייט צו מסירת־נפש פאַר די עיקרים פון ייִדישקייט, — האָט ער געטענהט, און עס האָבן אים געהערט בלויז די נאָענטסטע, און די ווייטע, וואָס האָבן נישט געהערט, האָבן אַרויסגעלאָזט די שטיינער פון האַנט, — טאָ וואָס האָט איר מורא פאַר אַ לעמבערגער אַדוואָקאַט? לאָז זי קומען, די גזירה, און מיר וועלן אַלע מקדש השם זיין! אָבער ווען אַנשטאָט צו וואַרטן אויף דער גרויסער שעה פון קידוש־השם, שיקט איר אייערע ווייבער אויף די קברים, זיי זאָלן דורך די טויטע אויסבעטלען, אַז די דאָזיקע שעה זאָל נישט קומען, איז עס אַ סימן, אַז נישט די גרויסע ליבשאַפט צום בונד פון אברהם אבינו פירט אייך, נאָר דער קליינער פחד פאַרן נסיון.

שפינדל האָט איצט גערעדט שטילער. מען האָט געזען, אַז ער פילט אַ באַדערפעניש אויסצורוען די שטים־בענדער.

— איך בין דעמאָלט געווען אַ שנעק פון אַ יאָר צען, אָדער עפּעס מער, אָבער איך געדענק, ווי מיין גאָטזעליקער פאָטער האָט איבערגעחזרט אין דער היים פאַר דער מאַמען און פאַר די קינדער שלמה חלפנס רייד. אויף די מאַנצבילן — האָט ער דערציילט — האָט עס געמאַכט אַ רושם. אַ סך פון זיי זענען פאַרטראַכטע און פאַרשעמטע אַהיימגעגאַנגען. די ווייבער האָבן נאָך לאַנג געליאַרעמט און זיך ערשט פאַרנאַכט גענומען פונאַנדערגיין. עס קען זיין, אַז איינע פון זיי האָט זיך דערמאָנט, אַז מען דאַרף קאָכן וועטשערע און די דערמאָנונג האָט זיך שנעל פאַרשפרייט און באַרויִקט דעם עולם. אָבער פון דעסטוועגן, וויפל ייִדן אין קאָלאָמיי עס זענען אין יענעם אויפדערנאַכט געבליבן אָן אַ ביסל וואַרעמס, דאָס ווייסט איין גאָט!

אויסגעפירט האָבן די ווייבער. געוויילט געוואָרן פאַר דעפּוטאַט צום

פּאַרלאַמענט איז דער ווינער רב און נישט דער לעמבערגער אַדוואָקאַט. אַז עס איז באַקאַנט געוואָרן דער וואַל־רעזולטאַט, איז ווי פון אונטער דער ערד אויסגעוואַקסן אַ פּאַקל־צוג, וואָס האָט זיך געצויגן פון די ייִדישע געסלעך צו דער קרייזאַמט־גאַס און פון דאָרט איבערן רינג־פּלאַץ צום מאַגיסטראַט. קאָלאָמייער ייִדן האָבן געפייערט מיט גרויס פּאַראַד און באַגייסטערונג דעם פּאַקט צווישן גאָט און אברהם אבינו פון צוריק מיט אַזויפיל טויזנטער יאָרן.

דירעקטאָר ווייסלבערגער האָט געגעבן אַ פאַרגנבעטן קוק אויפן זייגער. מיין לאַנדסמאַן האָט עס באַמערקט און זיך גענומען צוויילן. וואָס מער ער האָט דערציילט, אַלץ מער פאַקטן האָבן ביי אים גענומען אַרויסשווימען אין זכרון און זיך ביי אים ממש געבעטן, ער זאָל אין זיי נישט פאַרגעסן.

שלמה חלפן איז, ווי געזאָגט, נישט געווען אַ ייִד, וואָס זאָל האַלטן מיט דער מערהייט. אַז נייַנציק פּראָצענט פון קאָלאָמייער ייִדן זענען געווען חסי־דים, האָט, פאַרשטייט זיך, ר׳ שלמה געמוזט זיין אַ מתנגד. ביי אַנדערע הייסט אפשר זיין אַ מתנגד נישט פאָרן צו אַ רבין, ביי שלמה חלפן האָט דאָס געמיינט פירן אַ ליידנשאַפטלעכן אידעיִשן קאַמף קעגן רביים און חסידים. זיין גאַנצן וווּנדערלעכן כוח פון שפּאָט און הומאָר האָט ער פאַרווענדט אויף דעם קאַמף. יעדעס וואָרט זיינס איז אַ שפּיז, וואָס בויערט זיך אַריין אַלע־מאָל אין אַן אַנדערן גוטן ייִד. רבישע אייניקלעך שטעכט ער אויף אין הורט. פון אונטער שלמה חלפנס רייד אַפיר קומט עפּעס דאָס רבישע און חסידישע פּירעכץ אַרויס אַזוי משונה ווילד און עם־האַרציש, אַז מען האָט זיך אַלעמאָל, ווען מען האָט אים געהערט ריידן, געמוזט חידושן, וואָס דורות ייִדן האָבן געשוויגן און נישט פאַרשטיינט ווו אַ רבי אויף דער וועלט. זיין שפּאָט האָט צעפּיצלט דעם רוזשינער און אַפילו נישט אָפּגעשטעלט זיך פאַרן בעל־שם. ר׳ שלמהס אַנטי־חסידישע גלייכווערטלעך האָבן קאָנספּיראַטיוו אַרומגעוואַנ־דערט איבער דער שטאָט. אַפילו מתנגדים האָבן זיי מורא געהאַט איבערצו־חזרן, ווייל, ווער ווייסט, ס׳איז דאָך פאָרט אַ רבי...

די גלייכווערטלעך — האָב איך איבערגענומען די דערציילונג ביי שפּינדלען — גייען נאָך היינט, כמעט דרייסיק יאָר נאָך שלמה חלפנס טויט, אַרום לעבעדיקע איבער די ייִדישע הייזער און כאַפּן זיך אַפילו אַמאָל אַריין אין אַ חסידישער שטוב, ווו מען האַלט, אַז אַ גלייכווערטל מעג אַ שטאָך טאָן, אַבי עס איז גוט. אָבער מיט איינעם אַזאַ גלייכווערטל האָט זיך דער גרויסער שפּאָט פון שלמה חלפן צונויפגעשטויסן מיטן גרויסן פּאַטאָס פון אַ חסיד מיט אַזאַ כוח, אַז דאָס גרויסע דראַמאַטישע פייער, וואָס האָט זיך דער־פון באַקומען, האָט באַלויכטן מיט פולער העלקייט דעם חסיד און געלאָזט שלמה חלפן עטוואָס אין שאָטן.

צו דער פּורימדיקער סעודה ביים עלטערזיידן פלעגן קומען, אַחוץ משפּחה, נאָך עטלעכע צענדליק געסט. צווישן די פאַרבעטענע איז יאָר־איין יאָר־אויס געווען איינער אַ משה חיים. ער איז אַמאָל געווען אַ ייִד אַ גביר. אַז ער איז ערגעץ אין די מיטעלע יאָרן געוואָרן אַן אלמן, האָט משה חיים איבער־געגעבן די נכסים צו זיינע קינדער און אַליין איז ער געפאָרן זיין אַ יושב ביים קאָסאָווער רבין. אַזוי ווי ער איז אין דער יוגנט געווען אַ נאָענטער חבר מיט שלמה חלפן, האָט ער מיט אים אויך שפּעטער אָנגעהאַלטן נאָענטע חבר־שאַפט, כאָטש ער איז געווען פּונקט אַזאַ פייערדיקער חסיד ווי יענער אַ מתנגד. פון יאָר צו יאָר איז ר׳ משה חיים געקומען צו דער סעודה צו זיין יוגנט חבר. ער איז דערמיט אויסן געווען אָנצוטאָן כבוד דעם זיידן. וואָרום פאַר אַזאַ געהויבענעם חסיד איז עס נישט געווען אַ קלייניקייט אָוועקצופאָרן פון רבינס טיש אויף פּורים. דער שמועס ביים טיש פלעגט זיך געוויינלעך צופּאַסן צום פרעמדן גאַסט. משה חיים איז געווען אַ ייִד אַ למדן און אַ מקובל, האָבן זיך דערפאַר די געשפּרעכן געדרייט אַרום אַ האַרבער גמרא, אַרום אַ מוסר־ספר, אַרום אַ שטיקל זוהר, אָדער מ׳האָט זיך גאָר מתווכח גע־ווען אַרום דעם רמב״ם. ר׳ שלמה האָט זיך אָנגענומען פאַרן רמב״מס שכל־דיקן גאַנג אין תורה און ר׳ משה חיים האָט אַנטקעגן געשטעלט טונקעלע שטי־קער קבלה דעם רמב״מס צו־שכלדיקייט. וועגן חסידות האָט מען אויסגעמיטן צו ריידן. טאָמער איז אַמאָל געפאַלן פון ר׳ שלמהס מויל אַ הלצהלע, איז עס געווען אומשולדיק און האָט געשטאָכן דורך צען פעלצן. ר׳ משה חיים פלעגט אין אַזאַ פאַל אַ שטילן שמייכל טאָן מיט צער.

נאָר איינמאָל אין אַ פּורים האָט זיך געטראָפן, אַז שלמה חלפן איז געווען באַזונדער באַרעדעוודיק, און פון זיין מויל האָבן זיך געשאָטן פּונקען שפּאָט. די באַמערקונגען זיינע זענען געווען טרעפלעך, שטעכיק און אין פּינטל אַריין. די שטימונג ביים טיש איז געשטאַנען אויף דער שאַרף פון אַ מעסער. אָט־אָ און זי פאַרלירט דאָס גלייכגעוויכט. און שפּעט ביינאַכט, ווען פייוויש בעל־תפילה האָט שוין אָפּגעטאַנצט זייגע טענץ אין די זאָקן אויפן טיש, און איין גלעזל וויין נאָכן אַנדערן האָט אַלץ פריילעכער געמאַכט דאָס געמיט, האָט דער עלטערזיידע אַביסל פאַרלוירן די צונג און גענומען ריידן אויף גוטע ייִדן. ער האָט אָפּגעשאָסן אַ פייל אין רוזשינער. ר׳ משה חיים האָט זיך געמאַכט נישט ווויסנדיק, ער האָט אַליין נישט געהאַלטן קיין סך פון די סאַדאַגערער קינדער. דער זיידע האָט פאַרטשעפּעט די זשידעטשויווער. ר׳ משה חיים האָט זיך געמאַכט נישט הערנדיק, אָבער אַ טיפער צער האָט זיך גענומען שפּרייטן אויף זיין פּנים.

און אַז ר׳ שלמה האָט פלוצים אַ זאָג געטאָן מיט שפּאָטישער שנאה:

„כפירים רשו ורעבו", און האָט פאַרטייטשט דעם פסוק: אַז די לעמפּערטעס ווערן אָרעם, ווערן זיי רביס. האָט זיך ר' משה חיים געגעבן אַ הייב אויף אַ בלייכער ווי די וואַנט, מיט אויגן פאַרלאָפּענע מיט טרערן, און אַ געשריי געטאָן: „ווי צו די אויערן, וואָס הערן אַזוינס", און בשעת מעשה געכאַפּט אַ מעסער פון טיש, זיך געשניטן קריעה און זיך צעוויינט אויף אַ קול.

דעם אַנדערן טאָג האָט דער זיידע געבעטן דעם בית־דין, ער זאָל פּועלן ביי ר' משה חיימען, אַז ער זאָל אים מזמין זיין צום רב, כדי מען זאָל אים קענען קנסענען פאַר פאַרשעמען אַ חברביים טיש און פאַר עובר זיין אויף הכנסת אורחים. ר' משה חיים האָט זיך נישט געלאָזן ריידן. ער איז אַוועק צוריק קיין קאָסעוו, האָט דעם זיידן נישט מוחל געווען און אים קיינמאָל אין לעבן מער נישט געזען.

מיין לאַנדסמאַן האָט זיך דערמאָנט אין הכנסת אורחים. ער האָט אונדז געבעטן זיך אונטערצולענען מיט וויין און ניס, וואָרים ער גייט אונדז דער־ציילן די געשיכטע פון ר' שלמהס גראַנגל מיט זיך און מיט זיין אמונה, אַ גראַנגל, וואָס איז געווען די סיבה פון זיין פאַר־דער־צייטיקן און אומנאַ־טירלעכן טויט.

שלמה חלפן ראַנגלט זיך מיט זיינע ספקות און שטאַרבט מיט אַן אומנאַטירלעכן טויט

ר׳ שלמה חלפן האָט געשטאַמט פון אַ משפחה חוקרים, אומרויִקע מענטשן, וואָס זענען קיינמאָל נישט געווען צופרידן מיט זיך. עפּעס האָט אין די דאָזיקע מענטשן געבויערט אַ שטענדיקער „טאָמער״ — טאָמער איז נישט גוט אַזוי ווי עס איז, און טאָמער דאַרף זיין אַנדערש; טאָמער איז מען נישט גענוג פרום און טאָמער דאַרף מען גאָר נישט זיין פרום, וואָרים... די חלפנס האָבן נישט מורא געהאַט צו קלעטערן מיט זייער מחשבה ביז צום סאַמע לעצטן ספק. זיי האָבן נישט ווייניק געליטן דערפון.

שלמה חלפנס פאָטער איז געווען אַ מאַרטירער פאַר דער קונסט. ער איז געווען אַ ליידנשאַפטלעכער מאָלער פון פייגל. ווו אַ וואַנט אין שטוב, איז געהאָנגען אַן אייל־בילד פון אַ וואָראָנע אויף אַ צווייגל, פון אַ טויב מיט אַ צווייגל אין שנאָבל, פון אַ ביסיק, וואָס שלינגט זשאַבעס. די בילדער מאַכן אַן אַ שלעכט לעבן מיטן פרומען ווייב און שלאָגן די פרנסה. משה נחום סאָטי־נאָווער איז אַ פּוסקים־מלמד פאַר יונגעלייט אויף קעסט, און יידן האַלטן זיך אָפּ צו שיקן זייערע איידעמס צו אַ מלמד, וואָס האָט אַ שטאַרקן פגם אין זיין פרומקייט: בילדער פון וואָראָנעס.

משה נחומס אַ ברודער, שמעון, איז געכאַפּט געווען אויף אַן אַנדער אידייע. ער איז געווען דיין אין אַטיניע. פאַלט אים איין, אַז דאָס, וואָס עס שטייט אין פרק, אַז אַ ייִד דאַרף פיינט האָבן ס׳רבנות און ליב האָבן די מלאכה, איז געשטעלט געוואָרן נישט בלויז צום זאָגן, נאָר טאַקע צום מקיים זיין. נעמט שמעון, לאָזט איבער ס׳דיינות, לערנט זיך אויס סטאָלעריי און עפנט זיך (ער איז שוין דעמאָלט געווען אין די מיטעלע יאָרן) אַ וואַרשטאַט אין כליביטש. און געשען איז דאָס אַן חכמות און מיט עקשנות. שמעון דיין האָט אויפגעהערט צו פּסקענען שאלות און האָט פאַרזאָרגט יידן ביז אין דער טיפער עלטער זיינער מיט טישן, בענק און פוסבענקלעך.

און שלמה חלפנס יינגסטער פעטער, אברהם, איז אויך נישט אַוועק פון דער וועלט אָן אַ רעוואָלוציאָנערער אידייע. שוין היפּש אויף דער עלטער איז אים איינגעפאַלן, אַז כהונה אָן דעם בית־המקדש איז נישט מער ווי פּוסטע גאווה, פון וועלכער אַ פרומער ייד דאַרף זיך אויסהיטן.

דער דירעקטאָר ווייסלבערגער האָט, ווי אַלעמאָל, ווען עס געפעלט אים

עפּעס באַזונדער, אַראָפּגעכאַפּט די פענסנע פון דער נאָז און זיך ברייט און הנאהדיק צעשמייכלט.

— איר לאַכט? — האָט מיין לאַנדסמאַן זוסמאַן שפּינדל פּאַטעטיש זיך אַ וואָרף געטאָן צו מיר און צום דירעקטאָר ווייסלבערגער — אַ קאָמישע אילוזיע פון אַן אַלטן פּאַרצייטישן ייִדן, טראַכט איר אייך? אָבער דאָס, וואָס איז פאַר אייך לעכערלעכע נישט־געשטויגנקייט, איז פאַר דעם אַלטן אברהם געווען בלוטיקע ווירקלעכקייט. און נישט נאָר פאַר אים, נאָר אויך פאַר אַלע קלויז־ייִדן. דער כהן איז על־פּי טיטל דער ערשטער צו דער תורה און על־פּי זעלבן טיטל קומט אים דער אויבנאָן ביים שלוש־סעודות. דער כהן געניסט בכן פון אַ פּריווילעגיע, וואָס ער פאַרדינט זי נישט פּערזענלעך. ער ניצט אויס עפּעס אַן איבערבלייבעכץ פון אַן אַלטן בטל־געוואָרענעם אינהאַלט, כדי זיך צו שטעלן מיט אַ טרעפּ העכער פון אַנדערע ייִדן. דער אַלטער אברהם וואָיני־לאָווער רעבעלירט קעגן זיין אייגענער פּריווילעגיע. אין אים ברענט דאָס זעלביקע הייליקע פייער פון ליידנשאַפט נאָך גלייכהייט און ברידערלעכקייט צווישן מענטשן, וואָס האָט באַלויכטן אַזעלכע פּערזענלעכקייטן, ווי דעם פראַנצויזישן גראַף מיראַבאָ און דעם רוסישן פירשט קראָפּאָטקין. פּונקט ווי זיי, האָט ער זיך אָפּגעזאָגט פון זיין פּריווילעגיע, כדי זיך צו באַהעפטן, צו ווערן איינס מיט די נישט־פּריווילעגירטע.

זוסמאַן שפּינדל האָט זיך אויסגעדעכעט פון זיין באַגייסטערונג און גענומען ריידן שטילער און רויקער.

— משה נחומס זון כאַסקל, וואָס האָט געוווינט אין סטאַניסלאַוו, און שלמה, וואָס האָט זיך באַזעצט אין קאָלאָמיי, זענען אָקעגן זייערע רעוואָלוציאָנערע פעטערס שוין געווען ממש הײנטצײטיקע מענטשן. קודם־כל זענען זיי ביידע געווען גבירים. כאַסקל האָט געהאַט עטלעכע גאַרבערייען אין אַ סטאַניסלאַווער פאָרשטאָט און שלמה איז געווען דער ערשטער באַנקיר אין שטאָט. און אַחוץ דעם האָבן זיי פאַרמאָגט מער שכלדיקן קאָנטראָל איבער זייער זעלישן אומרו. ס'האָט געברויזט אין זיי, אָבער זיי האָבן זיך פון צייט צו צייט געקענט אָפּגעבן חשבון וווהין דער ברויז פירט זיי. זיי האָבן — און איך מיין דאָ דערעיקרשט שלמה חלפן — געקענט פאָרמולירן זייערע נשמה־נאָגענישן.

כאַסקל האָט געוווינט אין סטאַניסלאַוו, איז שוין געווען אַ ייִד אין די ווייטע פופציקער, ווען ער האָט פּלוצים אויפגעהערט צו גלייבן. און ער האָט געהאַט דעם כוח צו מאַכן דערפון דעם נייטיקן פּראַקטישן אויספיר. ער איז אין אַ זומער־טאָג געקומען צו פאָרן צום ייִנגערן ברודער קיין קאָלאָמיי. ער איז ביי אים געזעסן אַ צווײ מעת־לעת און מיט אים געהאַט לאַנגע שמועסן

אויג־אויף־אויג. וואָס זיי האָבן דעמאָלט געערדט, האָט קיינער פון די ברידער קיינמאָל קיינעם, אַפילו די נאָענטסטע, נישט דערציילט. אָבער זינט יענער באַגעגעניש אין קאָלאָמיי האָבן זיך די ברידער קיינמאָל מער אין לעבן נישט געזען. כאַסקל איז צוריקגעפאָרן קיין סטאַניסלאַוו, און ס׳האָט נישט געדויערט לאַנג, האָט ער בהדרגה, אין משך פון אַ יאָר, אָפּגעלייגט דאָס שטריימל מיט דער זשופּיצע, דערנאָך אונטערגעשניטן באָרד און פאות, דערנאָך אויפגעהערט צו קומען דאַוונען און צום סוף געוואָגט צו פאַרויכערן אַ פּאַפּיראָס אום שבת אינמיטן יידישן סטאַניסלאַוו. ס׳איז כאַסקלען נישט אַזוי לייכט אָפּגעגאַנגען. מ׳האָט אים טאַקע אָפיציעל אין חרם נישט אַריינגעלייגט, אָבער יידן האָבן זיך צו אים באַצויגן ווי צו אַן אַרויסגעשטויסענעם. מען האָט אים אַפילו אַ לאַנגע צייט געפּרוווט געשעפטלעך צו באָיקאָטירן. פעלהענדלערס האָבן אַוועקגעגעבן די סחורה ביליקער צו קאָנקורענטן, אַבי נישט צו כאַסקלען, און לעדער־סוחרים פון דער שטאָט און פון די אַרומיקע שטעטלעך האָבן געקויפט מייערער ביי אַנדערע גאַרבערס, אַבי זיך נישט צו באַגעגענען מיט אַ ייִד — אַ משומד.

שלמה חלפן האָט, פאַרשטייט זיך, געהאַט גרויס צער פון זיין ברודערס פלוצימדיקן איבערבייט, אָבער ער האָט אים, ווייזט אויס, אין אַ געוויסער מאָס אויך פאַרשטאַנען. מיין טאַטע איז אַמאָל געווען דערביי, ווי שלמה חלפן האָט פונאַנדערגעלייגט ביי זיך אין באַנק־שטוב אַ מאָדנע און טיפע טעאָריע וועגן אמונה און צווייפל. דאָס הייפּל מענטשן, וואָס האָט זיך צו אים דעמאָלט צוגעהערט, איז אויפגעטרייסלט געוואָרן פון זיינע רייד. מיין טאַטע, וואָס איז אַליין אויך געווען אַ ייִד, וואָס האָט ליב געהאַט זיך צו גריבלען, פלעגט מיר אָפט זאָגן, אַז שלמה חלפנס רייד זענען געווען טיפער ווי וואָסער ס׳איז חקירה־ספר. מיר דאַכט, אַז איך געדענק נאָך היינט וואָרט־ביי־וואָרט, ווי אַזוי מיין פאָטער האָט איבערגעגעבן יענעם שמועס.

זוסמאַן שפּינדל איז געוואָרן ערנסט און אָנגעשטרענגט, ווי איינער, וואָס דאַרף עפּעס איבערזאָגן אויף אויסנווייניק און האָט מורא, אַז ער זאָל נישט פאַרגעסן אַ וואָרט.

— שלמה חלפן — האָט מיין לאַנדסמאַן איצט געצילעט זיינע רייד — האָט אָנגעהויבן דעם שמועס האַלב אין שפּאַס און האַלב אין ערנסט אַן ערך אַזוי: אַ משפּחה מיט אַ משומד צווישן פרומע יידן איז אַ סימן, אַז דער גלויבן איז נישט פאַרגליווערט געוואָרן. פאַרפרוירענע אמונה איז נישט קיין מענטש־לעכע מידה, נאָר, להבדיל, אַ בהמהשע. דער אָקס האָט אַ זיכער שבזיכערסטן גלויבן, אַז ער גייט צום זשאָלעב מיט היי אַפילו דעמאָלט, ווען מען טרייבט אים צו דער שחיטה. די מענטשלעכע אמונה דאַרף האָבן דעם צווייפל, כדי

דורך אים אויפסניי באַשאַפן צו ווערן. נאָר דורך בייקומען דעם ספק קאָן אַ מענטש דערפילן די גאַנצע פרייד פון גלויבן. דער משומד — דאָס איז דער פונק צווייפל, וואָס אַ משפחה מוז אויסלעשן, כדי צו קאָנען גלויבן הייסער און טיפער ווי פריִער. דער מענטש איז ווי, להבדיל, גאָט ברוך הוא: גאָט בויט וועלטן און צעשטערט זיי, כדי ס׳זאָל אויף קיין איין רגע נישט אָפּגעשטעלט ווערן דער גאַנג פון יצירה. דער מענטש דאַרף יעדן טאָג צעשטערן און אויפסניי באַשאַפן זיין גלויבן, ווייל נאָר אַזוי בלייבט ער אַ באַשעפעניש בצלם אלוהים און נישט, חלילה, אַ בהמה — אָן שכל און אָן אַ געפיל.

שלמה חלפן האָט מיט אָט דעם שמועס געוואָלט אָנדייטן זייַנע צוהערערס, אַז זיין ברודער כאַסקלס אָפּפאַל פון ייִדישקייט האָט ביי אים אַליין פאַרשטאַרקט זיין גלויבן און פאַרטיפט זיין פרומקייט. ס׳קען זיין, אַז ס׳איז טאַקע אַזוי געווען. אָבער אויב יאָ, האָט די דאָזיקע פאַרטיפטע פרומקייט לאַנג נישט געדויערט. אינגיכן איז שלמה אַליין באַפאַלן געוואָרן פון שאַרפע צווייפל־נאָגענישן. און די ספקות זענען געווען אַזוי שטאַרק, אַז ער האָט זיי נישט געקענט גובר זיין, נישט אין איין טאָג, און נישט אין צען, און נישט אפילו אין אַלע איבעריקע טעג פון זיין לעבן.

צו צעברעכן דעם צוים, ווי זיין ברודער כאַסקל האָט עס געטאָן, — דערצו האָט שלמה חלפן נישט געהאַט נישט דעם ווילן און נישט דעם כוח. ער האָט זיך קודם אַ נעם געטאָן צו די ספקות זיינע אויף אַ לייכטן אופן און האָט געהאָפט אויף אַ באַלדיקן, גיכן נצחון. אַז דער קאַמף איז געוואָרן וואָס אַמאָל אַלץ שווערער און די צווייפלען אַלץ שאַרפער, האָט זיך שלמה חלפן אָנגעהויבן צוריקצוציִען אויף זיינע אינעווייניקסטע זעלישע פּאָזיציעס. ער, דער באַרעדעוודיקער און שטענדיקער שפּאַסמאַכער, וואָס האָט געשפּרודלט מיט וויץ און מיט חכמה, איז געוואָרן אַ שווייגער. דאָס, וואָס די ספקות מוטשען נאָר אים און נישט אַנדערע, איז אים פאַרגעקומען זייער מאָדנע. ער האָט אָנגעהויבן חושד זיין אויך די אַנדערע פרומע ייִדן, אַז זיי צווייפלען. נאָר וואָדען? זיי זענען צבועקעס, זיי זאָגן נישט אויס. האָט ער זיי דערפאַר פיינט באַקומען.

— טאַטע, — פלעגט אים אַמאָל אַ זאָג טאָן זיין פרומער, דעבעוויטשנער זון מרדכי מענטש, — יאָסל פונקענשטיין האָט פאַר איבערמאָרגן צונויפגערופן אַ זיצונג פון קהל.

— איך גיי נישט צו די ליגנערס — האָט שלמה חלפן איבערגעריסן זיין שווייגעניש און אַ געשריי געטאָן מיט כעס, — זיי זענען אַלע שקרנים, וואָס מאַכן דעם אָנשטעל פון פרומע ייִדן.

און אַמאָל פלעגט ער זיך נעמען פּיעשטשען פאַר זיין זון מרדכי, וואָס

איז אפשר געווען דער סאַמע איינציקער, צו וועמען ער האָט געהאַט פולן צוטרוי, און אים דערציילן, אַז ער איז מקנא אַ פישל שאַרף און אַ זכריה מענדל דיין, וואָס האָבן זיכער אויך ספקות, נאָר זיי זענען זיי בכוח גובר צו זיין און זיך פירן מיט לייטן. און אין זיין פיעשטשען זיך, האָט דערנאָך מרדכי מענטש איבערגעגעבן, האָט געזאָגט די ליידנשאַפטלעכע שנאה און קנאה צו זיינע נאָענטסטע פריינט, פאַרוואָס זיי האָבן יאָ דעם כוח בייצוקר־מען די צווייפלען, און ער — נישט.

שלמה חלפנס דאַוונען, וואָס פלעגט אין אַ וואָכנטאָג צוציען צענדליקער מענטשן צום ר׳ איציקל־שולעכל מיט זיין אויסערגעוויינטלעכן כוח פון עקס־טאַז און באַגייסטערונג, האָט גענומען פאַרוויאַנעט ווערן. אין משך פון דער וואָך האָט ער שוין נישט געדאַוונט אין קלויז, און שבת און יום־טוב האָט ער זיך אַוועקגעזעצט ביי זיין שטענדער אין דרום און איז דאָרט געזעסן ווי אַ צוגענאַגלטער. דאָ און דאָרט פלעגט זיך נאָך הערן זיינס אַ געשריי, אָבער דער געשריי האָט פאַרלוירן די מעלאָדישקייט און וואַרעמקייט פון אַמאָל. ער איז געווען קאַלט און ליאַרעמדיק און האָט אַנגעוואָרפן אַ שרעק.

און איינעם אַזאַ שרעק אין קלויז געדענק איך ווי היינט. ס׳איז געווען נישט מער ווי אַ צוויי־דריי יאָר פאַר שלמה חלפנס טויט. איך בין שוין דער־מאָלט געווען אַ היפּשער בחור. יידן זענען געשטאַנען ביים שבתדיקן דאַוונען, איבערגעדעקטע מיט טליתים, און געזאָגט קריאת־שמע. פון אונטער די טלי־תים האָבן זיך געהערט שטילע קרעכצן און פאַרשמאַכטע קושן, וואָס האָבן באַגלייט די איינדרינגלעכע ווערטער פון דער קריאת־שמע. מיטאַמאָל האָט אַ דונערדיק קול זיך דורכגעריסן דורך דער אַטמאָספערע פון שעפּטשען:

— שמע ישראל ד׳ אלוהינו ד׳ אחד! — האָט זיך שלמה חלפן צעשריגן און באַלד דערויף, אויף יידיש, האַסטיק און מיט כעס, גלייך ער זאָל האַלטן עמעצן אין איבערשפּאַרן: — ס׳איז טאַקע יאָ דאָ! — און אַוועקגעשליידערט מיט רציחה דעם שטענדער ביז צום שולחן.

יידן האָבן זיך דערשראָקן, אויף גיך פאַרקאַשערט די טליתים, געוואָלט זען וואָס דאָ איז געשען. אָבער דעמאָלט איז שוין שלמה חלפן געשטאַנען אויסגעדרייט מיטן פּנים צו דער וואַנט און געדאַוונט מיט התלהבות און שוואונג, ווי אַמאָל אין די גוטע יאָרן. יידן האָבן אַפילו נישט געהאַט קיין צייט זיך איבערצווווינקען איינער צום אַנדערן מיט פראַגעס. זיי זענען אַלע מיטגעריסן געוואָרן פון דער פרייד און פון דער מעלאָדישקייט, וואָס האָבן געשטראָמט פון שלמהס דאַוונען. שלמה חלפן האָט יענעם שבת, ווייזט אויס, געהאַט אַ גליקלעכן טאָג. ער האָט גובר געווען זיינע ספקות. ער האָט גע־דאַוונט מיט טריומף ווי אַ זיגער.

מאָמענטן פון נצחון זענען געוואָרן אַלץ זעלטענער און זעלטענער. איין גרויסער זיג איבער די צווייפלען האָט נאָך אויפגעלויכטן אין לעצטן יאָר פון זיין לעבן און אָנגעהאַלטן טעג און, דאַכט זיך, אַפילו וואָכן. גורם געווען דערצו האָט די געטלעכע מוזיק. מער ווי אַלץ אין זיין לעבן האָט שלמה חלפן ליב געהאַט נגינה. צוליב אַ פיינעם ניגון איז ער נאָך אין די יונגע יאָרן גרייט געווען צו זאָגן אַפילו אויף אַ חסידישן בעל־תפילה, וואָס האָט דערצו געקענט נישט מער ווי חומש מיט רש״י, אַז ער איז אַ גרויסער ייִד און אַ גרויסער מענטש.

אַז הערשל דער רוסישער איז געקומען צו פאָרן קיין קאַלאָמיי און האָט געהאַט שטאַרק אויסגענומען אין די חסידישע קלויזן מיט זיין דאַווענען, האָט אים מרדכי מענטש פאַרבעטן צו זיך אַהיים, ער זאָל עפּעס פּירזינגען פאַר זיין פאָטער שלמה חלפן. מען האָט זיך געמוזט קודם אַמפּערן און שפּאַרן מיט ר׳ שלמהן, ביז ער האָט איינגעוויליקט צוצולאָזן צו זיך הערשלען, ווארעם אַלע מענטשן זענען דאָך שוין צו יענער צייט געווען ליגנערס, וואָס האָבן ספקות און מאַכן דעם אָנשטעל, אַז זיי האָבן נישט. שלמה איז שוין דעמאָלט געווען אַן אויסגעשפּראָכענער מענטשן־פאַראַכטער. פונדעסטוועגן האָט ער באַך לאַנגע דינגענישן צוליב געטאָן זיין זון.

הערשל דער רוסישער האָט אויף דעם טרויעריקן צווייפלער, ווייזט אויס, געמאַכט אַ גוטן איינדרוק. הערשלס שוואַך באַוואָקסענע באַקן זענען געווען דורכגעאַקערט פון צוויי טיפע קנייטשן, וואָס האָבן אויסגעזען ווי אָנגעפילט מיט צער. און אָט דער צער פון הערשלס פּנים האָט אפשר איינגענומען שלמה חלפן. אים האָט זיך געקענט אויסדאַכטן, אַז ענדלעך שטייט פאַר אים אַ מענטש, וואָס באַהאַלט נישט זיינע ספקות.

הערשל האָט קודם געזונגען עטלעכע פּיוטים לויט זיין אייגענעם אויס־קלייב. שלמה חלפן האָט זיך צוביסלעך צעוואַרעמט. זיין הויכער, מעכטיקער שטערן האָט זיך, ווי עפּעס פון זיך, אויסגעגלעט. מרדכי מענטש האָט זיך אַריינגעשאַרט אין צימער און האָט מיט זיין געניטן אויג ממש געזען, ווי די טונקעלע מחשבות אַנטלויפן פון אונטער זיין פאָטערס שטערן. שלמה האָט גענומען אַרומשפּאַצירן איבער דער שטוב און אַליין אונטערברומען ניגונים. מיטאַמאָל איז ער געבליבן שטיין פאַר הערשלען, זיך האַסטיק גענומען צע־קנעפּלען די זשופּיצע, דעם זיידענעם שפּענצער, דאָס העמד, און אַנטבלויזט אַ ברייטע, מיט גרוילעכע האָר באַוואָקסענע ברוסט. ער האָט זיך אַראָפּגעבויגן צו הערשעלען, וואָס איז געזעסן אין אַ פאָטערשטול, און צו אים אַ שעפּטשע געטאָן מיט תחנונים און עקסטאַז:

— זינג מיר אַריין אַט דאָ־אָ אַ ברענענדיקן זשידעטשויוועך נעילה־קדיש!

און אַז הערשל האָט קודם זיך געגומען וויגן איבער די מעכטיקע ניגון־כוואַליעס און דערנאָך קלעטערן מיט די טענער ווי אויף אַ פייער־לייטער אַלץ אַרויף און אַרויף, האָט שלמה חלפן געברומט און געפּלאָקערט פאַר פרייד. ער האָט שריט ביי שריט נאָכגעקלעטערט הערשלען העכער און העכער און דערזען... און זיינע ספקות זענען צערונען געוואָרן.

אָבער, ווי געזאָגט, דער צושטאַנד פון פרייד, גלויבן און התלהבות האָט אָנגעהאַלטן בלויז טעג און וואָכן. דערנאָך איז שלמה חלפן מיד געוואָרן פון דעם שטענדיקן באָרען זיך מיט זיינע צווייפלען. ער האָט דערפילט, אַז זיי זענען ענדגילטיק גובר און ער האָט נישט געוואָלט דערלאָזן, אַז דער דאָ־זיקער נצחון זאָל אַ תל מאַכן פון זיין יידיש־פרומען שטאָט, פון זיינע כמעט זיבעציק יאָר לעבן מיט יידישקייט. ער האָט נישט געקענט נאָכטאָן דער ברוטאַלער פּראַקטישקייט פון זיין ברודער כאַסקל. איז ער אין איינעם אַ וואַרעמען שבת נאָך פסח געגאַנגען שפּאַצירן מיט זיין זון אין דער דייטשער פאָרשטאָט מאַריאַהילף. דערזען אַ ברונעם אויף דער לאָנקע, איז ער כלומרשט דאָרשטיק געוואָרן און געשיקט מרדכין לייען אַ קוואָרט ביי אַ דייטש. און ביז דער זון איז געווען צוריק, איז שלמה חלפן שוין געווען אין ברונעם און האָט שוין געהאַלטן ביים איבערקומען אַלע ליידן פון ספקות.

די שוואָבן פון מאַריאַהילף האָבן געוואָלט אָוועקשטעלן אַ שטיינערנעם צלם ביים ברונעם. פויערן האַלטן עס פאַר אַ סגולה קעגן נייע אומגליקן אויף דעם זעלבן אָרט.

האָט טאַקע אָפּגעקאָסט אַ מטמון מיט געלט אויף צו איבערצייגן ס׳דייטשע קהל, אַז דער צלם איז איבעריק. און ס׳איז געווען אַ גליק, וואָס דער גלח האָט געגומען אין דער יד אַריין, און וואָס שמחה בראָדער האָט דערצו נאָך צוגעטראָכט פאַר אים אַזאַ בריליאַנטענע טענה, ווי אַז דער קרייץ וועט סיי ווי נישט העלפן, וואָרים דער ברונעם שטייט אויף אַ שטיקל פעלד, וואָס באַלאַנגט על־פּי כתב צו אַ ייד.

ס׳איז געווען ממש אַ גליק, וואָרים אַז נישט וואָלט חלילה שלמה חלפן געהאַט צוויי מצבות: איינע אַ יידישע — אויפן בית־החיים, וווּ ס׳ליגט דער גוף, און אַ צווייטע אַ גויאישע — ביים ברונעם, וווּ ער האָט געלאָזט די נשמה.

די שטאָט האָט נישט געקאָנט דערלאָזן, אַז שלמה חלפן זאָל זיין אַ מאבד עצמו לדעת און מען זאָל אים מקבר זיין לעבן פּלויט. זונטיק אין דער

פרי׳ האָט זיך דערפאַר אָוועקגעזעצט דער בית־דין צדק משפטן דעם מת שלמה בן מלכה פעסיע און אַרויסגעטראָגן אַ באַפרייונג־אורטייל.

וואָס זוסמאַן שפינדל האָט מיר יענעם טאָג דערציילט וועגן דעם אומ־היימלעכן משפט איבער מיין טויטן עלטער־זיידן שלמה חלפן, דאָס האָב איך שפּעטער מיט עטלעכע יאָר געזען טעאַטראַליש פאַרקערפּערט אויף דער ייִדי־שער בינע. די דין־תורה־סצענע אין אַנסקיס „דיבוק״ צווישן סענדער ברייני־צער און זיין טויטן חבר האָט אויף מיר אַלעמאָל אָנגעוואָרפן עפּעס אַ באַזונדערן פחד. זי האָט געוועקט משפחה־דערמאָנונגען און געברענט מיט עפּעס אַ מאָדנער אַנונג, אַז אונטער דעם ליילעך אויף דער בינע שטייט נישט דער מת טהור פון אַנסקיס פאַנטאַזיע, נאָר די טראַגישע פיגור פון מיין טויטן זיידן.

חסידים האָבן זיך דערלעבט אַ נקמה אין עלטער־זיידן. ווי דען אַנדערש קען אומקומען אַ ייִד, וואָס האָט נישט איינמאָל געלעסטערט רביים, חסידים און חסידות?

אָבער פונדעסטוועגן, האָב איך אין מיין קינדהייט געהערט דערציילן, האָט זיך אַ סך מענטשן אין שטאָט און צווישן זיי אויך פאַרברענטע חסידים געחלומט, אַז זיי האָבן געזען ווי מען טראָגט שלמה חלפנס מיטה קיין ארץ־ישראל. מיט די חלומות האָט מען זיך אין מיין משפחה שטאַרק געטרייסט. און איך מוז זאָגן, אַז פאַר מיר איז עס עד־היום אַ שטיקל נחמה, וואָס די פאָלקס־פאַנטאַזיע האָט אַזאַ געשטאַלט ווי שלמה חלפן אָוועקגעטראָגן קיין ארץ־ישראל, וואָס איז דער סימבאָל פון אונדזער גייסטיק־נאַציאָנאַלן פאַנ־טעאָן.

מיין ערשטער חדר אין דער קאַמינקער קלויז
אויפן קאַמינקער בית־עולם

אין יענעם אַחרון־של־פּסחדיקן בייגאַכט האָבן זיך געזעגנט מיינע בענק־שאַפט־שמועסן מיט זוסמאַן שפּינדל. איך אַליין בין כמעט נישט געקומען צום פּסוק. מיין לאַנדסמאַנס הקדמות צו דעם, וואָס איך האָב געדאַרפט דערציילן, זענען געווען אַזוי שפּעדיק און לאַנג, אַז זיי האָבן פאַרנומען אַ דעם גאַנצן באַכמיטיק און אַ שטיק אין דער נאַכט אַריין. קורץ דערנאָך איז בטל געוואָרן מיין לערערייַ און מיינע באַגעגענישן מיט זוסמאַן שפּינדל זענען געוואָרן זייער זעלטענע. אַ יאָר שפּעטער האָב איך זיך אַריבערגעצויגן קיין בוקאַרעשט און זינט דעמאָלט האָב איך מיין לאַנדסמאַן אינגאַנצן פאַרלוירן פון די אויגן.

אָבער נישט אָפּגעלאָזט האָבן מיך זינט יענעם אָוונט די ייִדן פון מיין שטאָט. זוסמאַן שפּינדלס בענקשאַפט און פאַרליבטקייט האָבן זיי ווי אַרויס־געכישופט פון מיין זכרון. געשטאַלטן האָבן מיך אַרומגערינגלט ווי די בינען און געזשומעט אין די אויערן: דערצייל וועגן אונדז! איך האָב נאָך יענעם זומער געמאַכט נאָטיצן, פאַרשריבן נעמען און פאַרצייכנט פּאַסירונגען, און איצט — צוואַנציק יאָר שפּעטער — גיי איך מקיים זיין די בקשה פון מיינע לאַנדסלייט: דערציילן וועגן זיי.

פון וועמען־זשע הייבט מען אָן? — איך וועל אָנהייבן מיט מיין ערשטן גמרא־מלמד, ר׳ ה ע ר ש ר אָ ט. ר׳ הערשן האָט דער גורל ווי דעם איינציקן פון יענעם דור אַלטע ייִדן אַריינגעפירט אין מיין קעגנוואַרט גוטע דרייסיק יאָר שפּעטער אין צייט און היפּשע עטלעכע טויזנט מייל ווייטער אין רוים.

פון כמה וכמה ראָמאַנען ווייס איך, אַז בריווטרעגערס מאַכן געוויינט־לעך יעדן אַ ביסל ראָמאַנטיש געשטימטן מענטש אין איין שיינעם טאָג אַ סורפּריז און ברענגען אים צו טראָגן אַן אומפאַרהאָפטן בריוו, וואָס האָט דעם ריח פון פאַרבלאַסטער בענקשאַפט און פון פאַרוויאַנעטער ליבע. כ׳האָב מיך נישט געריכט, אַז מיט מיר זאָל זיך טרעפן פּונקט ווי אין אַ ראָמאַן. אָבער איך בין, ווייזט אויס, זעליש געווען צוגעגרייט צו אַ ראָמאַנטישן סורפּריז. אַ פאַרטריבענער פון מיין גאַליצישער און פון מיין רומענישער היים און אַן אַריינגעטריבענער דערווייל אין מיין אַמעריקאַנער היים און אַן איבערגעלאָ־

דענער, פֿאַרשטייט זיך, מיט בענקשאַפֿט. האָב איך אין אַ שיינעם פֿרימאָרגן באַקומען אַ גאַנץ אומדערוואַרטן בריוו. געשריבן איז דער בריוו געווען אין דעם ליבן פֿאַרצייטישן נוסח פֿון האַלב־ייִדיש און האַלב־לשון־קודש, אַדרע־סירט „לתלמידי החביב והנכבד" (צו מיין ליבן און געערטן תלמיד) און גע־חתמעט: „מורך ורבך (דיין לערער און רבי) הערש ראַט". איך האָב האַסטיק גענומען לייענען: „איך בין שוין דאָ דריי מאָנאַטן. ליידער בין איך פֿאַר פֿינף וואָכן ערקראַנקט אויף אַ שווערער לונגענענצינדונג. בין איצט אין שפּיטאָל. עס גייט מיר ב"ה בעסער. געראַדע האָב איך אויף אַ טיש געטראָפֿן ליגן דעם „טאָג" און גלייך איז מיין בליק געפֿאַלן אויף דעם נאָמען ד"ר שלמה ביקל. ווי איין ליכט־שטראַל האָט מיך דורכגעדרונגען און באַלד האָט דער נאָמען מיך דערמאָנט: איך האָב פֿאַר פֿילע, פֿילע יאָרן געהאַט איין תלמיד מיט דיזן נאָמען, בן האברך המשכיל איציע, נכד האדם הגדול ר' שלמה ע"ה".

ריכטיק. דער אויסגערעכנטער יחוס האָט געשטימט. איך בין געגאַנגען באַזוכן מיין רבין. ביי דער טיר פֿונעם גרויסן קראַנקן־צימער האָב איך גע־כאַפּט אַ קוק אויף אים, ווי ער איז געזעסן אויפֿן בעטל און אַריינגעקוקט אין אַ ספֿר. די עטלעכע און דרייסיק יאָר פֿון אונדזער צעשיידונג האָבן באַלד אַ קלאַפּ געטאָן אין די אויגן. דיזעלבע שלאַנקע און עלעגאַנטע פֿיגור ווי דע־מאָלט אין די ערשטע יאָרן פֿונעם יאָרהונדערט, אָבער איינגעטונקען אין ווייסקייט און אין צער.

ער האָט מיר זיינע צרות דערציילט טרוקן, זאַכלעך און מיט דער חשיבות פֿון אַ ייִד מיט אחריות פֿאַרן כלל, פֿון אַ ייִד, וואָס ווייס, אַז זיינע אייגענע ליידן זענען בלויז אַן אָפּגלאַנץ פֿון צרות רבים און אַ טראָפּן אין דעם גרויסן ים פֿון מענטשלעכע און ייִדישע ליידן. ביז פֿינף־און זיבעציק איז, אַחוצן איבעררייס פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה, געווען ווי אַלעמאָל. ער האָט אָנגעהאַלטן דעם שענסטן חדר פֿאַר די סאַמע באַלעבאַטישסטע קינדער אין שטאָט און די רביצין האָט צוגעהאַנדלט מיט פֿאַטשערקעס און מיט קרעלן. אַז מען האָט דערגרייכט דריי־פֿערטל יאָרהונדערט פֿון לעבן און איבער פֿופֿ־ציק יאָר פֿון אַרבעט, איז איינגעפֿאַלן די רייכע זין אין ווין, אַז שוין גענוג געקנעלט און גענוג געהאַנדלט. און פֿון דעמאָלט הייבט זיך אָן דאָס אומגליק. אין ווין האָט ער באַגראָבן דאָס ווייב און אין ווין האָט ער זיך דערוואַרט אויף היטלערן. אַז די נאַציס האָבן אָקופּירט עסטרייך, האָט מען גענומען טראַכטן: וווּהין אַנטלויפֿט מען? איז איין זון אַוועק קיין שאַנכאַי און דער אַנדערער קיין לאָנדאָן. אַ דריטער האָט זיך דערשלאָגן קיין זיד־אַמעריקע, און ער אַליין, דער זיבן־און־זיבעציק־יעריקער זקן, האָט באַקומען אַ וויזע קיין אַמעריקע. דאָ אין דעם פֿרייען געבענטשטן לאַנד לעבט ער ביי אַ טאָכטער, וואָס האָט

פרנסה אין אַ שטעטל אין קאָנעטיקוט. און ער וואָלט געווען צופרידן; ווען נישט איין צרה, וואָס איז די גרעסטע און שווערסטע פון אַלע. אין יענעם פאַרגויאישטן קאָנעטיקוטער שטעטל זענען דאָ ווייניק ייִדן, כמעט נישט קיין ייִדישע ייִדן, און ס׳איז נישטאָ ווו צו דאַוונען בציבור. ער וואָלט — האָט מיר מיין רבי ר׳ הערש געזאָגט בסוד און מיט טיפער עקשנות אין קול — איבערגעלאָזט די גוטע מאָלצייטן און דאָס באַקוועמע צימער ביי דער טאָכטער און געבליבן אין ניו־יאָרק אין אַ מושב־זקנים, ווייל ער וויל זיין צווישן ייִדן.

איך האָב דעמאָלט אַ טראַכט געטאָן, אַז פּרץ האָט זיך דאָביוועט צום סאַמע סודותדיקן פּינטל פון אונדזער קיום ווי אַ פאָלק, ווען ער האָט געהייסן דעם ביאַלער רבין ר׳ נח, אין סאַמע מיטן פון גלאַנץ און פּראַכט פון גן־עדן התחתון, שעפּטשען הייס און ליידנשאַפטלעך: „בעסער מיט אַלע ייִדן אין גיהנום, איידער איינער אַליין אין גן־עדן!" די בענקשאַפט פון ר׳ הערש ראָט און פון אַלע ר׳ הערשס נאָך ייִדן האָט אין זיך דיזעלבע טיפע זעלישע וואָרצלען ווי די ליבשאַפט פונעם אוקראַאיִנישן און פּוילישן פּויער צו זיין פעלד. דער קלוגער פראַנצויזישער מלוכה־מאַן קלעמאַנסאָ, וואָס האָט מיט זיינעם אַ זאָג אָפּט, זייער אָפּט, געטראָפן אין סאַמע פּינטל פון אמת, האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט, אַז ד אָ ס פּ אָ ט ע ר ל אַ נ ד פ ו ן ד י י ִ ד ן ז ע ־ נ ע ן ד י י ִ ד ן. און דער שפּאָלער זיידע, וואָס האָט צווישן חסידים געשמט מיט זיין בענקשאַפט נאָך ארץ־ישראל, האָט ביי זיך נישט געקענט פּועלן צו פאָרן קיין ארץ־ישראל, ווייל — האָט ער געזאָגט ווי אַלעמאָל אויף מאָלאָרוסיש: „נאָ קאָהאָ לעשו מאָיו הראָמאַדו? (אויף וועמען וועל איך איבערלאָזן מיין עדה?), און אַז מען האָט אים געענטפערט: וואָס הייסט, רבי, דאָ וועלן דאָך בלייבן אַנדערע גוטע ייִדן! — האָט זיי דערויף געזאָגט דער שפּאָלער: אָבער מיין בענקשאַפט צו ייִדן קען איך דאָך קיינעם נישט איבערגעבן! און זי וועט מיך דאָך פאַרצערן, ווי פייער אַ שייטל האָלץ!

אַרום ר׳ הערש ראָטס חדר האָט געפלאָקערט אַ צווייענדיקער סימבאָל פון ייִדישן פאָטערלאַנד: פון לעבעדיקע און פון טויטע ייִדן. דאָס חדר איז געווען אין קאַמינקער קלויז, ווו עס האָט אין דער פרי און אויף דער נאַכט געזשומעט מיט ייִדן, און די קלויז איז געשטאַנען אויפן אַלטן קאַמינקער בית־עולם. אויפן בית־עולם האָבן אין זומער־טעג זיך געפּאַשעט ציגן און ווייסע־חברהניקעס האָבן געפירט מלחמות פון אונטער האַלב־איינגעזונקענע מצבות. אין ווינטער־טעג האָבן גרויע שאָטנס מיט אַלערליי שניי־פאַרפוצעכצער איינגעהילט דעם גאַנצן בית־החיים און אים פאַרשלאָסן אויף זיבן סודות־דיקע שלעסער. אָבער אין די ווינטער־נעכט, ווען מען האָט געלערנט שפּעט

ביינאַכט, איז דאָס פּלעמל פונעם בליצלאָמפּ געווען דאָס איינציקע, וואָס האָט נישט קיין מורא געהאַט אַרויסצוקוקן דורכן פענצטער צום בית־עלמין. איך ווייס נישט, ווי אַזוי דער רבי ר׳ הערש, אָבער מיר, ייִנגלעך, האָבן גוואַלטיק מורא געהאַט. מתים זענען אַרומגעלאָפן אין תכריכים צווישן דיביימער און געזוכט אָפּצוטאָן שפּיצלעך די לעבעדיקע. זיי פלעגן אויפבינדן די בענדלעך פון די שיך, כדי מ׳זאָל זיך אין זיי פאַרפּלאָנטערן; זיי פלעגן אונטערוואַרפן אַ שאָלעכץ פון אויבס, כדי מען זאָל זיך אויסגליטשן. און זיי פלעגן זיך אַפילו מטריח זיין, די מתים, און אַרויפקלעטערן אויף די ביימער און באַוואַרפן פון דאָרט מיט שניי.

— רבי, כ׳וויל קטנים, — האָט געמעלדעט אַ תלמיד און צוגעגעבן, אַז באַגלייטן וועט אים משה.

איינער אַליין האָט קיינער נישט געוואָגט אַרויסצוגיין. צוליב די שפּיצלעך פון די מתים האָט זיך פאַר יעדן פון אונדז געפאָדערט — צו ריידן מיטן היינטיקן לשון — אַ „קאָנוואָי״, און הגם דער באַגלייטער האָט ווייניק־וואָס געקענט באַשיצן קעגן די כיטרע שטיק פון די מתים, איז עס אָבער געווען היימלעכער צו אַנטלויפן אין צווייען.

היינט ווערט מיר קלאָר, פאַרוואָס מיר האָבן ביי די מתים צוגענומען זייער גאַנצע סטאַטעטשנעקייט און חשיבות און זיי געזען בלויז אין דער ראָלע פון פּשוטע ווייסע־חברהניקעס, וואָס רק זיי טראַכטן, ווי אַזוי מען טוט אָפּ עפּעס אַ גוט שפּיצל די חדר־ייִנגלעך פון קאַמינקער קלויז. מיר האָבן באַשאַפן די מתים לויט אונדזער געשטאַלט און לויט אונדזער גלייכעניש. מיר זענען געווען קונדסים און שטיפערס, האָבן די באַשעפענישן פון אונדזער פאַנטאַזיע נישט געקענט זיין אַנדערש. אַי, פאַרוואָס מיר האָבן די מתים געמאַכט נאָך פאַר גרעסערע ווייסע־חברהניקעס, ווי מיר אַליין זענען געווען, — איז דאָס געווען דערפאַר, ווייל מיר האָבן געגאַרט נאָך שלימות אין שטיפעריי. אין גויאישע גאַסן זענען מיר דעמאָלט נישט געגאַנגען און צווישן די לעבעדיקע ייִדן איז קיין ערגערס פון אונדז נישט געווען. האָבן מיר דערפאַר דעם טשיפּיק פון קונדס־פולקאָמענקייט אָנגעטאָן די מתים, וואָס האָבן אונדז געהאַט צו פאַרדאַנקען ס׳לעבן.

אין חדר גופא, אין דער ווייבערישער אָפּטיילונג פון דער קאַמינקער קלויז, דרייט זיך אַרום דער רבי ר׳ הערש צווישן די בענק און גיט אַכטונג ווי מען לערנט. ער לערנט נישט אַליין, ער איז בלויז משגיח און פאַרהערט. לערנען מיט די תלמידים לערנען די בעלפערס. איינעם אַזאַ בעלפער געדענק איך באַזונדערס. ער האָט געהייסן שמחה. דאָס פּנים זיינס איז געווען אַ מאָדנער צונויפשטעל: אַ פּאָר דייטשע וואָנסעס אַרויפגעדרייט אַלאַ ווילהעלם

דער צווייטער און אַ קיילעכדיק, פֿרום־חסידיש בערדל. ער פֿלעגט זיך פֿאַר אונדז, תּלמידים, באַרימען מיט זיין אויסגעשריבענער האַנטשריפֿט און ער האָט טאַקע קיינמאָל נישט אויפֿגעהערט זי אויסצושרייבן. ער האָט שטענדיק געהאַלטן אַ טינטן־בליישטיפֿט אין האַנט און ווו ערגעץ אַ נישט־באַשריבן טאָוועלע אָדער אַ גלאַטיק שטיקל פּאַפּיר, האָט ער איינגעטונקען דעם בליישטיפֿט אין דער צונג און אַוועקגעלייגט זיין חתימה. אָט די דאָזיקע ליידנשאַפֿט אונטערצושרייבן זיך איז ביי שמחה בעלפֿער אפֿשר געווען דער טיפֿער אויסדרוק פֿון אַ באַגער נאָך מאַכט, פֿון אַ באַדערפֿעניש אַרויסצוגעבן באַפֿעלן. אויב מיין זכרון נאַרט מיך נישט אָפּ, איז שמחה דערנאָך פֿרייוויליק אַוועק צום מיליטער, זיך דערדינט צום ראַנג פֿון אַ פֿעלדפֿעבל און געבליבן אַ מיליטערישער פּראָפֿעסיאָנאַל. די בעלפֿערישע ליידנשאַפֿט זיך אונטערצושרייבן און די ווילהעלמיש־אַרויפֿגעדרייטע וואָנסעס האָבן סוף־כּל־סוף געפֿונען זייער תּיקון.

דער רבי ר׳ הערש איז אַ הויכער, כאַרנער און עפּעס אַ מאָדנע־אָפּגעהיטער ייִד. אַז ער איז כאַרנע, באַווייזט ער דערמיט, וואָס זיין זשאַקעטל איז אָן אַ שפּרענקעלע שטויב, און ווען ער טרינקט מילך, גיט ער אַכטונג, אַז קיין טראָפּן זאָל חלילה נישט אַראָפּרינען אויף דער שיין־אויסגעקעמטער באָרד. אָפּגעהיט ווידער איז ער, ווייל ער רעדט שטיל און מיט אַ קרעכץ און אויך דערמיט, וואָס מיר, ייִנגלעך, דערציילן זיך, אַז דער רבי באַשטעלט אשר־יצר־פּאַפּיר פֿון אויסלאַנד. פֿונוואַנען ס׳האָט זיך צו אונדז גענומען אָט די שקאָצעוואַטע רכילות? מן הסתם דערפֿון, וואָס דער רבי פֿלעגט האַלטן אַזאַ פּאַפּיר (אונדז האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז עטלעכע מינים אַזעלכע פּאַפּירן) אונטערן שלאָס אין אַ העכסט־פּריוואַטן שאַפֿקעלע. מיר האָבן דערפֿון געדרונגען, אַז דער רבי אונדזערער האָט פֿאַרשיידענע פֿאַרבאָרגענע מיחושן, וואָרים אַן אויג פֿון עמעצן פֿון אונדז, ייִנגלעך, האָט אַמאָל, בעת די טויערן פֿון דעם געהיימענישפֿולן שאַפֿקעלע האָבן זיך געעפֿנט, דערטאַפּט אויך דעם שיין פֿון פֿאַרשיידנפֿאַרביקע רפֿואה־פֿלעשעלעך. דער זיבן־און־זיבעציק־יעריקער ר׳ הערש, נאָך אַן איבערגעשטאַנענער לונגען־אַנטצינדונג אין יאָר 1940 אין ניו־יאָרק, איז געווען אַ לעבעדיקע און פֿאַר מיר פֿריידיקע אָפּלייקענונג פֿון אַלע ייִנגלשע רכילותן פֿון די יאָרן 1904 און 1905 אין קאַלאָמיי.

צי געדענק איך אַן אייגענעם אָדער אַן אַנדערן תּלמידס אינצידענט מיט מיין רבין ר׳ הערש ראַט? אָ, יאָ! דער אינצידענט, וואָס האָט זיך טיף איינגעקריצט אין מיין זכרון, האָט אַוועקגעשטעלט ר׳ הערשן אין אַ באַזונדערס סימפּאַטישן ליכט פֿון אַן איידעלן ייִד, און אַ דאַנק דעם דאָזיקן צונויפֿשטויס האָב איך מיך דערנאָך באַקענט מיט אַן אינטערעסאַנטן עפּיזאָד פֿון דער

נאָענטער ייִדישער פּאַרגאַנגענהייט אין קאַלאָמיי, וואָס כאַראַקטעריזירט אין אַ היפּשער מאָס דעם רעבעלישן גייסט פון מיינע לאַנדסלייט, די פּאָקוציער כמעט געבערג־ייִדן.

איינער פון די בעסערע תלמידים, מעגלעך, אַז עס איז געווען עלציע פּריש (געפאַלן אויפן איטאַליענישן פראָנט אין יאָר 1916) אָדער ליפּע האָ־ראַוויץ (היינט באַנקיר אין תל־אביב), אָדער גאָר יצחק בראַווער (היינט פּראָפעסאָר אין חיפהער טעכניקום), האָט פאַרקלאָגט פאַרן רבין איינעם פון די וויניקער גוטע תלמידים מיטן נאָמען פרידבערג, אַז ער איז פאַר דער צייט אַהיימגעגאַנגען פון חדר. אַנשטאָט זיך צו נעמען צו פרידבערגן, האָט ר׳ הערש גאָר גוט אויסגעמוסרט דעם פאַרקלאָגער. מיר געדענקט זיך, אַז ער איז געווען בייז און אויפגערעגט, ווי איך האָב אים זעלטן געזען. ער האָט געטענהט נישט נאָר צום פאַרקלאָגער — מיר זענען דעמאָלט געווען קינדער פון אַ יאָר אַכט אָדער ניין, — נאָר צו אונדז אַלע, אַז אַ ייִד דאַרף זיך אויס־היטן פון מסירה. אַ מסור — האָט ר׳ הערש געשריגן — מעג מען, לויט דער גמרא, צערייסן ווי אַ פיש אום יום־כיפּור, וואָס געפאַלט אום שבת. און מיר אַלע, די אַכט־יעריקע „מוסרים״, זענען געשטאַנען און זיך צוגעהערט צו ר׳ הערשן, ווי צו אַ געביטער פון באַרג סיני, און האָבן אַלע געשוווירן, אַז מיר וועלן נישט עובר זיין אויף מסירה ווי לאַנג מיר וועלן לעבן. און כלאחר־יד האָט דעמאָלט ר׳ הערש אַ זאָג געטאָן: „איין מסור איז געווען אין קאַלאָמיי, ייִדעלע שבתיס, האָבן ייִדן מיט אים געלערנט בלק, אַז ער האָט שוין פאַר־זאָגט זיינע קינדס־קינדער נישט צו מסרן״.

איך האָב נאָך דעם זעלבן אויפדערנאַכט דערקוטשעט אין דער היים, מען זאָל מיר דערציילן די מעשה מיט ייִדעלע שבתיס. כ׳האָב עס נישט געקענט פועלן. מען האָט מיך אָפּגעפּטרט מיט זאָגעכצער, וואָס האָבן גאָרנישט גע־זאָגט און האָבן זיך לייכט פאַרגעסן. ייִדעלע שבתיס האָט אָבער יאָרנווייז געגראַבלט מיין נייגעריקייט. כ׳האָב געוואָלט וויסן, וואָס פאַר אַ בלק האָבן דאָס קאַלאָמייער ייִדן מיט אים געלערנט? ערשט אַרום סוף יאָר 1914, ווען פאַניעס חילות האָבן אָקופּירט די שטאָט און ייִדן האָבן זיך פיר אַזייגער נאָכמיטאָג געמוזט פאַרשליסן אין די הייזער, — ערשט דעמאָלט בין איך גע־וויר געוואָרן די מעשה מיט ייִדעלע שבתיס.

מיט מיין זיידן בשכנות האָט דעמאָלט געוווינט אַ ייִד מיטן נאָמען נטע סאַלפּעטער. און געווען איז ר׳ נטע איין גרויסער ים מיט מעשיות און גע־שיכטעס און דערצו אַ וווּנדערלעכער דערציילער, וואָס האָט אַלעמאָל גע־האַט צו דער האַנט דאָס ריכטיקע בילד און דעם ריכטיקן פאַרגלייך. דער נוסח פון דערציילן איז ביי אים געווען אַ שפּאַנענדיקער, אַ פּאַקנדיקער און

אָפּטמאָל אַביסל אַ שונדיסטישער. אָבער אינמיטן דעם שפּאַנענדיקסטן מאָ־מענט פון דער געשיכטע, ווען אַלע אויגן און אויערן זענען געהאַנגען אָן זיי־נע ליפּן, פּלעגט זיך אים פּאַרוועלן אַריינפּלעכטן אַ לירישע פּרטימדיקע נאַ־טור־באַשרייבונג, וואָס מיר דאַכט זיך, אַז איר גלייכן איז נאָר צו געפינען ביי שלום אַשן. ר׳ נטע פלעגט אַריינקומען יעדן פּאַרנאַכט, דורך דער הינ־טערשטער טיר, צו מיין זיידן, האָט גענומען קודם אַ גוטן שמעק טאַבאַק, געניאָסן איין מאָל און צוויי מאָל און פּופצן מאָל נאָכאַנאַנד, און דערנאָך, אַז ער האָט זיך באַרויִקט, זיך תיכף גענומען דערציילן.

איז אין איינעם אַן אויפדערנאַכט ביַן איך צוגעשטאַנען צו ר׳ נטען, ער זאָל איבערגעבן די מעשה מיט יידעלע שבתיס. מיין זיידע איז געווען קעגן דעם. יידעלע — האָט ער געטענהט — איז שוין היפּשע עטלעכע יאָר אויפן עולם־האמת, און ס׳שיקט זיך נישט, אַז מיר דאָ זאָלן דערציילן שלעכטס און אַריינשפּילן אין מויל אַריין דעם קטיגור. איך האָב מיך קוים איינגעבעטן ביים זיידן און ר׳ נטע איז תיכף געווען גערן צו דערציילן.

— יידעלע שבתיס — האָט ר׳ נטע גענומען מאָלן — איז געווען אַ קליין יידל, מיט טיפע ברילן און מיט אַ בערדל מיט צוויי שפּיצן, וואָס יעדער שפּיץ איז זיך געגאַנגען זיין וועג; און ער, יידעלע, איז זיך אויך געגאַנגען זיינע אייגענע נישט־יידישע וועגן. ער איז געווען אַן איינגייער ביים שטייער־אַמט און ביים סטאַראָסטע. ביים שטייער־אַמט האָט ער ליב געהאַט צו דער־ציילן, אַז דער און יענער באַלעבאָס מאַכט קירהן אַ פאַלשן חשבון. ביים סטאַראָסטע, ווידער, האָט ער ליב געהאַט צו פּלאַפּלען, אַז משולם וועלוול קרעמער האַלט אָפּן אום זונטיק און אַז בערל ווינקלער איז אַ ווינקל־אַדוואָ־קאַט. מען האָט געזען, אַז אין שטאָט גייט אַרום מסירה, אָבער מען האָט נישט געוווּסט וועמען חושד צו זיין. ביז דער בעל־דבר האָט זיך אַליין אויסגעגעבן. יידעלע, אַחוץ דעם וואָס ער האָט זיך פּאַרנומען מיט מסירה, האָט ער נאָך — מיינע רייד זאָלן אים נישט שווער זיין — ליב געהאַט געלט. קומט ער איינ־מאָל אַריין צו משולם וועלוול קרעמער און זאָגט אים, אַז ער קען אים באַ־פרייען פונעם סטאַראָסטעס געלט־שטראָף פאַר האַלטן זונטיק אָפּן, נאָר ער וויל כך וכך. משולם וועלוול איז געווען אַ בייזער ייד און אַ שטיק בעל־גאווה, האָט אים פּאַרדראָסן, סטייטש, עפּעס אַ יידעלע שבתיס, וואָס האָט אַ גויִש שענקל אויסער דער שטאָט ביים ווערבישער וועג, זאָל זיין אַ שתדלן פאַר אים, משולם וועלוולען, וואָס איז דער גרעסטער שפּעצעריי־געוועלבער אין שטאָט? האָט ער זיך מיט אים געקריגט, אים באַליידיקט און אים געמאַכט מיט דער בלאָטע. פון דעמאָלט אָן איז יידעלע געוואָרן צו־להכעיס אַן אָפּענער מסור, וואָס האָט שיינע עטלעכע יאָר אָנגעטאָן צרות די קאַלאָמייער יידן.

— דו ווילסט דאָך אָבער וויסן, — האָט זיך ר׳ נטע צו מיר אַ ווענד געטאָן, — וואָס ייִדן האָבן אָפּגעטאָן דעם מסור, וועל איך עס דיר מאַכן בקיצור. אין אַ שמיני־עצרת פאַרנאַכט — ס׳האָט געמוזט זיין תרנ״ב אָדער תרנ״ג — זענען די שענסטע באַלעבאַטים געזעסן, ווי געוויינלעך, ביים רב. מען האָט געגעסן, געטרונקען, געזונגען און געטאַנצט. דערנאָך האָט מען אָנ־געצונדן די שטורקאַצן און זיך גענומען גיין, טאַנצנדיק, איבער די גאַסן צו די קלויזן. פּלוצים האָט עמיצער פון די צעטאַנצטע ייִדן אַ זאָג געטאָן: וואָס הייסט אַ שטאָט זאָל זיך לאָזן טרייבערן פון אַזאַ עוכר־ישראל, ווי דער ייִדעלע שבתיס? מען האָט דעם פרעגער נישט געענטפערט. נאָר אַ טייל פון די גייערס האָט אַ געשריי געטאָן: ייִדעלע שבתיס ימח שמו! האָט דערויף דער אַנדערער טייל, גלייך ווי עמיצער זאָל געווען איינלערנען מיט זיי, געענט־פערט בציבור: אָ־מן! און מען ווייסט נישט ווי אַזוי ס׳איז געשען, דער גאַנ־צער עולם האָט זיך פאַרקערעוועט אויפן ווערבישער וועג צו ייִדעלעס הויז. אָנגעקומען אַהין, האָבן זיך די חשובסטע באַלעבאַטים, גלייך ווי עפּעס אַ פרעמדע קראַפט האָט זיי געשטויסן און זיי האָבן געמוזט האַרכן, אַ נעם געטאָן צעוואַרפן דאָס הויז. ביים ליכט פון די שטורקאַצן האָבן ייִדן ביז שפּעט איינגעמאַכט מיט די הוילע הענט אָפּגעריסן דעם דאָך און איינגע־וואָרפן דעם גרעסטן טייל פון די ווענט. ייִדן זענען דעם שמיני־עצרת נישט געגאַנגען קיין הקפות, נישט געדאַוונט קיין מעריב און דערצו נאָך געאַרבעט, וואָס הייסט געאַרבעט, טאַקע געהאָרעוועט אום יום־טוב. דער רב ר׳ יעקב תאומים האָט דערנאָך אַרויסגעגעבן עפּעס אַ תשובה.

אָבער אַ גאַנצע שטאָט, כ׳מיין הונדערטער ייִדן, קען מען נישט איינזעצן. האָט דער ראש־הקהל אויסגעשתדלט ביים געריכט אַ פאַרגלייך. מען האָט ייִדעלען באַצאָלט פאַר זיין הויז און קהל האָט עס איבערגענומען. ייִדעלע אַליין איז פאַרשוווּנדן ולא ידע איש את קבורתו — און קיינער ווייס נישט ווו זיין געביין איז אַהינגעקומען — האָט ר׳ נטע פאַרענדיקט מיט טריומף זיין מעשה.

און איך מוז מודה זיין, איך האָב מיטגעפילט זיין טריומף. איך בין גע־ווען שטאָלץ אויף מיינע קאָלאָמייער ייִדן.

מענדעלע פערעלע דער רביצינס פּראָוועט חסידות
אין דער אָטינער קלויז

דער בעסטער תנ״ך־ און דקדוק־מלמד אין שטאָט איז געווען ר׳ וואָוויק קוגל. פאַרוואָס מ׳האָט אים געגעבן אַזאַ פעטן צונאָמען האָט קיינער אויף זיכער נישט געוווּסט. מ׳האָט זיך בלויז דערציילט, אַז וואָוויק האָט דעם טיטל געירשנט פון אַן עלטער־זיידע, וואָס האָט געהאַט אַ ספּעציעלע ליידנשאַפט צו גוטע און געשמאַקע קוגלען. דער דאָזיקער עלטער־זיידע — האָט מען גע־לאַכט — איז איינמאָל אַ שבת, ווען אַ הייסער, געראָטענער קוגל האָט זיך אַרויסגעקאַטשעט פון אַ לאָקשן־טאָפּ און גענומען ווינקען צו אים מיט כיטרע פעט־אייגעלעך, אַריין אין אַזאַ התפּעלות, אַז ער איז אויפגעשפּרונגען פונעם בענקל און אָפּגעהויבן דאָס שטריימל מיט אַ ברייטן זשעסט פון באַזונדערן כבוד. אַזוי זאָל ער זיך האָבן פאַרדינט זיין צונאָמען, וואָס איז איבערגעגאַנ־גען בירושה צו זיינע אייניקלעך און אוראייניקלעך.

אויסערלעך איז ר׳ וואָוויק געווען די סאַמע פאַרקערפּערונג פון ישוב־הדעת און חשיבות. ער איז געווען נישט קיין הויכער, אַ ברייט־פּלייציקער און געהאַט שטענדיק אַ געוויגענעם און געמאָסטענעם גאַנג. די האָר אין זיין ווייסער באָרד האָבן זיך געהאַלטן לייטיש און אויף אַ דיסטאַנץ פון דרך־ארץ איינע פון דער אַנדערער. די ווערטער פון זיין מויל זענען אַרויסגעקו־מען איינציקווייז און מיט אַ באַזונדערער פּאַרזיכטיקייט. מ׳האָט געהאַט ס׳געפיל, אַז זיי קוקן זיך קודם גוט אַרום פון אַלע זייטן, צי ס׳איז נישטאָ קיין סכנה, איידער זיי לאָזן זיך אין וועג אַריין. און אַז זיי זענען אַרויסגעקו־מען, די ווערטער, איז יעדעס פון זיי געווען אָפּגעטאַקט און קלאָר און על־פּי דקדוק און זינגעוודיק על־פּי פּיוט.

און זיין פיזישן פּרעסטיזש האָט ר׳ וואָוויק געהאַט געהיט מיט דער וואַ־כיקייט פון טויזנט אויגן. ער האָט געציטערט פאַר דער מינדסטער פאַרקריפּ־לונג פון זיין בריאות הגוף. באַזונדערס מורא געהאַט האָט ער פאַר צוויי זאַכן: פאַר אַ צוג־לופט און פאַר אָפּבריען זיך.

אַ טויער צו דער גאַס און אַ טויער אין הויף אַריין און ביידע פאַנאַנדער־געפּראַלט אין די הייסע זומער־טעג. און איבערן לאַנגן קאָרידאָר, צווישן טויער און טויער, לויפן קילע און שטיפעריש ווינטעלעך, וואָס זענען כלומרשט אויסן בלויז אייך אַביסל צו דערפרישן און אָפּצוטריקענען דעם

שוויס. פאַר אַט די ווינטעלעך היט זיך ר׳ וואָוויק מער ווי פאַר די בייזע ווינטערדיקע צפון־ווינטן. ער געטרויט זיי נישט. ער הילט זיך דערפאַר איין דעם קאָפּ מיט אַ שווערער שאַל אַפּילו אין הייסטן תמוז־טאָג, ווען ער דאַרף דורכגיין דורך זייער „גן־עדן״ אין הויף אַריין. און נישט מער צוטרוי ווי צו די מילדע זומער־ווינטן ווייזט ר׳ וואָוויק אַרויס צו די כלומרשט אָפּגעקילטע גלעזלעך ביי די נאַפּט־לאָמפּן. זיי שטייען טאָקע איבערן טאָג אויסגעפּוצטע און אויסגעסטראַיעטע און שווערן זיך, אַז זיי האָבן שוין 12 שעה קיין פלאַם נישט געזען, אָבער ר׳ וואָוויק גלייבט זיי נישט. אַלעמאָל ווען ער נעמט אַזאַ גלעזל אין האַנט אַריין און וויל אָנצינדן דעם לאָמפּ, האָט ער מורא, טאָמער האָט ער זיך אָפּגעבריט. כאַפּט ער זיך אָן צוליב גרויס פאַרזיכטיקייט ביים לעפל פון אַן אויער און גיט אַ מיושבן, כמעט ריטמישן געשריי: „אוי־וואַ!״.

און עס העלפט נישט די גאַנצע פאַרזיכטיקייט. ר׳ וואָוויקן דאַכט זיך כמעט תמיד, אַז ער האָט געכאַפּט אַ צוג־לופט, און ער איז כמעט תמיד זיכער, אַז ער האָט זיך אָפּגעבריט. פונקט ווי דער העלד פון מאָליערס באַרימטער קאָמעדיע: „דער איינגעבילדעטער קראַנקער״, האָט ר׳ וואָוויק אַזוי שטאַרק מורא געהאַט פאַר קראַנקהייט, אַז ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן פאַר איר... אין דער קראַנקהייט. וואָרום, וואָס איז אַ גרעסערע גאַראַנטיע קעגן פאַרקילן זיך, ווי זיך שוין האָבן פאַרקילט? און מיט וואָס איז מען זיכערער קעגן אָפּבריִען, ווי מיט זיך שוין האָבן אָפּגעבריט? ווען דער דאָקטאָר ביי מאָליערן גיט דעם מין „איינגעבילדעטן קראַנקן״ צו פאַרשטיין, אַז ער איז געזונט, ווערט דער „קראַנקער״ אויסער זיך פאַר שרעק. און מיט רעכט! ער איז גאָר געזונט?!

נישט אַנדערש איז עס געווען מיט ר׳ וואָוויקן. ווען זיין ווייב, קיילע די רביצין, פלעגט אָפּלאַכן פון זיין פאַרקילונג און פון זיין אָפּבריִען, האָט זי זיכער נישט געוווּסט, אַז זי האָט איר מאַן דערמיט נישט באַרויִקט, נאָר פאַרקערט, זי האָט אין אים פאַרשטאַרקט די אומרו און דעם פּחד פאַר די זומער־ווינטן און לאָמפּ־גלעזלעך.

ר׳ וואָוויק האָט פאַרמאָגט אַ זעלטענע ליבשאַפט צו תנ״ך, אַ ליידנשאַפטלעכע פאַרערונג פאַר פאָעזיע און אַ פאַרצערנדיקע אַמביציע צו זיין אַ מחבר. ווער ס׳האָט ביי ר׳ וואָוויקן געלערנט תנ״ך, דער קען אים קיינמאָל אינגאַנצן נישט האָבן פאַרגעסן. נישט אַזוי צוליב די ווערטער, וואָס האָבן זיך איינגעקריצט אין מוח, נאָר צוליב דער מוזיק, וואָס האָט זיך איינגעגראָבן אין אויער אויף שטענדיק דאָרט צו בלייבן. ר׳ וואָוויק האָט געלערנט מיט די תלמידים ישעיה, עמוס און משלי (דאָס זענען געווען זיינע באַליבטסטע

שריפטן פון תנ"ך) אויף אַ ריטמישן אופן. ער האָט פירגעזאָגט אין אַ ווונדערלעכן זינג־זאַנג אַ פסוק ישעיה און די תלמידים האָבן אים דערנאָך איבערגעזאָגט, ניין, — איבערגעזונגען צום טאַקט פון ר׳ וואָוויקס דיריזשיר־שטעקעלע. די יידישע איבערזעצונג פון די פסוקים איז געוואָרן אומוויכ־טיק, זי איז געמאַכט געוואָרן כמעט כלאחר־יד אין די זינג־פויזעס. ביי ר׳ וואָ־וויקן איז נישט געווען דער עיקר, אַז זיינע תלמידים זאָלן קענען דעם יידיש־טייטש פון די ווערטער. אים איז געגאַנגען הויפּטזעכלעך דערין, אַז זיינע שילערס זאָלן איינלערנען יעדעס קאַפּיטל ווי אַ ליד מיט זיין אייגענעם ריטם און מיט זיין אייגענער מוזיק.

די וואָס האָבן געלערנט ביי ר׳ וואָוויקן אין חדר האָבן, אַדאַנק דער פירזאָגעריש־מוזיקאַלישער מעטאָדע זיינער, אַריינגענומען אין זכרון אויף קיינמאָל נישט צו פאַרגעסן גאַנצע קאַפּיטלען פון ישעיהס רעטאָריש־שטורעמ־דיקע און ליריש־איינדרינגלעכע פסוקים און אויך גאַנצע קאַפּיטלען פון שלמה המלכס שאַרפע און טרעפלעכע סענטענצן. און איך מוז איצט באמת שטוי־נען, ווען איך דערמאָן זיך, מיט וואָס פאַר אַ צילזיכערקייט ר׳ וואָוויק האָט מיט זיין ספּעציפישער מוזיק פון קיינמאָל נישט־געשריבענע נאָטן געוועקט ביי אונדז די פאַסיקע עמאָציעס צום נביאס געהויבענע ווערטער. ווען מיר האָבן אין ערשטן קאַפּיטל ישעיה נאָכגעזאָגט אָדער נאָכגעדונערט דעם רבין: ידע שור קונהו וחמור אבוס בעליו, ישראל לא ידע, עמי לא התבונן (אַן אָקס וויס זיין באַלעבאָס, און אַן אייזל די קאָריטע פון זיין האַר; ישראל וויס נישט, מיין פאָלק קוקט זיך נישט אום), האָט אין אונדז נאָכגעברומט דער הייליקער כעס פונעם נביא און מיר האָבן מיט אים אינאיינעם געצאָרנט אויפן פאָלק ישראל. ווען ר׳ וואָוויק האָט אָבער אין פינפטן קאַפּיטל מיט זיין לי־ריש־ווייכער שטימע זיך גענומען פאַר אונדז פיעשטשען, אַז „אשירה נא לידידי שירת דודי לכרמו" (לאָמיר זינגען צו מיין ליבן פריינט דאָס געזאַנג פון מיין באַליבטן אויף זיין וויינגאָרטן), האָט ער אונדז מיט דעם ריטם פון זיין דעקלאַמאַציע, מיט דער מוזיק, וועלכע ער האָט אַרויסגעכישופט פון די ווערטער, גערירט ביז צו טרערן, און חדר־יינגלעך פון אַ יאָר צוועלף האָבן מיטן גאַנצן האַרצן דורכגעלעבט דעם טיפן צער פון ישעיהס פּאָעטישער פּאַראַבעל.

דער געזאַנג סאָלאָ און בציבור, וואָס האָט זיך געטראָגן פון ר׳ וואָוויקס חדר, האָט אַלעמאָל צוגעצויגן אַ גרויסן עולם פון דער גאַס צו די פענצטער. פאַרבייגייער האָבן זיך אָפּגעשטעלט און צוגעהערט ווי צו אַ גוטן בעל־תפילה מיט אַ כאָר. מיין באָבע, עליה השלום, פלעגט מודה זיין, אַז זי כאַפּט זיך אין זומער־טעג אַרויס אין הויף אַריין, זעצט זיך אַוועק אויף אַ בענקל מיט אַ

מאַרעזשע אין דער האַנט און הערט זיך איין, ווי וואָוויק לערנט מיט די קינ־דער די רייד פון די נביאים, וואָס זענען זיסער פון האָניק. אין די פאַרמיטאָגן האָבן די ניגונים פון אונדזער חדר באַהערשט די גאַס אויסשליסלעך, אָן שום קאָנקורענץ. אין שפּעטן נאָכמיטאָג אָבער האָבן זיך שוין די פאַרבייגייער נישט געוווּסט ווי צו אײַנקן. פון דער דערבײַיאיקער אַטיניער קלויז האָט זיך געריסן צו דער גאַס אַ דבקותדיקער געזאַנג פון פרייד, וואָס האָט ממש געצונדן די פיס צום טאַנצן. מענטשן פלעגן זיך אויפשטעלן אויף די שפּיץ־פינגער און אַרײַנקוקן דורך די הויכע פענצטער אין קלויז אַרײַן. און ר׳ וואָ־וויקס תלמידים האָבן געזוכט אַן אויסרייד, זיך אַרויסגעכאַפּט פון חדר אַ קוק געבן, וואָס ס׳טוט זיך אין דער אַטינער קלויז.

מענדעלע פּערעלע דער רביצינס האָט אַלע נאָכמיטאָג אַליין פאַר זיך עוסק געווען אין חסידות. מענדעלע איז געווען אַ הויכער, דאַרער יונגערמאַן פון אַ יאָר עטלעכע און דרײַסיק, מיט אַ טיפער יאַרמלקע, וואָס האָט געגרייכט ביז ווייט אין נאַקן אַרײַן, און מיט אַ שטענדיק פאַרדערעטן, קיילעכדיקן, סאַ־מעטענעם קאַפּעליוש אויפן שפּיץ קאָפּ. ווייסע־חברהניקעס האָבן געטענהט, אַז די טיפע יאַרמלקע האָט זיך איר זין. זי האָט וואָס צו פאַרדעקן. ערב שבת־הגדול פלעגט מען אים שיקן געדרוקטע באַן־בילעטן פאַר אַ רייזע פון קאָלאָמיי ביז מצרים און שבת־הגדול נאָכמיטאָג האָט מען אים אָפּגעשפּילט טעאַטער פאַר די פענצטער. דאָס ווייב מיט די קינדער זענען געשטאַנען אויף דער שוועל און האָבן געשאָלטן און די גאַס איז געשוואָלן געוואָרן פון געשריי און געלעכטער.

מענדעלעס מאַמע, פּערעלע די רביצין, האָט זיך אויסגעוויינט אירע אויגן ביי פּרעמדע לוויות. האָט אָפּגעהאַרעוועט די הענט ביי לעשן קוילן און ביי לייגן קנייטלעך פאַר אַ שטאָט מיט קינדער און זיך אָפּגענוצט דעם אָטעם ביים רייסן דעם אָרון־קודש פאַר צענדליקער קימפּעטאָרינס. אָבער פּערעלע די רביצין האָט זי געהייסן דערפאַר, וואָס זי האָט געקענט מאַכן אַ „מלא״ פּונקט אַזוי אָדער נאָך בעסער ווי אַ מאַנצביל. אין די ניסן־טעג פאַר פּסח און אלול־צייט האָט פּערעלע ממש געוווינט אויפן בית־עולם און איז פון דאָרט יעדן פאַרנאַכט אַהיימגעקומען מיט אַ היפּשער אפּותיקא אין דער אייני־געגייטער קעשענע אונטערן פאַרטוך. ייִדן כּלי־קודש האָבן איר פאַרשאָלטן ס׳געביין פאַר דער אומלאָיאַלער קאָנקורענץ אירער.

אָבער איר זון, מענדעלע, איז דער מאַמעס פּרנסה זייער צוניץ געקומען. ער האָט נישט ווייט פון דער אַטיניער קלויז געהאַט עפּעס כמו אַ שפּייז־געוועלבל, ווו ס׳איז גאַרנישט געווען צו באַקומען און ווו מ׳האָט נאָך ווייני־קער געקענט עפּעס פאַרדינען. אַחוץ דעם האָט מענדעלע פײַנט געהאַט דעם

מין דאַרפן האָבן פּרנסה. פּרנסה, פלעגט ער זאָגן, איז אַפילו נישט קיין עסק פאַר ווייבער, און אַוודאי נישט פאַר מאַנצבילן, וואָס דאַרפן עפּעס העכערס אין זינען האָבן.

דעמאָלט האָב איך אינאיינעם מיט אַלע אַנדערע געלאַכט פון מענדעלעס „זאָג״, אָבער היינט איז מיר קלאָר, אַז אין אָט דעם דאָזיקן פייערדיקן אַטי־ביער חסיד האָט ווי אין יעדן גייסטיקן מענטש געלעבט אַ טיפע בענקשאַפט צו באַפרייען זיין רוחניות פונעם פּרנסה־יאָך. ער פאַר זיך האָט עס אויסגע־פירט. די מסחרים אין דעם געוועלבל האָט פאַרזאָרגט זיין ווייב, וואָס איז געווען שטענדיק אויף דער צייט און שטענדיק מיט צוויי קליינע קינדער ביים פאַרטוך. די פּרנסה האָט געבראַכט צו טראָגן די מאַמע פונעם בית־עולם. און ער אַליין? ער אַליין איז דעם גאַנצן פאַרמיטאָג געווען פאַרנומען מיט דאַוונען, מיט לערנען אַ בלאַט גמרא, מיט אַריינקוקן אין אַ מוסר־ספר און מיט אַ חסידיש שמחהלע, אַז ס׳האָט זיך געמאַכט.

אין אַטיניער קלויז האָט זיך מענדעלע קודם אַוועקגעזעצט ביי אַ שטענ־דער און געלערנט אַ שטיקל זוהר. דערנאָך האָט ער זיך אויפגעהויבן, אַרויס־גענומען פון דער קעשענע אַ פלעשל בראַנפן מיט פאַרבייסעכץ, צוגערופן דודל שמש און מיט אים געטרונקען לחיים. נאָכן לחיים האָט מענדעלע אָנגעהויבן ציען אַ חסידישן ניגון און כדי זיך אונטערצוהאַלטן ס׳התלהבות האָט ער זיך צוגעפּליעסקעט מיט די הענט. די מעלאָדיע, וואָס האָט זיך פון באַגינען גע־צויגן זיס, אָבער שמאָל ווי אַ ריטשקעלע מיט טענער, האָט צובּיסלעך גענו־מען וואַקסן אין היקף, ווערן פולער, מעכטיקער און זאַטער. מענדעלע האָט זיך אַוועקגעלאָזט אין אַ ריקודל, די פיס האָבן זיך געהויבן, דער קאָפּ איז געווען הויך פאַרוואָרפן און די הענט, אויסגעשטרעקטע ווייט איבערן קאָפּ, האָבן געפּליעסקעט וואָס אַמאָל מיט אַלץ מער כוח. די פיס האָבן שוין געטאַנצט, אָבער דער גוף און די נשמה זענען נאָך נישט געווען אין דער אמתער התלהבות. מ׳האָט געזען, אַז מענדעלען איז די פּליעסקעריי מיט די הענט צו ווייניק. ס׳פעלט אים אויס אינסטרומענט־מוזיק. מיטאַמאָל איז ער צוגעלאָפן צום עמוד, האָט אַ כאַפּ געטאָן די לייכטער און זיי פאַרוואַנדלט אין טאַצן. די מעשענע לייכטער, וואָס מענדעלע האָט אַריינגעטריבן קעגן זייער ווילן אין אַ מלחמה מיט זיך אַליין, האָבן אַרויסגעגעבן פון זיך קודם שטיל־ווייטיקדיקע און דערנאָך אַלץ מער און מער פאַרצווייפלטע מאָדנע דומפּע קולות, ענלעך צו די פון אַ מענטשן, וואָס שלאָגט קאָפּ אָן וואַנט פאַר פאַר־צווייפלונג. די דאָזיקע משונה־ווילדע גרילצן פון דער מעשענער מלחמה וואָלטן אפשר ביי אַן אַנדערן געהאַמעוועט די באַגייסטערונג און אָפּגעשטעלט די פיס פאַר שרעק. מענדעלען האָט דאָס צום התלהבות נישט געשאַדט. פאַר־

קערט, איצט האָט זיין גוף, ווי געמונטערט פון אַ טיפער אינערלעכער פריי־לעכקייט, זיך גענומען מיטטראָגן מיט די פיס צו עפּעס אַ ווונדערלעך־מיס־טישן טאַנץ, וואָס האָט זיך גאַרנישט אָנגעקערט מיט דער גרילצערייַ פון די לייכטער. אַ פולע האַרמאָניע איז בלויז באַשטאַנען צווישן דעם זיסן ניגון פון מענדעלעס לאַנגן האַלדז מיט דעם דבקותדיקן טאַנץ פון מענדעלעס לאַנגן גוף.

מענטשן האָבן אַרייַנגעקוקט דורך די פענצטער. תלמידים פון ר׳ וואָ־וויקס חדר זענען געשטאַנען ביי דער שוועל און האָבן געגאַפט. דודל שמש איז געזעסן ביי דער הרובע מיט תמעוואַטער פרייד און שרעק אויפן פנים. מענדעלע פּערעלע דער רביצינס האָט קיינעם נישט געזען און קיינעם נישט געפילט. ער האָט זיך געוויגט אַמאָל אַ האַלבע שעה און אַמאָל היפש מער אין אַ פלאַקערדיקן טאַנץ, ווי נישט אויף דער וואָר, נאָר אין חלום.

אַז די באַוועגונגען פון זיין גוף האָבן זיך צוביסלעך גענומען איינשטילן, האָט מענדעלע אויסגעזען ווי איינער, וואָס איז אָקאָרשט אויפגעשטאַנען פון שלאָף נאָך אַ לאַנגן הנאהדיקן טרוים.

דודל שמש האָט גערן דערציילט אויף זיין שטאַמלענדיקן לשון, אַז דער אָטיניער רבי האָלט זייער פון מענדעלען. ער זאָגט, אַז מענדעלע אַרבעט איבער זיך ווי אַן אמתער צדיק און וועט נאָך אַמאָל דערגרייכן צו גרויסע מדרגות.

איך האָב שוין מענדעלען נישט געזען אַריבער דרייסיק יאָר און וואָלט גערן געוואָלט וויסן, צי יענע עבודה פון פרייד און דבקות אין דער אָטיניער קלויז האָט אים ערגעץ דערפירט אין דעם שרעקלעכן אַרום פון טרויער און רשעות.

ר׳ וואָוויק האָט פון מענדעלען נישט געהאַלטן. ר׳ וואָוויק איז אויך גע־ווען אַ הייסער חסיד פון דער קאָסעווער גזע און דערצו אויך אַ שטאַרקער ליבהאָבער פון מוזיק, אָבער אים זענען געווען פרעמד גוזמאַדיקע זשעסטן און איבערגעטריבענע העוויות, אַפילו ווען עס האָבן זיך אין זיי באַהאַלטן טיפע און לעבעדיקע סימבאָלן. אַזוי ווי ער האָט נישט געוואָלט קאָנקורירן מיט מענדעלען אין הלכות מוזיק, האָט ער אין די נאָכמיטאָגן, ווען דער שכן האָט געטאַנצט אין דער אָטיניער קלויז פאַר גאָט ברוך הוא, אַוועקגעלייגט דעם תנ״ך און אָנגעהויבן צו לערנען דקדוק מיט די תלמידים.

אויך פאַר דקדוק האָט ר׳ וואָוויק געהאַט זיינע אַן אייגענע, אַ פּאָעטישע מעטאָדע. פאַר יעדן גראַמאַטיקאַלישן כלל באַזונדער האָט ר׳ וואָוויק פאַר־פאַסט אַ ליד און די תלמידים האָבן בלויז געדאַרפט לערנען אויף אויסנוויי־

ניק און נאָכזאָגן דעם רביס לידער. די כללים זענען נאָכגעלאָפן נאָך די פערזן.

יאַרנלאַנג האָט ר׳ וואָוויק געאַרבעט אויף דער מעטאָדע און יאַרלאַנג האָט ער געכאָוועט די אַמביציע אַרויסצוגעבן אַ דקדוק אין גראַמען. און אַז ער האָט דעם חלום זיינעם פאַרווירקלעכט, האָט ער איבערגעלעבט אַ גרויסע אַנטוישונג און די אַנטוישונג האָט שיער נישט געפירט צו אַ שריפה אין שטאָט.

מיין רבי ר׳ וואָוויק קוגל שרייבט אַ ספר

ר׳ וואָוויק איז געווען חוץ אַ בעל־דקדוק אויך אַ פּאָעט. מען דאַרף עס נישט פאַרשטיין אַזוי, אַז ער האָט זיך סתם אין דער וועלט אַריין געקענט אַוועקזעצן שרייבן לידער. דאָס נישט. נאָר אויב ס׳האָט זיך געמאַכט אַ געלעגנהייט און מ׳האָט באַדאַרפט האָבן אַ גוטן שיר, האָט מען זיך געווענדט צו ר׳ וואָוויקן.

ר׳ וואָוויק איז נאָך געווען אַ יונגערמאַן, ווען ער האָט געהאָט זיין ערשטן גרויסן דיכטערישן דערפאָלג. ער פלעגט אונדז, תלמידים, נישט מיט ווייניק שטאָלץ ווייזן די קאָפּיע פון דעם ליד, וואָס ער האָט פאַרפאַסט לכבוד דעם קייסער פראַנץ יאָזעפס באַזוך אין קאָלאָמיי. דעם קייסערס וויזיט איז אויסגעפאַלן פונקט אום יום־כיפור. אין אַלע שולן און קלויזן האָט מען פאַר־פרי אָפּגעדאַווענט שחרית און אַרום צען אַזייגער פאַרמיטאָג האָט זיך די גאַנצע שטאָט אַ לאָז געטאָן באַגעגענען דעם קייסערס קאַרעטע. מיט פראַנץ יאָזעפן אויבנאָן איז געזעסן דער לעמבערגער גובערנאַטאָר, אַקעגן אים — דער קרייז־האַופּטמאַן מיטן אַדיוטאַנט, און אויפן באָק לעבן קוטשער — דער קאָלאָמייער בירגערמייסטער ד״ר טראַכטענבערג, וואָס האָט צוליבן קייסערס כּבוד אויף זיך גענומען די עבירה צו פאָרן בפרהסיא אין אַזאַ הייליקן טאָג ווי יום־כיפור.

אָבער דער פייערלעכסטער מאָמענט איז יענעם יום־כיפור תר״מ (1880) — האָט אונדז ר׳ וואָוויק דערציילט — געווען, ווען פראַנץ יאָזעף איז צוגע־גאַנגען צו דער יידישער דעלעגאַציע, האָט אַ קוש געגעבן דער ספר־תורה און דער ראש־הקהל האָט אים דערלאַנגט צוויי פאַרמעטענע לויב־געזאַנגען אויף העברעיש און אויף דייטש. דער לשון־קודשדיקער איז געווען געשריבן פון זאב בן ר׳ משה ראָזנקראַנץ. עס איז נישט שווער צו טרעפן, אַז דאָס איז געווען דער שבת־יום־טובדיקער נאָמען פון מיין רבין וואָוויק קוגל.

פון דעמאָלט אָן איז ר׳ וואָוויק געוואָרן דער אָפיציעלער שטאָט־טרובאַ־דור פאַר אַלע וויכטיקע געלעגנהייטן. און עס קען זיין, אַז שוין אין יענע טעג האָט ער ביי זיך באַשלאָסן, אַז דער העברעיִשער דקדוק איז נישט קיין קלענערער מיוחס פון פראַנץ יאָזעפן און פאַרדינט, אַז מ׳זאָל אים אויסזינגען און באַזינגען אין שיין־געטאָקטע פערזן מיט גראַמען.

איך זאָג, אַז מעגלעך שוין דעמאָלט איז ביי ר׳ וואָוויקן רייף געוואָרן

דער באַשלוס אַרויסצוגעבן אַ ספר, וואָרום דורות תּלמידים זענען דורכגע־גאַנגען דורך ר׳ וואָוויקס חדר און קיינער געדענקט נישט, ווען ס׳איז געווען דער אָנהייב. יעדע גענעראַציע האָט געהאַט איר חלק אין ספר, אָבער בכל דור ודור האָט עס גראָד געהאַלטן ביים פאַרענדיקט ווערן. ווען איך בין אָנגע־קומען צו ר׳ וואָוויקן אין חדר אַריין, איז דער חיבור טאַקע שוין געווען פאַרענדיקט. אַ צוויי הונדערט גלאַטע ווייסע פאַפּנדעקלעך זענען געווען באַ־שריבן מיט פערלדיקע שורות און האָבן געוואַרט, אַז מ׳זאָל זיי אָוועקטראָגן צום דרוקער שמעון טייכער. לעבן די גרויסע פאַפּנדעקלעך מיט פערזן זענען אין שופלאָד געלעגן און געוואַרט קליינע פאַפּנדעקלעך, אויף וועלכע עס זע־נען מיטן שענסטן כתב געווען אויסגעצירקלט אַדרעסן. דאָס האָבן דורות ייִנגלעך צוגעגרייט די נעמען פון די טאַטעס, זיידעס, פעטערס און סתם קרובים פון איצטיקע און געוועזענע תּלמידים, וואָס וועלן קויפן דאָס ספר וויבאַלד עס וועט זיך נאָר באַווייזן.

אין מיין ערשטן זמן ביי ר׳ וואָוויקן איז געשטאַנען די פּראָבלעם פון אַ שער־בלאַט. דער רבי האָט דאָס שער־בלאַט אַליין געצייכנט. אומצאָליקע פּראָיעקטן, וואָס זענען שוין געווען אַרויסגעענדיקט ביז צום לעצטן שטרי־כעלע, האָט ער פאַרבראַקירט. איצט האָט ער פאַר די תּלמידים פאַרגעלייגט די נייסטע צייכענונג. עס איז געווען דער באַקאַנטער ביבלישער מאָטיוו פון צוויי כרובים און אַ שווערד, וואָס שאָקלט זיך אין דער מיטן פון איין זייט צו דער אַנדערער. אָט דער סימבאָל פון דער ערשטער פּאָליציי, וואָס דער רבונו של עולם האָט אָוועקגעשטעלט קעגן מענטש ביים טויער פון גן־עדן, האָט געזאָלט אויסדריקן דעם געדאַנק פון ר׳ וואָוויקס ספר אַזוי צו זאָגן: די העברעיִשע גראַמאַטיק איז ווי אַ שווערד, וואָס לויערט אויף ייִדישע קינדער זיי צו פאַרצוקן, אויב זיי וועלן, חלילה, אויסלאָזן אַ דגש, וואָס קומט דער „פּ" על־פּי דין, און וועלן נישט אונטערשפּרייטן עפּעס אַן „ע" מיט אַ חטף פּתח ווי געהעריק.

איצט קומט מיר פאָר, אַז דער סימבאָל איז אַ צו אַכזריותדיקער. וואָרום קאַרג אַנדערע סכּנות לויערן אויף ייִדן פון אַזויפיל און אַזויפיל זייטן, דאַרף מען נאָך האָבן די שווערד פון גראַמאַטיק, וואָס זאָל פאַר אַ ליאַדע קלייניקייט שווינדלען פאַר די אויגן מיט איר שאַרפקייט און אַרויסנעמען די נשמה? אָבער דעמאָלט, אַרום 1907, זענען געווען רויִקערע צייטן ווי היינט און מ׳האָט באַך, ווייזט אויס, געקענט קומען צום פאָלק ישראל אַפילו מיט גראַמאַטי־קאַלישע פּרעטענזיעס.

ביי שמעון טייכער איז זיין זעצעריי געווען אַ הייליקטום. מ׳האָט אַהין נישט אַריינגעלאָזט סתם אַזוי אַ מענטש, און אַ חדר־ייִנגל אַוודאי נישט. איז

דערפֿאַר די צייט, ווען דאָס ספר האָט זיך געזעצט און געדרוקט (אַ גאַנצן ווינטער און היפּש אין פֿרילינג אַריין), געווען פּאַר אונדז אַ סודותדיקער גאָרטן אָן טירן. מ׳האָט זיך בלויז געקענט אַרויפֿדראַפּען אויפֿן פּלויט און כאַפּן אַ קוק מיטן אויג אָדער אַ קלאַנג מיטן אויער. נייגעריק זענען מיר געווען, האָבן מיר נישט געזשאַלעוועט די יונגע פּיס און געקלעטערט... וואָסזשע האָט מען געזען? מ׳האָט געזען ווי דער רבי נעמט זיך אַרויס די אויגן ביי די הגהות און קרעכצט, אַז דאָס ספר קאָסט אים אַ פֿאַרמעגן און שלעפּט אים אַריין אין חובות. און וואָס די רביצין האָט געזאָגט, האָט מען זיך שוין נישט באַדאַרפֿט באַזונדערס אָנשטרענגען צו הערן, וואָרום קיילע האָט גערעדט הויך און מיט כּוח פֿון מענה־לשון. אירע ווערטער געדענק איך נישט אַקוראַט, אָבער עס דערמאָנט זיך מיר, אַז אירע רייד זענען געווען פֿול מיט שטעכיקן שפּאָט און האָבן נישט אַרויסגעוויזן קיין איבעריקע התפּעלות פֿאַר איר מאַנס ליטעראַרישן אויפֿטו. ר׳ וואָוויק האָט פֿון קיילעס חוזק געהאַט גרויס עגמת־נפֿש און מיר, ערב בר־מצווה־ייִנגלעך, האָבן דערפֿילט די גאַנצע חשיבות פֿון מענער, וואָס מעגן אַראָפּקוקן מיט ביטול אויף אַ ייִדענע. וואָרום, וואָס, מישטיינס געזאָגט, פֿאַרשטייט זי שוין פֿון לשון־קודשדיקן דקדוק?

אַז דאָס ספר איז אַריבער פֿון שמעון טייכערס דרוקעריי צו משה סאַק אין איינבינדער־וואַרשטאַט, האָט פֿאַר אונדז, ייִנגלעך, אויפֿגעהערט די מיסטעריע און מיר זענען געוואָרן גרעסערע מחותּנים ווי דער מחבר אַליין. ביי משה סאַק אין ווערקשטוב האָט אַיעדער פֿון אונדז אויפֿגעלאָדן אויף זיך אַ גאַנצן אָרעם מיט ביכער און אים מיט גרויס גאווה געטראָגן איבער די גאַסן צו ר׳ וואָוויקן אין חדר אַריין. אונטער דער לאַסט פֿון די ספרים האָבן מיר זיך געפֿילט גלייך מיר אַליין זאָלן זיין די מחברים פֿון די שיינע דקדוק־לידער און פֿון דעם וווּנדערלעכן שער־בלאַט מיט די כּרובים. און מיר האָבן ליב געהאַט יעדעס בוך באַזונדער, יעדעס באַזונדער געגלעט און געפּיעשטשעט. מיר האָבן ביי יעדן איינעם פֿון די ספרים געטריקנט די פֿייכטקייט פֿונעם ליים מיט נישט ווייניקער פֿאַרזיכטיקייט און ליבשאַפֿט ווי אַ מאַמע ווישט אָפּ דעם שווייס פֿון איר קינדס שטערן. מיר האָבן געמישט די בלעטער מיט הנאה און מיט דער זיכערקייט, אַז יעדן בלאַט קומט אַ קוש אין באַק פֿאַר זיין ווילקענעוודיקייט.

דער איינבינדער משה סאַק און זיין געזעל חיים ייִדל האָבן אויף אונדז, ייִנגלעך, געקוקט אי מיט שאָדנפֿרייד און אי מיט ביטול. חיים ייִדל האָט הנאה געהאַט, וואָס באַלעבאַטישע קינדער וואַזשען זיך אונטער מיט שווערע ספרים. „נישקשה, — פּלעגט ער אַ זאָג טאָן צו איינעם פֿון אונדז, וואָס האָט

אַקאָרשט אויפגעלאָדן משא, — גיי נאָר פּאָוואָליע, וועסט נישט צעבראָכן ווערן, ביסט נישט פון גלאָז!" און דער איינבינדער משה סאַק פלעגט נישט קענען ליידן, וואָס די גימנאַזיסטלעך צאַצקען זיך צופיל מיט די ביכער. „וואָסי דער מער? — האָט ער אַמאָל אַ געשריי געטאָן. — וואָס גלעט איר אַזוי די ביכער, גלייך ווי זיי וואָלטן געווען הינטלעך?"

חיים יידל דער איינבינדער־געזעל איז געווען דער ערשטער סאַמאָראָד־נער פּראָלעטאַריער, וואָס איך האָב זיך מיט אים באַגעגנט און זיך נעענטער דורכגעשמועסט אין מיין לעבן. ער איז געווען אַ הויכער, באַלייבטער און מיט אַביסל אומגעלומפּערטע באַוועגונגען פון הענט און פיס. דאָס בולטסטע אין זיין פּנים זענען געווען די צוויי אַרויסשטאַרצנדיקע קינבאַקנס — די אָן אַ שיער טרויעריקע קינבאַקנס זיינע. אַזוי ווי איך געדענק אים, האָט ער אויס־געזען ווי אַ צווילינגס־ברודער פון משה לייב האַלפּערינס „האַרשבער דער קוילנטרעגער". באַגלייך מיט האַרשבערן פלעגט ער אומבאַהאָלפן צעשפּרייטן „זיינע צוויי שוואַרצע שווערע הענט", ווען ער פלעגט רעדן מיט אונדז, בליי־כע ריטער פון לאַטייניש ער און העברעיִשער גראַמאַטיק.

פון חיים יידלען האָב איך צום ערשטן מאָל געהערט זינגען לידער פון מאָריס ראָזענפעלד און אַברהם רייזען, און חיים יידל איז געווען דער ערשטער אָרגאַניזירטער יידישער סאָציאַליסט, וועלכן איך האָב געקענט, וואָס איז נישט געווען קיין פירער, נאָר אַ פּשוטער זעלנער. ער האָט זיך מיט גרויס מי געצ־סטאַרעט נאָכצוזאָגן די שווערע עברי, וואָס חבר הילזנראַד האָט געלערנט. פון דעסטוועגן איז חיים יידלען נישט געקראָכן אין קאָפּ אַריין, אַז משה סאַק איז אַן עקספּלאָטאַטאָר. זיין מייסטער משה סאַק איז געווען אַן אָרעמאַן, וואָס איז אינאיינעם מיט אים פאַרשוואַרצט געוואָרן דרייצן־פערצן שעה אַ טאָג ביי דער איינבינדעריי און האָט באַגלייך מיט אים געהאַט קוים אַ מלבוש אַרויפצוציִען.

חיים יידל האָט פיינט געהאַט זיין באַלעבאָס, אָבער נישט ווייל ער „עסט אויף דעם מערוועדט פון זיין אַרבעט", נאָר דערפאַר וואָס משה סאַק איז געווען, ווי ער פלעגט זאָגן, אַ פּריקרע און דאָקוטשליווע יידל, וואָס קיינמאָל איז אים גאָרניט געפעלן. און נאָך האָט ער ניט ליב געהאַט זיין מייסטער פאַר זיין באַלעבאַטישן אָנשטעל און פאַר זיין „פאַרמאַלנאָסט". משה סאַק — האָט חיים יידל פאַר אונדז באַרעדט דעם איינבינדער — איז ווי דער ווינטער. שטענדיק האָט ער אַ פאַרפרוירענע נאָז און אַז דו רעדסט מיט אים, איז טו דיר כאָטש אָן אַ לייבל, אַ רעקל אָדער אַ פּעלץ, אַנישט נעמט ער דיך דורך מיט קעלט. און חיים יידל האָט ליב געהאַט דעם זומער, וואָס ווייס נישט

פון קיין באַלעבאַטישע העפלעכקייטן און עטיקעטעס און פירט זיך ווי אַ נאַש־בראַט, כאַטש נעם אים אַרום און טאַנץ מיט אים אינמיטן די גאַסן.

אין אַ זומערדיקן, בלויען שבת־נאָכמיטאָג שפּאַצירט חיים ייִדל אַ לאַנג־זאַמער און אַ פאַרטראַכטער אויף איינער פון די פריצישע גאַסן אַרום דעם „פּאַלקס־גאַרטן”, אָדער טאַקע אין גאַרטן אויף די אַלעעס, וואָס זענען אויס־געשאָטערט מיט דריבנע קיילעכדיקע שטיינדלעך. ער קייט פון דער קעשענע אַ באַטעמט שבתדיק אייערקיכל, זינגט זיך אַ ייִדיש ליד, וואָס ער האָט זיך אָקאָרשט אויסגעלערנט אין פּועלי־ציון־פאַראיין און פאַרענדיקט געוויינלעך מיט אַ „רוח אין משה סאַקס טאַטן אַריין!” דאָס טוט ער מיט דעם לאָזונג זיינעם צוליב דעם חבר הילזנראַד, וואָס טענהט מיט אים איין, אַז ער מוז זיין קלאַסן־באַוווסט, און אַביסל קילט ער זיך אויך ס'האַרץ אויף משה סאַקן, וואָס רק ס'געפעלט אים קיינמאָל גאָרנישט.

אַחוץ וואָוויקס ביכער האָבן מיר אַלע דעמאָלט ליב געהאַט חיים ייִדלען. איך בין זיכער נישט מגזם, אויב איך וועל זאָגן, אַז משה סאַקס טרויעריקער איינבינדער־געזעל איז אין יענע טעג געווען דער בעסטער אַגיטאַטאָר פאַר סאָציאַליזם צווישן די תלמידים פון וואָוויקס חדר. נישט ע ר האָט גע־ווּסט, אַז ער מאַכט אונדז פאַר סאָציאַליסטן, און נישט מיר האָבן פאַרשטאַ־נען, וואָס עס מיינט סאָציאַליזם. אָבער חיים ייִדלס רייד און לידער האָבן פאַרמאָגט אַזאַ איידעלן און טיפן ריח פון ליבשאַפט צו וועלט און צו פריי־הייט, וואָס האָט נישט נאָר דעמאָלט געוועקט אין מיר און אין מיינע חברים דאָס פיינטעלע מענטש, נאָר ער גייט מיר נאָך עד־היום נאָך, דער ריח, און מונטערט מיך נישט איינמאָל אין שעהן פון ספקות.

נישט לאַנג נאָך יענעם זומער האָט חיים ייִדל פאַרלאָזט קאָלאָמיי און איז אַוועק זוכן גליק אין דער ווייטער אַמעריקע. ווי אַזוי ס'האָט זיך אים דאָ געלעבט, ווייס איך נישט. אָבער ווי אַזוי ער איז געשטאָרבן, בין איך ערשט דאָ אַנומלט געוווּיר געוואָרן. ער איז געשטאָרבן עלנט, באַנטשע־שווייגיש, אין אַן איסט־סיידער שפּיטאָל. ער איז נאָך אַפילו קיין דרייסיק יאָר נישט אַלט געווען.

אַז די אַן ערך דריי הונדערט אַדרעסן, וואָס ר' וואָוויק האָט געהאַט צוגעגרייט, האָבן זיך אויסגעלאָזט, זענען די איבעריקע ביכער געבליבן שטיין פאַרשעמטע און זענען ווי עפּעס איבערנאַכט מיטאַמאָל אַלט געוואָרן. אין איין שיינעם טאָג האָבן מיר געהאָלפן קיילע דער רביצין אַרויפטראָגן די ספרים אויפן בוידעם. טויטע לויפן גיך — זאָגט אַ פראַנצויזיש ווערטל, און דער אָנדענק פון יענע מתים אויפן בוידעם איז אויך גיכער אויסגעוועפּט געוואָרן,

ווי מען האָט זיך געקענט ריכטן. דערמאָנט אין זיי האָט ר׳ וואָוויקס אַ שטי־לער קרעכץ. נישט אַזוי די חובות — האָט ער געזיפצט — ווי די עסקא עסט אים אויף. און קיילע די רביצין ווידער האָט זיך פון צייט צו צייט אַ בייזער געטאָן, אַז דער גאַנצער ספר האָט איר אָנגעקערט אַ צרה אויפן קאָפּ.

ביז אין איינער אַן אָסיען־נאַכט — איך בין שוין לאַנג נישט געווען ר׳ וואָוויקס אַ תלמיד, נאָר בלויז זיין שכן — זענען יענע שיין־געטאָקטע דקדוק־לידער מיטן וווּנדערלעך־געצייכנטן שער־בלאַט ווידער אַרויפגעשווומען אין זכרון צוליב אַ דינסטמיידל, אַ שלימזאַלניצע, וואָס איז נישט געווען פאַר־זיכטיק מיט אַ ליכט אויפן בוידעם.

לכתחילה האָט מען געמיינט, אַז ס׳ברענט אין דער אַטיניער קלויז. פון אונטער דעם בלעכענעם דאַך האָט געשפּאַרט אַ געדיכטער רויך. ביי דודל שמש האָט זיך אין יענער נאַכט די היקעוואַטע צונג צעבונדן און ער האָט קאָמאַנדעוועט מיטן ראַטונעק פון די ספר־תורהס, ווי אַ געבוירענער גבאי. פון דער אַטיניער קלויז ציט זיך אַ פּראָצעסיע מיט ספר־תורהס צו דער גרוי־סער שול. אַלע יידן, וואָס טראָגן די ספר־תורהס זענען אויס עפּעס צוויי מאָל אַזוי הויך ווי בייטאָג. דער הילוך זייערער איז סטאַטעטשנע, ווי ביי מתים. יעדע ספר־תורה איז אָנגעטאָן אין אַ גאָלד־געשטיקט מענטעלע, איז באַהאָנגען מיט זילבער און עלפאַנטביין, ווי אין גרעסטן יום־טוב. דער אומהיימלעכער מאַסקאַראַד איז אָנגעקומען צו דער הויכער שול. די שווערע דעמבענע טויערן האָבן זיך ברייט פאַנאַנדערגעעפנט און אַריינגעלאָזט די שווייגנדיקע יידן מיט דער הייליקער משא אויף די הענט. די ספרים לייגט מען אויס איינס אויף ס׳אַנדער אויפן שולחן. די יידן לויפן צוריק צולייגן אַ האַנט צום ראַ־טונעק.

מיך אַליין געדענק איך אין יענער נאַכט אַ פאַרשלאָפענעם, אַ דורכגע־נעצטן פון דעם נודנעם, דריבנעם רעגן, וואָס האָט נישט אויפגעהערט ריזלען, און אַן איינגעקאָרטשעטן אונטער אַ פּאַק בעטגעוואַנט, וואָס איך טראָג פון מיין זיידעס שטוב, צוויי גאַסן ווייטער, צו מיין פעטער מאָטל פאַניע. אויף די טראָטואַרן זענען אָנגעשטעלט טישן, בענק און קאָמאָדן נישט צום דורכגיין. עטלעכע יידן לויפן דערוויל מיט קאַנען וואַסער, ביז עס וועלן קומען די פייער־לייט. ס׳האָט זיך דערהערט דאָס בריקען פון שטאַרקע פערד און די שאַרפע געפייפעריי פון די פייערלעשערס. איך ווייס נישט פאַרוואָס, אָבער אַז די פייערלייט זענען אָנגעקומען, האָבן די ווייבער גענומען שרייען, וויינען און ברעכן די הענט מיט מער אימפּעט און מיט מער התלהבות, ווי פריער. אַזוי ווערט שטאַרקער דער געוויין ביי אַ לויה, ווען די עגלה פאַרפאָרט און מען דערזעט, אַז עס ווערט ערנסט מיט דער קבורה.

— ייִדן, טראָגט צוריק די ספר־תורהס, ס'האָט געברענט ביי וואָוויק מלמד אויפן בוידעם. אַלטע ביכער פאַרברענט געוואָרן און אַביסל וועש. — אַזוי האָט געשריגן צו דער עדה פון הונדערטער קעפּ מענדעלע פּערעלע דער רביצינס. ייִדן זענען איצט געלאָפן צוריקברענגען די ספר־תורהס פון דער הויכער שול. ווייבער האָבן גענומען צוריקשלעפּן די שטובזאַכן אויף זייערע ערטער. דודל שמש האָט צוריק פאַרלוירן ס'לשון און יעדעס וואָרט, וואָס ער האָט אַרויסגעשטופּט פון זיין מויל, איז אים אָנגעקומען מיט זיבן שווייסן.

אויף דער גאַס איז געוואָרן פריילעך. די ייִדן, וואָס האָבן צוריקגעטראָגן די ספר־תורהס, האָבן געזונגען, און קינד־און־קייט האָט אונטערגעהאַלטן אַ וואָרעמען חסידישן זמר.

איך בין צוגעגאַנגען צו ר' וואָוויקן. ער האָט מיט מיר גערעדט ווי מיט אַ דערוואַקסענעם, זיך געקלאָגט, אַז ס'איז נישטאָ קיין פאַרשטענדעניש פאַר אַ גוטן דקדוק־ספר און אַז די ביכער, וואָס זענען פאַרבליבן, האָט מען נישט אָפּגעהיט ווי ס'קער צו זיין.

— ס'איז געווען אַ מצווה־טויט, — האָט זיך דערהערט אַ שפּאָטיש שמועסעלע צווישן צוויי ווייבער, — קיילע וועט זיך מחיה זיין. אָפּגעראַמט אומזיסטיק מיסט פונעם בוידעם.

יעדעס וואָרט האָט געשטאָכן. ר' וואָוויק האָט זיך געמאַכט נישט הערנ־דיק. ער איז אַריין צוריק אין שטוב העלפן דעם ווייב צונויפשטעלן די זאַכן.

ביי דער שוועל פון אונדזער הויז טרעף איך דעם זיידן מיינעם אין אַ שמועס מיט נטע סאַלפעטער. דער זיידע האָט אַ פאַרטרודטער גראַטעוועט אַ טעפּל זויערמילך און האַלט זיך איצט דערמיט.

— ר' מרדכי, — רופט זיך אָפּ דער אַלעמאָל וויציקער און אַלעמאָל גוט־אויפגעלייגטער נטע סאַלפעטער צו מיין זיידן, — איר ווייסט וואָס איך וועל אייך זאָגן, טאָמער שרייבט וואָוויק אָן נאָך אַ ספר, קען חלילה די גאַנצע שטאָט אַוועק מיטן פייער.

דער זיידע האָט אַ שמייכל געטאָן און, ווי זיין שטייגער איז געווען, גע־ענטפערט מיט פרומקייט:

— אַ גרויסער למדן וואָוויק און אַ ווילדער בעל־דקדוק, און האָט נישט קיין מזל געהאַט צו זיין ספר.

באמת נישט קיין מזל. וואָרום וואָס קען זיין מער שלימזל פאַר אַ בוך, ווי פאַרשלונגען צו ווערן פון אַ כמעט אָפּערעטישער שריפה און די שכנים זאָלן דערמאָנען דעם גייסטיקן אָנשטרענג פון אַ מענטש, ווי ר' וואָוויק מיט אַ געלונגענעם אָדער אומגעלונגענעם וויץ?

פײַוויש האַלאַפּיעטניק און הערש תשעה־באָב

ווען ס׳איז אויסגעבראָכן יענע שריפה, וואָס האָט אַזוי אומדערבאַרעמ־דיק אויפגעגעסן ביז צו דער שפּונטע מײַן רבינס פּאָעטישע דקדוק־ספרים, בין איך, ווי געזאָגט, שוין נישט געווען קיין תלמיד אין ר׳ וואָוויקס חדר. איך בין שוין דעמאָלט בכלל נישט געווען מער קיין חדר־ייִנגל פאַר אַ גאַנצן טאָג. דער חדר איז פאַר מיר און פאַר אַ סך אַנדערע באַלעבאַטישע קינדער שוין געווען בלויז אַ צוגאָב־שול. דער עיקר איז געוואָרן די גימנאַזיע.

יעדן טאָג גאַנץ פרי, אַחוץ זונטיק, האָט מען אָפּגעדאַוונט, אָפּגעגעסן, פאַררוקט די פאַהלעך אונטערן אויער, געכאַפּט דאָס פּעקל ביכער אונטערן אָרעם און זיך געלאָזט אין וועג אַרײַן צו יענער וועלט, וואָס נישט אונדזערע טאַטעס און נישט אונדזערע זיידעס האָבן זי געקענט און וואָס איז אונדז אין משך פון אַכט לאַנגע יאָר צום גרויסן טייל אויך געבליבן פרעמד. איך מיין, די פּוילישע גימנאַזיע. שפּעטער מיט אַ יאָר צוויי, ווען מיר וועלן שוין האַלטן ביים פאַרענדיקן די אונטער־גימנאַזיע, וועלן מיר היילן אונדזער ייִדישן עלנט אין דער אַנטיסעמיטיש־פּוילישער סביבה דערמיט, וואָס מיר וועלן אין די פּויזעס רעדן צווישן זיך פּרינציפּיעל און דעמאָנסטראַטיוו ייִדיש און העב־רעיִש. די חברים פון די העכערע קלאַסן וועלן אונדז דעמאָלט אַרײַנציִען אין אַ קאָנספּיראַטיווער ייִדישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע, וואָס ווערט דאָמינירט פון דעם אידעאַל: העברעיִש און ארץ־ישראל. די יוגנט־אָרגאַניזאַציע האָט אירע קעמערלעך כמעט אין אַלע שטעט מיט גימנאַזיעס אין גאַליציע. דער צענ־טראַל־קאָמיטעט געפינט זיך אין לעמבערג און ווערט אָנגעפירט פון אוני־ווערזיטעט־סטודענטן. יעדעס יאָר אין חודש יולי פאַרזאַמלט זיך אין סטר־דענטן־היים אין לעמבערג אַ קאָנספּיראַטיווער קאָנגרעס פון דער ייִדיש־גימ־נאַזיסטישער יוגנט. דאָרט לעבן מיר, 15־יעריקע ייִנגלעך, איבער אונדזערע ערשטע גרויסע עמאָציעס, ווי דעלעגאַטן און רעדנערס. וואָס עס איז געוואָרן פון אַ סך פון יענע יונגע גימנאַזיסטן, וואָס האָבן זיך אין די יאָרן פון פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה באַגעגנט אויף די קאָנגרעסן אין לעמבערג, וועט זיכער אַמאָל זײַן אינטערעסאַנט צו דערציילן. עס זענען פון זיי אַרויסגע־וואַקסן ייִדישע און נישט־ייִדישע ליטעראַטן און אָנגעזעענע געזעלשאַפטלעכע טוער, מענטשן, וואָס פאַרנעמען וויכטיקע אַמטן אין ציוניזם און מענטשן, וואָס זייער נאָמען קומט פאָר אין יאַן וואַלטינס בוך „אוט אָוו דהי נאַיט“.

דערווייל זענען מיר אָבער בלויז קינדער פון דער ערשטער און צווייטער קלאַס און קענען זיך מיט אונדזער ייִדישן עלנט אין גימנאַזיע קיין עצה נישט געבן. איך און אַ סך פון מיינע חברים קאָמפּענסירן די גויִישע סביבה פון אַ האַלבן טאָג גימנאַזיע מיט איבערגעטריבענער ייִדישער פרומקייט. מיר זענען פרומער, ווי מען פאַרלאַנגט פון אונדז אין דער היים. איך געדענק, אַז פאַר מיר און עלטערע חברים מיינע איז געווען אַ פּראָבלעם, צי דאַרפן מיר ביים קאַטוילישן קלויסטער, וואָס מיר גייען פאַרביי יעדן טאָג אויפן וועג צו דער גימנאַזיע, זאָגן „תעב תתעבנו"...", צי נישט. אויפן שפּיץ פון דעם דאָזיקן קלויסטער האָט אַ משומד אויפגעקלאַפּט מיט גילדענע אותיות דעם שם הויה. קען זיך חלילה — האָט זיך דאָס קינדערשע האַרץ אין אונדז געשראָקן — דער פּסוק באַציִען אויך אויף גאָטס נאָמען! עמיצער פון אונדז האָט געפּסקנט, אַז בשעתן זאָגן דעם פּסוק זאָלן מיר שטאַרק קאָנצענטרירן דעם געדאַנק אויפן קלויסטער און גיך פאַרביילויפן און אין זיך אַ געשריי טאָן: שמע ישראל ד' אחד! און מיר האָבן דאָס מיט אמת־ייִדישער עקשנות, מיט היסטאָריש־ייִדישער עקשנות פּראַקטיצירט טאָג־איין, טאָג־אויס, חדשים־לאַנג.

און אפשר צוליב דער פרעמדקייט אין דער גימנאַזיע האָבן אַ סך פון אונדז נאָך ליבער באַקומען די קלויז ווי פריִער. אין קלויז איז מען נישט נאָר געווען אין סאַמע מיט פון היימישקייט, נאָר דאָרט האָט מען אויך געקענט וויסן, וואָס עס טוט זיך צווישן די דערוואַקסענע. דאָרט האָבן די דערוואַקסענע ייִדן מיט אַן עכטער אומגעצווונגענער טעאַטראַלישקייט אויסגעשפּילט זייער פרייד און זייער טרויער.

פאַר מיר איז דאָס ר' איציקל־שולכל, ווו מיין זיידע האָט געדאַוונט און ווו איך פלעג אַזוי אָפט און אַזוי גערן פאַרברענגען אי מיט ערנסט און אי מיט שפּיל, געבליבן פאַרן גאַנצן לעבן אַן אוצר מיט מענטשן, וואָס גערעדט האָב איך מיט זיי כמעט קיינמאָל נישט, אָבער געקענט האָב איך זיי, אונטערן רעפלעקטאָר פון דער קלויז־אַטמאָספערע, אַזוי גוט, אַז זיי שטייען עד־היום לעבעדיקע פאַר מיינע אויגן.

די זשידעטשויווער חסידים זענען בלויז געווען אַ הייפל אין שטאָט. זיי האָבן זיך פאַרלוירן אין דעם גרויסן המון פון סאַדאַגערער און וויזשניצער. אָבער אַ זשידעטשויווער חסיד האָט זיך עפּעס ווי אויסגעטיילט פון די איבעריקע מיט אַ באַזונדערן אינערלעכן פייער, וואָס האָט אַרויסגעשיינט אויף זיין פּנים און באַלויכטן זיין באַציִונג צו מענטשן. די וויזשניצער חסידים האָבן אין זיך געהאַט פאַלקסטימלעכקייט, אָבער ערגעץ־ווו האָט זייער פּשטות און זייער נגינה געהאַט אַן עוקץ פון שטיפעריש־לייכטזיניקער אָפּערעטע.

דאָס האָט זיך אין אַ געוויסער מאָס אויסגעווירקט אויך אויף דער לעבנס־פירונג, אויף דער צווישנמענטשלעכער מאָראַל זייערער. אַ וויזשניצער חסיד איז געווען אַ פּאָליטיקער.

די אַריסטאָקראַטישע אויפגעבלאָזנקייט פון סאַדאַגערער הויף און די נגידישע גאווה פון זיינע וויכטיקע מקורבים האָט דערווייטערט פון דער רוזשינער גזע דעם אָרעמען שיכט. פאַר אַ געמיינעם ייִד — ווי עס האָט ביי־אונדז געהייסן אַן אָרעמאַן — איז עס געווען זעלישער לוקסוס צו זיין אַ סאַדאַגערער חסיד.

אין זשידעטשויוו אָבער האָט געברענט אַ פייער, וואָס קיינער קען עס נישט אָפּלעשן. אַזוי האָבן וועגן זיך אַליין גע זאָגט די זשידעטשויווער. דאָס פייער האָט קודם־כל געפלאַקערט אין זייערע ניגונים. אין זייער דאַוונען איז שטענדיק געווען אַ שפּאַנונג פון טיפסטער און ערנסטער כוונה. קיין איינציקע מינוט אָפּרו האָט זיך דער זשידעטשויווער ניגון נישט פאַרגונען. האָט דער זמר געמעגט זיין ווי פריילעך און האָפערדיק, האָט פון אים אַלעמאָל דאָך אַרויסגעשפּאַרט דער עלנט פון מענטשן אויף דער ערד און די בענקשאַפט נאָך גאָטס הילף. דער רוף צו גאָט ברוך הוא, ער זאָל העלפן — דאָס איז געווען דער שעה־איין שעה־אויס, מינוט־איין מינוט־אויס־תכלית פון זשידעטשויווער חסידות און איר נגינה.

פייוויש האָלאָפּיעטניק איז געווען דער אמתער טיפּ פון אַ זשידעטשויווער חסיד. האָלאָפּיעטניק האָט ער געהייסן דערפאַר, ווייל ער האָט, אַחוץ אין די עטלעכע שווערע ווינטער־חדשים, געטראָגן שטעקשיך. אַמאָל, אין דער יוגנט, איז ער געווען אַ שטיקל עושר. אין די מיטעלע יאָרן איז ער שוין געווען אַן אָרעמאַן און אַ נאמן ביי די יאַטקעס. איך געדענק אים, ווי ער דאַוונט יום־כיפור פאַרן עמוד. אַ לאַנג פּנים, פאַרלענגערט פון אַ שמאָלער, זיידן־ווייסער באָרד, וואָס ס׳ווייעט פון איר מיט צניעות און מיט שטילקייט. און אָט ביי דעם שטילן און זיידענעם ייִד פייוויש ברענען די תפילות אין מויל. ער גיט אַ געשריי: „ממעמקים״, און איר האָט ס׳געפיל, אַז ער האָט אַראָפּגענידערט אין די סאַמע טיפסטע טיפענישן פון זיין זעל. ער שליידערט אַרויס פון זיך: „קראתיך ד׳ ״, און עס הערט זיך אין זיין קול דער פאַרצווייפלטער געיאָג פון אַ פייערלעשער אויף זיין שטריקליי טער. און מיטאַמאָל, אינמיטן דער הייליקער תפילה, כאָטש מען טאָר נישט מפסיק זיין, כאַפּט פייוויש אָן מיט ביידע הענט דעם עמוד און עס רייסט זיך פון אים אַרויס אויף ייִדיש: „הייליקער טאַטע, ווו ביסטו? העלף!״ ער וואַרפט מיט די הענט, טאַנצט אונטער און פּאַטשט מיט די דלאָניעס. מען זעט ממש ווי פייוויש

זוכט דעם קאָנטאַקט מיטן רבונו של עולם. ער איז אַ שליח ציבור און האָט אַ שליחות נישט סתם שיין אָפּצוזינגען די תּפילות, נאָר צו זוכן תּכלית — דעם רבונו של עולם און זיין הילף.

ער אַליין האָט זיך שטאַרק גענייטיקט אין הילף, אָבער פאַר אים איז זי קיינמאָל נישט געקומען. עפּעס אַ פינצטערער גורל איז אים נאָכגעלאָפן. צוויי פאַרהייראַטע טעכטער זיינע זענען יונג געשטאָרבן און האָבן פּייוויש אויף דער עלטער באַוואָרפן מיט יתומים. ער האָט זיך קיינמאָל פאַר קיינעם נישט געקלאָגט. פונוואַנען איך וויים עס? איך געדענק אַ מעלאָדראַמאַטישן מאָמענט, וואָס זעט אויס ווי אַן אַרויסגענומענער פון אַ ייִדישער טעאַטער־פּיעסע און וואָס איז דאָך נישט מער ווי אַ רעאַליסטישע לעבנס־פּאַסירונג. אין אַ יום־כּיפּור צו נעילה האָט אַ גוי אַרויסגערופן פּייווישן פון דער קלויז אין פּאָליש אַריין אים אָנזאָגן די וויסטע בשורה, אַז די טאָכטער זיינע איז געשטאָרבן. די ידיעה האָט זיך פאַרשפּרייט צווישן די מתפּללים און האָט אַלעמען אויפגעציטערט. וויפל זעלישע קראַפט האָט דאָס געמוזט פאַרמאָגן פּייוויש, קיינעם גאָרנישט צו זאָגן, פאַר קיינעם זיך נישט אַ קלאָג צו טאָן, נאָר ווייטער אָנצוגיין מיט זיין דאַווענען מיט דעם זעלבן ברען ווי פריִער, גלייך גאָרנישט איז געשען?! איך האָב מיך אין אים דעמאָלט גוט איינגעקוקט און מיר געדענקט זיך, אַז עפּעס אַן ענדערונג האָט זיך אין אים דאָך געמערקט. די תּנועות און העוויות פון זיין גוף זענען געוואָרן האַסטיקער און אַלץ מער און מער אָן אָטעם. מיר דאַכט זיך היינט, ווען אין מיין זכרון שווימט אַרויס יענער מאָמענט, אַז גערעכט איז געווען דער בעל־שם־טוב, ווען ער האָט געזאָגט, אַז דעם ייִדנס שאָקלען זיך ביים דאַוונען איז געגליכן צו די באַוועגונגען פון איינעם, וואָס טרינקט זיך. דער ייִד טרינקט זיך אין אַ ים פון עלנט און הילפלאָזיקייט און אַרבעט פאַרצווייפלט מיט אַלע אברים זיך צו דערשלאָגן צו דער יבשה: צו גאָטס הילף.

און דאָס זעלבע יאָר פּורים, אָדער אפשר ס'אַנדערע יאָר, זע איך פּייווישן ביי מיין זיידן ביי דער סעודה. ער איז צעוואָרעמט פון וויין, אָבער נאָך מער פון ווינטשעוואַניעס. מיט אַ פרום־אויסגעאיידלטער מאַניער דערלאַנגט ער יעדן די האַנט און האָט פאַר יעדן אַ באַזונדערע ברכה. שמואל פרידן זאָל דער אויבערשטער העלפן, אַז זיין גרשון זאָל אַרויס פון גוייִשע הענט. און אברהם ריינע לאהס זאָל גאָט ברוך הוא צושיקן אַ גוטן שידוך פאַר זיין עלטערער טאָכטער. און כאַסקל מעכודרען ווינטשט ער, אַז בעזרת השם יתברך זאָל דער שידוך, וואָס ער האָט געטאָן, זיין אַ זיווג מן השמים. די ווינטשעוואַניעס האָבן זיך דערעיקרשט געדרייט אַרום שידוכים און עס האָט פון זיי געשלאָגן מיט אַזוי פיל צער פון פאַרשעמטע ייִדישע מיידלעך.

אַז טאַטעס זענען די אויגן פֿייכט געוואָרן אינמיטן דער גרויסער פֿרייד פֿון פּורים און משפּחה־ווייבער האָבן שטיל געכליפּעט אין די ווינקלען.

די שטוב, ווו עס איז פֿאָרגעקומען די פּורים־סעודה, איז געווען איבער־געטיילט מיט אַ ווענטל פֿון ברעטער. דאָס ווענטל האָט דערציילט פֿון מאַ־טעריעלער ירידה. פֿון יענער זייט ברעטער האָט די באָבע, עליה השלום, גע־עפּנט אַ געוועלבל און אַרויסגעהאָלפֿן דערמיט אין דער פּרנסה. פּייוויש האָט שוין אָפּגעווינטשעוועט יעדן. איצט טאַנצט ער אין די זאָקן ביי די ראַנדן פֿונעם טיש. ס׳איז עפּעס אַן אַלטער מנהג אין יענע קאַנטן, וואָס איך האָב נישט געקענט דערגיין זיין סימבאָל. מעגלעך — עס איז בלויז אַ השערה פֿון מיין זייט — אַז דאָס טאַנצן ביי די ראַנדן סימבאָליזירט דאָס ניצול ווערן ביי די ברעגעס פֿון די גרויסע אומגליקס־ימען.

פֿלוצים האָט עפּעס אַן איינפֿאַל אָפּגעשטעלט פּייווישן. ער בייגט זיך אַריבער פֿונעם טיש צום ווענטל און קלאַפּט מיט די פֿויסטן אויף די ברעטער: „איך וויל נישט די ברעטער, דער אויבערשטער זאָל העלפֿן ס׳זאָל זיין בריי־טער!" דער געלונגענער וואָרטשפּיל האָט אין זיך נישט געהאַט קיין ברעקל שטיפֿערישקייט און גוט־אויפֿגעלייגטקייט. ער איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן מיט דער זעלבער טיפֿער און ערנסטער כוונה, ווי דער יום־כּיפּורדיקער „פֿון דער טיפֿעניש רוף איך דיך, גאָט". ביי פּייווישן איז די וואָרט־המצאה זיינע געווען ווי עפּעס אַ בריקל, וואָס איז אים געלונגען צו וואַרפֿן איבער אַ שטורמישן טייך. איצט איבער דעם בריקל און איבער די ווערטער וועט ער דערגיין צו גאָטס הילף פֿאַר מרדכין, וואָס דאַרף נעבעך האָבן אַביסל הרחבה אין דער פּרנסה. איבער אַלע וועגן, איבער פֿרייד און טרויער, איבער תּפֿילה און ווינ־טשעוואַניע, איז פּייוויש געגאַנגען צו זיין גרויסן תּכלית: אויספּועלן הילף פֿאַר ייִדן ביים רבונו של עולם.

מען וואָלט לייכט געקענט געפֿינען אין פּייוויש האָלאָפּיעטניק געמיט־ענלעכקייטן צו דער גרויסער חסידישער פֿיגור פֿונעם באַרדיטשעווער רבֿ. באַגלייך מיטן באַרדיטשעווער איז די פֿרומקייט זיינע און זיין גאָט־זוכעניש נישט געווען קיין סתּם־קונסט לשם קונסט גאָט־דינעניש, נאָר האָט זיך גע־שטעלט דעם פּראַקטישן ציל פֿון באַהילפֿיק זיין די ייִדן. איך טו אַלץ — האָט דעם באַרדיטשעווערס תּלמיד, פּייוויש האָלאָפּיעטניק, זיך געטראַכט — וואָס אין מיינע כּוחות, אפֿשר וועל איך קענען אויספּועלן אַביסל הילף פֿאַר אַזויפֿיל עלנטע ייִדן. עס איז קליין־השגחהדיק פֿונעם שטאַנדפּונקט פֿון דער גאָט־קאַב־צעפּציע, אָבער גרויס, ווען איר קוקט דערויף מיט אויגן פֿון ליבשאַפֿט צו מענטשן און ליבשאַפֿט צו ייִדן. נישט אומזיסט האָבן ייִדן געהאַלטן דעם באַרדיטשעווער פֿאַר אַ גרויסן אוהבֿ־ישׂראל און אים געשטעלט העכער פֿון

אַ סך אַנדערע פון זיין דור. די ליבשאַפט צו אידעע איז אַ קלענערע מדרגה ווי ליבשאַפט צו מענטשן.

און דער היפוך פון פּייווישן איז אין ר׳ איציקל־קלויז געווען הערש תשעה־באָב. עס איז אַ ייִד נישט ווייניקער פרום פון פּייווישן. ער איז דער ערשטער ביים דאַווענען און דער לעצטער אַוועקצוגיין. ער האָט קיינמאָל נישט קיין צייט צו ריידן מיט אַ מענטש, ווייל שטענדיק זאָגט ער עפּעס. מייסטנס זאָגט ער תהילים. ער האָט נישט קיין צייט אַ שמייכל צו טאָן און נעמט אויף זיך דערפאַר אַזאַ ביטערן צונאָמען ווי תשעה־באָב, ווייל שטענדיק איז ער אַריינגעטאָן אין דער שטרענגקייט פון עבודת הבורא. ער זוכט נישט קיין באַזונדערע וועגן צו גאָט, כדי צו דערפילן עפּעס אַ שליחות פאַר זיך אָדער פאַר אַנדערע. ער דאַוונט און זאָגט תהילים, ווייל ער דאַרף יוצא זיין אַקעגן גאָט, ווייל דאָס לעבן איז געשטעלט געוואָרן צו דינען דעם אויבערשטן אָן אַ פאַרוואָס און אָן אַ פאַרווען.

ער טראַכט תמיד, הערש תשעה־באָב, אַז בעסער זאָל זיינס איבערגיין, זאָל ער האָבן געזאָגט מער אַ קאַפּיטל תהילים און זאָל ער האָבן געלייגט צוויי פּאָר תפילין. און שבת? שבת וועט ער אויך אָנהייבן מיט עטלעכע שעה פריִער און פאַרענדיקן מיט עטלעכע שעה שפּעטער. פרייטיק צוועלף אַזייגער ביי־טאָג טוט ער אָן די ייִדענע קאַפּאָטע, דאָס שטריימל, נעמט אַ סידור אונטערן אָרעם און גייט אין ר׳ איציקל־שולכל. יונה שמש איז דער ייִד דערווידער. ער פלאָנטערט זיך אים אונטער די פיס. יונה נעמט זיך אויסקערן די קלויז אויף שבת, אָפּשטויבן די פּרוכתן, אויסווישן אין אָרון־קודש. הערט ער ווי הערש תשעה־באָב, אַן אָנגעכמורעטער, שרייט: יונה, אַזוי שפּעט? ווילסט מחלל שבת זיין? נישט איינמאָל רייסט זיך ביי יונהן אַ שאַרף וואָרט קעגן דעם תשעה־באָבדיקן ייִד, וואָס האַלט מער פון אַ לאַנגן שבת איידער פון אַ גרויסן רח״ש.

יונהס כעס טראָגט זיך אַריבער אויף אונדז, יונגע חברה. אונדז געפעלט אויך נישט הערש תשעה־באָב. ערשטנס, האָט יונגוואַרג נישט ליב וואָס ער שמייכלט קיינמאָל נישט. צווייטנס, ציינדט אין אונדז יונה שמש דעם גייסט פון שקאָצעוואַטער רעבעלישקייט. און דריטנס, האָבן מיר אויך פערזענלעך צו ליידן פון הערש תשעה־באָבס שבת־אויסגעהאַלטנקייט. מיר זענען געווען פאַראינטערעסירט ממש מאַטעריעל צו מאַכן רעוואָלוציע קעגן ר׳ הערשן.

די שענסטע צייט פאַר יוגנטלעכן שפּיל און טרוים אין קלויז איז בלי שום ספק אין די ווינטערדיקע שבת־פאַרנאַכטן. אין קלויז איז שוין האַלב־טונקל, ייִדן זיצן ביי שלוש־סעודות און ציִען דין־פּעדעמדיקע ניגונים, וואָס פאַרשפּינען דעם בין־השמשות, ווי מיט פּאַוועטינע. לעבן פּסולן אָרון־קודש

זעצן מיר זיך עטלעכע ייִנגלעך אַרום גרשון אײַזנטאַלס בכור, וואָס דערציילט אונדז פּאָר געצאָלטס (אַ גרייצער פּער קאָפּ) אַ מעשה וועגן אַ יונגער מאַמע, וואָס האָט געוויינט נאָכן טויט, ווייל זי האָט איבערגעלאָזט קליינע יתומים, און וועגן מהרש״ל, וואָס האָט געבענטשט זיינע אַ טאָכטער מיט דער ברכה, אַז אַלע דורות, וואָס וועלן פון איר אַרויסקומען, זאָלן זיין צווילינגען, און דערפאַר הייסט די משפחה רבנים, וואָס שטאַמט פון אַט דער טאָכטער, תאו־מים (צווילינג). מיר פּרוּוון מיט די אויגן דורכשטעכן די פינצטערניש און כאַפּן אַ קוק אויף אונדזער דיין ר׳ חיים צבי תאומים, צי ער זעט טאַקע אויס ווי אַ צווילינג.

אַנדערע עטלעכע ייִנגלעך בושעווען צווישן די שטענדערס. זיי ווילן זיך כאַפּן איינער דעם אַנדערן אין דער פינצטער און קלאַפּן זיך אויס אויף די שטערנס ביילן, ווי די פויסטן. יונה שמש שרייט אָן: „חברה, לאָזט אָפּעסן שלוש־סעודות!״ דערהערט אָפּעסן, ווערט בערעלע דעם מעטניקס ווילד. ער דערמאָנט זיך, אַז ער איז הונגעריק ווי אַ וואָלף, אַז ער האָט אַ גאַנצן נאָכ־מיטאָג נישט געגעסן, ווייל די פרומע מומע האַלט, אַז פאַר מעריב מעג מען נאָר עסן שלוש־סעודות. און ביים שלוש־סעודות אין קלויז טיילט מען צו אַ כזית קויליטש מיט פיש, פונקט אויף איין צאָן.

— ר׳ יונה, — צעשרייט זיך בערעלע מיט אַ קול פון אַ מאַסן־מיטינג, — מאַכט ליכט, וועט מען דאַוונען מעריב.

— מען זעט נאָך נישט קיין שטערן, — ברומט אַריין אין דער פינצטער־ניש הערש תשעה־באָב און וועקט ביי אונדז אַלעמען אַ פלוצימדיקן הונגער און מאַכט אונדז רעבעליש, — זיי ווילן מחלל שבת זיין!

ווי מיאָווקענדיקע קעץ זענען עטלעכע פון אונדז מיט אַ געקוויטשעריי אויסגעוואַקסן אונטערן שלוש־סעודות־טיש, און בערעלע דעם מעטניקס האָט אין אונדזער אַלעמענס נאָמען און מיט אונדזער אַלעמענס ברכה אַ קניפּ גע־טאָן דעם אַלטן הערש תשעה־באָב. ער האָט אַ ברום געטאָן ווי אַ פאַרוווּנדע־טער בער און מיט צען צענטער בייזקייט אין קול אַריינגעוואָרפן אין דער פינצטערניש:

— יונה, מאַך ליכט, די שקצים הוליען!

אויף ווי ווייט איך געדענק, האָט זיך פון דעמאָלט אָן אויך פאַר הערש תשעה־באָב געענדיקט דער שבת אַ היפּש ביסל פריִער.

חזקה ביי דער תורה אין ר׳ איציקל־שולכל

דאָס ר׳ איציקל־שולכל איז געדיכט באַפּעלקערט. שטענדערס שטייען ביינאַנד אין גרויס ענגשאַפט און עס זענען אויך פאַרנומען אַלע „שטעט״ ביים לאַנגן טיש לעבן ספרים־אַלמער און ביים טישל, וואָס לעבן פּסולן אָרון־קודש. אַפילו פון ביידע זייטן שולחן זיצן פיר ייִדן אויף זייערע שטעט. און יעדע „שטאָט״ איז אַ ירושה פון אַ זיידן, אַן עלטער־זיידן אָדער פון נאָך אַ ווייטערן דור. און פונקט ווי זייערע שטעט, האָבן אַלע ייִדן דאָ אויך געירשנט זייערע עליות צו דער תורה. ייִדן־גבירים קענען דאָ גאָרנישט אויפטאָן. ס׳איז נישטאָ וואָס צו קויפן. אַלץ איז דאָ געגרונטפעסטיקט אויפן אַלטן רעכט פון ירושה און חזקה.

טרעפט טאָקע דערפאַר, אַז אַן אָרעמער ייִד, וואָס אינדערהיים וואַרט אויף אים אַ מאָגער שבתדיק מאָלצייט, האָט כאָטש אין קלויז הנאה ביז צו זעט פון זיין פעטער עליה. און אַן אויפגעקומענער עושר האָט נישט קיין פרייד פון זיין שבת, וואָרים ער קען זיך נישט דערשלאָגן צו אַ ביסל כבוד צווישן די שטאָלצע אָרעמעלייט פון ר׳ איציקל־שולכל.

און יעדער היט די חזקה, זיינע און דעם אַנדערנס, ווי אַן אויג אין קאָפּ. פאַראַן דאָרט מענטשן אויפגעקלערטע, וואָס מאַכן שוין נישט איין פאַלבאַנע אין דער רעליגיעזער טראַדיציע. אָבער קיינעם פון זיי ווערט נישט איינפאַלן מוותר צו זיין אַפילו אויפן קלענסטן קנייטש פון זייער חזקה. דער אויפגע־קלערטער ציטערט איבער זיין עליה דעם ערשטן טאָג ראש־השנה, וואָס ער האָט בירושה פון זיין זיידן, נישט ווייניקער ווי דער סאַמע פרומסטער ייִד.

דאָס דאָזיקע רעכט פון חזקה האָט מען, ווי געזאָגט, אַלגעמיין רעס־פּעקטירט. נאָר איינמאָל, געדענק איך, האָט די פרומקייט זיך צעבונטעוועט און דורכגעבראָכן דאָס קאָנסערוואַטיווע געזעץ פון ירושה, און דאָס מאָל אויך נישט חלילה צוליב אַ פרעמדן, נאָר צוליב אַ ייִנגערן ברודער. אינטערעסאַנט איז געווען די פאָרם פון דער רעוואָלוציע. די ייִדן אין ר׳ איציקל־שולכל האָבן אין יענעם שמחת־תורה געמאַכט אַ מין שטרייק.

אַ גאַנצן שמיני־עצרת נאָכמיטאָג איז מען געזעסן ביי יהושע העשל דיין און געפּראָוועט די אמתע פרייד פון דער תורה. די דיינטע האָט זיך אַלעמאָל פלוצים דערמאָנט אין אַ נייער פאַן געבראָטנס, וואָס איז נאָך פאַרבליבן אין קיך־רייער. און אין דער נייער פאַן איז „צופעליק״ געווען דאָס אמתע שטיקל

געפילטע קישקע און לעבן דער פאַן האָט זיך אויך, פאַרשטייט זיך, גאַנץ צופעליק פאַרקליבן אַ בלעך מיט דעם סאַמע גראָטנסטן קאַשע־שטרודל. האָט מען שוין געמוזט עפענען אַ ניי פעסל ביר און דאָס געזאַנג און דער טאַנץ האָבן געפלאַקערט אין די גראַמאַיקע שטיבער און זיך געטראָגן איבער דעם „בלינדן געסל״ צו דער ברייטער פּריצישער יאַגעלאָנסקאַ־גאַס. פּאָליאַקן האָבן נישט געוווּסט ווי זיך צו אייגענען: הנאה האָבן פון די זיסע מעלאָדיעס, צי גאָר ווערן אין כעס אויף די זשידעס, וואָס פאַרשרייען די גאַסן מיט זייער זשאַרגאָן. און עס האָט טאַקע פאַר פרעמדע אויערן געמוזט קלינגען ווי זשאַר־גאָן, ווען ר׳ הערש ראָזענבאַום (אַ ייִד, וואָס איז געווען אַ האַלבער משכיל און אַ טאַטע פון שטודירטע קינדער) האָט מיט זיין ווייכן, לאַשטשענדיקן באַריטאָן געצויגן לידער פון אַ וואָרט ייִדיש און אַ וואָרט אוקראַיִניש, אַ פּסוק לשון־קודש און אַ פּסוק גויאיש:

אבהמעניו, זיידעניו נאַש,
טשעמו נע כאָדיש טאַי נע פּראָסיש
פּאַנאַ באָהאַ זאַ נאַס?
אַבי נאַס וויזוואָליטי
לארצנו נאַש!

(אברהמעניו, אונדזער זיידע,
פאַרוואָס גייסטו נישט און בעטסט נישט
גאָט פאַר אונדז?
אונדז צו באַפרייען
אין אונדזער לאַנד!)

קיינעם פון די דערוואַקסענע און אויך קיינעם פון אונדז, יונגוואַרג, וואָס זענען געזעסן און האָבן זיך צוגעהערט צו דעם געזאַנג מיט אַן אָפן מויל און אַן אָפן האַרץ, האָט דער שפּראַך־געמיש נישט געשטערט. פאַרקערט, דער מאָדנער צונויפשטעל פון דריי לשונות האָט אַרויסגערופן די סענסאַציע פון עפּעס אַ העכערער, מיסטישער שפּראַך, וואָס איז כולל אין זיך דעם עלנט און דעם צער פון אַלע מענטשן און די בענקשאַפט נאָך אויסלייז פון אַלע פעל־קער. און אין וואָס פאַר אַ היימישער נאָענטקייט האָט דער חצי־ייִדיש און חצי־גויִש איינגעהילט די ביבל־געשטאַלטן? אברהם, דער שטורמישער צעשטערער פון זיין פאָטערס געטער, איז געוואָרן אַ מילדער און געטרייער זיידע, וואָס אַ ליאַדע עלנטער מענטש קען צו אים צוגיין בעטן אַ טובה און ער מעג זיכער זיין, אַז ער וועט פועלן.

נאָך אַזעלכע האַלב־גויאישע און האַלב־ייִדישע לידער אום שמחת־תורה

ווערט אויך פאַרשטענדלעך, ווי אַזוי עלטערע פרומע ייִדן האָבן געקענט פאַר־געסן אין די זיידענע זשיפּיצעס און אין די סויבלענע שטריימלעך און טראָגן אינאיינעם מיט ווייסע־חברהניקעס ברענענדיקע שטורקאַצן איבער די גאַסן. פון דעם בלינדן געסל, ווו עס איז געשטאַנען ס׳הויז פונעם דיין ר׳ יהושע העשל זילבער, האָט די פאַקעל־ און געזאַנג־פּראַצעסיע דורכגעשניטן די פּרי־צישע יאַגעלאָנסקאַ־גאַס און זיך געצויגן פאַרביי די כשרע יאַטקעס צו די קלויזן. אַז מען איז אָנגעקומען צום ר׳ איציקל־שולכל, האָט דאָס יונגוואַרג גענומען לעשן די שטורקאַצן און זיי פאַרזאָרגן אונטער דער קאָמאַנדע פון יונה שמש. די עלטערע ייִדן האָבן אינדערווייל אַריינגעטאַנצט אין קלויז אַריין מיט דעם אַביסל פאַרשייטן געזאַנג פון יום־טובדיקן מעריב. אין דער שפּיץ פונעם געזאַנג האָט זיך געטראָגן צום עמוד די דינע, איידעלע פיגור פון פּייוויש האַלאַפּיעטניק מיט אַ געקרייזלטן „המעריב ערבים״.

און פּלוצים האָט זיך אַלץ ווי אָפּגעשטעלט אינמיטן. ייִדן האָבן זיך פאַר־קירעוועט צו די שטענדערס און זיך אַוועקגעזעצט כאַפּן אַ שמועס. פּייוויש האָט אַראָפּגעשלונגען זיין „המעריב״ און זיך מיט אַ הייפל זינגערס אַריינ־געלאָזט אין סתם עפּעס אַ חסידישן זמר. מען האָט נישט באַדאַרפט האָבן קיין באַזונדער געניט אויג אויף צו באַמערקן, אַז די בעלי־בתים פון ר׳ אי־ציקל־שולכל האָבן דערקלערט אַ שטרייק. זיי האָבן באַשלאָסן זיך נישט צו שטעלן דאַווענען ביז...

ביז שמואל הערמאַן, וואָס איז געזעסן אין דער מזרח־וואַנט און האָט געוואַרט אויף זיין חזקה, וועט נמאס ווערן צו וואַרטן און ער וועט אַוועקגיין. דער אַלטער שמואל איז געזעסן אויף איינער פון זיין פאָטערס שטעט אין מזרח. ער איז געווען אָנגעטאָן דייטש. ער האָט געטראָגן אַ „שלוס־ראָק״ און אַ האַרטן קאַפּעליוש. דאָס צעקנייטשטע פּנים זיינס איז געווען אַרומגערעמט מיט אַ ווייסער, זייער קורץ געשוירענער באָרד. ער האָט צו קיינעם נישט גערעדט. ער האָט נישט אַריינגעקוקט אין קיין ספר. ער האָט דערצו נישט געהאַט קיין געדולד. זיין גאַנצער אויסזען האָט אויסגעדריקט געשפּאַנטע דערוואַרטונג.

פון די צוויי זין, וואָס דער שוין לאַנג פאַרשטאָרבענער ליפּא יום־טוב הלוי הערמאַן, דער אַמאָליקער הויפּט־גבאי פון ר׳ איציקל־שולכל, האָט אי־בערגעלאָזט, איז נאָר דער ייִנגערער, מאָטיע, געגאַנגען אין פאָטערס דרכים. מאָטיע האָט זיך געפירט פרום־ייִדיש. ער האָט איבערגענומען דעם פאָטערס גבאות און אויך אַלע איבעריקע חזקות. דער עלטערער, שמואל, איז נאָכן פאָטערס טויט בכלל געוואָרן אויס דאַוונער. פון ר׳ איציקלס קלויז איז אָפּ־גערעדט. אַפילו ראש־השנה, יום־כיפור איז ער אַהין נישט געגאַנגען, נאָר

האָט „געלייענט צייטונגען” צווישן די דייטשן אין דער הויכער שול. אַלע קלויז־חזקות האָט ער צוגעלאָזט דעם יינגערן ברודער, נאָר אויף איינער, וואָס איז אים, ווייזט אויס, באַזונדערס געווען איינגעבאַקן אין האַרץ, האָט ער נישט געקענט מוותר זיין.

אויף דער נאַכט פון שמיני־עצרת צו שמחת־תורה לייענט מען פאַר די הקפות די תורה. איינגאַנצן דריי עליות פאַר דריי געהויבענע יידן, וואָס גייען צו ס׳איינציקע מאָל אין יאָר אָן אַ טלית צו דער תורה. אַמאָל זענען די דריי יידן געווען: שלמה חלפן — כהן; ליפע יום־טוב הערמאַן — לוי; און זכריה מענדל דיין — שלישי. איצט האָבן זייערע זין די חזקה. און פון אָט דעם לוי אָן אַ טלית קען זיך ליפע יום־טובס עלטסטער זון נישט אָפּזאָגן. אין יענעם אויפדערנאַכט שטעלט מען זיך געוויינטלעך שפּעט דאַווענען. מען פאַרזיצט זיך ביי יהושע העשלען און מען וויל לאָזן די ווייבער געננג צייט צוצוגרייטן ס׳עסן.

שמואל הערמאַן זיצט פון שפּעטן נאָכמיטאָג אָן אין קלויז און היט זיין חזקה. ער קוקט זיך אויס די אויגן, מען זאָל שוין צוריקקומען פונעם „זיץ”. ער קען זיך נישט דערוואַרטן ביז מען וועט אָפּדאַווענען. עס פרעסט אים אָן אומגעדולד, ביז ענדלעך דערהערט ער: יעמוד ר׳ שמואל בר׳ ליפּא יום־טוב הלוי. ער הייבט זיך אויף, גייט צו מיט דער פאַרעקשנטער מינע פון איינעם, וואָס האָט בייגעקומען אַלע שטרויכלונגען און האָט ענדלעך דערגרייכט. מען לייענט אים פאַר מיטן יום־טובדיקן נוסח: „וללוי אמר...” ער זאָגט טרוקן די ברכה, ס׳זאָל קיינעם נישט איינפאַלן, אַז ער דאַנקט פאַר עפּעס, וואָס איז זיינס על פּי חזקה. פונעם שולחן קערט ער זיך אַפילו נישט אום פאַר יוצא־וועגן צום שטענדער. ער גייט תיכף אַהיים, קערט זיך אום צו זיין אויפגע־קלערטקייט, צו זיין דייטשקייט.

אין יענעם שמחת תורה, וואָס איך געדענק, האָבן יידן געלאָזט שמואל הערמאַנען לאַנג וואַרטן. ס׳איז אָנגעגאַנגען אַ צוויי־דריי שעה אַ פאַרביסענער געראַנגל צווישן דער פּלוצים רעבעליש־געוואָרענער קלויז און אַ יידן, וואָס האָט געדופעט אויף זיין חזקה. ווער וועט האָבן מער געדולד און עקשנות? ס׳האָט מנצח געווען קהל. שמואל הערמאַן איז, ווייזט אויס, שוין געווען צו אַלט און זעליש געבראָכן. ער איז אַוועק מיט רציחה. ער האָט אַ קלאַפּ געגעבן מיט דער טיר אַזש די ווענט האָבן אַ ציטער געטאָן און איז מער קיינמאָל נישט געקומען צוריק. ער איז, לויט איך דערמאָן זיך, נאָך דעם זעלבן ווינטער געשטאָרבן.

לייבושל דער בלינדער און די שריפה אין אַלטן בית־המדרש

אָבער דערפאַר איז פאַראַן אַ ייִד אין ר׳ איציקל־קלויז, וואָס האָט גאָר־נישט קיין זכות־אבות און קיין שום חזקה און פונדעסטוועגן, אויף ווי ווייט עס דערלויבט די איינגעשטעלטע אָרדענונג פון געירשנטע רעכט, גיט מען אים אָפּ באַזונדערן כבוד. עס איז ל י י ב ו ש ל ד ע ר ב ל י נ ד ע ר. ער איז אַ יונגערמאַן ביים סוף פון די דרייסיקער און שוין מער ווי אַ צענדליק יאָרן בלינד. אַז ער האָט פאַרלוירן די ראיה, האָט ער געמוזט אויפגעבן ס׳מלמדות, און אַזוי ווי קיין קינדער האָט ער נישט געהאַט, האָט ער אָפּגעגט ס׳ווייב און איז געגאַנגען פאַרברענגען זיינע יאָרן אין אַ מושב־זקנים. עס איז געלעגן עפּעס טיף טראַגישעס אין דעם פאַקט, וואָס אַ יונגערמאַן האָט זיך צוליב אָרעמקייט און בלינדקייט געמוזט דערקלערן פאַר צוויי מאָל אַזוי אַלט ווי ער איז געווען.

זיין פיזיש לעבן האָט לייבושל פאַרבראַכט צווישן די זקנים. מיט זיי אינאיינעם האָט ער אַלע טאָג געגעסן, אַחוץ שבת. צווישן די פּופצן בעטן אין איין גרויסן צימער איז אויך געשטאַנען זיין בעטל. מיט זיי אינאיינעם האָט ער כמעט יעדן טאָג אַרויסבאַגלייט אויפן עולם־האמת איינעם פון די אַלטע. מיט זיין גייסטיקן לעבן אָבער האָט ער זיך פון זיי אָפּגעזונדערט. ער איז געווען יונג און רירעוודיק און האָט זיך אויסגעלערנט אַליין, בלינדערהייט, צו וואַנדערן איבער קאַלאָמייער גאַסן.

אין ר׳ איציקל־קלויז האָט ער געהאַט זיין שטאָט ביים טישל לעבן פּסולן אָרון־קודש. ס׳קען זיין, אַז דער סימבאָל פון אַ פּסולן אָרון־קודש האָט זיך ממש געבעטן אין די הענט אַריין, אָדער ס׳האָט אים עמעצער צוגעטראָגט. ווי אַזוי ס׳זאָל נישט זיין, איך האָב אָפּטמאָל געהערט זאָגן וועגן לייבושל דעם בלינדן, אַז ער איז געווען אַ ספר־תורה און זיינע בלינדע אויגן זענען דאָס געווען די גרייזן, וואָס האָבן זי פּסול געמאַכט. זיין פּנים איז טאָקע גע־ווען שטרענג און פאַרביסן ווי אַ צונויפגעוויקלטע פאַרמעטענע יריעה. ער שטייט אויסגעדרייט מיטן פּנים צום פּסולן אָרון־קודש און דאַוונט מיטן מנין פאַר זיך ביחידות. ער קען נישט נאָכהאַלטן דעם בעל־תפילה. וויבאַלד עס געפעלט אים עפּעס אַ וואָרט ביים דאַוונען, בלייבט ער שטיין און זאָגט עס איבער עטלעכע מאָל מיט עקשנות און רוגזה, גלייך ווי ער זאָל זיך וועלן איינעסן אין אים. אָט הער איך, גלייך ווי היינט זאָל עס זיין: „את צמח דוד״,

און דערנאָך אַ האַלבע שעה לאַנג אַלעמאָל אַן אַנדערע וואַריאַציע: „צמח את דוד״ און „דוד את צמח״, און ביי די ווערטער, וואָס ער פאַרהאַלט זיך, ג׳יט ער אַלעמאָל אַ זעץ מיטן שטערן צום אָרון־קודש. דער שטערן זיינער איז תמיד פול מיט ביילן. מען פאַרשטייט נישט, ווי אַזוי ער האַלט דאָס אויס. נישט איינמאָל האָט עמעצער פון אונדז, יינגלעך, געפּרוווט אַ לאַך טאָן, אָבער דער לאַך איז עפּעס פאַרפרוירן אָפּגעשטאָרבן. פון לייבושל דעם בלינדנס העוויות האָט מען נישט געקענט לאַכן.

ס׳האָט געשראָקן דער כבוד, וואָס אַלטע בעלי־בתים האָבן אָפּגעגעבן דעם יונגנמאַן פון מושב־זקנים. פאַרנאַכט־צו אָדער אין אַ שבת נאָכמיטאָג האָט זיך אַרום לייבושלס טישל אין קלויז פאַרזאַמלט אַן עולם לערנערס. איינער האָט פירגעזאָגט — געוויינטלעך דער אַלטער מרדכי־איציע — און לייבושל האָט אַלעמאָל אָפּגעשטעלט און געגעבן זיינע שאַרפע טייטשן. דער עולם קוקט זיך איבער אַ פאַרחידושטער און אויף אַלעמענס פּנימער לייענט מען: פּלאי פּלאים, אַ ווילדער קאָפּ דער בלינדער! און אַלץ אויף אויסנווייניק. און טאָמער איז זיך אַמאָל דער פירלייענער טועה, היפּערט איבער אָדער זאָגט שלעכט אַרויס אַ וואָרט, פאַלט אויף אים לייבושל אָן מיט אַ געבייזער, ברומט מיט רוגזה און שטעלט זיך אַפילו נישט אָפּ פאַר אַ זידלוואָרט: „מאַכט קאַליע די ווערטער, דער גוי!״ — זידט עס אַרויס פון אים ווי פון אַ קעסל.

און דער אַלטער מרדכי איציע באַליידיקט זיך נישט. פאַרקערט. ער באַרויקט לייבושלען מיט מילדקייט: „זייט מוחל, ר׳ לייבוש, ס׳מאַכט זיך, מען פאַרזעט אַמאָל״. היינט, ווען איך דערמאָן זיך אין יענער סצענע, ווערט מיר קלאָר, אַז לייבושל האָט גאָרנישט געמיינט דעם אַלטן מרדכי איציע. ער האָט גאָר אָנגעשריגן אויף זיינע תלמידים אין חדר, וואָס ער האָט געזען פאַר זיך זיצן מיט צען יאָר צוריק. מרדכי איציען און די אַלטע ייִדן, וואָס האָבן זיך איצט געשאָקלט איבער די גמראָס, האָט ער גאָרנישט געזען, נישט געקענט זען. און דער אַלטער מילדער תלמיד־חכם, מרדכי־איציע, האָט דעם יונגן בייזן גאון נישט געוואָלט שטערן זיין ווייזיע פון אַ זעעוודיקן אויף דער וואָר.

יעדן פרייטיק נאָכמיטיק איז לייבושל דער בלינדער אַרומגעגאַנגען מיט אַ זאַק איבער די הייזער און געזאַמלט פרישע בולקעס פאַר אָרעמעלייט. ער איז צוגעקומען צו דער טיר און אַ בייזן ברום געטאָן, און די בעל־הביתטעס זענען אַנטקעגנגעלאָפן דעם בלינדן מיט דער בולקע, זי אַריינגעוואָרפן אין זאַק אַריין און נאָך צוגעגעבן מיט גרויס אָפּשיי: „האָט אַ גוטן שבת, ר׳ לייבושו!״ און לייבוש האָט געשפּאַנט מיט אַ שווערן זאַק אויף די פּלייצעס און געקלאַפּט מיטן שטעקן איבער די שטיינער פון טראָטואַר, אויסגעקלאַפּט פאַר זיך און פאַר זיינע מצוות אַ וועג... צום מושב־זקנים. דאָרט האָבן ווײַ־

בער, עפּעס ווייטע קרובות זיינע, איבערגענומען ביי אים די חלות און זיי פּאַרטיילט אין זייער אייגענעם נאָמען. לייבושלען איז געגאַנגען אין לעבן אַריין, אַז די באַטיילטע זאָלן פון אים נישט וויסן און אים, חלילה, נישט דערמאָנען צום גוטן, וואָרים דאדורך וואָלט דאָך אַ תל געוואָרן פון דער גאַנצער מצווה.

אין קלויז האָט מען לייבושלען, האָב איך געזאָגט, אָפּגעגעבן באַזונדערן כבוד. עס פלעגט אָפּט פּאַסירן, אַז אַ חזקה־ייִד האָט צוגערופן דעם שמש און אים געזאָגט, אַז ווייל ס'איז היינט אַ גרויסער יום־טוב אָדער אַ וויכטיקער שבת, טרעט ער אָפּ זיין עליה דעם בלינדן לייבוש.

אָבער ווי ווייט די שטאָט שאַצט אָפּ דעם יונגן איינוווינער פון מושב־זקנים האָב איך געזען ביי דער גרויסער לוויה פון די עלף פאַרברענטע ספרי־תורהס. אין אַ ווינטערדיקן שבת־צו־נאַכטס (עס האָט געמוזט זיין 1908 אָדער 1909) איז אין אַלטן בית־המדרש אויסגעבראָכן אַ שריפה און עס זענען פאַרברענט געוואָרן עלף ספרים. זונטיק אינדערפרי איז פאַרגעקומען די לוויה. די איבערגעבליבענע שטיקלעך פאַרמעט, אינאיינעם מיטן אַש, האָט מען אַריינגעוואָרפן אין גרויסע ערדענע טעפּ. די טעפּ האָט מען אַרויפגעשטעלט אויף אַ מטה, איבערגעדעקט מיט אַ שוואַרצן טוך און געפּראַוועט אַ לוויה ווי ביי אַ מת — אַ קדוש. מען האָט די פאַרברענטע ספר־תורהס מספּיד געווען ווי אַ טויטן. טויזנטער מענטשן, מענער, ווייבער און קינדער, זענען געשטאַנען אַרום דער מטה און האָבן יאָמערלעך געוויינט. דערנאָך איז די לוויה אַוועק אויפן נייעם בית־עולם, וווּ מען האָט באַגראָבן די טעפּ אין אַ קבר לעבן רבס אוהל. צווישן די נושאי־המטה זענען, פאַרשטייט זיך, געווען די פּרומסטע און חשובסטע ייִדן פון שטאָט. געדענק איך, ווי אין דעם געיאָמער האָט זיך דערהערט אַ קול, וואָס האָט גערופן: „ר' לייבוש! ווּ איז ר' לייבוש?"

דאָס האָבן די אַראַנזשירערס פון דער לוויה גערופן לייבושל דעם בלינדן, כּדי אים מכבד צו זיין מיט עטלעכע מינוט טראָגן די מטה מיט די טעפּ הייליקן אַש. מיין געהירן פון אַ צוועלף־יעריקן פרומען בחורל האָט דעמאָלט געערענט מיט לייבושל דעם בלינדנס גרויסקייט. איך בין געווען זיכער, אַז ער איז איינער פון די באַהאַלטענע ל"ו צדיקים, און די שטאָט — אָדער זי ווייסט עס אָדער זי אָנט עס.

איך געדענק נישט אַקוראַט, צי עס איז געווען אַ יאָר אָדער צוויי שפּע־טער נאָך יענעם ווינטער, אָבער מער זיכער נישט, ווען אין אַ שפּעט־זומער־דיקן פאַרנאַכט איז דער זיידע מיינער געקומען צולויפן אַהיים אַ צעקאָכטער, אויסער זיך, און האָט צוגעוואָרפן דער באָבען די ווערטער: „ברוך דיין אמת!

לייבושל, דער בלינדער איז נפטר געוואָרן". דערנאָך זענען זיי ביידע געזעסן, דער זיידע מיט דער באָבען, און האָבן זיך דערציילט לייבושלס שבחים: וואָס פאַר אַ גרויסער לערנער ער איז געווען און וואָס פאַר אַ פרומער ייד, און מיט וואָס פאַר מסירת־נפש ער פלעגט נאָכלויפן נאָך דער קלענסטער מצווה.

אָבער נאָך גרעסער איז פאַר מיר געוואָרן דאָס רעטעניש לייבושל דער בלינדער, ווען דעם אַנדערן טאָג, ביי דער לוויה, האָט מען אַריינגעטראָגן דעם אָרון אין קלויז אַריין, ווי ביים חשובסטן בעל־הבית, און דער מגיד, וואָס איז געווען אַ שטיק אויפגעקלערטער, אַ ציוניסט, אַ דעלעגאַט ביי עטלעכע קאָנגרעסן אין באַזעל, האָט מספּיד געווען דעם בלינדן יונגנמאַן פונעם מושב־זקנים און געשריען מיט טרערן אין די אויגן: „איר מיינט, אַז ער איז געווען אַ בלינדער און מיר זענען די זעעוודיקע? ער איז געווען אַ זעעוודיקער און מיר זענען די בלינדע".

מיר איז דעמאָלט ליב געווען דער כבוד, וואָס די שטאָט האָט אָפּגע־געבן דער גייסטיקייט פון אַן עלנטן בלינדן. ווען איך טראַכט דערפון היינט, וואַקסט אויס דער דאָזיקער כבוד צו גייסט אין מיינע אויגן ווי דער סימבאָל פון אַ יידישן דור, פון מיין יידישן דור.

אויפן לאַטעריי־שילדל האָט, וואַך־איין וואַך־אויס, געבושעוועט אַ טעות

צווישן די צענדליקער ייִדן אין ר׳ איציקלס שולכל זענען פאַראַן עטלעכע געציילטע, וואָס זעצן זיך ביים דאַווענען קיינמאָל נישט אַנידער. לייבוש דער בלינדער שטייט ביי דעם פּסולן אָרון־קודש און קלאַפּט זיך אויס ביילן אויפן שטערן מיט בייזער התלהבות. אברהם משה דער סאָציאַליסט דרייט זיך אַרום ביי דער טיר צום פּאָליש און היפּערט דאָרט איבער אַ היפּש ביסל פון די תּפילות. אַזוי־אַרום איז אים לייכטער צו באַרויִקן זיין געוויסן, וואָס מאַטערט אים, למאַי ער, אַ פּריינט פונעם פּ. פּ. ס.־פירער ד״ר שאַר, געפינט זיך אונ־טער איין דאַך מיט רעאַקציאָנערע פרומאַקעס.

מיט דער פּלייצע אָנגעשפּאַרט צום לאַנגן עין־יעקב־טיש שטייט יודע הערש ווייסדינער. מען דאַרף נישט זיין קיין באַזונדערער מבין צו דערקענען אויף יודע הערשן, אַז דער קאָפּ איז אים נישט ביים דאַווענען. דאָס פּנים זיינס מינעט זיך נערוועז און די האַנט גיט אַלעמאָל אַ האַסטיקן כאַפּ דעם שפּיץ פון דער באָרד און ענטפערט אים איבער דעם מויל צום קייען: אפשר וועט זיך אַזוי דער אומרו אין האַרצן איינשטילן? יודע הערש קען זיך קוים דערוואַרטן, מען זאָל אָפּדאַווענען. עס טרייבט אים ווי מיט הייסע בייטשן וואָס גיכער צו דינה ווייזלבערגס טראַפיק (טאַבאַק־געוועלב) אַ קוק צו טאָן, וואָס פאַר אַ נומערן עס האָבן די וואָך געוווּנען אויף דער לאָטערייע. אַלע שבת אַן ערך אַרום דער צייט, ווען מען האַלט ביים פאַרענדיקן שחרית, טע־לעגראַפירט מען פון לעמבערג די געווינסן, און אַ האַלבע שעה שפּעטער שטעלט דינה אַרויף נייע ציפערן אויפן שילדל, וואָס הענגט פאַר דער טיר.

פאַר יודע הערשן איז דערפאַר דאָס שבתדיקע דאַווענען ממש אַן אָפּקור־מעניש. בעת זלמן לאַראָ שטייט פאַרן עמוד און גאַרגלט זיך מיטן שבתדיקן נוסח, רווישן אין קאָפּ ביי יודע הערשן ציפערן, שטעלן זיך אויס צו דריי אין אַ ריי און אַלע ריידן זיי אים איין, אַז זיי זענען דאָס די דאָזיקע, וואָס זענען אָקאָרשט אָנגעקומען מיט דער טעלעגראַפן־פּאָטשט פון לעמבערג. יעדן שבת איז יודע הערש זיכער, אַז ער האָט געוווּנען אַ טערנע, ד״ה אַז אַלע דריי נומערן, אויף וועלכע ער האָט געזעצט, וועלן זיך היינט באַווייזן ביי דינה ווייזלבערג אויפן שילדל, און אַלע שבת לאָזט זיך אויס אַ בוידעם פון זיין

זיכערקייט און ער קומט אַ טרויעריקער, אַ צעבראָכענער און ווי עפּעס אַ פאַר־שעמטער צו שלוש־סעודות.

נאָר איינמאָל, ווייזט אויס, איז ער געווען אַזוי זיכער, אַזוי ווייט אויף אַלע הונדערט פּראָצענט זיכער מיט זיין געווינס, אַז ער האָט געכאַפּט בלויז איין זייטיקן בליק אויפן שילדל און האָט באַלד דערזען, אַז זיינע נומערן זענען אַרויסגעקומען. ער איז אַהיימגעלאָפן ווי אַ טריומפאַטאָר. יענער שבת האָט געהאַט אַ טראַגי־קאָמישן פינאַל און יודע הערש איז פאַרבליבן אין דער טערנע, אָבער דערפאַר מיט אַ צונאָמען אויפן גאַנצן לעבן.

יענע מעשה איז כדאַי צו דערציילן. איך האָב זי נישט איינמאָל געהערט און נישט איינמאָל געקייכט פאַר געלעכטער איבער יודע הערשס „זיכערקייט״. און ווען איך האָב דערנאָך אין אַ שבת, ווען איך בין געווען פריי פון גימנאַ־זיע און געקענט זיין ביים דאַווענען, אַ קוק געטאָן אויף יודע הערשן און נאָכ־געפאָלגט נאָך דעם אומרו פון חלום אויף זיין פּנים, האָב איך אויפגעהערט צו פאַרשטיין, ווי אַזוי מען קען לאַכן איבער דער מעשה, וואָס מען דערציילט וועגן אים. עס האָט פון יענער פאַסירונג געווייזט מיט צעבראָכענע האָפע־נונגען, מיט פאַרוויאַנעטן חלום און מיט ליידנשאַפטלעכן פאַטאָס פון שטרע־בונג צו גליק. און דער בעל־דבר אַליין — אַזוי ווי ער האָט אפשר געדאַרפט אויסזען שלום עליכמס מנחם־מענדל — אַ מיטלוואוקסיקער מיט טיפע שוואַר־צע אויגן, וואָס האָבן זיך קוים אַרויסגעזען פון אונטערן שטערן, און מיט אַ פאַרשפּיצטער באָרד, וואָס האָט געפלאַטערט ביים קלענסטן ווינטל פון מחשבה, ער האָט גאָרנישט געלערנט פון די רעזולטאַטן פון יענער שלימזלדיקער זיכער־קייט זיינער. ער האָט ווייטער געחלומט, ווייטער הריפותדיק קאָמביבירט ציפערן צום געווינען און ווייטער געווען זיכער, אַז... זיי געפינען זיך דעם שבת אין דער לעמבערגער טעלעגראַמע, און אויב נישט — איז דאָס בלויז אַן אומגליקלעכער צופאַל...

יענעם ווינטערדיקן שבת, ווען יודע הערש איז געוואָרן צו געלעכטער פון אַזוי פיל ייִדן, וואָס האָבן ליב צו לאַכן, האָט ער זיך תיכף נאָכן דאַוונען אַרויסגעלאָזט מיטן קירצסטן וועג פון דער קלויז צו דינה וויזלבערגס טאַבאַק־געוועלב. ער האָט אַרום דעם דינעם גוף זיינעם ענג צוגעפּצויגן דעם טולעפּ, פאַררוקט די הענט אין די אַרבל, אַראָפּגערוקט דאָס שטריימל איבער די אויגן, און אַזוי־אַ, אַן איבערגעלאָדענער מיט סוד און מיט גליק, זיך געהאַלטן נאָענט ביי די מויערן און געשפּאַנט מיט אַ שטילן, קעצישן שפּאַן. אַז ער איז אָנגעקומען עטלעכע הייזער פאַר דינה וויזלבערגס געוועלב, איז ער אַריבער־געגאַנגען אויף דער צווייטער זייט טראָטואַר און פון דאָרט געכאַפּט אַ פאַר־גנבעטן קוק פון אונטערן שטריימל אויפן הילצערנעם שילדל פאַר דער טיר.

ער האָט באַלד דערזען זיינע ציפערן 6, 8, 0. ער האָט זיך אַביסל פאַרכלינעט מיטן גליק, ער האָט זיך אָבער גיך גובר געווען און אַראָפּגעשלונגען די פרייד. יודע הערש האָט גענומען גיין האַסטיק, כמעט לויפן. אויפן ווערבישער וועג האָט ער אַ ווײַלע אָנגעהויבן איבערטראַכטן, ווי אַזוי מודיע צו זיין די בשורה זיין ווייב יענטע־ביילע, אַז זי זאָל, חלילה, נישט באַקומען אַ שוואַך האַרץ. ער האָט באַשלאָסן, אַז ער וועט איר ערשט דערציילן בשעתן עסן, צווישן פלייש און קוגל. אָבער וואָס נענטער ער איז געקומען צו זיין שטוב, וואָס איז געשטאַנען ביים סאַמע באַרג־אַראָפּ פון דער סאָביעסקי־גאַס, אַלץ קלאָרער איז פאַר אים געוואָרן, אַז יענטע־ביילע האָט זיך ביי אים גענוג אָנגעבידעוועט און האָט אַ רעכט צו וויסן וואָס פריער פון דעם גליק, וואָס עס האָט זיי ביידן געטראָפן. ער האָט נישט געוואַרט ביז ער וועט דערגיין צו דער טיר, נאָר אַז ער איז צוגעקומען צום פענצטער, האָט ער קלאַפּ געטאָן אין שויב און זיך צעשריגן אויפן קול:

— יענטע־ביילע, כ'האָב געטראָפן מיטן ערשטן שאָס!

דורך דער צעבראָכענער שויב האָט זיך אַ ריס געטאָן קאַלטע ווינטער־דיקע לופט אין שטוב אַריין. אָבער יודע הערשן אינדרויסן איז וואַרעם געוואָרן אין דער פויסט. בלוט איז גערונען פון דער סקאַליעטשעטער האַנט און זיך געוויקלט מיט רויטע רצועות אַרום די פינגער. יענטע־ביילע האָט געוואַשן די וווּנדן, געשיקט רופן דעם רופא און זיך מילד געבייזערט אויף יודע הערשן. אין האַרץ ביי איר האָט עס געקאָכט מיט האָפענונג, אָבער ערגעצוו — זי איז געווען פּראַקטיש און שכלדיק, ווי איר ליטעראַרישע שוועסטער שיינע־שיינדל — האָט געדליבעט אַ וואָרעם פון ספק: אפשר האָט יודע הערש נישט דערזען, אפשר האָט ער זיך טועה געווען. ער איז אַלעמאָל צו געאײַלציק און צו זיכער.

די קליינע טעמע איז געלאָפן אַ קוק געבן און זי האָט אַהיימגעבראַכט אַ גאַנץ זיכערן טעות. די ציפערן זענען געווען אַנדערע, לגמרי אַנדערע.

פון יודע הערשס טערנע האָט זיך אויך דאַסמאָל, ווי אַלעמאָל פריער און ווי אַלע יאָרן שפּעטער, אויסגעלאָזט אַ בוידעם. אָבער יענעם שבת האָט ער זיך איינגעהאַנדלט אַ צונאָמען, וואָס האָט אים געמאַכט אי מער לעכער־לעך, אי אַ סך, אַ סך טרויעריקער. מען האָט אים פון דעמאָלט אָן אַ לעבנלאַנג גערופן: יודע הערש מיטן ערשטן שאָס.

איך האָב יודע הערשן שוין נישט געזען אַן ערך דרייסיק יאָר, און אויב ער לעבט, מוז ער שוין היינט זיין פאַרפאַרן ווייט אין די אַכציקער. איך וואָלט נייגעריק געווען צו וויסן, צי ער האָט כאָטש איין מאָל באמת געטראָפן, אויב נישט מיטן צווייטן שאָס, איז כאָטש מיטן צוואַנציקסטן שאָס, ד"ה צי

ער האָט כאַטש איינמאָל מנצח געווען אין זיין הערהאַישן געראַנגל מיט ציי־פערן־קאָמבינאַציעס. איך בין געניגט צו גלייבן, אַז דאָס גליק האָט אים נישט צוגעשפּילט און אַז אין די נומערן אויפן שילדל ביי דינה ווייזלבערג האָט וואָך־איין וואָך־אויס געבושעוועט דער טעות, וואָרים ווען יהודה הערש זאָל געווען טרעפן, וואָלט זיך עס געווען געלאָזט הערן. מזל און דערפאָלג זענען זייער באַרעדעוודיק און האָבן ליב צו דערציילן אויפן קול. ווען כאַטש איין שאָס יודע־הערשס זאָל געווען זיין אַ ריכטיקער, וואָלט איך עס זיכער געווען דערהערט פון קאָלאָמיי קיין בוקאַרעשט.

יאָסל דער ציטערדיקער לערנט מיט דער שטאָט רעספּעקט צום מלאך־המות

מנצח געווען מיט אַ חלום האָט יאָסל דער ציטערדיקער. ער איז געווען דער פּערטער „שטייער" אין ר' איציקל־קלויז. דער ציל, די פיקס־אידייע, וואָס צו איר האָט יאָסל געשטרעבט, איז געווען גאָר אַ מאָדנע, און דער נצחון זיינער איז געווען ממש אַן איבערראַשנדיקער און כמעט אַן אומנאַטירלעכער.

יאָסל האָט געהאַט זיין זיץ אויף רעכטס ביי דער העכערער זייט פונעם שולחן און האָט זיך קיינמאָל נישט אַנידערגעזעצט ביים דאַוונען צוליב אַ פשוטן טעם: ער האָט געציטערט מיטן גאַנצן גוף און נישט געקענט האַלטן אַ סידור אין האַנט. איז ער געשטאַנען, געשאָקלט מיטן קאָפּ, געפּאָכעט מיט דער ברייטער באָרד און... געקוקט מיט רציחה אויפן בעל־קורא יואל מאיר פלאַך. יואל מאיר האָט אויף יאָסלס בייזע בליקן געענטפערט אַלעמאָל און תמיד מיט אַ שמייכל. און נישט דערפאַר, ווייל ער האָט געוואָלט שמייכלען. ניין. נאָר ווייל לאַכן איז געווען יואל מאירס מיחוש, פּונקט ווי ציטערן איז געווען יאָסלס קרענק.

יואל מאיר איז דווקא געווען אַן ערנסטער און שטרענגער ייִד און ער וואָלט אפשר קיינמאָל אין לעבן נישט געלאַכט, ווען ער זאָל נישט געווען מוזן. אָט האָט ער אויפגערופן דעם כהן צו דער תורה און זיך גענומען לייע־נען — און פּלוצלינג באַפאַלט אים אַ געלעכטער. ער נעמט אים שטיקן אין זיך, זיך וואָרגן מיט אים ווי מיט גרויסע, רויע פּאַסאָליעס. דער געלעכטער גיט נישט נאָך. ער רייסט זיך פונעם מויל אויף צו פאַרשעמען יואל מאירן. פאַרשטעלט אים יואל מאיר דעם וועג מיט דער האַנט און לאָזט נישט. דער גערנגל האַלט געוויינלעך אַן עטלעכע מינוט, ביז יואל מאיר קען ווייטער לייענען מיט זיין וווּנדערלעכער דיקציע און מיט זיין מוזיקאַלישער פּינקט־לעכקייט.

דאָס שרעקלעכסטע ביי יואל מאירס לאַך־קרענק איז, וואָס ער איז שוין איבער דרייסיק יאָר דער פּרעזידענט פון דער חברה קדישא און פאַרפעלט נישט קיין איין לוויה אין שטאָט. און ביי יעדער לוויה איז זיך יואל מאיר נוהג, אַז פונעם טויער אָן ביז צום קבר גייט ער פאַר דער מטה און זאָגט צדוק־הדין. ער זאָגט מעבור־יבוק, און די באַקן זיינע רויטלען זיך אַרויס פון צווישן ווייסע האָר מיט צעפּלאָמטן געלעכטער. אַמאָל טרעפט, אַז ער קען

נישט אָנהייבן זאָגן און מוז קודם מלחמה האַלטן מיט אַ כוואַליע געלעכטער, וואָס רייסט זיך ווי אַ ביטערער חוזק צו דער שטילקייט פון בית־עולם. יידן, לוויה־גייערס, קוקן זיך דעמאָלט איבער מיט פרעגנדיקע בליקן און האָבן פאַר־איבל אויף יואל מאירן, וואָס האָט אַ ביטערע קרענק פון לאַכן און נעמט זיך אונטער צו זיין דער סאַרוועך פון טרויער.

פאַראַן אַזעלכע, וואָס ווייסן, אַז יואל מאיר איז מיט יאָרן צוריק גע־פאָרן צו אַ גוטן־יידן נאָך אַ רפואה פאַר זיין קרענק. זאָל דער אַלטער וויזש־ניצער האָבן געזאָגט, אַז וואָס הייסט מען לאַכט? ביי אַ קבר לאַכט מען נישט. און פון דעמאָלט אָן — דערציילן די זכות־געפינערס — האָט יואל מאיר אויף זיך גענומען נישט צו פאַרפעלן ביי קיין לוויה אין שטאָט. אָבער צום געלעכטער האָט עס נישט תמיד געהאָלפן.

געווען יידן, ווי געזאָגט, וואָס האָבן אויף יואל מאירן פאַראיבל געהאַט. אין כעס אָבער אויף ממש דורס צו זיין איז געווען יאָסל דער ציטערדיקער. יאָסל האָט נאָך געציטערט יינגלווייז. ער האָט חתונה געהאַט — בלויז צו קענען אָנטאָן אַ טלית און אַ שטריימל און צו ווערן אַ בעל־הבית. געוווינט מיטן ווייב האָט ער עטלעכע וואָכן און דערנאָך, אַזוי ווי ער איז געווען אַ קרוב מיט שרה שלמה חלפנס, איז ער געוואָרן אַ יושב ביי אים אין שטוב. זיין עבודה איז געווען — אין זינען צו האָבן דעם סאַמאָוואַר. שפּעטער מיט יאָרן האָט זיך יאָסל אַריינגעצויגן אין אַ ירושה־שטוב און האָט געלעבט פון דירה־געלט.

קיין צדקה האָט ער נישט פון וואַנען צו געבן. אַנקומען צו מענטשן דאַרף ער אויך נישט — קען ער זיין גוט מיט אָרעם און מיט רייך. זומער־צייט לויפט ער נאָך דער זון מיט אַ בענקל און פון נאָך די ימים־טובים אָן פאַרברענגט ער טעג און וואָכן אין בעט און... האָט מורא פאַרן טויט. און אָט צוליבן טויט, צוליב דרך־ארץ פאַרן טויט און צוליב שרעק פאַרן שוואַרצן פּרינץ, האָט יאָסל פיינט צוויי מענטשן אין שטאָט: יואל מאיר דעם לאַכער און לייזער באַר. לייזער איז אַ ייד פון אַ יאָר עטלעכע און פערציק, אַ באַ־לייבטער מיט אַ פרום פנים, וואָס ווינטשט יעדן ביי יעדער געלעגנהייט אריכות ימים און... האַנדלט מיט תכריכים. און אַז ער האָט אַזאַ אומהיימ־לעכן מסחר, איז ער פאַראינטערעסירט, ווי להבדיל אַ גלח, אין אַ פעט מת. זאָגט טאַקע יאָסל (אַחוץ אים, דאַכט זיך, קיינער נישט, און אפשר נאָך איי־נער אַזאַ מוראדיקער ווי יאָסל), אַז לייזער באַר קען זיך קוים דערוואַרטן, אַז יידן זאָלן שטאַרבן. וויבאַלד — זאָגט ער — אַ ייד ווערט קראַנק, הייבט לייזער אָן צו מאַכן פראָמענאַדע ביי די פענצטער, זיך צו שטעלן אויף די שפּיץ פינגער און אַריינצוקוקן, ווי ס׳האַלט מיטן חולה. יאָסלען האָט זיך

גערדאַכט, אַז יואל מאיר מיט זיין געלעכטער און לייזער באַר מיט זיין אונ־טערקוקן אונטער די פענצטער באַציִען זיך מיט ביטול צום טויט, באַגאַטע־ליזירן אים. און יאָסלס איינציקע גרויסע דערוואַרטונג אין לעבן פון בחורוויי־זן איז געווען — דער טויט. האָט ער דערפאַר באַטראַכט יואל מאירן און לייזערן פאַר זיינע פערזענלעכע שונאים, זיי ליידנשאַפטלעך פיינט געהאַט און זיי פאַרפאָלגט מיט צאָרן. די הינטישע שותפים — האָט ער זיי גערופן, און זיי פאַראַנטוואָרטלעך געמאַכט פאַר דער גאַנצער מינערונג פון דרך־ארץ און רעספּעקט צום טויט, וואָס האָט זיך, ווי אים האָט זיך גערדאַכט, איינגע־שטעלט אין שטאָט אין די לעצטע יאָרן.

יאָסל איז אָפט אַריינגעקומען צו מיין זיידן אין שטוב אַריין. מיטן זיידן האָט ער נישט גערן געשמועסט, ווייל דער זיידע האָט נישט געהאַט קיין אויער פאַר זיין פילאָזאָפיע. אָבער, אַז דער זיידע איז נישט געווען אין דער היים, האָט ער ליב געהאַט אויסצולייגן זיינע טענות צו דער שטאָט אין שייכות מיט איר באַציִונג צום טויט.

די געשיכטע פון קאַלאַמיי — האָט יאָסל גערעדט מיט אַביסל איבער־געטריבענער געלערנטער חשיבות — קען מען איינטיילן אין צוויי תקופות. די ערשטע תקופה איז געווען בימי קברן מעכל יונג. מעכל איז געווען אַ הויכער ייִד מיט אַ פּאָר ברייטע פּלייצעס און האָט פאַרמאָגט אַ קול אויף צו צענעמען הערצער. אַז ער האָט געקלאַפּט אין דער פּושקע און געזאָגט „צדקה תציל ממות", האָט ביי יעדן געציטערט ס'האַרץ. יעדער האָט אַריינ־געוואָרפן אַ גראָשן. ייִדן האָבן געטאָן צדקה און חברה קדישא האָט געהאַט פאַרוואָס צו נעמען אַ טרונק בראַנפן. אָבער אַז מעכל יונג איז פאַר דער צייט געשטאָרבן, האָט דער הינטישער שותף יואל מאיר געמאַכט יונה גובה פאַרן קברן. יונה איז אַ דאַר ייִדל, האָט אַ שיטער בערדל און אַ קוויטשענדיק ווייבעריש קעלכל. אַז ער זינגט „צדקה תציל", גלוסט זיך צו גיין אַ טענצל. זעלטן ווער עס וואַרפט אַריין אַ גראָשן. ייִדן טוען קיין צדקה נישט און אין דער פּושקע בלייבט פּונקט איבער אַזוי פיל, אַז יונה זאָל קענען אַליין מאַכן אַ שנעפּסל. אַז דאָס מת האָט נישט קיין מלווים, וואַרט נישט יונה אויף נאָך קבורה, נאָר ער זאָגט צו אים אויף דייטש: „דו וואַרט היר, איך גיי מאַכן איין שנאַפּס!"

אַזוי רעדט צו אונדז יאָסל. מיר הערן זיך צו און לאַכן. אָבער ער איז שטאָק־ערנסט. ער נעמט שוימען פאַר כעס און שרייען, אַז די הינטישע שות־פים לויערן אויף זיין טויט. ס'העלפט נישט קיין אויסריידן אים. ער איז זיכער, אַז לייזער באַר שפּאַצירט נישט איינמאָל ביי זיין פענצטער, הגם ער האָט אים נאָך קיינמאָל נישט דערטאַפּט, און אַז יואל מאיר וואַרט, ער

זאָל זיך קענען אָפּזאָגן דעם צדוק־הדין מיט אַ גלעכטערל ביי זיין לוויה. געוויינטלעך פאַרענדיקט זיך אַזאַ אויסברוך פון כעס מיט אַ שבועה, אַז ער, יאָסל, דער נוטה למות, וועט נאָך איבערלעבן יואל מאירן און אַפילו לייזערן, וואָס איז אפשר מיט צוואַנציק יאָר יינגער פאַר אים.

איך געדענק איינע אַ פּאַסירונג פון יאָסלס קראַנקע חדשים, וואָס האָט אויף אַלעמען געמאַכט אַ באַזונדער שטאַרקן איינדרוק. מען האָט זיך דעמאָלט געשושקעט אין די אויערן, אַז דער קראַנקער קען חלילה אַראָפּ פון זינען און אַז מען וואָלט געדאַרפט נעמען אויף אים אַנשרייען, ווייל ס׳איז גאָר אַ חילול השם צו פאַרפאַלגן אַזוי יידן מיט שנאת חנם. אָבער קיינער האָט נישט אַנגעשריגן, מען האָט נישט געוואַגט אַנצושרייען אויף אַ מענטשן, וואָס וויל נישט, מען זאָל לאַכן ביי זיין לוויה, און יאָסל איז געבליבן ביים זינען ביז... צום נצחון.

ס׳איז געווען אין אַ ווינטער־טאָג, ווען יאָסל איז געלעגן ווי געוויינטלעך אין בעט, ווייל ער האָט זיך נישט געקענט געבן אַ גענוג אַנוואַרעמען. צום גוט־גע־הייצטן אויוון נעמט ער נאָך צו הילף אַ פוכאַווע איבערבעט. ער ליגט אַנגע־שפּאַרט אויף אַ גאַנצן שטויס מיט קישנס און איז מעין אין אַ מוסר־ספר. אַז ס׳ווערט אים פאַריקרע דער מוסר, אָדער ס׳ברענען אים די אויגן פון די קליינע רש״י־אותיות, פאַרטרייבט ער די צייט מיט אַריינקוקן אין אַ צעטל־קאַלענדער. ער מישט די טעג ערנסט און פאַרטיפט און רעכנט אויס, ווען ס׳פאַלט דאָס יאָר דער קורצער פרייטיק, דערנאָך פסח און שבועות, ביז ער קומט צו די סליחות. ביי דעם בלעטל איז דער קאַלענדער געבליבן אויפגע־מישט. די נאָענטקייט פונעם יום־הדין, ווען מענטשן ווערן געמשפּט צו לעבן און טויט, האָט אים, ווייזט אויס, דערמאָנט אין די „הינטישע שותפים״, וואָס באַציען זיך מיט ביטול צו זיין טויט. שכנים האָבן פּלוצים דערהערט אַ געשריי: „וואָס איז דאָס לאַכן ביי יואל מאירן? וואָס? ער איז משה רבינו? ער איז איבער זיבעציק און מיינט, אַז אים וועט מען קומען בעטן, ער זאָל שטאַרבן? און לייזער באַר? האַנדלסט מיט תכריכים, קוקסט אַרויס אויף יעדנס טויט, וואָס זשע מאַכסטו אַזאַ אַב־הרחמים־פּנימל, גלייך ס׳זאָל דיך אַרן, וואָס יענער איז געשטאָרבן?״

אַז דער שכן איז אַריינגעקומען, האָט ער יאָסלען געטראָפן לויפן צום פענצטער. ער האָט געוואָלט אַ קוק טאָן, צי לייזער באַר קוקט נישט אונטער. און ווייזט אויס, אַז ס׳האָט זיך אים געדאַכט, אַז יאָ, וואָרים אַ קוויטש פון חלשות האָט זיך אַרויסגעריסן פון יאָסלס ברוסט. מען האָט אים אַ פּיבער־דיקן צוריק אַריינגעטראָגן אין בעט אַריין.

מילא, יואל מאיר דער לאַכעדיקער איז געווען אַ זקן פון איבער זיבע־

ציק, האָט ער זיך אַוועקגעלייגט און איז געשטאָרבן. מיט אים, האָבן ייִדן געזאָגט, איז אַוועק פון דער וועלט דער שטאָטס בעסטער בעל־קורא און, מיט זיין גאַנצער געלעכטער־קרענק, דער איידלסטער און פרומסטער היטער פון טרויער. אָבער דער עטלעכע און פערציק־יעריקער לייזער באַר האָט זיך אויך לאַנג נישט געקענט אַקעגנשטעלן יאָסל דעם ציטערדיקנס שבועה. ער איז יונג פאַרשניטן געוואָרן פון לעבן, און ייִדן האָבן אים נאָכגעזאָגט גוט־פּאַר־דינטע שבחים. יאָסלס מעשה, אַז לייזער האָט אונטערגעקוקט די קראַנקע, האָבן אַלע געוווּסט, איז געווען אַן אויסטראַכטעניש און אַ בילבול.

אָבער נישט דאָס איז דאָך דער עיקר. דער עיקר איז, אַז מנצח געווען האָט יאָסל. ער האָט איבערגעלעבט ביידע מינערער פון טויטס חשיבות און איז געשטאָרבן עטלעכע יאָר שפּעטער פון זיי אין עלטער פון כמעט זיבעציק יאָר און מיט דעם באַוווּסטזיין, אַז די שטאָט האָט צוריקגעוווּנען דעם רעס־פּעקט צום מלאך־המות און אַז זיין לוויה וועט אָפּגעהאַלטן ווערן מיט דעם ערנסט, וואָס קומט דער צערעמאָניע, וואָס שליסט אָפּ ס׳לעבן.

צוויי רוסישע ייִדן אין שטאָט: יונה שמש און מאָטל פּאַניע, דער נייעס-זוכער

ווי כמעט יעדע גאַליצישע שטאָט, פֿאַרמאָגט אויך קאָלאָמיי איר קליינע קאָלאָניע רוסישע ייִדן. צווישן די איינגעוואַנדערטע פֿון פּאַניע־לאַנד זענען פֿאַראַן אַזעלכע, וואָס לעבן דאָ שוין צענדליקער יאָרן, און פֿונדעסטוועגן שוועבט נאָך אַלץ אַרום ־יעדן פֿון זיי אַן אַטמאָספֿערע פֿון סוד, פֿון אָפּשיי און ערגעצוו אויך פֿון אומצוטרוי.

נעמט, למשל, דעם שמש פֿון ר׳ איציקל־שולכל, יונה דעם רוסישן. ווער האָט דורכגעדרונגען דאָס געהיימעניש פֿון זיין מאָדנער עקזיסטענץ? ער איז אַהערגעקומען נאָך גאָר אַ יונגערמאַן. ער איז נישט אַנטלאָפֿן פֿון מיליטער, ווייל וואָס האָט ער האָט געהאַט צו אַנטלויפֿן, אַז ער איז אַ שווערער קאַליקע אויף אַ פֿוס? ער האָט זיכער איבערגעלאָזט אַ ווייב אין דער היים; וואָרים ערשטנס איז ער געקומען מיט אַ טלית און האָט דאָ אָנגעטאָן אַ שטריימל; און צווייטנס, איז ער אַלע פֿופֿציק יאָר אין קאָלאָמיי געבליבן זיצן אָן אַ ווייב. ער האָט געמוזט שטאַמען פֿון אַ רייכער בעל־הבתישער משפּחה, וואָרים פֿאַר דעם גאַנצן האַלבן יאָרהונדערט פֿון זיין שמש־פּראַפֿעסיע האָט זיך צו אים נישט צוגעקלעפּט קיין ברעקל הכנעה און אונטערטעניקייט. ער האָט גערעדט מיט די בעלי־הבתים ווי מיט זיינס גלייכן, און מיט אייניקע פֿון זיי פֿון אויבן אַראָפּ, ווי מיט נישט זיינס גלייכן. אַז יונה איז נישט קיין עם־הארץ, האָט מען לייכט געזען פֿונעם ערשטן שמועס מיט אים, אָבער ווי וויט עס גרייכט זיין לערנערשאַפֿט, האָט מען שווער געקענט דערגיין, ווייל ער האָט מיט אַ כיוון אויסגעמיטן זיך אַריינצולאָזן מיט עמעצן אין דברי תורה.

פֿאַרוואָס איז ער אַנטלאָפֿן פֿון זיין היים ערגעץ אין אַ שטעטל אין פּאָ־דאָליער גובערניע? ווער איז געווען זיין משפּחה? פֿאַרוואָס האָט ער זיך מיט איר קיינמאָל נישט איבערגעשריבן און מיט וואָס האָט זי זיך קעגן אים פֿאַר־זינדיקט, וואָס ער האָט אַפֿילו קיינמאָל קיינעם נישט דערציילט וועגן איר? פֿופֿציק יאָר לאַנג האָט צווישן אַ שטאָט מיט ייִדן געלעבט אַ מין יאָשע קאַלב, אָבער להיפּוך צו י. י. זינגערס ליטעראַרישער געשטאַלט, איז דער מיסטע־ריעזער שמש פֿון קאָלאָמיי געווען אַ גייסטיק־רירעוודיקער, אַ מענטש מיט קלאָרע חושים און מיט אַ גלאַטיקער צונג, וואָס האָט אַלץ געוווסט און גאָר־נישט פֿאַרגעסן וועגן זיך און זיין משפּחה, נאָר ער האָט פּשוט נישט דער־

ציילט. און דאָס מאָדנע דערביי איז, וואָס קיינער איז נישט געווען נייגעריק געוואָר צו ווערן.

אַ מענטש, וואָס איז איבערגעלאָדן מיט אַזוי פיל סוד און שווייגעניש, האָט געוויינטלעך די טענדענץ צו מרה־שחורה. יונה שמש האָט צענדליקער יאָרן זיך נישט אַראָפּגערעדט פונעם האַרץ, און פון דעסטוועגן (באמת, ווונ־דער איבער וווּנדער!) נישט פאַרלוירן זיין לייכטן געמיט אין פאַרקער מיט מענטשן. ער איז תמיד אויפגעלייגט געווען צו אַ שפּאַס מיט דערוואַקסענע און אַלעמאָל צו אַ שטיפעריי מיט די חדר־ייִנגלעך אין ר׳ איציקל־שולכל. וויפל פרייד האָט אונדז, יונגוואַרג, פאַרשאַפט יונה שמש מיט זיין אויפרופן צו די הקפות! אַז ער האָט זיך אָפּגעפּאַרטיקט מיט די ערשטע עטלעכע שווערע נעמען פאַר דער ערשטער און צווייטער הקפה, האָט דערנאָך יונה פאַר יעדן גיי־אויסגערופענעם געהאַט אַ דין שטעכווערטל, וואָס האָט כמעט נישט אָדער גאָרנישט ווי געטאָן, אָבער דערפאַר באַגאָסן אַלע פּנימער מיט אַ שמייכל פון פרייד און הנאה. אַז ס׳איז ביי דער פינפטער און זעקסטער הקפה געקו־מען די ריי פון די ייִנגלעך, האָט אַיעדער ייִנגל אַריינגעכאַפּט פון יונהן אַ קאָמפּלימענטל אָדער אַ קליינעם שנעל אין נאָז, וואָס האָט געוועקט די אַמ־ביציע צו לערנען.

זרח רויכווערגער, וואָס לערנט פריוואַט גימנאַזיע און קען שיינע עט־לעכע בלאַט גמרא אויף אויסנווייניק, רופט יונה אויף בזה הלשון: „האלוף התורני, הבחור זרח בר מנשה, שמו יזרח בתורה ובין הגויים" (דער בחור זרח, וואָס זיין נאָמען וועט שיינען אין דער תורה און צווישן נישט־ייִדן). מיינעם אַ חבר שמשון, וואָס האָט געגאָלטן פאַר אַ באַזונדערן קענער פון תנ״ך, דערלאַנגט יונה אַזאַ מין אויפרוף: „הבחור שמשון הגיבור בתנ״ך בר משה" (דער בחור שמשון, דער גיבור אין תנ״ך). אָבער באַזונדערס לאַכט מען און מען האָט הנאה, ווען יונה פאַרגעסט אויך נישט אָן זיך און רופט זיך אַליין אויף צו דער זיבעטער הקפה: „האלוף התורני א י ך מ י ך מכבד מיט כבוד התורה". אין דעם „איך מיך", דאַכט זיך מיר היינט, איז געלעגן אַ אַיידעלער חוזק צו דער אייגענער פערזאָן, וואָס געפינט זיך אין אַ קאָמישער לאַגע זיך אַליין אָפּצוגעבן כבוד, אַ דינער שפּאָט צו די שווערע חזקה־ייִדן, וואָס יעדער פון זיי האָט שוין פון פאַרויס באַשטימט זיין חלק כבוד און קען זיך אָבער צו דעם נישט צורירן אָן יונה דעם שמשס קאָמאַנדע.

וואָס האָבן ייִדן געטראַכט וועגן יונהן? איך האָב אָפּט געהערט זאָגן וועגן אים, אַז ער איז אַ רשע, אַ פאַרביסענער ייִד. עס קען זיין, אַז אָט די מיינונג האָט זיך גענומען דערפון, וואָס עס האָט געפעלט דער צוטרוי צו יונהס שפּאַס און די אמונה אין זיין שמייכל. און אפשר איז ער טאַקע געווען

אַ רשע, אַ מענטש, וואָס האָט זיין גאַנצן צער באַהאַלטן אין זיך, זיין געוויין באַגראָבן אין די אייגענע טיפענישן און זיין פּראָטעסט קיינמאָל נישט אַרויס־געשריגן. אפשר הייבט זיך טאַקע אָן די מענטשלעכע גוטסקייט, דאָס סאַמע ביסל עכטע מענטשלעכקייט, מיט דער טרער, וואָס אויך אַן אַנדערער קען דערזען, און מיט דעם געוויין, וואָס אויך אַן אַנדערער קען דערהערן? ערשט דעמאָלט ווערט דאָך געבוירן די איידלסטע מענטשלעכע שפּראַך, די שפּראַך פון רחמנות!

דער צווייטער רוסישער ייִד, וועמען איך האָב געקענט, מיין פעטער מאָטל פאָניע, האָט שוין דווקא אַ סך גערעדט און אומגעהייער אַ סך דער־ציילט, אָבער אַ סך געוואָר ווערן וועגן זיין היים און וועגן זיין משפחה האָט מען אויך נישט געקענט. געשטאַמט האָט מיין פעטער פון טולטשין, לעבן קיִעוו. אַריבערגעבראַכט קיין קאָלאָמיי האָט אים שלמה חלפן פאַר אַן איידעם. קיין צלם־קאָפּ, ווי די גאַליציאַנער האָבן גערופן אַ רוסישן, איז מאָטל פאָניע נישט געווען, אָבער דערפאַר אַ ווילדער פאַנטאַסט. ער האָט מיטגעבראַכט פון דער היים שיינע עטלעכע קערבלעך. דער רייכער שווער האָט צוגעלייגט אַ היפּש ביסל עסטרייכישע רייניש כסף און מאָטל האָט אָנגעהויבן צו חלומען וועגן פאַרצענפאַכן, פאַרהונדערטפאַכן דאָס געלט, וועגן ווערן אַ גרויסער גביר. שפּעטער האָבן קאָלאָמייער ייִדן געחוזקט, אַז מאָטלען איז מן הסתם נישט געגאַנגען אַזוי אין רייך ווערן, ווי אין ווייזן די גאַליציאַנער, וואָס אַ רוסישער קען. מאָטל האָט זיך געפילט פרעמד אין דער נייער סביבה און ס'האָט אים עפּעס ווי געאַרט, וואָס די גאַליציאַנער נעמען זיך איבער מיט זייער פראַנץ יאָזעפן. אַ דווקא־ליבשאַפט צום רוסישן צאַר איז מאָטלען פאַר־בליבן פאַרן גאַנצן לעבן. פון גאַרנישט האָט מאָטל מער הנאה געהאַט (אַפילו שוין אויף דער עלטער, ווען ער האָט געהאַט אויסגעגעבענע גאַליצישע זין און טעכטער), ווי פון קענען זיך אַוועקזעצן ביי אַ גלאָז הייסער טיי און דערציילן וועגן דער גרויסקייט און רייכקייט פון די רוסישע צאַרן. דאָס זענען געווען פאַנטאַסטישע מעשיות, וואָס מאָטל האָט זיך אָנגעהערט ייִנגלווייז אין טולטשין און נאָך, אין משך פון די יאָרן, מיט זיין ליטעראַרישן טאַלאַנט אויסגעברייטערט און דערפירט אַלץ מער און מער צו אַ שוידערלעכער נישט־געשטויגנקייט.

דער ערשטער, און דאַכט זיך, איינציקער, וואָס האָט מיט אַ האַלב יאָר־הונדערט צוריק מקרב געווען דעם יונגן רוסישן איידעם, מיט זיינע מעשיות וועגן צאַר און מיט זיינע חלומות וועגן רייכקייט, איז געווען בנימין רופא. בנימין איז געווען אַ קליין ייִדל מיט אַ גרויסן וואַסער־קאָפּ, מיט אַ שפּיציק בערדל און מיט אַזאַ גוואַלדאָוונעם האַרב, אַז ער אַליין האָט זיך קוים פון

אונטער אים אַרויסגעזען. מיר איז געבליבן אין זכרון זיין רשעות. איך זיץ אויפן שטול. ער איז אַזוי קליין, אַז ער גרייכט קוים מיטן מאַשינדל צו מיינע האָר. ער פרעגט מיך: „ווי אַזוי ווילסטו זאָל איך דיך אָפּשערן?" איך ענטפער „האַלב קורץ", און האָב אייגנטלעך נישט קיין גענויע פאָרשטעלונג, וואָס דאָס וואָרט הייסט. בנימין צופּט מיטן מאַשינדל אַזוי אומברחמנותדיק „האַלב קורץ", אַז מיך שטיקן אַלעמאָל די טרערן. שפּעטער עטלעכע יאָר בין איך גליקלעך אַנטרונען געוואָרן פון בנימין רופא און האָב מיך געקענט שערן ביי משה באַל, וואָס איז אַ געזעלשאַפטלעכער טוער אין שטאָט און רעדט מיט אַלע גימנאַזיסטן, ווי מיט דערוואַקסענע, וועגן ציוניזם און סאָציאַליזם.

אָבער דעמאָלט, מיט פופציק יאָר צוריק, איז בנימין רופא, ווייזט אויס, נאָך נישט געווען אַזאַ רשע און אַזאַ צופּער, און ער האָט מיין יונגן פעטער מאָטל פאַרכישופט מיט שיינע חסידישע ניגונים און דעריקרשט מיט אויס־הערן זיינע מעשיות וועגן צאַר. מאָטל האָט בנימינען אָוועקגעליען ס׳גאַנצע געלט אויף אַ הויכן פּראָצענט און האָט דערצו נאָך באַקומען אַ פעסטן צוזאָג, אַז ער און די נאָענטסטע משפחה זיינע וועלן זיך קענען שערן אומזיסט. עסקא האָט בנימין קיינמאָל נישט געצאָלט, דער קרן איז, פאַרשטייט זיך, פאַרפאַלן געוואָרן, ווייל דער רופא איז געווען אַן אָרעמער ייִד און האָט אַזאַ גרויסע סומע קיינמאָל נישט געקענט צוריקצאָלן. ס׳וואָלט געווען אומזיסט זיך צו פּרווון אַפילו. אָבער דערפאַר האָט ער אַ לעבנלאַנג געהאַלטן וואָרט מיטן אומזיסטן שערן. פון דעם פעטער מאָטל און זיינע קינדער איז אָפּגע־רעדט, אָבער אַפילו ווייטערע קרובים, און מיך בתוכם, פלעגט מאָטל שיקן זיך אָפּשערן אומזיסט ביי בנימינען.

מאָטל איז פון דעמאָלט אָן געבליבן פאַרן לעבנלאַנג אַן אָרעמאַן. און פאַרן לעבנלאַנג איז ער אויך פאַרבליבן מיט אַ טיפער ליידנשאַפט צו חלום און צו פאַנטאַסטישער פאַסירונג און מעשה. ער האָט אין זיך בלי שום ספק געהאַט דעם שטאָף פון אַ רייזנדן אין ווייטע וווּנדער־לענדער און פון אַ גרויסן ציימונגס־רעפּאָרטער. אַז אַחוץ אין טולטשין און אין קאָלאָמיי איז ער קיינמאָל אין זיין לעבן אין ערגעץ נישט געווען, האָט ער דאָס וווּנדערלאַנד געמוזט אַנטדעקן אין דער שטאָט, וווּ ער האָט געוווינט. אַז קיין ציימונג האָט ער נישט געהאַט, האָט ער די נייעס, צאַפּלדיקע און פרישע, דערציילט זיין ווייב און זיינע קינדער; און אַז קיין נייעס זענען נישט געווען בנמצא, האָט ער זיי אויסגעפונען, אויספאַנטאַזירט.

פאַר זיין ברויזנדיקן רעפּאָרטער־געמיט איז די שטאָט פון עטלעכע צענד־ליק טויזנט איינוווינער געווען אַ צו שטילע, אַ שטאָט אָן פאַסירונגען. אַ הויכער, אַ דינער, מיט אַ גרויער, אינמיטן ווי אויסגעפּוצטער, באָרד, מיט

אַן אָנגעשטרענגט, פאַרטראַכט פּנים, טראָגט זיך מאָטל ווי אַ וויכער אין די פּאַרמיטאָג־שעהן פון האַמערס באַנק צום גראַלניקס תבואה־סקלאַד, פון משולם וועלוולס שפּעצעריי־געוועלב צו די יאַטקעס, אין איין געיעג נאָך נייעס. פּרנסה האָט ער שוין מכּמה וכּמה יאָרן נישט. ער האָט זיך שוין אַפילו אָפּגעלאָזט פון דאגת פּרנסה. אים אינטערעסירט איצט בלויז לײַדנשאַפטלעך אויסצוגעפינען, צי ס'האָט עפּעס פּאַסירט אַ פּאַסירונג, וואָס זאָל אויפרייסן די שטילקייט אין שטאָט, ס'זאָל זיין וועגן וואָס צו ריידן און וועגן וואָס צו דערציילן.

ענדלעך, דאַכט זיך, אַרום מיטאָג־צייט, האָט ער עפּעס געפּאַקט. ער לויפט העגדום־פּענדום אַהיים. די אויסגעפונענע ידיעה ברענט אין אים ווי אַ טיפע געהיימעניש, וואָס וויל אי בלייבן אַ סוד, אי וואָס ווייטער דערציילט ווערן. ער איז אַריין אין איין אָטעם אין שטוב אַריין און הייבט פון דער שוועל אָן נייגעריק צו מאַכן די איינציקע לעזערין פון זיין צייטונג — זיין ווייב — מיט דער סענסאַציאָנעלער נייעס, וואָס ער האָט געפּאַקט.

— וואָסי, מאָטל? וואָסי געשען?

— איך וויס אַלץ! איך בין אַלץ געוווּיר געוואָרן!

און אַז ער איז זיכער, אַז דער „לעזער" האָט שוין דערגרייכט די העכסטע סטרונע פון נייגעריקייט און וואַרפט זיך ווי אַ הונגעריקער אויף דער „עקסטראַ", פּלאַצט ער אַרויס מיט דער נייעס:

— מען וויל איבערשטעלן די יאַטקעס. ס'איז צו נאָענט צו די שולן. יאָסל פונקענשטיין האָט נעכטן געהאָט אַ באַראָטונג מיטן בירגערמייסטער.

און איצט קומט דער גרעסטער סענסאַציאָנעלער רעפּאָרטאַזש פון מאָטלס רעפּאָרטער־קאַריערע. אין מיטן שטאָט, מיטן פּנים צו דער „ליניע אַ ־ בע" (די גאַס, ווו עס שפּאַצירט די יוגנט אין די זומערדיקע פאַרנאַכטן) און מיט דער זייט צו האַמערס באַנק און צוקערמאַנס יוועליר־געוועלב (דער טראָטואַר, וואָס איז במקום בירזשע, ווו יידן דרייען מיט די שטעקעלעך און קוקן אַרויס מיט בענקשאַפט נאָך אַ מעקלעריי), שטייט דער שטיינערנער דענקמאָל פונעם פּוילישן דיכטער קאַרפּינסקי. אַרום דעם שטיינערנעם באָק רעשט מען און מען יאָגט זיך, מען שמועסט און מען האַוועט, און דער באָק אַליין שטייט אַ פּאַרגליווערטער און גלאָצט. פאַר מאָטל פּאַניע, וואָס איז כּולו באַוועגונג, איז קאַרפּינסקי אין מיטן מאַרק עפּעס ווי דער סימבאָל פון חוזק קעגן לעבן. די גאַנצע יידישע שטאָט האָט פיינט דעם שטיינערנעם באָק — קאַרפּינסקי. קאַרפּינסקי איז געוואָרן אַ זידלוואָרט.

— וואָס ביסטו געבליבן שטיין מיטן דערינען ווי קאַרפּינסקי? — שרייט אַ טאַטע אָן אויף זיין זון.

— געליימטער קאַרפּינסקי! — זידלען זיך די בעל־עגלות און טרע־גערס אויפן מאַרק.

מער פון אַלעמען האָט קאַרפּינסקין, דאַכט זיך, פיינט געהאַט מאָטל פּאַניע. ער טראַכט, ווי אַזוי צו רירן קאַרפּינסקין פון אָרט, ווי אַזוי אַ תל צו מאַכן פון זיין גלאַצנדיקער חשיבות. מאָטל גלייבט בכלל נישט, אַז מען קען זיך אַוועקשטעלן און בלייבן שטיין אויף יאָרן. איז איינמאָל אין אַ ביינאַכט, ווען די שטאָט איז געשלאָפן און די באַן, וואָס פּאַסירט די הויפּטגאַס, האָט, ווי אַלעמאָל, געמאַכט ציטערן די פענצטער פון די דערבייִקע הייזער, האָט זיך מאָטלען אויסגעדאַכט, אַז קאַרפּינסקי האָט זיך אַ ריר געטאָן. דאָס איז געווען זיין סענסאַציאָנעלסטער רעפּאָרטאַזש. פּראַקטישע, אומגלייביקע ייִדן האָבן זיך אויסגעלאַכט פון זיין נייעס, אָבער מאָטל האָט זיך נישט אָפּגע־שטעלט מיט זיין פאַנטאַסטישן באַריכט. פאַרקערט, ער האָט אים אויסגעבויט יעדן טאָג אַלץ ברייטער און ווייטער און האָט אים יעדן טאָג באַפעסטיקט אַלץ שטאַרקער און זיכערער על פּי שכל. די צוהערערס, וואָס האָבן אים אויסגע־לאַכט, האָבן אים נישט פאַרשטאַנען. זיי האָבן געגלייבט אין גליוועך, און ער, מאָטל, האָט געגלייבט אין כוח פון דער פאַנטאַזיע, פון זיין פאַנטאַסטישער מעשה, וואָס קען אַפילו קאַרפּינסקין רירן פון אָרט. מאָטל איז שוין היינט אויפן עולם האמת, און קאַלאָמייער ייִדן האָבן אפשר אָן אים פאַרגעסן. אויב יאָ, זאָל דאָ דאָס ווערטל, וואָס איז פאַרבליבן, אַז ווען די באַן פאָרט, טרייסלט זיך קאַרפּינסקי אין מאַרק, דערמאָנען אָן דעם גרויסן פאַנטאַסט מאָטל פּאַניע.

און איצט, כדי צו פאַרקיילעכיקן און צו פאַרענדיקן דעם פּאָרטרעט פון מאָטלען, וויל איך נאָך בקיצור דערציילן, אַז ווייל די שטאָט איז אים געווען צו שטיל און צו אָן־פּאַסירונגען, האָט ער זיך גענומען צו הילף ווי אַ נייעס־קוואַל — דעם בית־עולם. אַלע שבת נאָכמיטאָג, ווען ייִדן האָבן אָפּגעגעסן קוגל און געלייגט זיך שלאָפן, פּוצט זיך מאָטל פּאַניע אויס אין זיינע שבת־דיקע בגדים און לאָזט זיך אַרויס אויפן געיעג נאָך נייעס. אַזוי ווי אין שטאָט זענען די גאַסן ליידיק, די געוועלבער פאַרמאַכט און איבער דער שטילקייט קיניגט דער מלך פון „גאָרנישט איז פּאַסירט" — קאַרפּינסקי, — פאַרנעמט זיך מאָטל איבער דער קליבאַניע, אַרויס פון דער שטאָט צום בית־עולם. פונעם אַריינגאַנג פירט אים דער רעפּאָרטערישער ניוך זיינער אויפן ריכטיקן געסל צווישן די קברים, וווּ מען קען געוואָר ווערן עפּעס נייעס, און ער קומט קיינ־מאָל נישט צוריק מיט ליידיקע הענט.

אָט איז ער פאַרבייגעגאַנגען הערש פּוזערס קבר און האָט פון דאָרט אויס געקענט כאַפּן מיטן אויג די מצבה פון זיין ווייב ציפּע. הערש האָט מיט ציפּען אַלע יאָרן געלעבט קידער־ווידער. זי האָט נישט געוואָלט דעם שידוך

מיטן קראָקעווער כּניאָק. עס האָט געהאַלטן ביי אַ גט. איצט מוז ציפּע איינ־זען, אַז הערש איז געווען גערעכט, ווארים דער קראָקעווער איידעם איז דאָס שיינדל אין דער משפחה. און ציפּע דערציילט עס מאָטלען, און מאָטל, ווייל ער שרייבט נישט אום שבת, פאַרצייכנט עס בלויז אין קאָפּ. עס איז אַ סענ־סאַציאָנעלע נייעס, וואָס וועט אויפרודערן די שטאָט.

און דאָס איז נישט די איינציקע סענסאַציאָנעלע ידיעה, וואָס מאָטל ברענגט פונעם בית־עולם. פאַר אים עקזיסטירט נישט דער טויט. אַז דאָס לעבן איז צו שטיל, ליאַרעמט אין זיין פאַנטאַזיע דער טויט, ווייל ער קען נישט פאַרטראָגן ס׳זאָל גאָרנישט געשען, ס׳זאָל אַלץ בלייבן גליווערדיק, ס׳זאָל זיך גאָרנישט רירן פון אָרט.

אין די צוואַנציקער יאָרן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָב איך מיין פעטער מאָטל פּאָניע געזען צום לעצטן מאָל. ער איז שוין געווען טיף אין די זיבעציקער, און די בלענדנדיקע ווייסקייט פון זיין באָרד האָט געוויזעט מיט דער לעגענדע פון אַ וויטן ווינטערלאַנד. ער האָט מיר דעמאָלט אויך דער־ציילט עטלעכע גוטע שטיקלעך נייעס, אָבער מען האָט געקענט זען און פילן, אַז זיין פאַנטאַסטישע וועלט, וואָס וועגן איר האָט ער געהאַט אַזוי פיל צו דערציילן, איז עפּעס ווי צעשטערט געוואָרן. נאָך אַ לענגערן שמועס האָט ער מיר זיין חורבן אַזוי פאָרמולירט: דאָס וואָס מען לייענט אין די וואַרשעווער צייטונגען, איז קיין נייעס נישט. פון נייעס דאַרף מען הנאה האָבן, און דאָס־אַ, וואָס מען לייענט אין די צייטונגען, טוט ווײ, שטעכט אין דער זיבעטער ריפּ... און די מעשיות וועגן צאַרס רייכקייט זענען אויך חרוב געוואָרן.

און די רוישיקע, ליאַרעמדיקע נייעס פון בית־עולם, וואָס האָבן נאָך גע־האַט די מעלה נישט ווײ צו טאָן, האָט ער שוין לאַנג נישט געקענט צושטעלן.

דער פעטער איז אינגיכן געשטאָרבן. ער האָט זיך באַהעפט צום גליווער, וואָס קאַרפּינסקי איז געווען זיין סימבאָל, צום גליווער, וואָס ער, מאָטל, האָט אַ לעבנלאַנג אַזוי פיינט געהאַט.

ראובן אָשר ברוידעס און זיין „פּריוואַט-סעקרעטאַר"

עס איז זיכער געלעגן אַ סך באַשיידנקייט און אַ היפּש ביסל נישט־דער־שאַצונג פון די אייגענע כוחות אין דעם אָפּשיי, וואָס דער גאַליצישער ייִד האָט אַרויסגעוויזן צו זיינע רוסישע ברידער.

רוסישע ייִדן זענען רייך, רוסישע ייִדן זענען גרויסע קענערס, פון די רוסישע ייִדן קומען אַרויס די בעסטע חזנים און פון זיי שטאַמען אַלע ייִדישע מעשה־ביכלעך. וואָסי דען זאַגנול קוואַרטין? נישט קיין רוסישער? און שלום עליכם?

אַזעלכע רייד האָב איך אָפט געהערט אין דער גאַליצישער שטאָט פון מיין קינדהייט. פאַרשטייט זיך, אַז לעבן די שבחים האָט מען אויך נישט געקאַרגט אַ וואָרט פון קריטיק. אָבער די קריטיק האָט קיינמאָל נישט אָנגע־רירט דעם אינטעלעקטועלן ווערט פון די רוסישע ייִדן. זי האָט זיך בלויז געטשעפּעט צו זייער מאָראַלישקייט. וואָס פאַר אַ פּריץ, אַזאַ ייִד — האָט זיך געגלייכוווערטלט די מאָראַל פון מיינע גאַליצישע לאַנדסלייט — און אַז מען האָט איבער זיך אַזאַ בעל־הבית ווי פּאָניע גנב, איז אוודאי אַ גרויס חידוש, וואָס רוסישע ייִדן זענען נישט קיין קעשענע־גנבים און וואַלגערן זיך נישט שיכורע אויף די גאַסן.

און דאָ, ביים פּונקט שיכרות, האָט מען ליב געהאַט צו דערציילן, אַז ווו איז נאָך דאָ אַזאַ ווילדער קאָפּ ווי עס איז געווען ראובן אָשר ברוידעס, און פונדעסטוועגן האָט ער זיך אויפגעפירט לעהיי שבתילע שניידער. ער איז טאָג און נאַכט געזעסן ביי קתיאל זענענזיב אין שענק און געמישט רומענישן וויין מיט גאַליצישן בראָנפן. גאַנצע לעגענדעס האָבן זיך געשפּונען אַרום דער פּערזענלעכקייט פון דעם גרויסן העברעיִשן השכלה־שרייבער, וואָס האָט זיך דאָ אין קאָלאָמיי אויפגעהאַלטן אַ שטיק צייט, איידער ער האָט פאַרלאָזט גאַליציע און איז אויף שטענדיק אַריבערגעפאָרן קיין ווין.

אין די פריִע ניינציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט איז, דאַכט זיך, נישט געווען קיין מער פּאָפּולערער שרייבער און השכלה־קעמפער אין גאַלי־ציע ווי דער רוסישער ייִד ראובן אָשר ברוידעס. זיינע ראָמאַנען, דערציילונ־גען און פּובליציסטישע אַרטיקלען האָבן געלעזן הונדערטער, אָבער מיט זיינע טרעפלעכע גלייכווערטלעך און שאַרפע וויצן האָבן זיך אַרומגעטראָגן טויזנ־טער. זיידענע יונגעלייט און סטאַטעטשנע באַלעבאַטים האָבן כלומרשט גע־

דרייט מיט דער נאָז איבער ברוידעסעס אויפפירונג, אָבער ערגעצוווּ האָט זיי טיף אימפּאָנירט די לעבנס־פעיִקייט און צעשויבערטקייט פון דעם גרויסן תלמיד חכם און באַהעמיען. ברוידעסעס ווערטלעך, סיי די, וואָס האָבן טאַקע געשטאַמט פון אים, און סיי יענע, וואָס דאָס פאָלק האָט אים ברייטהאַרציק אָוועקגעשענקט, האָבן פאַרמאָגט אַחוץ דעם געוויינלעכן אַפּיקורסישן השכלה־עוקץ אויך זייער אַפּט נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן אַטעם. דער פאַקט, וואָס ברוידעס איז געווען באַפריינדט מיט עטלעכע מעכטיקע קהילה־פירער, האָט געגעבן געלעגנהייט דער פאָלקס־פאַנטאַזיע „אַריינצוזאָגן״ די פרנסים פאַר זייער אַסימילאַטאָרי־שער הכנעה און פאַר זייער סאָציאַלער אומלייטישקייט. מיט די שטעכווערט־לעך, וואָס ברוידעס זאָל האָבן אַריינגעזאָגט דעם לעמבערגער ראש־הקהל שמעלקע פאָן האַראָוויץ, האָט מען זיך געקוויקט. זיי האָבן לייכטער געמאַכט ס׳האַרץ און געגעבן כוח ווייטער צו ליידן פון די קהילה־פּרעזידענטן, וואָס זענען צום גרויסן טייל געווען פּוילישע מה־יפית־יידן.

נאָך אַ היפּש ביסל יאָרן נאָכדעם ווי ברוידעס האָט פאַרלאָזט קאָלאָמיי און זיך אָפּגעזעגנט מיט זיין טישל ביי קתיאל שענקער, איז די געשטאַלט פונעם גרויסן שרייבער געווען לעבעדיק און פּאָפּולער אין שטאָט. ע ר איז געזעסן ביי זיין שרייבטיש אין ווין, אָבער זיינע קלוגע ווערטלעך אין גאַליציע זענען פון טאָג צו טאָג געוואַקסן. די פאָלקס־פאַנטאַזיע האָט זיי געמערט און זיי איבערגעשיקט צו אים אין פראַנץ־יאָזעפס רעזידענץ־שטאָט.

ווען ברוידעס איז געשטאָרבן אין ווין (ער איז פאַרשניטן געוואָרן פון לעבן אין עלטער פון עפּעס איבער פופציק), בין איך אַלט געווען אַן ערך אַכט אָדער ניין יאָר. און טאַקע פון דעמאָלט אָן געדענק איך צום ערשטן מאָל דעם נאָמען ברוידעס און זיינע טרעפלעכע וויצן. ס׳האָט געמוזט זיין אין ווינטער, 1903, ווייל דער שמועס, וואָס איך גיי דאָ איבערגעבן, איז געווען אַרומ־געשפּונען מיט אַרגומענטן פאַר און קעגן אוגאַנדע. מיין טאַטע, וואָס האָט דעמאָלט געוווינט אין אַ דאָרף אין דער בוקאָווינע, איז געקומען צופאָרן קיין קאָלאָמיי, און איך האָב געהאַט די זעלטענע פּריווילעגיע צו זיין פריי פון חדר און פון שול און נישט אָפּצוטרעטן פונעם גאַסט אויף אַ מינוט. האָב איך דערפאַר געקענט זיך צוהערן צו אַלע שמועסן, וואָס דער טאַטע האָט געפירט מיט די וויכטיקסטע משכילים און ציוניסטן אין שטאָט. מיט אַ באַזונדערער פּינקטלעכקייט איז מיר געבליבן אין זכרון דעם טאַטנס איבעררייד מיט אַביגדור חיים שטערנבערג.

אַביגדור חיים האָט פאַרמאָגט אַ פלאַמיק־רויטע, קיילעכדיקע באָרד און צוויי לעבעדיקע הענט, וואָס האָבן אים שטאַרק געהאָלפן ביים ריידן. די הענט זענען געווען באַשאַטן מיט זומער־שפּרענקעלעך און האָבן אַחוץ דעם

אויסגעזען עפּעס ווי אָפּגעפּאַרעטע מיט אָקריפּ. שפּעטער מיט יאָרן, אַז כ׳האָב געזען, ווי אַביגדור חיים האַלט מיט מסירת־נפש קאַכעדיקע גלעזער טיי אין האַנט און בריט זיך די פינגער מיט זידנדיקע, פעטע קאַרטאָפל־פּלעצלעך, האָב איך זיך שוין אויפגעהערט צו וווּנדערן, וואָס זיינע הענט זעען אויס ווי אָפּגעפּאַרעטע, און האָב זיך בלויז געחידושט, וואָס זיי פאַרמאָגן נאָך פאָר׳ט צו שטיקלעך הויט אויף זיך.

ווען איך האָב זיך מיט אביגדור חיימען נענטער באַקענט און פלעג זיך מיט אים טרעפן כמעט יעדן שבת־צו־נאַכטס (שפּייסע־נאַכטס) ביי די ציוניסטישע לעקציעס אין דער „טוינבע־האַלע״, האָט ער געהאַט זיין אייגנס צוויי פּרנסות: ימים־נוראים איז ער געווען אַ בעל־תּפילה און אַ גאַנץ יאָר — אַ מוכר־ספרים, ד״ה, ער האָט אַרומגעטראָגן מיט זיך עטלעכע העברעיִשע ביכלעך, פּאָר וועלכע ער האָט געזוכט אַ קונה. בימי ראובן אָשר ברוידעס אָבער האָט אביגדור חיים פאַרמאָגט אַ דריטע פּראָפעסיע, וואָס איז געווען ביי אים די וויכטיקסטע: ער איז געווען דער אַדיוטאַנט פונעם באַרימטן העברעיִשן שרייבער און אַ מין פּריוואַט־סעקרעטאַר זיינער. ער האָט געהאַלטן ברוידעסן קאָמפּאַניע ביי קתיאלן אין שענק, ווייל ראובן אָשר האָט נישט ליב געהאַט צו טרינקען ביחידות. ער האָט אים באַגלייט אין גאַס און איז געווען דער געטרייער איבערשרייבער פון זיינע מאַנוסקריפּטן. מ׳האָט אַפילו דערציילט, אַז די הקדמה צו דער ערשטער אויפלאַגע פון ברוידעס ראָמאַן „שתּי הקצוות״ (די צוויי עקסטרעמען) איז געווען געחתמעט פון אַביגדור חיימען. אָנגעשריבן האָט דעם אַריינפיר טאַקע ברוידעס אַליין, אָבער אַזוי ווי אַ הקדמה צו אַ ספר האָט על־פּי מאָדע פון דער צייט געדאַרפט זיין פון אַן אַנדערן, האָט זי אונטערגעשריבן דער פּריוואַט־סעקרעטאַר אַביגדור חיים שטערנבערג. איך מוז זיך דאָ פון לכתחילה באַוואָרענען קעגן מעגלעכע קרייצפאַרהערערישע שאלות מצד ביבליאָגראַפן און זיך מודה ומתוודה זיין, אַז איך האָב דידאָזיקע אויסגאַבע מיט דער הקדמה פון אַביגדור חיימען קיינמאָל נישט געזען. מיר האָט דעמאָלט, מיט דרייסיק יאָר צוריק, געפעלט דער „וויסנשאַפטלעכער אומצוטרוי״ צו די פאַקטן. איך האָב זיך אַלע הונדערט פּראָצענט פאַרלאָזט אויפן זכרון פון מיינע לאַנדסלייט. היינט אָבער, ווען אַזאַ אומקריטישקייט פון מיין זייט וואָלט געווען פּשוט נישט דערלאָזבאַר, גיב איך איבער דעם פאַקט אַזוי ווי מען האָט אים מיר דערציילט אין די הענט פון אונדזערע ביבליאָגראַפן. זיי וועלן אים זיכער ווי געהעריק קריטיש אַרומפּוצן.

אין יענעם ווינטער פון 1903 האָט אַביגדור חיים געבראַכט מיין טאַטן אַ בראָשור וועגן דער דעמאָלט־ברענענדיקער אוגאַנדע־פראַגע. זיי האָבן ביידע באַקוקט דאָס שער־בלעטל און האָבן זיך דערביי אַביסל פאַרדראָסיק געמינעט

און אַביסל איראָניש איבערגעשמייכלט. דערנאָך האָט מען זיך אַוועקגעלאָזט אויף אַ לאַנגן שפּאַציר איבער די קאָלאָמייער גאַסן און אויף אַ נאָך לענגערן שמועס וועגן דעם קאָכעדיקן פּראָבלעם פון ציוניזם — טעריטאָריאַליזם, און ארץ־ישראל — נאַכט־אַזיל. סיי אַביגדור חיים און סיי מיין טאַטע זענען ביידע געווען פלאַמיקע אַנטי־אוגאַנדיסטן. זיי האָבן ביידע גערעדט מיט גרויס בייזקייט קעגן נאָרדאו׳ן און, לויט איך געדענק, אַפילו הערצלען נישט געשאַנעוועט. אַביגדור חיים האָט מיט גרויס ליידנשאַפט נאָכגעוויזן, אַז הערצל איז גאָרנישט מסוגל צו פאַרשטיין די אויסשליסלעכע בענקשאַפט צו ארץ־ישראל, ווייל ער איז אַ קינד פון דער יידיש־אונגאַרישער אַסימילאַציע, וואָס איז די טריפסטע פון אַלע יידישע אַסימילאַציעס. אַזוי ווייט האָבן די צוויי דיסקוטאַנטן מסכים געווען. די היץ פון זייערע רייד איז נאָר אויסן געווען אונטערצושטרייכן זייער הסכם.

אָבער באַלד איז דער שמועס אָנגעקומען צו אַ פּונקט, וווּ זייערע מיינונגען האָבן זיך געגומען שאַרף פאַנאַנדערגיין. יאָ, ארץ־ישראל — האָט געשריגן אַביגדור חיים, און זיינע אָפּגעפּאַרעטע הענט האָבן אים אינמיטן קאַלטן ווינטער־טאָג צוגעהאָלפן שרייען, — אָבער אחד־העמס וועג איז קיין וועג נישט! מיט גייסט קען מען נישט איינעמען קיין לאַנד. מיט אחד־העמס תורה האָט מען אונדז פאַרטריבן פון אַלע לענדער. אויב מיר מיינען טאַקע ערנסט, אַז ארץ־ישראל זאָל ווערן אַ יידישע מלוכה, דאַן איז נישטאָ קיין אַנדער ברירה, ווי זיך צו שלאָגן מיטן טערק. איך זאָג אייך, ר׳ איציע, — האָט אביגדור חיים געגומען די אויבערהאַנט אין דער דיסקוסיע און געדונערט פּאַטעטיש צו מיין טאַטן, — אַז נאָר בחרבי ובקשתי (מיט שווערד און פיילן־בויגן) וועט מען קענען באַקומען ארץ־ישראל.

און דאָ האָט פּאַסירט, ווי עס פּאַסירט אָפּטמאָל אין לעבן. אַן אַנעקדאָט האָט געלויערט אויפן פּאַטאָס און אים דורכגעלעכערט מיט חוזק. אין סאַמע העכסטן מאָמענט פון אַביגדור חיימס קריגערישן עקסטאַז איז אָנגעלאָפן אַקעגן אַ שוואַרצער יאַטקע־הונט. עס האָט זיך אין זיין לויפן נישט געמערקט קיין בייזע כוונה, אָבער אַביגדור חיים האָט, ווייזט אויס, פיינט געהאַט הינט נישט ווייניקער ווי די אונגאַריש־יידישע אַסימילאַציע, און געהאַט אין אים פּונקט אַזוי פיל בטחון ווי אין טערק.

— קומט אַראָפּ פונעם טראָטואַר — האָט אַביגדור חיים אַ זאָג געטאָן צו מיין טאַטע, — עס גייט אַ הונט.

מיין טאַטע האָט זיך צעלאַכט און איך האָב אים צוגעהאָלפן אויף אַ קול. אַביגדור חיים האָט דערפילט, אַז דער נצחון האָט זיך אים פלוצים אַרויסגעגליטשט פון די הענט. ער איז באַלד אַריבער צו אַן אַנדער שמועס, וואָס האָט

זיך געגייטיקט ווייניקער אין אַרגומענטן און מער אין עכטן וואָרעמען געמיט. ער האָט דערציילט מיט אַ סך ליבשאַפט און הומאָר וועגן ברוידעס צוזאַמענשטויסן מיט קתיאל שענקער. אי קתיאל און אי ראובן אָשר זענען ביידע געווען מענטשן פון עקשנותדיקן ווילן. דאָס אומגליק איז בלויז געווען, וואָס ביידע האָבן נישט געוואָלט דאָס זעלבע. קתיאל האָט געהאַט אַ פאַרלאַנג נאָך געלט און ראובן אָשר — נאָך משקה פאַר זיך, פאַר אַביגדור חיימען און געוויינטלעך נאָך פאַר אַ צוויי מענטשן. און צום לויב פון קתיאל שענקער זאָל געזאָגט ווערן, אַז אויספירן האָט תמיד אויסגעפירט ראובן אָשר. ער האָט געהאַט אַ זיכערע מעטאָדע ווי אַזוי צו ברעכן דעם שענקערס ווילן. די מעטאָדע האָט אַלעמאָל געווירקט און קיינמאָל נישט פאַרפעלט איר ציל. אַז קתיאל האָט געלאָזט וויסן, אַז היינט איז ער פעסט באַשלאָסן ביי זיך נישט צו געבן אָן געלט, האָט זיך ראובן אָשר אַוועקגעזעצט ביי אַ טישל און דעם שענקער עקשנותדיק נישט אָנגעקוקט. און קתיאל האָט עס נישט געקענט אויסהאַלטן. ער האָט ברוידעסן ליב געהאַט און זיך געגרויסט, וואָס ער איז זיין קונה, האָט ער נישט געקענט פאַרטראָגן, אַז ער זאָל אויף אים ברוגז זיין. אַז דאָס האַרטנעקיקע נישט־אָנקוקן האָט אַוועקגעדויערט אַ האַלבע שעה, האָט דער שענקער, אַ געבראָכענער, צוגעטראָגן ס׳פלעשל משקה צו ברוידעס טישל און מיט אַ נידעריק פאַרשולדיקט קול געגעבן אָנצוהערן, אַז דער חוב איז שטאַרק געוואַקסן. אָבער דערפאַר, אַז ראובן אָשר האָט געלייגט די יד אויף עטלעכע רייניש, האָט דער שענק ממש געטאַנצט פאַר פרייד. די ליבשאַפט צווישן קתיאל שענקער און ראובן אָשרן איז אין אַזאַ טאָג געווען געגליכן צו דער ליבשאַפט פון דוד און יונתן. זיי האָבן זיך געהאַלטן אין איין זאָגן קאָמפּלימענטן, און דער ליטוואַק ראובן אָשר פלעגט דעם שענקער, מעשה פּראַקטישער בעל־הבית, אַפילו אַ פרעג געטאָן, ווי אַזוי די געשעפטן גייען.

און וואָס מער אַביגדור חיים האָט דערציילט וועגן ראובן אָשר ברוידעס, וועגן זיינע שרייב־געוווינהייטן און וועגן זיינע באַהעמישע שטיק, האָב איך געפילט, אַז דעם טאַטנס שמייכל איבער אַביגדור חיימס קריגערישקייט רינט ערגעץ אויס און עס וואַקסט דער דרך־ארץ צו אַ מענטשן, וואָס האָט געהאַט די זכיה צו זיין דער גבאי פון אַ גרויסן רבי פון השכלה און פון חיבת ציון. און אַז אַביגדור חיים האָט דערפילט די ערנסטע באַציִונג צו זיך, האָט ער אייפּסניי געקראָגן מוט צו זיין טעאָריע פון קריגערישן ציוניזם און כדי אויסצונעמען ביים טאַטן, האָט ער זיך סומך געווען אויף ברוידעסן, אַז ער האָט אויך געהאַלטן, אַז סוף־כל־סוף וועט עס מוזן קומען צו אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד קעגן די טערקן.

ווען איך טראַכט היינט וועגן אַביגדור חיימען, קומט מיר אויס, אַז אַט

דער אָרעמער קאָלאָמייער חזן און מוכר־ספרים איז אפשר טעאָרעטיש געווען דער פאַרגייער פונעם ציוניסטישן רעוויזיאָניזם. ער האָט פאַרמאָגט אַ גע־וויסע לאָגישע אַרגומענטאַציע אויף צו באַווייזן זיינע טענות. אומבאַהאָלפן זענען געווען בלויז זיינע ווערטער און קאַמיש איז ער געווען נאָר דערפאַר, ווייל זיין געמיט איז געשטאַנען אין אַ שאַרפן קאָנטראַסט מיט זיינע טעאָ־ריעס. אַ ייִד, אַ דערשלאָגענער, וואָס האָט מורא פאַר דער אייגענער שיין, האָט געפּריידיקט קריגערישקייט און גבורה פון מוסקולן. האָט מען געלאַכט און זיכער געטאָן אומרעכט אַ מענטשן, וואָס האָט געחלומט חלומות פאַר זיין פאָלק. זיין שלימזל איז נאָר געווען, וואָס ער האָט די חלומות לעכערלעך געמאַכט מיט דער נישטיקער וואָר פון זיין פּערזענלעכן לעבן און פון זיינע פּערזענלעכע העוויות.

שפּעטער מיט יאָרן, ווען איך בין שוין געווען אַ גימנאַזיסט, פלעג איך זיך מיט אַביגדור חיימען באַגעגענען ביי די שבת־צו־נאַכטס־לעקציעס אין טוינבע־האַלע. טוינבע־האַלע האָט געהייסן: אַ פּאָפּולערע לעקציע אויף אַ ציו־ניסטישער אָדער אַ וויסנשאַפטלעכער טעמע, דערצו אַ ביסל פאָלקס־געזאַנג און אַ גלעזל טיי מיט צובייסן. די דאָזיקע אינסטיטוציע, וואָס האָט זיך גע־רופן אויפן נאָמען פון דעם באַרימטן ענגלישן סאָציאַל־רעפאָרמיסט אַרנאָלד טוינבע, איז אין יענע יאָרן געווען שטאַרק פּאָפּולער אין אַלע שטעט פון גאַליציע, בוקאָווינע און רומעניע. צוליב דעם הייסן גלעזל טיי מיט צובייסן האָט מען אין טוינבע־האַלע געקענט געפינען מענטשן, וואָס האָבן געוויינט־לעך נישט געהאַט קיין אינטערעס פאַר לעקציעס. אַביגדור חיים האָט קיינמאָל נישט פאַרפעלט קיין אויפדערנאַכט. די וויסנשאַפטלעכע לעקציעס האָט ער איבערגעשלאָפן. ביי די ציוניסטישע האָט ער זיך שטאַרק צוגעהערט, און ווו נאָר ער האָט דערשמעקט אַ זאַץ, אַ וואָרט, אַ רמז אויף זיינע „שווערד און פּיילנבויגן"־טעאָריעס, האָט ער מיטן גאַנצן האַרצן אַפּלאָדירט.ביים טיי מיט צובייס איז ער אַלעמאָל געוואָרן גאָר לעבעדיק.

אַ גאַנצע וואָך האָט ער ווי עס איז זיך דורכגעשטופּט. אַ סך מאָל נישט דערעסן און נישט דערטרונקען. אין טוינבע־האַלע האָט ער געפּרוווט זיך אָפּ־צונעמען פאַר אַלע זיבן טעג אין דער וואָך. דער רעגלאַמענט האָט פאַרגעשריבן פאַר יעדן איין גלעזל טיי און איין צובייס. האָט אַביגדור חיים געזוכט המצאות ווי אַזוי בייצוקומען די זלידנע פּאַראַגראַפן.

— ס'איז מיר נאָך געבליבן אַ ביסעלע סענץ, גיט מיר נאָך אַ ביסל אַקריפּ. און אַט האָב איך נאָך אַ ביסל אַקריפּ, גיט מיר נאָך אַ ביסל סענץ.

ער האָט געמוזט שווער קעמפן און מיט קליינינקע מיטלען. ער האָט אַמאָל געפּרוווט זיך אַוועקזעצן שטאָלץ און שווייגנדיק, ווי זיין מייסטער

ראובן אָשר ברוידעס ביי קתיאל שענקער. ער האָט געוואָלט איגנאָרירן די פּאַראַגראַפניקעס פון דער טוינבע־האַלע. עס האָט אָבער אויף זיי קיין איינדרוק נישט געמאַכט און קיינער איז נישט געקומען צוטראָגן אַ גלעזל טיי און איבערבעטן מיט אַ צובייס.

האָט אַביגדור חיים נישט געהאַט קיין ברירה און זיך גענומען צוריק צו זיינע המצאות, איבערצוכיטרעווען די פּאַרוואַלטערס. אַזוי אַרום איז אויך זיין פּאַרלאַנג צו זאַטקייט פּאַרשיט געוואָרן מיט לעכערלעכקייט, פּונקט ווי זיין „פייל און ביקס״־חלום איז דערטרונקען געוואָרן אין אַנעקדאָטן.

דעם פרעמדן אפיקורס גיט מען כבוד און דעם היימישן שפינאָזיסט — מלקות

קאָלאָמיי איז געווען אַ פרומע שטאָט. עס זענען, פאַרשטייט זיך, דאָרט געווען אויך אַ היפּש ביסל משכּילים, אָבער זיי האָבן זיך מייסטנס געהאַלטן אין דער מעלה. מען איז געווען אויפגעקלערט, אָבער מען האָט זיך מיט גאָרנישט אָפּגעשיידט פון אַלע איבעריקע ייִדן, נישט אין קליידונג, נישט אין לעבנספירונג און אַפילו נישט אין דער דערציִונג פון קינדער.

מיט די צוגעפאָרענע משכּילים ראובן אָשר ברוידעס און הערש לייב סיגעטער האָבן זיך אַפילו גאָר פרומע געחברט און געגרויסט. ראובן אָשר איז געווען אַ שאַרפער וויצלינג און אַ ווערטל־זאָגער, און די פרומע האָבן צוליב זיינע זאָגעכצן אָפטמאָל פאַרגעסן אָן זיין אפיקורסות. הערש לייב סי־געטער, ווידער, איז געווען אַ פירטרעפלעכער בדחן, וואָס האָט געוויילט מיט זיינע הומאָריסטישע גראַמען און טשיקאַווע מעשהלעך. איז, ווייל זיין ליטע־ראַטור איז געווען נאָענט צום האַרצן, האָט מען פאַרקוקט דעם אפיקורסישן עוקץ פון זיינע לידער און מעשיות און זיך געקוויקט מיט זיין וויץ און מיט זיין למדנישער חריפות.

הערש לייב סיגעטער איז, ווייזט אויס, אַליין אַ היפּש ביסל געווען דערשטוינט פון דעם מילדן גייסטיקן קלימאַט, וואָס ער האָט אָנגעטראָפן אין דער גאַליצישער שטאָט. וואָרים ער שטרייכט באַזונדערס אונ־טער אין זיין אויטאָביאָגראַפיע, אַז ווען ער איז געקומען קיין קאָלאָמיי, האָבן אים דאָרט „די משכּילים ווי אויך די לומדים עמפּפאַנגען בכבוד גדול". אין זיין אונגאַרישער היימשטאָט סיגעט האָט ער געהאַט אויסצושטיין רדיפות און האָט סוף־כל־סוף געמוזט אַנטלויפן פאַרן צאָרן פונעם רב, וואָס האָט אַריינגעלייגט אין חרם זיין צייטונג „השמש" (די זון). און דאָ, אין קאָלאָמיי, נישט נאָר וואָס מען מאַכט זיך נישט־וויסנדיק פונעם סיגעטער רבס חרם, נאָר מען פאַרבעט הערש לייבן אין אַ שפּייסענאַכטס צו שלמה חלפן אין שטוב און ער זאָגט דאָרט תורה פאַר אַ מסיבה פון פרומע לומדים, וואָס פאַרבריִען זיך די צונגען, ווייל זיי ווילן טאָן צוויי מלאָכות מיטאַמאָל: עסן הייסן באָרשט מיט באַרבוליעס און לאַכן פון הערש לייבס וויצן און בדחנישע שטיק.

אַ פּעטער מיינער, וואָס האָט מיטגעמאַכט עטלעכע אַזעלכע שפּייס־נאַכטסן ביי שלמה חלפן און האָט ביזן טויט געדענקט אַ היפּשע צאָל פון

הערש לייבס לידער און וויצן, פלעגט מיר אָפט דערציילן וועגן דעם באַרימטן סיגעטער בדחן און פאָלקס־דיכטער, וואָס האָט פאַרבראַכט דריי גליקלעכע יאָר אין קאָלאָמייער גן־עדן.

הערש לייב גאָטליב איז שוין דעמאָלט געווען אַ ייִד אַרום די זעכציקער און זיין קלוג־טרויעריק פּנים איז געווען אַרומגעראָמט מיט אַ גראָער, קורץ־געשוירענער באָרד, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ קרענצל פאַרוויאַנעט גרינצייג.

—אַז דו האָסט אים געזען אין גאַס — האָט מיין פעטער מיר געזאָגט — וואָלסטו קיינמאָל אין דיין לעבן נישט געקענט טראַכטן, אַז דער ייִד האָט אַזאַ גילדן מויל. ער האָט געהאַט אַ קלוג ייִדיש פּנים, נאָר די אויגן זענען ביי אים געווען איבערגעשראָקענע, און מען האָט דערפאַר געהאַט דעם איינדרוק, אַז דער ייִד מוז זיין אַ שותק. און ער איז דאָס געווען דער אמתער שווייגער... אַ פייערדיקע צונג, און אַז ער האָט נאָר געעפנט די ליפּן, האָט זיך שוין געגלוסט צו לאַכן. הייבן הייבט ער אָן — ס'איז דאָך ביים מתנגד שלמה חלפן אין שטוב — מיט שטעכווערטלעך פאַר גוטע ייִדן און חסידים. דער בעל־הבית גלעט זיך די באָרד פאַר הנאה און די איידעמס און די זין לאַכן מיט גרויס פאַרגעניגן, און אַז ער, הערש לייב, דערפילט, אַז דער עולם איז שוין זיינער, נעמט ער צוביסלעך אַריינלאָזן אין זיינע חכמות און אין זיינע לידער אַפּיקורסישן גיפט, אַז ס'ווערט אַזש פריקרע צו זיצן. מען שעמט זיך צו קוקן אויף שלמה חלפן, טאָמער ווערט עס אים פיינלעך זיין. און איין מאָל — האָט דער פעטער פאַרצייכנט אין זיין זכרון — האָט שלמה אַ לייכטן קלאַפּ געטאָן הערש לייבן אויף די פּלייצעס און האַלב־אין־שפּאַס און האַלב־אין־ערנסט אַ זאָג געטאָן:

— וועסט מוזן תשובה טאָן, הערש לייב!

הערש לייב האָט נישט איבערגעפרעגט פאַרוואָס, נאָר זיך אַ דריי געטאָן צו ר' שלמהס איידעס שמחה, וואָס איז געווען אַ זיידענער ייִד, אַ בעל־תנ"ך און אַ בעל־דקדוק, און אים אַ פרעג געטאָן אין אַ שטאָק־ערנסטן טאָן:

— ר' שמחה, וואָס פאַר אַ מין איז תשובה, זכר צי נקבה?

און אַז ר' שמחה האָט, ווי זיין שטייגער איז געווען, געלאַסן און מיט אַ פאַרשעמטן שמייכל געענטפערט: „נקבה", האָט הערש לייב אַ הייב געטאָן די פּלייצעס און פאַרצויגן דאָס פּנים, ווי ער זאָל וועלן אויסדריקן פאַרצווייפלונג, און אַ ברום געטאָן:

— ווייסט דער רוח! און איך האָב צו איר אַזוי ווייניק יצר־הרע!

אַלע האָבן שטאַרק געלאַכט — האָט מיר מיין פעטער מבטיח געווען — און האָבן פאַרגעסן, אַז דער וויץ איז נישט נאָר אַפּיקורסיש, נאָר ער שמעקט אויך אַ שפּאָר ביסל מיט ניבול־פּה. אָבער צו מייסטן האָט זיכער געלאַכט

טאַקע מיין פעטער אַליין, וואָס האָט מיר הערש לייב סיגעטערס חכמה דער־ציילט מיט העכער דרייסיק יאָר שפּעטער אין טשערנאָוויץ.

היימישע משכילים האָבן אין יענע יאָרן, ווען ראובן אָשר ברוידעס און הערש לייב סיגעטער האָבן געהאַט אַזוי פיל דערפאָלג אין שטאָט, דווקא נישט געהאַט אַזאַ גוטע דאָליע ביי די פרומע. צו דער זעלבער צייט ווען מען האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט ראובן אָשרס טרעפלעכע וויצן און מ׳האָט אָפּ־געגעבן גרויס כבוד דעם סיגעטער אַפּיקורס הערש לייב, האָט דער היימישער משכיל, כאַסקל איציק ראָזענשטאָק, געהאַט אויסצושטיין געברוינטע לייד פון די חסידים. כאַסקל איציק איז נישט געווען קיין קוואַל פון וויצן און האָט נישט געבלענדט מיט הומאָר. ער איז געווען אַן אָרעמער מלמד אין אַ לאַנ־גער קאַפּאָטע מיט אַ שטריימל און ער האָט קיינמאָל נישט פאַרפעלט קיין מנחה ומעריב אין קלויז. ער איז בכלל געווען אַ קנאַפּער שמועסער, און וועגן דעם וואָס ער טראַכט, האָט ער אַחוץ מיט עטלעכע אויסדערוויילטע קיינמאָל נישט גערעדט — און פונדעסטוועגן האָט אָט דער שווייגנדיקער ייִד געצויגן צו זיך עפּעס מיט אַ מאַגנעטישן כוח דעם צאָרן פון די פרומע. ער האָט, ווי געזאָגט, געדאַוונט יעדן טאָג בציבור, אָבער פרומע יונגעלייט האָבן אים אונ־טערגעקוקט און „געוווסט אויף זיכער״, אַז ער מאַכט אַפילו נישט מיט די ליפּן. אין איינעם אַ יום־כיפור, ווידער, ווען כאַסקל איציק איז באַגלייך מיט אַלע ייִדן געזעסן איבערגעדעקט מיטן טלית ביי זיין שטענדער, האָבן די זעל־ביקע פרומע יונגעלייט דעטעקטיוויש אויסשפּיאָנירט, אַז דער מלמד לייענט גאָר אַ צייטונג. ס׳האָט זיך זיי מן־הסתם בלויז אויסגעדאַכט, וואָרים כאַסקל איציק האָט נישט געוואַגט מיטצוברענגען עפּעס אַנדערש אין קלויז ווי אַ מחזור, און מען האָט טאַקע קיינמאָל נישט געהאַט קעגן אים קיין דירעקטע באַווייזן פון אַפּיקורסות. אָבער פונדעסטוועגן האָט קהל געהאַט רוח־הקודש. כ א ס ק ל א י צ י ק ר אָ ז ע נ ש ט אָ ק איז געווען דער טיפסטער, דער געבילדעטסטער און דער איינגעשפּאַרטסטער אַפּיקורס אין שטאָט.

ער האָט אַלע זיינע יאָרן געוווינט אין דער שפּינאָזע־גאַס, מחמת ער האָט געהאַט גרויס פאַרערונג און ליבשאַפט צום אַמסטערדאַמער גאון און איז געווען אַ גרינטלעכער קענער פון זיינע ווערק. אין דער פעדערשטשער שטוב, ווו כאַסקל איציק האָט געלערנט מיט די תלמידים, זענען געלעגן אויפן טיש און אויף עטלעכע פּאָליצעס ביי דער וואַנט חומשים, גמראס און אַנדערע דערלויבטע ספרים. אין אַלקער, ווו ס׳האָט קיינמאָל נישט אַריינגעשיינט די זון און ס׳איז געווען שטאָק־פינצטער, האָט ער געהאַלטן זיינע פילאָסאָפישע ביכער. אַהין פלעגט ער זיך אַריינכאַפּן געוויינטלעך נאָך מעריב און ביים פלעמל פון אַ קאַנעץ אָפּזיצן און שטודירן גאַנצע נעכט. און נישט נאָר פילאָ־

סאָפּיע האָט כאַסקל איציקן אינטערעסירט. ער האָט ממש אָן אָטעם געלייענט און זיך נישט געקענט אָפּרייסן פון ביכער וועגן מאַטעמאַטיק און פיזיק. עס האָט אין דעם אָרעמען מלמד פון דער קאָלאָמייער שפּינאָזע־גאַס געלעבט דער גייסט פון אַ שלמה מימון. ער איז אפשר געווען נישט ווייניקער באַהאַוונט פון אים אין תלמוד און אין וויסנשאַפטן, אָבער עס האָט אים געפעלט יענעמס שטורמישע דרייסטקייט, יענעמס אינטעלעקטועלע צודרינגלעכקייט און זיכער אויך מימונס שריפטשטעלערישער גלאַנץ. באַגלייך מיט מימונען האָט כאַסקל איציק זיך אויסגעלערנט דייטש אויף דעם האַרבן לשון פון קאַנט און העגעל און באַגלייך מיט אים האָט ער בשעתן לערנען די שפּראַך פאַרשריבן די ראַנדן פון די ביכער מיט ברענענדיקע פילאָסאָפישע פראַגעס. אָבער ער האָט נישט געהאַט דעם מוט די פראַגעס אַרויסצוטראָגן איבער דער שוועל פון זיין אַל־קער, ווייל ער האָט מורא געהאַט צו פאַרלירן ס׳מלמדות, און נאָך מער האָט אים געשראָקן דער צאָרן פון די סאַדאַגערער און באַיאַנער חסידים, וואָס האָבן אים, ווי געזאָגט, ווייס גאָט פאַרוואָס, געהאַלטן פאַר זייערן אַ געפערלעכן שונא. מיט זיינע געדאַנקען האָט זיך כאַסקל איציק געטיילט מיט עטלעכע געציילטע מענטשן אין שטאָט, און אָט די אַלע מענטשן, וואָס צווישן זיי איז אויך געווען מיין טאַטע, האָט פאַרבונדן מיטן מלמד־פילאָסאָף אַ טיפע ליבשאַפט און פונקט אַזאַ טיפע שווייגעניש.

און מערקווירדיק, וואָס ווייניקער מען האָט פון כאַסקל איציקן געהערט, וואָס מערער און צו דער צייט ער פלעגט קומען דאַווענען, וואָס בעסער זיינע תלמידים האָבן געקענט לערנען אַ בלאַט גמרא און וואָס זיכערער זיי זענען געווען מיט זיין פרומקייט, אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער האָט געברויזט די שנאה פון די סאַדאַגערער צו דעם שטילן און סודותפולן מלמד. עס האָט אין די חסידישע יונגעלייט געלעבט אַ שטיק פּאָליציייִשע פּסיכאָלאָגיע, וואָס איז גרייט אומצוברענגען אַ פאַרברעכער, ווען זי קען אים נישט נאָכווייזן זיין פאַרברעך.

ביז אין איינעם אַ זומערדיקן שבת צו שלוש־סעודות, ווען די יוגנט אין קלויז איז געווען איבערמוטיק, זיך איבערגעוואָרפן מיט שפּיציקע ווערט־לעך און מיט האַנטיכער און נישט געוווסט ווו זיך אַהינצוטאָן מיט דער ענער־גיע, וואָס האָט זיך געשפּאַרט פון די לייבער, פונקט דעמאָלט האָט אַריינגע־שפּאַצירט מיט זיין סטאַטעטשנעם, דריבנעם שפּאַן כאַסקל איציק ראָזענשטאָק. עס איז געשען, ווי עס געשעט תמיד אין אַזעלכע פאַלן פון מאַסן־פּסיכאָז. עמעצער פון די יונגעלייט האָט אַ געשריי געטאָן, אַז ס׳גייט דער „עוכר ישראל״, און קיינער האָט דערנאָך נישט געוווסט ווען און ווי אַזוי צענער הענט האָבן אַ כאַפּ געטאָן דעם אָרעמען מלמד, אים איבערגעקערט מיטן פּנים

אַראָפּ און אין אים אַריינגעהאַקט שמיץ מיט יאַרמעלקעס, שמיץ מיט גאַרטלען און אַפילו ממש עטלעכע פליישיקע קלעפּ. ס׳איז טאַקע געוואָרן אַ מהומה... טאַטעס האָבן געזאָגט ביטערע מוסר־ווערטער זייערע צעיאָכמערטע זין, און ס׳איז שיער נישט אויסגעבראָכן אַ מחלוקת מיט בעלי־בתים, וואָס האָבן גע־פּרוווט צוואַרפן אַ ביסל מוסר־רייד צו טאַטעס פון אַזעלכע זין. אָבער צוויי גוטע זאַכן זענען אין יענעם בין־השמשות אַרויסגעקומען פאַרביידע צדדים. די חסידים האָבן סוף־כל־סוף געהאַט אַ זיכערן באַוויז פאַר כאַסקל איציקס אַפּיקורסות. ווי אַזוי? די געהיימנישפולע תלמידים פונעם פילאָסאָף זענען ענדלעך אַרויס פון די באַהעלטעונישן און האָבן עפנטלעך גענומען לויבן זייער רבי, אַז ער איז פונקט אַזוי גרויס ווי דער רמב״ם און... אַז ער האָט זיינע אייגענע דרכים אין יידישקייט. כאַסקל איציק ווידער איז פּטור געוואָרן אַי פון דער קלויז אַי פונעם חדר. באַהאַלטענע תלמידים האָבן דעם פילאָסאָף געגעבן אַ חודשלעכע פּענסיע און ער איז זיך געזעסן די עטלעכע יאָר, וואָס ער האָט נאָך געלעבט, אין זיין שטוב, אין דער שפּינאָזע־גאַס און האָט עוסק געווען אין די ספרים פונעם אַמסטערדאַמער און אין אַנדערע ביכער, וואָס צוליב זיי קען מען בעסער פאַרשטיין די פינף טיילן פון זיין „עטיק״.

כאַסקל איציק האָט איצט געלעבט רויִק און אָן דאגת־פּרנסה, אָבער ער האָט נישט געקענט גובר זיין דעם פּחד פאַר זיינע אַמאָליקע חסידישע שטראָפערס. ער האָט זיך זעלטן באַוויזן אין גאַס און מיט זיינע באַזוכערס האָט ער גערעדט שטיל, גלייך ווי ער וואָלט איינגערוימט אַ סוד. מיין טאַטע, וואָס איז געווען איינער פון כאַסקל איציקס מקורבים, האָט מיר אַמאָל דער־ציילט וועגן אַ פּאַסירונג וואָס וואַרפט אַ באַזונדער שאַרף ליכט אויף דעם שרעק, וואָס די חסידים האָבן אַריינגעיאָגט אין דעם אָרעמען מלמד, און אויף דעם מאָדנעם אופן פון נקמה, מיט וועלכער ער האָט זיך געקילט ס׳האַרץ קעגן זיינע שונאים.

מיין טאַטע, וואָס האָט תיכף נאָך דער חתונה געוווינט אין אַ קליין שטעטל ביים דניעסטער אין גאַליציש־פּאָדאָליע, האָט אַלעמאָל ווען ער איז געקומען צו פאָרן קיין קאָלאָמיי, באַזוכט זיין רבי. איינמאָל אַ פאַרנאַכט — ער קלאַפּט אָן אין טיר פון הויז אויף דער שפּינאָזע־גאַס. די טיר איז פאַר־שלאָסן און ער פילט ווי כאַסקל איציק האָט מורא צו עפענען. יענער פרעגט עטלעכע מאָל איבער ווער ס׳איז דאָרט, און אַז דער טאַטע ענטפערט, גלייבט ער נישט. מען הערט ממש ווי דער אָרעמער ייד פלאָטערט אַ דערשראָקענער אַרום איבערן צימער און קען זיך נישט באַשליסן צו עפענען, ווייל טאַמער איז עס גאָר אַ חסיד, וואָס האָט זיך פאַרשטעלט פאַר זיינס אַ מקורב. פאַר פּחד האָט ער נישט דערקענט דאָס קול פון זיינס אַ נאָענטן מענטשן. און אַז

דער טאַטע איז ענדלעך אַריין אין שטוב, האָט ער אויפֿן טיש דערזען ליגן אַ קאָפּיע פֿונעם כתב החרם קעגן חסידים, וואָס די פּרנסים און רבנים פֿון דער בראָדער קהילה האָבן אויסגערופֿן בעתן גרויסן יאַר־יאַריד פֿון 1772. דער כתב החרם האָט פֿאַרן שפּינאָזיסט אין תוך נישט געקענט האָבן קיין אַנדער ווערט ווי, למשל, די „שבחי בעש״ט". ביידע זענען פֿאַר אים געווען פּראָדוקטן פֿון אומגייסט, אָבער פֿונדעסטוועגן האָט די מענטשלעכע שוואַכקייט זיך צו קילן ס׳האַרץ פֿאַרפֿירט כאַסקל איציקן, ער זאָל עטלעכע מאָל אין יאָר איבערלייענען די שאַרפֿע תקנות קעגן חסידים פֿון צוריק מיט איבער הונדערט יאָר און עס זאָל אים לייכטער ווערן אויפֿן האַרץ דערפֿון, וואָס כאָטש די עלטער־זיידעס פֿון זיינע פֿייניקער האָבן געכאַפּט דעם אמתן פּסק. און אפֿשר איז דאָס גאָרנישט געווען קיין מענטשלעכע שוואַכקייט, ווי עס קען זיך אויסדוכטן, נאָר דווקא אמתע פֿילאָזאָפֿישע גרויס, וואָס דער מלמד פֿון דער שפּינאָזע־גאַס האָט געהאַט דעם זעלישן כוח זיך צו טרייסטן מיט אַזאַ מין פּלאַטאָנישן טרייסט ווי אַ חרם פֿון הונדערט יאָר צוריק. ווען יענע חסידישע יונגעלייט זאָלן געווען פֿאַרמאָגן כאַסקל איציקס היסטאָרישע וויזיע, וואָלט פֿאַר זיי אפֿשר אין יענעם בין־השמשות אין קלויז אויך גענוג געווען דער חרם קעגן שפּינאָזאַן פֿון צוריק מיט צוויי הונדערט יאָר.

אָבער דאָס וואָס כאַסקל איציק איז געווען אין איין פּחד, ווען ער האָט געלייענט דעם כתב החרם און וואָס ער האָט הינטער זיך פֿאַרשלאָסן און פֿאַרמאַכט טיר־און־טויער — דאָס איז זיכער נישט געווען שפּינאָזיסטיש... און נאָך עפּעס איז נישט געווען על פּי „עטיק". נאָכדעם ווי דער מלמד האָט זיך באַרויִקט, האָט ער זיך נאָכאַמאָל אומגעקוקט, צי ס׳איז נישטאָ קיינער אין שטוב אַ חוץ אים און זיין תלמיד, און גענומען שליידערן פֿאַרשפּיצטע, שפּיזיקע קללות ספּעציעל קעגן די גוטע ייִדן פֿון סאַדאַגערע און באַיאַן.

ווי אַזוי האָט אויסגעזען דער כאַסקל איציק ראָזענשטאָק פֿון מיינע צייטן, ד. ה. אין די יאָרן קנאַפּ פֿאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה? גאַנץ אַנדערש, לגמרי אַנדערש. ער האָט געהייסן מעכל קאָן און איז געווען געקליידט לויט דער לעצטער מענערישער מאָדע. אַן עלעגאַנט קיילעכדיק בערדל, אַ שיין געשניטענער נאָכמיטאָג־ראָק אָדער שוואַלבן־ראָק, ווי מען האָט אים דעמאָלט גערופֿן, און אַ דאַרער קאַפּעליוש. ער רעדט נישט ייִדיש, אָבער אויך נישט פּויליש. ער רעדט דייטש און האָט געלייענט דעם נייסטן ראָמאַן, וואָס האָט זיך באַוויזן אויפֿן ביכער־מאַרק. ער האַלט נישט פֿון בערנאַרד קעלערמאַנס „דער טונעל" (קעלערמאַן איז צופֿיל אין ליבע מיט דער טעכניק) און זעט, אַז דער ייִדיש־דייטשער שרייבער יאַקאָב וואַסערמאַן מאַרשירט ליטעראַריש

באַרג־אַרויף מיט זיין לעצטן ווערק „די יודען פאָן צירנדאָרף“. ער איז אַ גרויסער פאַרערער פון ריכאַרד דעמעל, אָבער ער גיט אונדז אַלעמען צו פאַרשטיין, אַז די טיפע דיכטער־פערזענלעכקייט פון אונדזער צייט איז גאָר דער יונגער, ריינער מאַריאַ רילקע.

מיר גייען אַהיים פון נודנע ליטעראַטור־קורסן, וואָס מיר הערן זיך אָן אין גימנאַזיע, און אויף דער גאַס באַגעגענען מיר מעכל קאַן. אַז ער איז דאָ אין שטאָט, מאַכט ער אַ צוויי־דריי מאָל אין דער וואָך אַרום מיטאָג־צייט אַ שפּאַציר צו דער מיצקעוויטש־גאַס און דאָרט טרעפט ער עטלעכע יונגע פריינט זיינע, יידישע סטודענטלעך פון פינפטן, זעקסטן קלאַס דערזעען דעם „הער קאַן“, הייבן מיט פרייד די טשאַפּקעס און לאָזן זיך צו אים צו. ער נעמט ריידן וועגן דער דייטשער ליטעראַטור און אַלע הערן זיך צו אים צו מיט אָפענע מיילער. מען הייבט ערשט אָן באַגרייפן, ווי גאַרנישט זאָגנדיק עס איז געוועזן דער קורס פון פּראָפעסאָר ווישניעווסקי מיט אַ שעה אָדער צוויי צוריק. דערנאָך, אַז די מייסטע חברים צעגייען זיך און עס בלייבן איבער געציילטע דריי־פיר יינגלעך, באַגלייט זיי „הער קאַן“ אַלעמען אַהיים און באַשטעלט מיט זיי אַ באַגעגעניש אין פּאַלקס־גאָרטן. נאָכמיטאָג, אַרום פינף, טרעפט מען זיך אויף אַ זייטיקער אַלייע און מעכל קאַן עפנט פאַר די סטודענטלעך נייע האָריזאָנטן. ער האַלט פאַר אונדז אַ לעקציע וועגן פילאָזאָפיע, ער פירט אונדז אַריין אין ניטשעס און אין שאָפּענהויערס ווערק. ער קריטיקירט פאַר אונדז זייערע געדאַנקען און באַגייסטערט אונדז פאַר זייער שפּראַך. און פּלוצים צערעדט ער זיך איינמאָל וועגן חסידות, און איך דערזע פאַר מיר אַ בעל־שם, נישט אַזעלכן, ווי איך האָב אים אַרויסגעלייענט פון גרעצעס יידישער געשיכטע און אַוודאי אַ גאַנץ אַנדערן ווי דעם, וואָס איז צו מיר דערגאַנגען דורך דער טראַדיציע פון מיין מתנגדישער משפּחה. ער רעדט וועגן „וווּנדער־ראַבּיס“ מיט אַזאַ טאָלעראַנץ און מיט אַזאַ איינגעהאַלטענער ליבשאַפט, אַז ביי דער ערשטער געלעגנהייט, ווען דער וויזשניצער רבי קומט אויף אַ שבת קיין קאָלאָמיי, כאַפּן מיר זיך עטלעכע סטודענטלעך אַריין אין וויזשניצער קלויז, מישן זיך אויס מיט פריידיק־צעפּלאָמטע יידן און פּראַוועון מיט אַ טיש ווי אמתע חסידים, מיט ברען און התלהבות. און נאָך עפּעס: ער דערציילט יעדן פון אונדז עפּעס שיינס און אינטערעסאַנטס וועגן דעם פאַרשטאָרבענעם זיידע אָדער עלטער־זיידע, וואָס ער האָט געקענט, און וועקט אין אונדז אַ מאָדנעם געפיל פון פאַרשטענדעניש און שטאָלץ פאַר דער משפּחה און פאַר די, „וואָס זענען געגאַנגען אויף אייביק אַוועק“.

און אַ שטילער איז ער געווען, מעכל קאַן, אַ באַהאַלטענער און אַ בעל־פּחד, ווי אַמאָל דער אויסטערלישער מלמד פון דער שפּינאָזאַ־גאַס. און געווען

איז ער דער ווירקעוודיקסטער לערער נישט פון אַ דור (עס איז נישט געווען אין הסכּם מיט זיין טעמפּעראַמענט), נאָר פון עטלעכע יחידים פון אַ דור. און די יחידים דאַכט זיך, אַז זיי האָבן אַלץ ביי אים געלערנט און אַז אַז אים וואָלט זייער אינעווייניקסט לעבן געווען אַנדערש אויסגעזען: אַ סך מאָגערער און אַ סך ליאַרעמדיקער.

„וועסט מירצעשעם האַלטן שבת ביי הערש ראַמלער...״

אין מזרח־וואַנט, אויף דער לינקער זייט פון אָרון־קודש, האָט געהאַט זיין שטענדער דער גרעסטער גביר פון ר׳ איציקל־שולכל און איינער פון די גרעסטע אין שטאָט — ה ע ר ש ר אַ מ ל ע ר. ער איז געווען אַ דאַר, זשוואַווע ייִדל, מיט אַ קורץ, צוויי־שפּיציק בערדל און מיט אַ פּאָר שטעכיק־ביסטרע אויגן אונטער אַ ברייטן רבנישן שטערן. קיין געסט פון תורה איז דער רבנישער שטערן נישט געווען. אין פּרט פון תורה — האָבן ייִדן געחוזקט — איז ר׳ הערש נישט מער ווי אַן אָרימער לאַחדימניק: אַ שאַכטעלע חומש מיט רש״י, אַ פּודעלע „עין יעקב״ און דערנאָך לויטער ליידיקע פּאַליצעס. אָבער דערפאַר, אַז ס׳קומט צו מסחר, איז הערש דער גרעסטער און רייכסטער הור־טאָווניק. נישטאָ אַזאַ סוחרישע קאָמבינאַציע, וואָס זאָל אים נישט איינפאַלן, און ס׳איז גאָר נישט פאַראַן אַזאַ סחורה, וואָס ער זאָל אויף איר קיין מבין נישט זיין. ס׳איז איבעריק צו זאָגן, אַז ד ע ר איז נאָך נישט געבוירן געוואָרן, וואָס זאָל אים קענען איבערכיטרעווען.

פאַרמאָגט טאָקע הערש ראַמלער אַן אייגענע ציגעלניע אין קאָסאָטשעוו, אַ פּילוועריק מיט אַן ערך טויזנט יאָך פעלד אין קריליווקע און אַ וואַלד לעבן סאָפּעוו. אַחוץ דעם איז ער אַ שותף צו דער בראָווארניע אין געטקעוויץ און האָט אַן אַ שיעור הייזער אין שטאָט. ר׳ הערש האָט אָפּגעקויפט איינע פון די נייע גאַסן אונטער ביידאָפּס דאַמפּמיל, זי פאַרבויט מיט שיין־געפּאַרבטע אייך־פאַמיליע־שטיבלעך און מאַכט אַ פאַרמעגן פון דעם דירה־געלט. די גאַס הייסט אויף זיין נאָמען: די ראַמלערווקע.

אָבער דעם גרעסטן אָנזען האָט ביי אונדז, יונגוואַרג, געהאַט הערש ראַמ־לער דערפאַר, וואָס ער איז געווען דער בעל־הבית פון דעם קרימינאַל — דאָס צווייגאָרנדיקע ווייס־געקאַלכטע הויז אויף דער קראַשעווסקי־גאַס מיט די שמאָלע, פאַרגראַטעוועטע פענצטער, ווו די היימישע גנבים און רויבערס זיצן אויפדערווייל, ביז זיי ווערן אַריבערגעפירט אין סטאַניסלאַווער צענטראַל־אַרעסט אָדער אין די לעמבערגער „בריגיטקעס״, איז געווען דאָס אייגנטום פון הערש ראַמלער.

די ייִדן און דעריקרשט מיר, די קליינע ייִדעלעך פון ר׳ איציקל־שולכל, האָבן זיך נישט נאָר איבערגענומען דערמיט, וואָס דאָס קרימינאַל איז, אַזוי צו זאָגן, אונדזערס, נאָר נאָכמער זענען מיר געווען שטאָלץ, וואָס פראַנץ

יאָזעפֿן איז אָנגעקומען מיט כריין ביז ר׳ הערש האָט אים פֿאַרדונגען די מויער. כ׳האָב נישט איינמאָל געהערט דערציילן, אַז ר׳ הערש האָט באַין־אופֿן נישט געוואָלט, אַז אין זיינס אַ הויז זאָלן וווינען גנבים און רויבערס.

— אַ שיינעם תכלית — האָט ער געטענהט צו זיינע געלערנטע איידעמס — וועלן זיי מאַכן פֿון מיינע שטיבער. ברייטע, ליכטיקע צימערן צוגעריכט — און פֿאַר וועמען? פֿאַר רוצחים?

אָבער די איידעמס האָבן זיך אויף הערשן אָנגעזעצט, אַז ער זאָל פֿאַרדינגען, וואָרים מען טאָר זיך נישט איינרייסן מיטן קרייז־הויפּטמאַן. און אַז דאָס האָט אויך נישט געהאָלפֿן, זענען זיי אַרויס מיט דער אמתער לאָקעטקע. פֿראַנץ יאָזעף וועט געבן אַן אָרדער... דערמיט האָבן זיי געפּועלט. וואָס פֿאַר אַ מין אויסצייכענונג ר׳ הערש האָט באַקומען פֿונעם קייסער, ווייס איך נישט. ער האָט זי קיינמאָל נישט געטראָגן און קיינער פֿון די דערציילערס האָט נישט געוווסט ווי אַזוי זי הייסט. אָבער פֿאַרשטאַנען האָבן אַלע און זיך געשושקעט מיט גרויס אָפּשיי, אַז פֿראַנץ יאָזעף האָט געגעבן הערש ראַמלערן איינעם פֿון די גרעסטע אָרדערס, וואָס ער פֿאַרמאָגט.

צוליב דעם הויז אויף דער קראַשעווסקי־גאַס, וואָס איז געוואָרן קירהס קאָלאָמייער תפֿיסה, איז דער נאָמען הערש ראַמלער אַריין אין ייִדישן פֿאָלקלאָר פֿון דעם גאַנצן פּאָקוציער געגנט.

— ווערסט מירצעשעם האַלטן שבת ביי הערש ראַמלער — האָט געשריגן אויף אַ קול לייזער קראַטקע צו נפֿתלי פֿאַנדריק, און זיך דערביי פּירגענומען נאָך היינט אַריינצוגיין צום אַדוואָקאַט און צו מאַכן קעגן נפֿתלין אַ קלאַגע פֿאַר ערנבאַליידיקונג.

— ער האָט זיך געשלאָגן מיט אַ קצבֿ־יונג, האָט אים הערש ראַמלער פֿאַרבעטן צו זיך צו גאַסט, — האָט מיט איראָנישער פּרומקייט דערציילט אין מאַרק ציפּע יענטע די זיצערקע.

— הערער זיצט מער ביי הערש ראַמלער, ווי ביי זיך אין דער היים, — האָבן זיך ייִדן געוויצלט אויפֿן חשבון פֿון דעם אין שטאָט פּאָפּולערן פּ.פּ.ס.ישן טוער, וואָס האָט אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק געהאַט אַ צונויפֿשטויס מיט דער מאַכט און איז אָפּגעזעסן דערפֿאַר אַ שטראָף.

און ר׳ הערש אַליין, וואָס ביי אים „איז מען צו גאַסט“ און ביי אים „האַלט מען שבת“, איז גאָר אַ גאַנצע וואָך נישטאָ אין שטאָט. אין דער קאַנצעליי אויף דער יאַגעלאָנסקע גאַס זיצן די דריי איידעמס זיינע, סקריפּען מיט דער פּען און מאַכן חשבונות. אָבער הערש טוט אָן אַ ליאַדענעם שטויבמאַנטל, הייסט איינשפּאַנען די געל־לאַקירטע בריטשקע און פֿאָרט אַרויס צו די געשעפֿטן זיינע אין די אַרומיקע דערפֿער. ער האָט אַפֿילו נישט קיין געדולד זיך

אַגידערצוזעצן. די מייסטע צייט פון דעם פאַרן שטייט ער אונטערן קוטשערס פלייצע און זוכט מיט די שטעכיקע אויגן זיינע סימנים, אַז מען שטייט נישט ליידיק אין די געשעפטן, מען זיצט נישט רויק, מען פּראָדוצירט. ענד־לעך דערזעט ער אַנקומען וועגענער אָנגעלאָדענע מיט ציגל, אָבער אים דאַכט זיך, אַז זיי שלעפּן זיך צו־לאַנגזאַם. כאַפּט ער אַרויס ביים קוטשער די בייטש פון דער האַנט און גיט מיט איר אַ מוראַדיקן סווישטש אין דער לופט — אַן אָנזאָג צו די פּרעכטערס, אַז זיי זאָלן זיך ראַזדרעכען און נעמען טרייבן די פערד אַביסל גיכער — דער טאָג שטייט נישט, מ׳דאַרף אַרבעטן.

שטילקייט פאַרטראָגט ר׳ הערש כלל נישט. אַלעמאָל ווען ער קומט אַריין אין דער גערשמער קאַנצעליי פון זיין קאַסאַטשעווער ציגעלניע און זעט זיינע מענטשן זיצן ביי טישן, יעדערער פאַרטיפט איבער פּאַפּירן און אַלע איינגע־וויקלט אין שטילקייט, קען ער נישט גלייבן, אַז מען אַרבעט.

— ס׳איז נישט קיין קאַנצעליי, נאָר אַ בית־עולם! — גיט ער אַ געשריי און לויפט אַרויס צו דער אַרבעט, צו די סאַמע ריכטיקע אַרבעטער, וואָס ברענען דעם ליים און מאַכן דערפון ציגל. אויפדערנאַכט, ביים פאַרמאַכן די ציגעלניע, פאַרשטייט ער נישט, וואָס די בעל־עגלות איילן זיך אַזוי און וואָס זיי שטאַרקען זיך דאָס מיט די פּידזשאַלעס און לאַכן.

— וואָס איז אויף זיי די גדולה אַזוי גרויס? — האָט ר׳ הערש זיך אַמאָל געקלאָגט פאַר אַ גרויסן קונה. — דער טאָג האָט זיך געענדיקט? ביינאַכט איז בעסער, אַז מ׳שלאָפט און מ׳פאַרדינט נישט?

אַפילו צו זיינע איידעמס (קיין זין האָט ער נישט געהאַט), מיט וועלכע ער האָט זיך שטאַרק געגרויסט, האָט ער זיך ערגעצוווּ באַצויגן מיט ביטול. אמת, דער עלטערער איידעם, משה, איז אַן אייניקל פון דעם באַרימטן פּראַ־גער רב ר׳ יחזקאל לאַנדאַ („נודע ביהודה”). דער מיטעלער, אפרים, איז גאָר מיט אַלע מעלות: פרום, אַ גרויסער לערנער, אַ פירער ביי די ציוניסטן, גע־בילדעט אין דייטש און אין פּויליש, און דערצו פון דעם בעסטן קראָקעווער יחוס. דער ייִנגסטער ווידער, מענדל, האָט סמיכה אויף רבנות און איז אַ שוועסטערקינד מיט די תאומימס. אָבער וואָס איז דער תכלית זייערער? זיי אַליין, די איידעמס — האָט ר׳ הערש אַמאָל אַזוי מסביר געווען זיינע טראַכ־טענישן — זענען דער תכלית פון זיין לעבן. ער האָט פון קיינעם גאָרנישט געירשנט. ער האָט אָנגעהויבן מיט די אייגענע צען פינגער און אויפגעשטעלט די גרעסטע ציגעלניע אין שטאָט, איינגעקויפט דעם בעסטן פּולווערק אין דער געגנט און דערצו נאָך די בעסטע איידעמס פאַר זיינע טעכטער. די דריי זיידענע יונגעלייט זענען אַזוי אַרום פּונקט ווי דאָס פאַרמעגן, זיין דערגריי־כונג. און דערגרייכט האָט ער דאָס מיט זיין עקשנות, מיט זיין קלאָרן בליק

וואָס פאַר אַ געשעפט טויג יאָ און וואָס פאַר אַ געשעפט טויג נישט. און מיט זיין האַרעוואַניע. אָבער וואָס איז דער תכלית פון משהס און אפרימס תורה?

תורה לשמה האָט אין דער פאַרשטעלונג פון דעם געניאַלן אינדוסטריאַליסט און סוחר הערש ראַמלער נישט עקזיסטירט. ער האָט דרך־ארץ געהאַט פאַרן רב, ווייל ער האָט דערגרייכט צו רבנות דורך תורה, אָבער ער האָט געהאַט אַ טיפע פאַראַכטונג צו אַלע יענע, וואָס לערנען און דאַוונען אָן אַ ציל. ער האָט געגעבן מיט אַ ברייטער האַנט פאַרן ר׳ איציקל־שולכל, אָבער אַרויסצובאַקומען פון אים נאָך אַ שוך האָלץ, כדי עס זאָל זיין וואַרעם די לערנערס אין די ווינטער־ביינאַכטן, איז אָנגעקומען מיט קריעת ים־סוף. וואָרים צו וואָס סתם לערנען אין דער וועלט אַריין? איך פלעג אָפט הערן זאָגן אַ ביטער וואָרט אויף הערש ראַמלער. ער איז אַ בעל־גוף — האָבן ייִדן זיך געקילט ס׳האַרץ. און אַז איך טראַכט הייַנט וועגן דעם דאַזיקן דאָרן ייִדל, וואָס האָט אַפילו נישט געהאַט קיין געדולד און קיין מנוחה צו זיצן אויף דער בריטשקע, קומט מיר אויס, אַז דאָס וואָרט בעל־גוף האָט נישט געטראָפן דאָס ריכטיקע. די דאַזיקע כאַראַקטעריסטיק האָט געגרייכט הערשן העכסטנס ביז צו די קנעכל. וואָרים הערש ראַמלער האָט באַלאַנגט צו יענעם טיפּ מערק־ווירדיקע מענטשן, וואָס דער קליינלעכער תכלית איז דער שווונג פון זייער נשמה. אַזעלכע מענטשן ריידן זיך איין, אַז זיי דינען דער פּראַקטישקייט און דעם ריווח, בשעת אין דער אמתן איז זייער אַרבעט אַ ציל פאַר זיך. נישט דער מאַטעריעלער פּראָפיט איז זייער אָנרעג, נאָר די גייסטיקע הנאה פון דער שאַפונג. זיי זענען די סאַמע ריכטיקסטע לשמה־אַרבעטער און האָבן פיינט צו זען, ווי אַנדערע אַרבעטן אָן אַ תכלית.

צו דעמזעלביקן טיפּ ווי ר׳ הערש ראַמלער האָט אפשר באַלאַנגט יענער פּראַקטישער ייִד ראַטענוי, וואָס האָט צוליב „פּראָפיט" אויסגעבויט אין דייטש־לאַנד די אַלגעמיינע עלעקטריציטעט־געזעלשאַפט. און זיכער אויך דער ריווח־דאָרשטיקער אַמעריקאַנער ראָקעפעלער.

די פרייד פון דעם גרויסן ווירטשאַפטלעכן ווערק זיינעם איז ביי ר׳ הערשן געווען אָן אומבאַוווסטזיניקע. צום באַוווסטזיין איז אים דווקא געקומען די הנאה פון דער אַזוי תכליתלאָזער תורה. שבת אינדערפרי איז הערש ראַמלער געזעסן אַ מידער און אַ פאַרמאַטערטער פון אַ גאַנצער וואָך אַרבעט און האָט בשעתן גאַנצן דאַוונען געדרימלט. אַ הויך וואָרט האָט מען פון אים נישט געהערט. די שטאָלענע אויגן האָבן אַריינגעקוקט אין סידור אַריין און דערנאָך אין חומש, און מן־הסתם פאַר מידקייט גאַרנישט געזען. יואל מאיר דער בעל־קורא האָט געלייענט מיט זיין וווּנדערלעך־מעלאָדישער שטים און מיט זיין קלאָרער דיקציע. הערש ראַמלער איז געבליבן קאַלט. נאָר אַז אַ שלשלת

האָט געהאַלטן ביים אָנקומען, האָט הערש מיטאַמאָל אויפגעלעבט. ער האָט גאָרנישט געקענט אַזוי די פסוקים אויף אויסנווייניק און איז גאָרנישט געווען אַזוי וואַך, אַז ער זאָל דעם טרילער באַוווסטזיניק אַנטקעגנגיין. עס איז גיכער געווען עפּעס מיסטיש־אומהיימלעך, ווי אַזוי דער האַלב־שלאָפנדיקער האָט דערשפּירט דעם ריח פון אַ שלשלת, וואָס דערנענטערט זיך. ער איז געוואָרן לעבעדיק און האָט גענומען קרייזלען פון דעם האַלדז אַרויס אַן ענלעכן טאָן. און אַז דער בעל־קורא איז דערנאָך אָנגעקומען צו דעם דאָזיקן מוזיקאַלישן סערפּענטינע־וועג און געלאָפן אַרויף און אַרויף מיט זיין געוויינטלעכער פליגקייט, האָט הערש ראַמלער אים נאָכגעיאָגט און אַ ברייטע, ביי אים זעלטענע, פרייד און רויקייט האָט זיך צעלייגט אין זיינע שטאָלענע אויגן אונטערן ברייטן רבנישן שטערן.

דער „פּאַליאַק פון משהס גלויבן״: ר׳ אַהרן כהן

הערש ראַמלער איז געווען אַ פירער פון דער שטאַטישער ווירטשאַפט, אַ מיטגליד אין תשעה ניינציק עקאָנאָמישע און פּאָליטישע קאָמיטעטן, אָבער מיט פּאָליטיק האָט ער פּאַרט נישט געהאַט צו טאָן. אין דעם פּרט האָט ער געטאָן, וואָס עס הייסט דער קרייז־הויפּטמאַן און וואָס עס האָבן געזאָגט יאָסל פונקענשטיין און אַהרן כהן. יאָסל פונקענשטיין איז שוין בלויז געווען אַ געוועזענער פרומער ייִד. ער האָט זיך איצט געטראָגן דייטש און איז זיך צונויפגעקומען מער מיט פּאָליאַקן ווי מיט ייִדן.

אַן אינטערעסאַנטע פיגור פון אַן אַסימילאַטאָרישן פירער איז געווען יאָסל פונקענשטיינס וויצע, ר׳ אַהרן כהן. ווי ער שטייט מיר פאַר די אויגן: אַ הויכער, אַ שיינער, אין אַ קאַפּאָטע איבערגעבונדן מיט אַ זיידענעם גאַרטל. פון מויל הענגט אים תמיד אַראָפּ אַ לאַנגער בורשטינענער ליולקע־ציביק, וואָס גרייכט אים ביז צו די גוט־געפּוצטע און קאַקעטיש־אויסזעענדיקע שטי־וועלעך. די שטיוועלעך פאַרענדיקן עפּעס מיט אַ באַזונדערן חן די שלאַנ־קע און איידעלע געשטאַלט פון אַ ייִד אַ בן־תורה.

ער, ר׳ אַהרן, איז דאָס דער רעפּרעזענטאַנט פון דער ייִדישער אַסימילאַ־ציע אין שטאָט. ער איז דאָס דער טיפּישער „פּאָליאַק פון משהס גלויבן״. דעם דריטן מאַי פייערן די פּאָליאַקן דעם יום־טוב פון זייער ערשטער דעמאָקראַ־טישער קאָנסטיטוציע. געדענק איך יענעם טאָג פון יאָר 1911. ס׳איז געווען אַ יאָר פון ברויזנדיקן קאַמף קעגן דער אַסימילאַציע. עס איז דאָס יאָר פון וואַלן צום פּאַרלאַמענט. די ציוניסטן האָבן אַרויסגעשטעלט דעם קראָקעווער רב ד״ר יהושע טאָן. די ייִדישע אַסימילאַטאָרן שטיצן דעם פּאַן יאַן קלעסקי. אויף דער זייט פון די נאַציאָנאַליסטן האָבן מיר, גימנאַזיע־תלמידים, געשפּילט אַ באַזונדערס וויכטיקע פּראָפּאַגאַנדיסטישע ראָלע. מיר האָבן באַאַרבעט אונ־דזערע טאַטעס, אונדזערע עלטערע ברידער, אונדזערע פעטערס און אונדזערע זיידעס, אַז זיי זאָלן אָפּגעבן זייער שטים פאַר דעם ייִדיש־נאַציאָנאַלן קאַנ־דידאַט. מיר האָבן געמאַכט פּראָפּאַגאַנדע מיט גוטן און מיט שלעכטן. מיר האָבן זיך געבעטן, געזוכט צו איבערצייגן, זיך געהיצט מיט פּראַקטישע פּאָ־ליטישע אַרגומענטן. אָבער אַז ס׳האָט נישט געהאָלפן, האָט מען אויך גע־וויינט, געטופּעט מיט די פיס און דערקלערט אַ הונגער־שטרייק.

אין יענעם פּאָליטיש־אויפגעשטורעמטן יאָר זע איך ר׳ אַהרנען אין אַ

זונטיק, דעם דריטן מאַי, אַרויסגיין פון דער הויכער שול, ווו עס איז אָפּגע־האַלטן געוואָרן אַ „גאָטעסדינסט" צום אָנדענק פון דער פּוילישער קאָנסטי־טוציע. ר׳ אהרן טראָגט, ווי אַלעמאָל, זיין שלאַנקע געשטאַלט מיט איידלקייט און מיט גרויס חשיבות. אין לאַץ פון זיין זיידענער זשיפּיצע שטעקט אַ יום־טוב־קאָקאַרדע מיט פּויליש־נאַציאָנאַלע פאַרבן. איך געדענק היינט נישט, צי אונדזער דעמאָנסטראַציע איז געווען אַן אָנגעשטעלטע פון נאַציאָנאַליסטישן צענטער, צי אַ ספּאָנטאַנע. אָבער איך דערמאָן זיך גוט, אַז פּלוצים זענען מיר, אַ היפּשע גרופּע גימנאַזיסטן, אויסגעוואַקסן לעבן ר׳ אַהרנען און אין כאָר אים אַריינגעשריגן אין פּנים אַריין:

— גוט יום־טוב, ר׳ אַהרן!

פון צווישן דער גרופּע דעמאָנסטראַנטן פאַרצייכן איך בלויז עטלעכע נעמען, וואָס שווימען מיר גראַד אַרויף אין זכרון. עס זענען געווען: יצחק בראַוער (היינט פּראָפעסאָר אין חיפהער טעכניקום), בנימין פּרייז (געפאַלן אויפן רוסישן פראָנט אין 1916) און מאַרק גלינערט (היינט אַן אָנגעזעענער דאָקטאָר אין ברוקלין).

מיר דאַכט זיך, אַז ר׳ אַהרן האָט זיך עפּעס ווי פאַרשעמט. ער האָט מן־הסתם דערפילט דעם גאַנצן שפּאַט פון אונדזער גוט־יום־טוב־ביטן, וואָרים ער האָט אונדז אַליין נישט אָפּגעשייגעצט און אַפילו נישט געלאָזט אַנדערע לעבן אים אויף אונדז אַ געשריי טאָן. און אפשר איז ר׳ אַהרן בלויז געווען אַ גוטער פּאָליטישער טאַקטיקער און איז אויסן געווען, אַז די דעמאָנסטראַציע זאָל זיך וואָס וויניקער אָנזען און עס זאָל זיך וועגן איר וואָס וויניקער ריידן. אָבער לייגן אויפן שכל, אַז ר׳ אַהרן איז אין דעם מאָמענט געווען אַזוי אויסגע־רעכנט, לייגט זיך עס נישט. ס׳איז אויך נישט געווען זיין טבע.

פון צווישן די שטאָטישע גבירים איז ר׳ אהרן געווען דער אָפּנסטער חשבון. קינד־און־קייט האָט געוווסט, פונוואַנען עס נעמט זיך זיין רייכקייט: ער האָט געירשנט פון זיין פאָטער, און דער פאָטער פון זיין זיידן, אא״וו, אא״וו. אונטער ר׳ אַהרנס פלייצעס זענען געשטאַנען דורות גבירים. און מערק־ווירדיק: עשירות, וואָס איר אַנהייב ווערט פאַרפאַלן ערגעצוו אין שאָטן פון ווייטע גענעראַציעס, איז פאַר אַלעמען געווען קלאָר ווי אויף דער דלאָניע. די רייכקייט אָבער פון „אויפגעקומענע", וואָס מען האָט זי מיט אייגענע אויגן געזען וואַקסן און שטייגן, איז געווען איינגעהילט אין זיבן שלייערן פון מיסטעריע.

עפּעס האָט סיי ביים מיטלשטאַנד און סיי ביים בעל־מלאכה געלעבט אַן עקשנותדיקער גלויבן, אַז מיט „אייגענע צען פינגער" קען מען קיין פאַר־מעגן נישט מאַכן. איי מען האָט עס אַליין געזען מיט די אויגן? טאַקע דערפאַר

האָט מען אין דעם קיין אמונה נישט געהאַט. וואָרים פאַרוואָס נאָר די „צען פינגער" פון הערש ראַמלער, שואל קנעפּער און ישראל גראַלניק? אַזוי אַרום האָט מען אין דער סאַמע קלאָרסטער קלאָרקייט אַנטדעקט אַ סוד. דער נאָענטס־טער פּשט איז געווען: מזל. אָבער דער בעל־הבית און דער בעל־מלאכה, וואָס האָט פיינט געהאַט דעם ווייבעריש־צעשוווּמענעם באַגריף „מזל". האָט גע־זוכט אַ מער קאָנקרעטן און מער פּאָזיטיוון ענטפער. און דער ענטפער איז געווען: געוווּנען אַ טערנע אויף דער לאָטעריי. הערש ראַמלער האָט מן־הסתם געוווּנען און שואל קנעפּער איז זיכער רייך געוואָרן פון דער לאָטעריי. קיינער געדענקט נישט ווען. ער האָט קיינעם נישט דערציילט און אַלעמאָל געלייקנט, אַז ער האָט ווען־עס־איז געשפּילט. אָבער טאַקע דערפאַר זענען שוין פאַראַן אַזעלכע, וואָס הייבן זיך אָן צו דערמאָנען און זיי דער־ציילן מיט פּינקטלעכקייט, וואָס פאַר אַ נומערן עס זענען דעמאָלט אַרויסגע־קומען. אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט, ביז די „אייגענע צען פינגער", וואָס האָבן געמאַכט דאָס פאַרמעגן, ווערן פאַרוואַקסן מיט מאָך פון טויזנטער מעשיות און דער „אויפגעקומענער" ווערט אַ קוואַל פון פאָלקלאָר אין שטאָט.

דאָס אַלץ איז גערעדט געוואָרן קעגן דעם, וואָס ביי אַזעלכע ווי ר׳ אַהרן פאַרווישט זיך עפּעס די עשירות. מען גריבלט זיך נישט וועגן איר און מען פאַרגעסט, אַז זי עקזיסטירט. ר׳ אַהרן איז ביים פאָלק נישט קיין עושר און זיין מאַכט נעמט זיך בלויז פון פּאָליטישער תקיפות. און די דאָזיקע תקיפות האָבן עטלעכע גימנאַזיסטן אין יענעם זונטיק פון פּוילישן דריטן מאַי־יום־טוב צעבראָכן ווי עפּעס אַן ערדענעם טאָפּ. עס האָט זיך אָפּגעטאָן דער גלאַנץ פון ר׳ אַהרנס מאַכט. קיינער האָט ר׳ אַהרנען נישט געזען מער מיט אַ קאָקאַרדע, מיט אַ פּוילישער אוודאי נישט.

און אויב ר׳ אַהרן האָט אפשר, הגם עס לייגט זיך נישט אויפן שכל, גע־זוכט זיך נישט וויסנדיק צו מאַכן און אַזוי אַרום צו דערשטיקן דעם קלאַנג פון דער דעמאָנסטראַציע, איז אים דאָס גאָרנישט געלונגען. דעם אַנדערן טאָג אינדערפרי, אויפן וועג אין שול אַריין, האָט מיך מיט עטלעכע חברים אָפּ־געשטעלט דער באַרימטער רבי־בחור און אונדז גוטמוטיק אויסגעמוסרט.

דער רבי פון דריטן קלאַס און דער שייגעץ פון ערשטן קלאַס

אין זומערדיקע פריִמאָרגנס, אויפן וועג צו דער גימנאַזיע, באַגעגן איך אַלעמאָל דעם רבי־בחור. שוין פונדערווייטנס, ערגעץ נאָך אויף דער שניידער־שער גאַס, דערהער איך זיין טיף־ברוסטיקן „מודה אַני"; און אַז איך פאַרנעם זיך דערנאָך אויף דער קליבאַניע, נעענטער צו דער שול צו, זע איך אים שפּאַ־צירן מיט גרויס חשיבות פאַר דער טיר פון זיין געמויערטן הויז. ער איז אָנגעטאָן אין אַ געבלימלטן זיידענעם כאַלאַט, און אויפן קאָפּ ביי אים זיצט מיט איבערגעטריבענער סאָלידקייט אַ הויכע סאַמעטענע יאַרמעלקע. אַ ברייט פּנים — בלוט און מילך; אַ קורצע באָרד און לאַנגע פאות, וואָס פאַלן אַרונ־טער פון אונטער דער יאַרמעלקע ווי טאַשמעס זייד אויף די אַקסלען. הגם נאָך גאָר אַ יונגערמאַן (ער איז נישט אַלט געווען מער ווי אַ יאָר עטלעכע און דרייסיק), טראָגט דער רבי פאַר זיך אַ שווערן בויך. דער הילוך איז ביי אים דערפאַר אַזאַ, גלייך ער זאָל האָבן אַ האָרב אויף צוריקצוועגס. אין דער האַנט האַלט דער שפּאַצירער אַ טעפל קאַווע, וואָס דאַרף קאַלט ווערן ביז ער וועט האָבן אָפּגעזאָגט די פריִמאָרגנדיקע ברכה. מענטשן גייען פאַרביי און גיבן אָפּ אַ ברייטן „גוט־מאָרגן". אַזוי לאַנג דער רבי „זאָגט", שטעלט ער זעלטן עמעצן אָפּ. און אויב יאָ — איז בלויז מיט אַ צייכן פון זיינע מיט גנאָד צעשמייכלטע אויגן; ווייבאַלד אָבער ער האָלט שוין ביי דער קאַווע, לאָזט ער כמעט קיינעם נישט דורך אָן אַן ענטפער. דער ענטפער איז אָדער גלאַט „אַ גוט יאָר", אָדער אַ היימישער פרעג נאָכן געזונט, נאָך פרנסה, און צומאָל אַ גלייכווערטל, אַ חכמהלע, וואָס דערלאַנגט מערסטנס אַ דינעם שטעכעלע אין שוואַכסטן פונקט פון געמיט.

אָט די חכמהלעך זיינע האָבן דעם רבי־בחור געמאַכט נישט בלויז פאַרן פאָפּולערסטן גוטן־ייִד אין שטאָט, נאָר אויך פאַרשפּרייט זיין נאָמען איבער גאַנץ מזרח־גאַליציע. פון קאָלאָמיי ביז ווייט הינטער לעמבערג האָט מען זיך דערציילט דעם רבי־בחורס גלייכווערטלעך. באַזונדערס האָבן פון די זאָגעכ־צער הנאה געהאַט די משכילים און אפּיקורסים, וואָרים דעם מאָדנעם רביס חכמות האָבן געאָטעמט מיט שאַרפן זעלבסטשפּאָט און האָבן זיך נישט גע־שראָקן פאַר דער צינישסטער כאַראַקטעריסטיק פון חסידות און חסידים.

מ'האָט נישט געקענט בעסער אָפּלאַכן פון „צדיקס מופתים", ווי נאָכ־דערציילן אַ מעשה פונעם רבי־בחור. נישט אַלע געשיכטעס זענען, פאַרשטייט

זיך, געווען אויטענטיש. אַ סך פון זיי האָט מען בלויז צוגעשריבן דעם רבין, אָבער אויך די צוגעשריבענע זענען געווען זיינע, וואָרים זיי האָבן געשטימט מיט זיין אופן ריידן. ער האָט זיי בלויז לכתחילה נישט דערציילט, ווייל זיי זענען אים גראָד נישט איינגעפאַלן; און ער האָט ווי עפּעס ספּעציעל אינזינען געהאַט, דער רבי־בחור, אַז די אַפּיקורסישע פּראָפּאַגאַנדיסטן זאָלן נישט בלייבן אָן מאַטעריאַל. מיטן טעפּל קאַווע אין דער האַנט שטעלט ער זיי אָפּ ביים פּרימאָרגנדיקן שפּאַצירגאַנג פאַר זיין הויז און דערציילט זיי די לעצטע זעלבסט־שפּאַט־מעשה, וואָס ער האָט גראָד אויסגעשפּונען.

— גוט מאָרגן, רבי!

— גוט יאָר, הערצל, — ענטפערט דער רבי מיט אַ שמייכל, — אַוודאי גייט דיר בעסער ווי מיר; דו אַרבעטסט אַ גאַנצן טאָג אין געוועלב, אָבער ביינאַכט שלאָפסטו זיך אויס; מיך מיטן ד״ר ראָזענהעק לאָזט מען נישט רוען יומם ולילה. אַנדערע דאָקטוירים און אַנדערע רביים זענען דווקא נישט אַזוי באַשעפטיקט, אָבער איך און ד״ר ראָזענהעק, מיר זענען אין דער מאָדע. אָט יענע נאַכט, למשל, — נעמט דער רבי דערציילן משה איוואַניערס עלטסטן זון, און זיין גלאַנציק־פעט פּנים שפּיצלט זיך בשעת־מעשה מיט אַ דינעם שפּאַטישן געלעכטערל, — פּונקט איינס אַזייגער ביינאַכט, וועקט מיך אַ ייִדע־נע אַזש פון דער מליניוועקע־גאַס. וואָסי? ד״ר ראָזענהעק זאָגט, אַז עס איז נישטאָ קיין רפואה פאַר איר קראַנקער טאָכטער, זאָל איך זי ראַטעווען אָן אַ רפואה; און זי דערלאַנגט מיר אַ פּדיון פון איין גאַנצער קרוין. טראַכט איך מיר, אַז פאַר איין קרוין מעג דער סאָלער רבי אויך נישט שלאָפן אַ נאַכט, און איך רוף מיך אָפּ צו דער ייִדענע:

— אי י ך רבי קען אין אַזאַ שווערן פאַל ווי דיין טאָכטער גאָרנישט אויפטאָן. איך מוז האָבן אַ קאָנסיליום. גיי וועק־אויף דעם סאָלער און זאָג אים, אַז דער רבי־בחור וויל זיך מיט אים באַראָטן.

— איך האָב אים טאַקע צוגעשאַנצט אַ פאַרדינסטל, אָבער דערפאַר האָב איך געהאַט אַ נקמה, וואָס נאָך אַ ייִד, וואָס קען ג אָ ר נ י ש ט העלפן, איז נישט געשלאָפן אַ נאַכט.

משה איוואַניערס זון צעלאַכט זיך אויף אַ קול און רייבט זיך אַזש די הענט פאַר הנאה; אָט אַ מעשה צום דערציילן. און דער רבי־בחור? ער רעדט שוין מיט אַן אַנדערן, דערציילט אויף דער גיך אַ גלייכווערטל און אַ המצאהלע, איידער ער גייט אַריין צו זיך אין קלויז אַריין זיך שטעלן דאַווענען.

די מעשיות, מיט וועלכע דער רבי־בחור האָט אָפּגעשפּאָט פון זיך, פון זיינע חסידים און פון דער חסידישער תורה, האָבן אים צו דער רביסטווע נישט געשאַדט. פון שבת צו שבת איז זיין קלויז געווען פולער, און צו די טישן,

וואָס ער האָט געפּראָוועט אַלע פּרייטיק־צו־נאַכטס, האָט מען זיך קוים גע־קענט צושטופּן. שניידערס, שוסטערס און בעל־עגלהס האָבן פאַרגעטערט דעם רבין. זיי האָט נישט אינטערעסירט, וואָסערע לצנישע מעשיות מען דערציילט אין זיין נאָמען, און זיי האָט, ווייזט אויס, אַפילו נישט געאַרט, אויב דער רבי האָט זיך אַמאָל דערלויבט איינעם פון זיינע ציניש שפּאַסן אויף זייער חשבון אין זייער אַנוועזנהייט.

פאַרוואָס? — אויף דעם האָבן עטלעכע קלוגע בר־דעתן געהאַט, פאַר־שטייט זיך, זייער אַ „קלאָרן ענטפער": דער עולם־גולם, וואָס מער מען באַ־ליידיקט אים, אַלץ מער באַגייסטערט ווערט ער. אַזוי אַרום איז דער רבי־בחור, לויט זייער מיינונג, געווען אַ ראַפינירטער פּסיכאָלאָג, וואָס קען די נשמה פונעם פאָלקסמענטש און נוצט זי אכזריותדיק אויס צוליב זיינע אייגענע צוועקן; אָבער מעכל קאָן, דער אידעאַליזירער פון חסידות און בכלל פון פרומען ייִדישן מענטש, האָט אונדז, יונגע גימנאַזיסטן, געהאַט צו דערציילן וועגן דעם אַ היפּש ביסל אומקלאָרקייט, וואָס האָט פונדעסטוועגן אַפּעלירט צו אונדזער שכל און אונדזער געמיט. דער רבי־בחור, — האָט אונדז מעכל קאָן נישט איינמאָל געזאָגט, — איז אַ מין פּרצישער נעמיראָווער רבי. דעמאָלט, ווען דער רבי־בחור שטייט פאַר אייך אין דער זיידענער זשופּיצע, איז ער נישט מער ווי אַ ציניקער און אַן אָפּלאַכער פון מענטשלעכער נישטיקייט; און ווי אַזוי קען מען בעסער אָפּלאַכן פון בן־אָדמס גאווה און מיט זיך אַליין לערנען אַ בריִענדיקע לעקציע פון מענטשלעכער גאָרנישטקייט, ווי דורך זעלבסט־שפּאָט און דורך געבן די מענטשעלעך אַ געלעגנהייט צו לאַכן פון דיר?

„אין הימל אַריין אָבער פליט דער רבי אין דער גויִשער סערמיעגע".

דער נעמיראָווער פלעגט זיך אַוועקלאָזן איינמאָל אין יאָר סליחות־צייט און איינער אַליין אײַנהייצן ביי אַ קראַנקער ייִדענע אין קאַלטן צימער. דער רבי־בחור האָט אָרגאַניזירט צענדליקער און הונדערטער פון זיינע חסידים און גייט מיט זיי עטלעכע צענדליק מאָל אין יאָר אויף אַ טור פון קליינע פּראַק־טישע מצוהלעך. דעם רבי־בחורס חסידים ברענגען בינטלעך האָלץ, הייצן איין אין קאַלטע שטיבער פון קראַנקע ייִדן, און אַזוי ווי עברי קענען זיי ווייניקער פונעם נעמיראָווער רבין, קויפן זיי עס אויס מיט אַ פּראַקטישער טועכץ מער: זיי ברענגען אויך מיט אַ שטיקל פלייש, אַ באַרבוליע און אַביסל גרינצייג און קאָכן שוין אָפּ אויך אַן אָנבייסן פאַר דעם אָרעמען קראַנקן ייִדן. און די „ליטוואַקעס", די אַפּיקורסים און די בר־שכלס, וואָס ווייסן אויף זיכער, אַז דער רבי־בחור מאַכט חוזק פון זיינע חסידים און ווערט פון זיי נתעשר, זיי דערציילט מען גאָרנישט. זיי לאָזט מען שטיין אינדרויסן, ביים טויער פון רבינס ציניש מעשיות און מען פאַרגינט זיי די הנאָה פון געלעכטער. טאָמער

אָבער געלינגט איינעם אַזאַ „ליטוואַק" זיך דורכצורייסן דורך דעם פּאַנצער פון מגושמדיקע גלייכוועריקלעך, מיט וועלכע דער רבי האָט זיך אַליין פאַר־שטעלט, דאַן... איז ער אַ פאַרפאַלענער. עס געשעט מיט אים ווי אין פּרצעס באַרימטער חסידישער דערציילונג. ער העלפט דעם רבין טראָגן האַלץ און שפּייז אין אָרעמע שטיבער און ער ווערט אַ פייערדיקער חסיד און... אַן אייז־קאַלטער שווייגער.

און אַז נישט די קלאָרע און אומגלויביקע פּראַקטיקער זענען געווען געד־רעכט, נאָר דווקא מעכל קאַן, דער ראָמאַנטישער בעל־חלומות וועגן מענטש־לעכער גוטסקייט, דאָס איז מען געוווּיר געוואָרן נאָכן רבי־בחורס טויט. פאַר די עטלעכע און צוואַנציק יאָר פון זיין רבישאַפט (ער איז נאָך בחורווייז געווען אַ רבי און דערפון האָט זיך געגומען זיין צונאָמען) האָט דער רבי פון דער קאַלאַמייער קליבאַניע־גאַס נישט נאָר נישט אָנגעזאַמלט קיין עשירות פון די פדיונות, נאָר עס האָט זיך גאָר אַרויסגעשטעלט, אַז ער האָט געלעבט זיין לעבנלאַנג אין גרויס דחקות און איז דערביי געווען אפשר דער גרעסטער בעל־צדקה אין שטאָט. די פדיונות, וואָס די קאַלאַמייער שניידערס, שוסטערס און בעל־עגלהס האָבן געטראָגן מיט אַזאַ ברייטער האַנט צום רבי־בחור, האָט ער אויסגעגעבן פאַר האָלץ און שפּייז־עקספּעדיציעס צו אָרעמע און קראַנקע ייִדישע משפּחות. און ער אַליין, מיט זיין ווייב און קינדער, האָט נישט נהנה געווען מער ווי יעדע אַנדערע אָרעמע פאַמיליע. געשטאָרבן איז דער רבי־בחור פון אַ פאַרקילונג (אפשר פון איינער פון זיינע עקספּעדיציעס) קנאַפּ פאַרן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. ער איז אַלט געווען נישט מער ווי אַן ערך פערציק יאָר.

די משפּחה זיינע איז פאַרבליבן אין גרויס אָרעמקייט. דער שפּייזער אירער איז געוואָרן דעם פאַרשטאָרבענעמס יורש, אַ בר־מצווה־ייִנגל, וואָס האָט אויסגעזען פונקט ווי דער רבי־בחור מיט דעם געבלימלטן זיידענעם כאַלאַט און מיט די לאַנגע פּאות. אָבער אין קלויז איז געוואָרן ליידיק און ביי די טישן פרייטיק־צו־נאַכטס — פּוסט. דער פאַרשטאָרבענער האָט מיט זיינע חסידים געלערנט זיין אייגענע חסידישע תורה פון אַקטיווער מענטש־לעכקייט, און דער בר־מצווה־ייִנגל האָט אים ביי דער דאָזיקער פּראַקטישער חסידות נישט געקענט פאַרטרעטן. סתם רבישער קולט, אָבער, איז די דאָ־זיקע בעלי־מלאָכהס געווען פרעמד, אַזוי אַז די דינאַסטיע פונעם רבי־בחור האָט זיך מיט אים פאַרענדיקט. זיין זון איז שוין געווען נישט מער ווי אַן „אייניקל", וואָס האָט געלעבט פון קצבה אין זכות פון זיין טאַטן.

איך קען נישט פאַרענדיקן צו דערציילן וועגן רבי־בחור און נישט דער־מאָנען, אַז הגם וואָס איז שייך זיין גייסטיקע שטעלונג האָט ער פאַרגונען

דער גאַנצער וועלט, זי זאָל אָפּלאַכן פון אים, האָט ער אָבער פּאַר קיין שום פּאַל נישט געקענט דולדן, אַז מענטשן און בפרט גבירים זאָלן זיך באַציִען מיט אומערנסט צו זיין אָרעמקייט. און ס'איז אויך פאַרשטענדלעך פאַרוואָס. דער שפּאָט פון זיין אָרעמקייט האָט געטראָפן נישט אַזוי זיינע פּערזענלעכעליידן, ווי די מאָגערע מאַלציַיטן און דאָס ביליקע קלייד פון זיין ווייב און קינדער. דאָ האָט אויפגעברויזט זיין כעס און זיינע מוסר־רייד זענען געווען שאַרף און דירעקט, און האָבן געטראָפן אָן אומוועגן אין סאַמע פּינטל אַריין.

פּאַסירט האָט עס נישט לאַנג פאַרן רבי־בחורס פּטירה, אין אַ וואַגאָן פון דריטן קלאַס, אויף דער באַן קאָלאָמיי—לעמבערג, און דערציילט האָט מיר די מעשה מיט יאָרן שפּעטער נאָכן וועלט־קריג, אין טשערנאָוויץ, מיין פעטער שמעון, וואָס איז געווען אַ גוואַלדיקער בעל־זכרון און האָט, ווי זיין שטייגער איז געווען, געדענקט וואָרט־ביי־וואָרט דעם איבעררייד צווישן רבי־בחור און דעם שטאָטישן גביר הערש קריס. הערש קריס איז געווען אַ גרויסער נאַפט־סוחר, אַ פּרנס הקהל און האָט שוין דעמאָלט געהאַט קינדער אין רבי־בחורס עלטער.

ר' הערש איז אַריינגעקומען פונעם צווייטן קלאַס אין דעם דריטן, אָפּ־צוזוכן זיינעם אַ מענטש, און האָט באַמערקט זיצן דעם רבי־בחור אויף אַ הילצערנער באַנק ביים פענצטער. האָט זיך דער גביר, וואָס איז אפשר יענעם טאָג, צוליב אַ גוט געשעפט, געווען באַזונדערס גוט אויפגעלייגט, פאַרגלוסט אַ לאַך טאָן פונעם רבי־בחור און אפשר אויך אַריינכאַפּן עפּעס אַ גלייכוועדטל, וואָס מ'וועט קענען נאָכדערציילן. ר' הערש האָט זיך צוגעזעצט צום רבין, אים צוגעטראָגן אַ טייער ציגאַרעטל פון זיין זילבערנער פּושקע, און כדי אָנצור־הייבן דעם שמועס מיט אַ שטעכעלקע, האָט ער אַ פרעג געטאָן:

— רבי, ווי קומט עס, וואָס איר פאָרט דריטן קלאַס?

דער שטאָך האָט דעם רבי־בחור, ווייזט אויס, שטאַרק געטראָפן. ער האָט זיך אויף דער ערשטער מינוט ווי פאַרלוירן און פאַר כעס נישט געוווסט וואָס צו ענטפערן. אָבער באַלד האָט דער ווילדער קאָפּ מיט המצאות אָנגע־הויבן אויפסניי צו אַרבעטן. ער האָט אַ ציִ געטאָן דעם רויך פונעם ציגאַרעטל און זיך מיט קוים איינגעהאַלטענעם כעס אָפּגערופן צום גביר:

— עכל דיר דערציילן. עס זענען דאָ פאַרשיידענע קלאַסן רבים. אַ רבי פון ערשטן קלאַס פאָרט ערשטן קלאַס; אַ רבי פון צווייטן קלאַס פאָרט צווייטן קלאַס און אַ רבי פון דריטן קלאַס, ווי איך, פאָרט דריטן קלאַס; אָבער דו ביסט דאָך ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר אַ שייגעץ ערשטן קלאַס, ווי קומט עס, וואָס ד ו פאָרסט דריטן קלאַס?

— איך האָב נאָך קיינמאָל נישט אַזאַ הנאה געהאַט פון אַ שמיץ, וואָס

אַ גביר האָט אַריינגעכאַפּט, ווי דעמאָלט — האָט זיך מיין פעטער פאַרכלינעט פאַר פרייד, ווען ער האָט מיר דערציילט די מעשה. ערשטנס, איז דער רבי־בחור געווען — האָט דער פעטער איצט שוין געוווּסט צוגלייך מיט אַלע — אַ ייִד אַ צדיק, און צווייטנס, האָט מיין פעטער, ווייסט דער גוטער יאָר, הגם אַליין ווייט פון אָרעמקייט, ליב געהאַט צוצוקוקן ווי אַ גביר כאַפּט קלעפּ. — הערשן — האָט ער מיך פאַרזיכערט — האָט מען שוין ביזן טויט געראָפן: אַ שייגעץ ערשטן קלאַס ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר.

דעם רבי־בחורס חסידים

1. דער פורים־רב מאיר ברעסלער

אין ר׳ איציקל־שולכל האָט געדאַווענט איינער פונעם רבי־בחורס חסידים. ער איז געווען דער אָרעמסטער ייִד אין קלויז, ווייל זיין אַרבעט־סעזאָן איז געווען אַן אומגעווייינטלעך, אַן אומדערהערט קורצער. דער סעזאָן האָט געדויערט בלויז איין טאָג אין יאָר. מאיר ברעסלער איז געווען אַ פורים־רב אין שטאָט. פון וואָס דער ייִד האָט געלעבט אַ גאַנץ יאָר איז געווען איינס פון די גרויסע רעטענישן, וואָס האָט, ווי איך געדענק, באַשעפטיקט מיין באָבע, ע״ה. פון וואָס האָט ער טאַקע געקענט לעבן, מאיר, אַז אַליין קיין פרנסה האָט ער נישט געהאַט, און דער איינציקער זון זיינער איז געווען אַ טרעגער אויפן מאַרק און האָט דערפון געדאַרפט שפייזן אַ ווייב מיט קינדער? אַז מ׳פלעגט אַמאָל אַ פרעג טאָן מאירן ביי אַ געלעגנהייט, ווי עס האַלט ביי אים מיט פרנסה, האָט ער זיך געגלעט די ווייסע זיינע באָרד און געזאָגט:

— איך זאָרג נישט, איך האָב, ב״ה, מיין אייגן גיטעלע (דאָס איז געווען אַ וואָרט־שפּיל: מאירס ווייב האָט געהייסן גיטל, און אַ „גיט״ איז אויף גאַליציש־ייִדיש די טייטש אַ גרעסערע פעלד־ווערטשאַפט.

נאָכן רבי־בחורס טויט האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז ער האָט טאַקע נישט געהאַט כמעט וואָס צו זאָרגן אַזוי לאַנג דער רבי האָט געלעבט. איינמאָל אין יאָר איז מאיר געווען אַ גרויסער פאַרדינער, און זיין פאַרדינסט האָט זיכער געקלעקט אויף אַ חודש צייט. און וואָס שייך די איבעריקע עלף חדשים, איז ער, ווי אַ סך אַנדערע, געווען אַ קעסט־קינד ביים רבי־בחורס פדיונות. אַ גאַנץ יאָר איז מאיר ביי אַלעמען געווען קליין אין די אויגן. קיינער האָט אים נישט געזען. ער איז געזעסן אין קלויז אין אַ ווינקל לעבן דער הרובע און קיינער האָט פון אים קיין וואָרט נישט געהערט. ער האָט זיך קיינמאָל נישט גענומען ריידן מיט קיינעם. ער האָט אין משך פונעם יאָר העכסטנס געענטפערט, אַז מ׳האָט אים געפרעגט. אָבער דערפאַר, פורים, איז ער געזעסן ביי שלמה חלפן און דערנאָך ביי שלמה חלפנס זון ביים טיש אויבנאָן און געפראַוועט מיט תקיפות זיין פורים־רבנות. ער האָט געגעבן אַ קלאַפּ מיט דער אַלטער, דאַרער האַנט אין דעמבענעם טיש, אַזש אַ ציטער פון ווייטיק איז דורכגעלאָפן זיין אויסגעדייווערטן גוף, און האָט אַ פרעג געטאָן אויף פורים־דיקן לשון־קודש:

— כמה מחזיק היונק? (וויפל האַלט דער זייגער?).

און אַז מ׳האָט פון שטוב געענטפערט עשרה (צען), איז מאיר געווען צופרידן, ווייל מ׳האָט אים אַריינגעטראָפן אין זיין וואָרט־שפיל.

— שרה, — האָט ער זיך געווענדט צו דער בעל־הביתטע, — דערלאַנגט ס׳געדושעכץ פון אויוון, ס׳איז שוין עשרה.

און אַזוי האָבן זיך געקייטלט מאירס פורימדיקע תורהס פלאַטשיק און אַמאָל געלונגען, געמוטשעט און אַמאָל ספּאָנטאַן, און ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז די אינספּיראַציע פון דעם אַלטע צעבראָכענעם ייִד וועט שוין בלייבן אַ פּאַרבלאָזע און ייִדן וועלן דאָך לאַכן, ווייל פון אַ פּורים־רב דאַרף מען לאַכן, כדי אים נישט מקפּח פּרנסה צו זיין.

אָבער ערשט אַ טיפער כעס האָט פון מאיר ברעסלער אַרויסגעשלאָגן פונקען פון הומאָריסטישער המצאה און פון דעם, וואָס מיר רופן היינט אַ ביסעלע טאַלאַנט. אַן ערך צוויי יאָר פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט קאַלאַמיי איבערגעלעבט אַ גרויסן אַנזעץ, וואָס האָט אַנגענומען די דימענסיעס פון אַ גרויסער שטאָט־שריפה. ישראל ה. (איך שרייבט נישט אַרויס זיין נאָמען, ווייל דער ייִד איז דעמאָלט אַנטלאָפן קיין אַמעריקע און ווייל מן־הסתם, אַז מ׳זאָל דערין פאַרגעסן) איז געווען אַ גרויסער סוחר, אַ זון און אַן איידעם פון דער שענסטער משפחה אין שטאָט. אַז ער האָט אויפגעהערט צאָלן, איז געוואָרן אַ שטאַרקע יללה צווישן אָרעמעלייט, וואָרים ביי אים זענען געווען איינגעלייגט צענדליקער טויזנטער קרוינען נדן פון אָרימע כלה־מיידלעך און יתומות. צווישן די געליטענע איז אויך געווען מאיר פּורים־רבס אייניקל. האָט זיך אין מאירן צעברענט דער צאָרן און זיין ווייב גיטעלע האָט ד׳עם כעס געשטאַרקט מיט פיל געוויין.

שבת צו מנחה, אין אַ פּראָסטן שבת צו מנחה, האָט מען מיטאַמאָל דערהערט מאיר ברעסלערס שטימע. ער האָט געזאָגט דעם פּסוק „מי כעמך ישראל גוי אחד בארץ" (ווער איז ווי דיין פאָלק ישראל איין פאָלק אויף דער ערד) אויף אַ קול און אים אָט־אַזוי פּורים־רבדיק צעטעכערט: מי כעמך (ווער איז ווי דיין פאָלק) ישראל גוי אחד בארץ (ישראל איז איין גוי אויף דער וועלט!). אַזוי האָט מאיר גענומען נקמה פון ישראל ה., וואָס האָט צוגענומען דעם נדן פון זיין אייניקל און געמאַכט אַ ויברח קיין אַמעריקע. די קלויז האָט שטאַרק הנאה געהאַט פון מאירס אויפטו און אים באַשאָטן מיט „יישר כוחס" און דער פּורים־רב האָט, דאַכט זיך, שוין ביזן טויט יעדן שבת צו מנחה געדונערט זיין הומאָריסטישע נקמה קעגן אַ ישראל, וואָס האָט לכל־הדעות פאַרדינט אַ האַרבערע שטראָף, ווי מאיר ברעסלערס פּסוק.

אָבער מאיר האָט פון דעם אַנזעץ „קינסטלעריש" געוווּנען. דער אַנזעץ

האָט אויפגעפרישט זיין פּורים־רב־פּראָגראַם, ער איז פּאַר אים געוואָרן אַ קוואַל פון מאָדנע איינטייטשונגען פון פסוקים. אַזוי, למשל, ווען מען האָט זיך געקענט חלומען, אַז פּרעה איז געווען אַן אַנזעצער? און דאָך! מאיר ברעס־לער האָט דעם ערשטן פּורים נאָך ישראל ה.׳ס וויברח אַזוי איינגעטייטשט דעם ערשטן פסוק פון דער סדרה „מקץ״ מיט מרדכי מענטשס סעודה־געסט:

— ויהי מקץ שנתים ימים (און עס איז געווען נאָך צוויי יאָר) והנה פרעה חולם (האָט פּרעה אָנגעזעצט) והנה שבעה פּרות בריאות (זיבן געזונטע פּאָליצייעס) עולות (זיי גייען אויף) ותרעינה (אַזוי ווי פּרעה האָט זיי דערזען) באחו (האָט ער זיך צעוויינט).

די מעשה מיט די פּאָליצייעס איז בלויז געווען אַ חלום פונעם אַלטן מאירס צעהיצטן נקמה־געפּיל, און וואָס שייך ווייניק, האָבן זיי אַלע: דער פּורים־רב, גיטעלע זיין ווייב, זיין זון דער טרעגער און זיין אייניקל, דאָס אָרעמע כלה־מיידל (די פּערסאָנאַזשן שטעלן זיך אויס ווי אין אַ יידישער טע־אַטער־פּיעסע) טאַקע ביטער געוויינט, אָבער זיי האָבן זיך דערנאָך איינגע־שטילט, וואָרים ס׳איז געקומען די וועלט־מלחמה און געבראַכט גרעסערע, אַ סך גרעסערע צרות, ווי ישראל ה.׳ס אַנזעץ.

II. איז אברהם שדכן אויך געווען דעם רבי־בחורס אַ חסיד?

די באָבע מיינע, ע״ה, האָט „געוווסט אויף זיכער״ און דער זיידע, ע״ה, הגם ער האָט זיך אַמאָל אַ קנייטש געטאָן מיט ספקות, איז אויך געווען כמעט זיכער, אַז אברהם ריינע לאהס איז דעם רבי־בחורס אַ חסיד. ר׳ אברהם אַליין האָט וועגן זיין רבין גערעדט ווי אַ פּרעמדער. ס׳איז אים, ווייזט אויס, נישט אָנגעשטאַנען, מ׳זאָל מיינען, אַז ער פּראָוועט זיך ביי איין־און־דעם־זעלביקן טיש מיט אַ גאָדל שניידער, אַ לייזער קראַטקע און אַנדערע בעלי־מלאָכהס.

פון וואַנען־זשע האָט זיך גענומען דער חשד? ער האָט זיך גענומען דער־פון, וואָס אברהם ריינע לאהס האָט ביי יעדער פּאַסיקער און אומפּאַסיקער געלעגנהייט איבערדערציילט רבי־בחורס טייטשן, חכמהלעך און גלייכווערט־לעך. אויב ער איז נישט קיין חסיד — פלעגט די באָבע טענהן צום זיידן מיט גרויס איבערצייגונג — פון וואַנען קומען צו אים דעם רבי־בחורס גוואַלדאָוונע תורהס? ווער ברענגט זיי אים צו און וואָס געפעלן זיי אים אַזוי שטאַרק?

איך וואָלט אויך איצט נישט געקענט זאָגן, צי מיין באָבעס פאַרדאַכט וועגן אברהם ריינע לאהס חסידות איז געווען אַ באַרעכטיקטער, אָבער קלאָר איז מיר היינט, פאַרוואָס דעם רבי־בחורס תורהס האָבן געפונען אַזוי פיל גנאָד אין די אויגן פון אַברהם שדכן, וואָס געוויינטלעך איז אים ווייניק־וואָס גע־

פעלן. דער רבי פון דער קאָלאָמייער קליבאַניע־גאַס האָט מיט זיינע, אָפט זייער שאַרפע, ווערטלעך קעגן רייכקייט און קעגן צביעות געשפייזט אברהם ריינע לאהס בייזקייט און פאַרביטערונג. דעם רבי־בחורס תורהס זענען פאַר אברהם שדכן געווען די שפּיציקע שטיינער, וואָס ער האָט אַזוי ליב געהאַט צו וואַרפן אויף רייכע, למאַי זיי האָבן, און אויך אויף אָרעמע... ווייל זיי רייסן זיך צו האָבן. און איינער פון די אָרעמע, וואָס האָבן געגאַרט מיטן גאַנצן באַגער נאָך פּרנסה און געלט, איז דווקא געווען ער אַליין. אָבער ע ר האָט זיין גאַרונג באַהאַלטן טיף אין זיך אונטער דיקע שיכטן פון פאַרביטערונג, אַזוי אַז קיינער זאָל נישט דערקענען. און טאָמער האָט זיך אים געדאַכט, אַז מ׳האָט אין אים עפּעס דערזען, דאַן איז דער אָרעמער שדכן אימשטאַנד געווען אָפּצושטויסן פון זיך די בעסטע אויסזיכטן אויף פּרנסה און אויסצודרייען די פלייצע מיט פאַראַכטונג צו געלט, אַבי... אַבי צו קענען דערלאַנגען מיט אַ בייז וואָרט דעם, וואָס וויל אים דאָס געלט אונטערטראָגן.

איך געדענק ווי היינט, מיט וויפל שטוינונג מ׳האָט דערציילט וועגן דעם, ווי אַזוי דער אָרעמער שדכן אברהם ריינע לאהס האָט „אַ רייד געטאָן" מיטן שטאָט־גביר הערש פוזער. די מעשה שהיה איז געווען אַזוי: עפּעס אַ לעמבערגער געשעפט־פריינט האָט פאָרגעלייגט אַ שידוך פאַר זיין ייִנגסטער טאָכטער און דער שידוך איז דעם גביר געפעלן. ווער־זשע זאָל דעם שידוך אויפגעבן און זיך פאַרנעמען מיט אַלע טעכנישע קלייניקייטן? דערצו האָט מען באַדאַרפט האָבן אַ געניטן שדכן. איז ר׳ הערשן איינגעפאַלן, אַז אַברהם ריינע לאהס וואָלט געווען דער פּאַסיקסטער מענטש. ער קען אָנשרייבן אַ גוטן העברעיִשן בריוו און ווייס, ווי אַזוי מ׳דאַרףריידן מיט אַ ייִד אַ סוחר. איז איינמאָל אַ שבתביים אַרויסגיין פון דער קלויז האָט ר׳ הערש צוגערופן צו זיך אברהם שדכן, אים גענומען, אויף זיין שטייגער, אונטערן אָרעם, אויסגע־פרעגט, ווי שטייט ביי אים מיט פּרנסה, און דערנאָך אים געזאָגט, וואָס ער וויל פון אים. וואָלט ר׳ הערש דערביי שטיין געבליבן, וואָלט אפשר נישט געווען געקומען צום סקאַנדאַל, אָבער דער גביר האָט דאָס מאָל, דווקא נישט ווי זיין שטייגער איז געווען, געוואָלט אָנטאָן אַ באַזונדערן נחת־רוח דעם אָרעמען ייִד און צו אים אַ זאָג געטאָן:

— פאַר יעדן פאַל, ר׳ אברהם, קומט אַרויף איה"ש מאָרגן אינדערפרי צו מיר אין דער קאַנצעליי פון דער ציגעלניע, אירט מן־הסתם וועלן אַן אַדע־רויף פאַר דער טרחה.

— וואָס מיינט איר, ר׳ הערש, — האָט אברהם שדכן גענומען צישען בייז ווי אַן אָפּגעבריטער, — איך האָב צייט זיך צו פאַרנעמען מיט אייערע שידוכים? איך האָב שוין מיינע טעכטער פאַרזאָרגט?

אברהם האָט אומישנע גערעדט העכער, ווי געוויינטלעך, כדי אַנדערע זאָלן אויך הערן. הערש פּוזער איז קודם געבליבן שטיין ווי אַ געפּלעפּטער. דערנאָך האָט ער אָן אַ גוט־שבת געגומען נישט גיין, נאָר לויפן אַהיים. אַברהם שדכן, ווידער, האָט טאַקע אָנגעוווירן אַ גוט און זיכער שדכנות און דערצו מיט אַן אַדערויף, וואָס ער האָט אים אַזוי גייטיק געדאַרפט, אָבער דערפאַר האָט ער זיך געקילט דאָס האַרץ; זאָל הערש פּוזער נישט מיינען, אַז אברהם ריינע לאהס יאָגט זיך נאָך די עטלעכע הונדערט קרוינען שדכנות.

וואָס שייך זיינע טעכטער, האָט אברהם שדכן נישט איבערגעטריבן. זיי זענען טאַקע נישט געווען פאַרזאָרגט. די עלטערע צוויי זענען דווקא געווען פאַרהייראַט, אָבער איינע פון זיי איז געבליבן יונג אַן אלמנה און די צווייטע, דאַכט זיך, אַ גרושה. די יינגסטע איז געווען אַן עלטער מיידל און די הויפּט פּרנסה־געבערין פונעם טאַטן מיט דריי טעכטער און עלטערע אייניקלעך. זי איז געווען (אַזוי האָט ר׳ אברהם געזאָגט, און ס׳איז געווען דאָס איינציקע גוטע וואָרט זיינס וועגן מענטשן) אַ באַרימטע שוואַטשקע (אַ נייטאָרין), און די שוועסטער האָבן איר אַרויסגעהאָלפן ביי דער אַרבעט. ער אַליין איז געווען שטאַרק פאַרנומען מיט שדכנות און ס׳האָט אים געפעלט — אַזוי האָט ער זיך אָפּט געקלאָגט — אַ קאָנצעלײַ, ווו ער זאָל קענען רויִק אָנשרייבן אַ בריוו.

און ווייל ער האָט אַזאַ קאָנצעליי נישט געהאַט, פלעגט ער אַ צוויי־דריי מאָל אין דער וואָך שרייבן די קאָרעספּאָנדענץ ביי מרדכי מענטש אויפן דעמ־בענעם טיש אין דער פעדערשטער שטוב. אברהם שדכן האָט געהאַט אַ שטיקל חזקה אויף דער שטוב און אויף דעם טיש. זיין פאָטער הערש מעכל „מיט די ניצוצות" איז געווען אַן אייניגייער נאָך אין די גוטע יאָרן ביי שלמה חלפן און האָט ביי אים אפשר דרייסיק יאָר דורכאַנאַנד אַרויסגעפּראַוועט דעם חמץ ערב פּסח פאַרטאָג. ביי שלמה חלפן האָט מען משלח געווען דעם חמץ אויף יענער וועלט נישט ווי עפּעס אַן אָרעם זינדיק מענטשל, וואָס, נאַ, עס שטייט אָנגעגרייט פאַר דיר אַ פייערל, גיי און ווער פאַרברענט! נאָר במחולות ובתופּים, מיט געזאַנג און טאַנץ, ווי אַ מלך צו דער שלאַכט. דעם לעצטן, חמצדיקן מאָלצייט ערב פּסח אינדערפרי איז מען נישט אָפּגעקומען מיט עפּעס אַן איבערבייסעכץ, נאָר מיט אַ שפּעדיקער סעודה. דער מנהג איז געווען — איינגעהאַקטע אייער מיט ציבעלעס, אַ באַרשטש פון בערעקעס און וואָרע־ניקעס מיט הרעטשענער קאַשע. פאַרוואָס דווקא וואָרעניקעס, וואָס האָבן גע־קאָסט דער בעל־הביתטע אַזוי פיל אַרבעט אין אַזאַ געאיילציקן פרימאָרגן ווי ערב־פּסח? אפשר ווייל מ׳האָט מיט דער איבעריקער האָרעוואַניע געוואָלט אָפּגעבן באַזונדערן כבוד דעם חמץ אָדער גאָר — ס׳איז אויך געווען אַזאַ יש

אומרים אין דער משפּחה — ווייל הערש מעכל האָט זיך אָנגעזעצט: ער האָט ליב וואַרעניקעס. אין יעדן וואַרעניק — האָט פאַרזיכערט הערש מעכל — איז דאָ אַ ניצוץ של קדושה, און וואָס מער מען עסט, אַלץ מער געהייליקט ווערט דער מענטש. פלעגט ער טאַקע זיך אָוועקזעצן, הערש מעכל, אַלעמאָל אין משך פון אַ גאַנץ יאָר, און באַזונדערס ערב פּסח אינדערפרי, און שלינגען די „ניצוצות" מיט גרויס אייפער און ליידנשאַפט. און אַז ער האָט דערפילט, אַז די „פונקען" שפּאַרן שוין צום האַלדז און מאַכן אים שווער דעם אָטעם, האָט ער זיך אויפגעהויבן אין דער גאַנצער הייך פון זיין מאַסיוו-גרויסער געשטאַלט, זיך געגלעט די באָרד אַ פאַרשעמטער און גערעדט צו די איבער-געבליבענע וואַרעניקעס אין שיסל מיט ליבשאַפט און פאַרענטפערונג:

— זייט מיר מוחל, הייליקע ניצוצות, גאָט איז יודע דעם אמת, איך קען נישט מער.

עטלעכע יאָר פאַר שלמה חלפנס טראַגישן טויט, איז געווען הערש מעכלס לעצטער ערב-פּסח. ער איז דעמאָלט, ווי אַלע ערב-פּסח, געקומען צו גיין צו שלמה חלפן כאור הבוקר. ס'איז געווען אַ שיינער און ליבער באַגינען פון אַ פרילינג-טאָג. הערש מעכל איז געווען באַזונדערס גוט אויפגעלייגט און באַ-זונדערס הונגעריק. ער האָט געשלונגען די „ניצוצות" גיך און גריגער ווי אַלעמאָל. אַז ער האָט זיך אויפגעהויבן, האָט ער כמעט נישט געהאַט ביי וועמען צו בעטן מחילה; אַזוי ווייניק „פונקען" זענען דאָס מאָל געבליבן אין שיסל. ער איז אַהיימגעגאַנגען אַ צופרידענער און האָט זיך גענומען גרייטן צום יום-טוב. פאַרנאַכט-צו, ווען מ'האָט שוין געדאַרפט גיין אין קלויז אַריין, האָט זיך הערש מעכל דערפילט שלעכט, האָט זיך אַוועקגעלייגט און... האָט אַראָפּגעשלונגען דעם טויט אַזוי גיך און גרינג, גלייך ער זאָל געווען זיין נישט מער ווי עפּעס אַ „פונק" אין שיסל. דער אַראָפּשלינגער איז שוין דע-מאָלט געווען פאַרפאַרן ווייט אין די זיבעציקער.

הערש מעכלס זון, אברהם שדכן, האָט ביי שלמה חלפנס פאַראַרעמטן זון, מרדכי, שוין נישט געשלונגען קיין „ניצוצות" ערב פּסח, נאָר געטרונקען בלויז אַ טעפּעלע קאַווע צוויי-דריי מאָל אַ וואָך און געשריבן די קאַרעספּאָנ-דענץ זיינע. אויף ווי ווייט איך געדענק, מוז איך זאָגן, אַז קיין אָנגעלייגטער גאַסט איז אברהם שדכן נישט געווען. אַז ס'האָט זיך דערהערט דורכן פענצ-טער דער רחבותדיקער שנייץ מיט דער נאָז, וואָס האָט געמעלדעט, אַז ס'קומט אַברהם ריינע לאָהס, פלעגט די באָבע אַביסל פאַרציטערט ווערן. צרות און דאגות זענען אין שטוב געווען גענוג, אָבער טאַקע דערפאַר האָט די באָבע געגאַרט נאָך אַביסעלע פרייד, עס געזוכט, ווי מ'זאָגט, ממש מיט ליכט, און פונעם קלענסטן טראָפּעלע האָפענונג האָט ביי איר געקענט ווערן אַ גרויסע

איינרעדעניש, וואָס האָט אַראָפּגעוואָלגערט כמה וכמה שטיינער פון הארץ. אַברהם רײַנע לאַהס, אָבער, פלעגט ריידן אַלעמאָל פּריקרע רייד, אָפּטמאָל ווייטיקדיק־אמתע רייד, וואָס האָבן אַנגעזאָלעט אויפן האַרץ און אַנגעיאָגט אַ מרה־שחורה. לויט אַברהם שדכן קומט אויס, אַז עס זענען גאָר נישטאָ קיין פרומע ייִדן, אַלץ איז בלויז אַנשטעל. ער רעדט אויף אַלעמען און דעמאַסקירט אַלעמען. כאַסקל וועבער, וואָס איז אַן ערלעכער, אָפּגעהיטער ייִד, איז ביי אים בלויז אַן אויגן־פאַרגלאַצער. זלמן שפּערבער, וואָס שפּאַנט, ווי איך זע, שווער אין יאָך פון תרי״ג, איז סתם אַ ליגנער, און אַפילו ר׳ חיימל האַלבערשטאַם, וואָס איז צוליב צופיל צדקה־געבן ממש געוואָרן אַן אָרעמאַן, איז ביי אַברהם שדכן אויך נישט מער ווי אַ צדיקל אין פּעלץ. אַלע מיינען נאָר דעם גלאַנץ פונעם זילבער רייניש — חקרנט אַברהם רײַנע לאַהס בייז און פאַרדראָסיק.

איך זע אים, ווי ער זיצט ביים דעמבענעם טיש אין דער פעדערשטער שטוב און שרייבט אַ געשעפט־בריוו (אַזוי פלעגט ער רופן זיין שדכנות־קאָרעספּאָנדענץ). אַ שיין פּנים און אַ שיינע, צעקעמטע ווייסע באָרד. ער האַלט אין איין איינטונקען די פעדער אין טינטערל און באַשרייבט דאָס פּאַפּיר מיט גרויסע, פעטע אותיות. אָפּגעשריבן אַ שורה, רוקט ער אויף איר אַרויף דאָס לעש־פּאַפּיר. דאָס היט ער זיך אַזוי זיינע לאַנגע, ווייסע פינגער פאַר אַ טינטן־פלעק. אין מיטן שרייבן פאַרקאַטשעט ער די שיינע באָרד ביז צו די ליפּן און נעמט איבערגעבן אַ תורה פונעם רבי־בחור.

— איר הערט, פּערל, — הייבט ר׳ אַברהם אָן צו דערציילן און הוסט דערביי לייכט אונטער אַזוי זיך צוליב קאָקעטישקייט, — איר מעגט זאָגן, וואָס איר ווילט, נאָר דעם רבי־בחורס תורה טרעפט אין סאַמע פּינטל אַריין. איך בין נישט קיין חסיד און דעם רבי־בחורס ווודאי נישט, אָבער אַ גוט וואָרט האָב איך ליב צו הערן. אָט האָט ער, דער בעל־מלאכהשער רבי, פאַרטייטשט דעם פסוק „זה דור דורשיו מבקשי פניך יעקב סלה״, איז עס טאַקע נישט מער ווי אַ שפּאַסיקער טייטש, אָבער אַז מען פאַרדרייט שוין לשון־קודשדיקע ווערטער, זאָל כאָטש אַרויסקומען עפּעס שכלדיקס און מיט טעם. זה דור, דער דאָזיקער דור, דורשיו (דור שוא), איז אַ פאַלשער דור, מבקשי פניך, אַפילו אַז זיי זוכן שוין דיין פּנים, דאָס הייסט, אַפילו אַז זיי זענען ערלעכע ייִדן, יעקב סלה, כאַפּן זיי אויך נישט מער ווי דעם רייניש ביי דער פּיעטע.

די באָבע האָט נישט פאַרשטאַנען אַזוי גוט דעם שפּיל פון די לשון־קודשדיקע ווערטער. זי האָט אָבער נישט איבערגעפרעגט. פאַר איר איז געווען געגנוג דער אויספיר: ס׳זענען נישט פאַראַן קיין פרומע ייִדן בכלל און אַז עס איז שוין יאָ פאַראַן דאָ און דאָרט איינער אַ פרומער, איז ער אויך נישט מער אויסן ווי צו כאַפּן דעם רייניש ביי דער פּיעטע.

און טאָמער האָט די באָבע נישט מער געקענט דולדן אַזאַ לשון־הרע אויף ייִדן און געוואָלט, זיך זאַמירעט צו פּראָטעסטירן, האָט אַברהם שדכן דער־שטיקט פון לכתחילה יעדעס וואָרט פון קריטיק מיט אַ קאַלט גזלניש שמייכעלע:

— גייט שוין, גייט, פּערל, איר גלייבט דאָך נאָך, אַז הערש ראַמלער און שמשון העלער טוען צדקה!

עס איז אין זיינע רייד געלעגן אַזאַ טיפע קלאַסן־שנאה צו גבירים און אַזוי פיל פאַראַכטונג צו די „נישט אויפגעקלערטע”, וואָס גלייבן נאָך אין דער מענטשלעכקייט פון זייער קלאַסן־שונא, אַז דער האָס האָט געקענט סטאַיען צו באַטיילן מיט אים אַ באַטאַליאָן באַוווסטזיניקע פּראָלעטאַרישע קלאַסנ־קעמפער. און וואָס שייך די פרומקייטן, אָדער ווי מיר רופן זיי אויף מאָדער־נעם לשון די אידעאָלאָגיעס, איז אַברהם שדכן געווען, ווייזט אויס, אַן אויס־געשפּראָכענער מאַרקסיסט, וואָס האָט געהאַט די טיפע איבערצייגונג, אַז נאָר דאָס „זיין” באַשטימט דאָס „באַוווסטזיין”, אָדער ווי ער האָט זיך אויסגע־דריקט: אַן עושר איז אַ חזיר.

און הגם אַברהם שדכן איז געווען אַ ייִד פון תרי״ג מצוות, האָט ער אויך געהאַט זיינע ספקות בנוגע גאָט און זיין משפּט. איך געדענק איינעם פון ר׳ אברהמס פריקרע שמועסן ביי מרדכי מענטש אין שטוב, וואָס האָבן מיין זיידן און באָבען ממש געקאָסט געזונט. אַברהם ריינע לאהס האָט גענומען באַגרענעצן די ספערע פון גאָטס גערעכטיקייט און טענהן, אַז דער רבונו של עולם טוט גערעכטיקייט, אָבער נאָר צווישן אָרעמעלייט. אָט, למשל: טאָמער שטאַרבט ביי פייוויש האַלאַפּיעטניק אַ טאָכטער, צעגייט זיך ביי אַברהם ריינע לאהס אַ טאָכטער מיטן מאַן. און טאָמער בלייבט יואל מאירס זון אָן פּרנסה, מאַכט זיך ביי פּנחס שפּאַניעמאַכער אַ מכה אונטערן אָרעם, ער זאָל נישט קענען פאַרדינען אויף שבת. אַזוי אָרום קען מען נישט זאָגן, אַז איין אָרעמאַן גייט בעסער פאַרן אַנדערן, און מ׳קען זיך נישט באַקלאָגן אויף דער גערעכ־טיקייט.

ערגעצוווּ ליגט אין אָט די ביטערע ווערטער פונעם קאַלאַמייער שדכן אַ טיפער קערן פון סאָציאַלן אמת. איך האָב זיך דערמאָנט אָן אברהם ריינע לאהס פעסימיסטישע רייד מיט עטלעכע יאָר צוריק אין אַ גרויסן בוקאַרעס־טער רעסטאָראַן. דער פּיקאָלאָ האָט פונעם בעל־הבית באַקומען דעם באַפעל נישט אַריינצולאָזן קיין פעדלערס. אַ קליין ייִנגל, וואָס האָט געפּעדלט מיט שוועבעלעך, האָט אָבער עובר געווען אויפן פאַרבאָט. דער פּיקאָלאָ האָט אים אַלעמאָל אַרויסגעטריבן, און ער איז אַלעמאָל צוריקגעקומען. ביז דעם קליי־

נעם קעלנער איז נמאס געוואָרן דער שפּיל און ער האָט דערלאַנגט עטלעכע קלעפּ דעם קליינעם פּעדלער. דאָס פּעדלערל האָט זיך צעוויינט און גערירט מיט זיין געוויין איינעם אַ גאַסט. דער גאַסט איז געווען אַ גאַסט כמו שכתוב. ער האָט געהאַט פּאַר זיך אַ שווערן בויך. אויפן בויך — אַ גילדענע קייט. אין מויל — אַ דיקן ציגאַר. ער האָט אינגאַנצן אויסגעזען ווי אַ רייכער פאַבריקאַנט. און אַז ער איז גערירט געוואָרן פונעם פּעדלערס טרערן, האָט ער זיך אויפגעהויבן און האָט דערלאַנגט עטלעכע גוטע פּעטש דעם קעלנערל. און דאָס קעלנערל האָט זיך אויך צעוויינט. צווישן די צוויי אָרעמע אַרבעטער־יינגלעך האָט דער רייכער זאַטער גאַסט באַזעצט די גערעכטיקייט. איך האָב מיט־אַמאָל דערפילט איר גאַנצע לעכערלעכקייט און צביעות און האָב זיך דערמאָנט אָן אַברהם שדכנס ביטער־קריטישע ווערטער וועגן גאָטס משפּט: ווי אַמאָל מיין זיידע, וואָס האָט זיך שכלדיק נישט געקענט קיין עצה געבן מיט דער גערעכטיקייט, ווי אַברהם ריינע לאהס האָט זי געזען, האָב איך איצט נישט געוווּסט, ווי אַזוי אין מיין געמיט זיך צו ספּראַווען מיט דער גערעכטיקייט אין בוקאַרעסטער רעסטאָראַן, וואָס האָט אַזוי שרעקלעך געסאַמעוועט מיט אַברהם שדכנס אַ פּעסימיסטישער וויזיע.

אַחוץ די שמועסן ביי מרדכי מענטש אין פּעדערשטוב, געדענק איך אַברהם ריינע לאהס אין עפּעס אַ קאָמישער פּאָזיציע אין ר׳ איציקל־שולכל. אָבער אויך די ווערטער, וואָס איך האָב דעמאָלט פון אים געהערט קלינגען, איך ווייס נישט פאַרוואָס, נאָך עד־היום מיט עפּעס אַ סאָציאַל־קריטישן טאָן אין מיינע אויערן. דער מלקות־שלאָגער ערב יום־כיפּור אין ר׳ איציקל־שולכל איז געווען פּייוויש האַלאַפּיעטניק. ער האָט זיך געפּאַסט צו זיין דער שטראָפער פון יידן אי מיט זיין גרויס פרומקייט און אי מיט זיין באַזונדערס האַרציקער תמימות און ליבשאַפט. פּייוויש האָט געהאַלטן אין איין זאָגן, קוים אָנגערירט די זשיפּעצע ביים געשלאָגענעם און פּינקטלעך געציילט. אָבער אַז עס איז געקומען די ריי אויף פּייווישן אַליין צו כאַפּן מלקות, פלעגט ער בעטן אַמאָל דעם, אַמאָל יענעם און אַמאָל אויך אַברהם שדכן, ער זאָל אים שלאָגן. ליגט פּייוויש אין פּאָליש, ליגט און קלאַפּט זיך אין דער ברוסט און זאָגט און ווערט נישט מיד צו זאָגן „על חטא״. איבער אים שטייט אברהם ריינע לאהס מיטן קאַנטשיק אין דער האַנט, אויסגעצויגן ווי אַ בייזער סטאַראָסטע און שמייסט, אַמאָל לייכטער און אַמאָל שווערער. ער האָט נישט אינזינען, אַז טאָמער וועט ווייי טאָן. ער לאָזט די האַנט לויפן. אַ גליק וואָס די האַנט איז אַ יידישע. און ער ציילט נישט, אַברהם שדכן. זיינע געדאַנקען זענען נישט דערביי.

פנחס שפּאַניעמאַכער גייט פאַרביי און רופט זיך אָפּ האַלב־מיט־חידוש און האַלב־מיט־שפּאַס:

— וואָס שלאָגט איר, ר׳ אברהם? איר האַלט דאָך שוין ערגעץ ביי זעכציק.

— אַז ער ליגט, שלאָג איך — ענטפערט דער שדכן קאַלטלעך און עפּעס ווי מיט אַ מיין.

— ר׳ פּייוויש, וואָס ליגט איר?

— אַז ער שלאָגט, ליג איך — האָקט איבער פּייוויש דעם „על חטא“, און מ׳פילט, אַז די ווערטער זענען דאָסמאָל נישט זיינע אייגענע. עס זענען אברהם שדכנס רייד, וואָס האָבן פאַרבלאָנדזשעט צו אים אין מויל אַריין און זיך דאָרט אָנגעטאָן מיט אַביסל תמימות.

דער איבערשמועס צווישן פּייוויש האַלאַפּיעטניק, אברהם ריינע לאהס און פנחס שפּאַניעמאַכער איז געוואָרן אַן אַנעקדאָט, פון וועלכן מ׳האָט אַ סך געלאַכט. איך ווייס נישט, ווי אַזוי די אַנדערע צוויי, אָבער דער „סאָציאַל־קריטיקער“ אברהם שדכן האָט זיכער פאַרשטאַנען און ריכטיק אָפּגעשאַצט דעם געזעלשאַפטלעכן טייטש פון די ווערטער. עס איז דעמאָלט ביי ר׳ אברהמען ספּאָנטאַן געבוירן געוואָרן אַ מעשהלע, וואָס ער האָט געוויינטלעך אַזוי ליב געהאַט נאָכצודערציילן דעם רבי־בחור.

וואָס מיינט איר? איז ער געווען זיינער אַ חסיד, צי נישט?

מעכל בעריש קמצן און דער גרויסער זשידעטשויווער בעל-תפילה מאיר פראַנצויז

ס'איז, דאַכט זיך, נישט געווען אין יענע יאָרן קיין גרעסער פאַרגעניגן פאַר מיר און פאַר נאָך עטלעכע פון מיינע בר־מצווה־חברים, ווי צו שטיין אין זומערדיקע שבתים אינדערפרי: איידער מען שטעלט זיך דאַווענען פאַרן ר' איציקל־שולכל און קריטיש דורכצוגעמען מיט די אויגן און מיט זאָגעכצער די בעלי־בתים פון דער אַקעגנאיבערדיקער שאַריגראַדער קלויז. אָט קומען זיי, עלטערע און יונגע, אַלע כמעט אין זיידענע ראַדזיווולקעס און מיט פּליושענע טלית־זעק אונטערן אָרעם, איינציקווייז און זאַלבעצווייט, קושן פרום די מזוזה ביים אַריינגאַנג און פאַרשווינדן אין פּאָליש. און וועגן יעדן פון זיי איז דאָ וואָס יִיִנגליש אָפּצולאַכן און וועגן יעדן פון זיי ווייסט עמעצער פון אונדז ווי אַ פּאָלנע דערוואַקסענער עפּעס צו דערציילן.

צווישן די סאַמע לעצטע אָנקומערס באַווייזט זיך מעכל בעריש צעלני־קער. ער איז אַ ייִד אַ הויכער, אַ באַלייבטער, מיט אַ קיילעכדיק גרויס פּנים און מיט אַ פּאָר שטענדיק דבקותדיקע, צום הימל פאַרגלאָצטע אויגן: מיר לאַכן פון זיין דבקות, אָבער נאָך מער פון זיין ווייסער באָרד מיט אירע דריי קאַפּריזנע וועגן פון וואַקסן. אויף דער רעכטער זייט האָט זיך אַ שפּיץ פאַר־געסן און איז היפּשלעך ווייט אַראָפּגענידערט. נאָך אַביסל און ער גרייכט צום גאַרטל. אויף דער לינקער זייט האָט אַ טאַשמע האָר געוואָלט נאָכטאָן, זיך אַראָפּגעפּלאָנטערט און אויסגעצויגן. זי איז אָבער אויף אַ גוטער פויסט די הויך, געבליבן הינטערשטעליק. און די מיט — זי איז געבליבן אַ קאַרליק. זי איז געוואַקסן אָן אַמביציעס און קאָלטענעוואַטע און קוים וואָס זי האָט דערלאַנגט צום אונטערשטן זוים פונעם קאָלנער.

קיינער פון אונדז, דעמאָלטיקע בר־מצווה־ייִנגלעך (און אפשר זענען מיר געווען עלטער מיט אַ יאָר־צוויי פון בר־מצווה), האָט נאָך נישט געהאַט געזען קיין ייִדיש טעאַטער און האָט נאָך נישט געוווּסט דעם טעאַטראַלן סוד פון מענטשלעכן כאַראַקטער, וואָס ליגט באַהאַלטן אין אַ באָרד. איז טאַקע קיי־נער פון אונדז נישט געווען, זיכער, געווען „רעזשיסאָר“ צו וויסן, וואָס פאַר אַ זקנה מען וואָלט געדאַרפט צוקלייבן מעכל בערישן על־פּי כאַראַקטער, אָבער איינער פון אונדז איז שוין געווען אויף אַזוי פיל „טעאַטער־קריטיקער“ צו קענען אַנאַליזירן די פּסיכאָלאָגיע פון דער באָרד, מיט וועלכער דער רבש״ע

אַליין, דער העכסטער וועלטן־רעזשיסאָר, האָט באַזאָרגט דעם קאָלאָמייער צעלניק־סוחר.

איך געדענק זייער גוט, ווי מיין חבר בנימין פרייז, וואָס האָט שוין דעמאָלט, דאַכט זיך, געשריבן אַ דראַמע אויף ייִדיש, האָט פאַר אונדז פאַר־טייטשט די קינסטלערישע סימבאָלן פון מעכל בערישעס זקנה. דער רעכטער שפּיץ — האָט ער פאַר אונדז פּותר־באָרד געווען — אָט דער, וואָס ווינקט זיך כמעט איבער מיטן גאַרטל, דערציילט וועגן מעכל בערישעס גרויסער תאווה צו מאיר פראַנצויזס ימים־נוראימדיקן דאַוונען און וועגן זיין גרייט־קייט צו באַצאָלן דערפאַר במזומנים וויפיל מען וויל. אין דעם שפּיץ ליגט דעם צעלניקערס פאַרשווענדערישקייט. דער אויפן האַלבן וועג ווידער צוריק־געקליבענער לינקער עק פון דער באָרד האָט צו טאָן מיט מעכל בערישעס ישוב־הדעת. עס קומט אַמאָל אַריין אַ ייִד און בעט אַ שטיקל ברויט — וועט זיך דער צעלניקער נישט שטעלן מיט אים דינגען. איתמר שוחט גייט אַרום פרייטיק נאָך בולקעס פאַר אָרעמע־לייט — וועט מעכל בעריש אַראָפּשלינגען אַלע זיינע פאַרדאַכטן און וועט אים נישט אָפּזאָגן. מאיר פּורים־רב קומט נאָך חנוכה־געלט, וועט מעכל בעריש אומצופרידן אַ ברום טאָן און וועט אים אַריינרוקן אַ מטבע אין האַנט. דער פּורים־רב וועט מיינען, אַז עס איז אַ זעקסערל און ערשט אינדרויסן ביים שיין פון לאַמטערן וועט ער אַ קוק טאָן און דערזען, אַז ער האָט דעם צעלניקער אומזיסט חושד געווען אין פּזרנות. מעכל בעריש גיט נישט מער ווי אַ צווייערל.

און די מיט — די נישט־געראָטענע מיט פון דער באָרד, באַצייכנט דעם עיקר־עלעמענט פון מעכל בערישעס כאַראַקטער: זיין קמצנות. מען האָט אים אין שטאָט נישט אַנדערש גערופן ווי מעכל בעריש קמצן.

קאַרג קמצנים זענען דאָס געווען אין די אָרעמע שטעט פון גאַליציע? הערש פּוזער און שמשון תוספות, יאַנקעלע מילנער און גדליה געהילץ — די גרעסטע גבירים אין קאָלאָמיי — און קיינער פון זיי האָט נישט געזינדיקט מיט אַ באַזונדערס ברייטער האַנט. אָבער ד ע ר קמצן איז נישט קיינער פון די דערמאָנטע פיר, נאָר מעכל בעריש, וואָס איז נישט געווען אַזוי רייך ווי איינער פון זיי. ער האָט געהאַט אַ גרויס געוועלב מיט שניידער־צודאַטן און מיט גאַבלאַנצער סחורה. וואָס שייך דעם מסחר מיט פּאַציערקעס און קרעלן (גאַבלאַנצער סחורה), איז ער געווען ממש דער קיניג אין שטאָט. אָבער ווי קומט ער צו אַ הערש פּוזער, וואָס האָט זיין אייגנס אַ גוט, אַ ברייהויז, אַ דאַמפּמיל און אַ גרויסן מעלסקלאַד? אָדער צו אַ גדליה געהילץ מיט אייגענע וועלדער און אַן אייגענעם טאַרטאַק? אָבער אַ ירא־שמים און אַ תלמיד־חכם איז מעכל בעריש אַוודאי געווען מערער פון די אויסגערעכנטע שטאָטישע גבירים־

אדירים, אפשר אַחוץ שמשון תוספות. און געדענקט האָט מען דווקא ביי אים ס׳קמצנות זיינס.

ווען איך גיי היינט איבער אין זכרון דעם טרעפלעכן אַנאַליז פון די באָרד־סימבאָלן, וואָס מיין קינסטלעריש־באַגאַבטער יוגנט־חבר בנימין פּרייז האָט דעמאָלט פאַר אונדז דורכגעפירט, ווערט מיר קלאָר, אַז מעכל בעריש איז געוואָרן דער באַרימטער שטאָט־קמצן, ערשטנס, צוליב דער טעאַטראַ־לישקייט פון די פאַסירונגען אַרום זיין קאַרגשאַפט, און צווייטנס, דורך דעם קאָנטראַסט פון זיין „פאַרשווענדערישקייט" אין ענין פון אַ ימים־נוראים־דיקן בעל־תפילה. אַט די פּזרנות פון עטלעכע געציילטע טעג אין יאָר האָט ערשט אָוועקגעשטעלט אין ריכטיקן ליכט זיין קמצנות פון אַלע צוויי און פופציק וואָכן. מיט אַנדערע ווערטער, מעכל בעריש האָט פאַרשטאַנען אויפן בעסטן אופן צו אַנטפּלעקן זיינע חסרונות.

איך וועל אָנהייבן מיטן קאָנטראַסט: מיט מעכל בערישעס ליידנשאַפט צו מאיר פראַנצויזס דאַווענען. געוויינטלעך אַרום ראש חודש אלול איז דער „בעל־תאווה" אַריבערגעגאַנגען אין דער זשידעטשויווער קלויז, וווּ מאיר פראַנצויז איז געווען דער שטענדיקער בעל־תפילה, געוואויר צו ווערן, צי עס וועט היי־יאָר זיין בנמצא אַ פּרייע „שטאָט". פישעלע חסיד, דער גבאי פון קלויז, האָט, ווייזט אויס, פאַרשטאַנען אויסצונוצן דעם צעלניקערס גלוסט צו מאיר פראַנצויזס תפילות און האָט אַחוץ דעם געהאַט עפּעס אַ מאָדנע באַ־דערפעניש זיך צו איזדעקעווען איבערן קמצן. וואָרים יעדעס יאָר האָט זיך יאַקאַש געפּונען אַ פּרייע „שטאָט", נאָר וואָדען? פון יאָר צו יאָר האָט די „שטאָט" געקאָסט טייערער און זיך אַלץ ווייטער אָוועקגערוקט פון מזרח צו דער טיר צו. דער קמצן האָט זיך קיינמאָל נישט געדונגען און ס'האָט אים קיינמאָל נישט אָנגעהויבן צו אַרן, ווו ער וועט זיצן. מאיר פראַנצויז האָט מען ב"ה געהערט פון אַלע ווייטסטע ווינקלען פון דער גרויסער קלויז און אַפילו פון דרויסן. וואָרים דעם זשידעטשויווער בעל־תפילהס שטים איז געווען — אַזוי האָב איך נישט איינמאָל געהערט פון געשוווירענע מבינים אין ר׳ איציקל־שולכל — אַ ווונדערלעכער געמיש פון געבריל פון אַ לייב מיט דער געוואָרקע פון אַ טויב. זי האָט אָנגעוואָרפן אַ פחד מיט איר מעכטיקייט און האָט דורכ־גענומען מיט איר ווייכער און צאַרטער געפּיעשטשעטקייט.

קאָלאָמייער ייִדן האָבן זיך נישט געפּירט אָוועקצוגיין פון זייערע שולן צוליב אַ בעל־תפילה. עס זענען געווען בלויז געציילטע אויסנאָמעס, און צווישן זיי מעכל בעריש קמצן. האָט טאַקע די גאַנצע שטאָט דערפון געוווּסט און עס געהאַלטן עפּעס פאַר אַ מין מאַנגל אין געזעצטקייט, אין באַלעבאַטיש־קייט, אָבער פונדעסטוועגן יום־כּיפּור אַרום דריי אַזייגער צו אָוונט צו, ווען

דורך די הויכע פענצטער פון דער זשידעטשויווער קלויז האָט זיך געגומען טראָגן מאיר פראַנצויזס זאַגעכץ פון דער „עבודה", האָבן זיך באַלעבאָטים פון די אַרומיקע שולן פאַרגעסן און זענען אַרויס אויף דער גאַס הערן, ווי דער זשידעטשויוער שליח־ציבור האָט געזאָגט און געציילט: א־חת וא־חת, א־חת וש־תים. הונדערטער מענטשן האָבן באַלאַגערט די זשידעטשיווער קלויז, פאַרשפּאַרט דעם אַריינגאַנג און נישט צוגעלאָזט אַ לופטל צו די אַנדערע עטלעכע הונדערט מתפּללים, וואָס זענען געזעסן אינעווייניק. דאָ און דאָרט האָט זיך דורכגעריסן אַ ייִד פון פּאָליש אַרויס אָפּכאַפּן דעם אָטעם. מעכל בעריש קמצן איז אין יענע שעהן תמיד געווען אין דרויסן אויפן טראָטואַר. עפּעס האָט ער, ווייזט אויס, געהאַט הנאה נישט נאָר פון מאירס דאַווגען, נאָר אויך דערפון, וואָס ייִדן פאַרשטייען סוף־כל־סוף, אַז צוליב מאירן מעג מען אים נאָכטאָן און איבערלאָזן די אייגענע שולן און קומען אַהער צו אַ בעל־תפילה, וואָס איז איינציק אין דער וועלט.

„איינציק אין דער וועלט" — זענען טאַקע געווען מעכל בערישעס אייגענע ווערטער. ער איז געשטאַנען מיטן קאָפּ פאַרריסן צום הימל, מיט אויגן, ווי זיין שטייגער איז געווען, גלאָצעריש איבערגעקערטע און זיינע ליפּן האָבן געשטאַמלט באַלד שטילער און באַלד העכער: „איינציק אין דער וועלט". עס איז דאָס געווען אי דער אויסדרוק פון זיין אומבאַגרענעצטער התלהבות און אי עפּעס אַ צורוף צו דער עדה ייִדן אַרום, אַז זי זאָל זיך למען־השם איינהערן און נישט דורכלאָזן דעם מינדסטן קנייטש פון אַ וואָרט, וואָרים עס איז „איינציק אין דער וועלט". און אין יענעם מאָמענט איז ביי מעכל בערישן אויך די צורה געווען, דאַכט זיך, אַ גאַנץ אַנדערע. עס איז ערגעצווו אויסגערונען אין זיין פּנים די גשמיות פון אַ פעטן קוגל, וואָס האָט נישט דערלאָזט צו גלויבן אין דער עכטקייט פון קמצנס אויגן־גלאָצעניש. איצט האָבן ביי דעם הויכן ייִד, וואָס איז געשטאַנען אַן איינגעהאָרכטער מיט לייב־און־לעבן אין מאיר פראַנצויזס „עבודה", אָפּגעקוקט פון אונטערן טלית מיט דער זילבערנער עטרה די שמאָלע און בלייכע באַקן פון איינעם, וואָס פאַסט תעניתים.

און מיט „איינציק אין דער וועלט" האָט מעכל בעריש אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר פון ראש־השנה צו ראש־השנה געהאַלטן אין איין רימען זיין בעל־תפילה. אין זיין גרויסן געוועלב פון צודאַטן און גאַבלאַנצער סחורה האָט ער היפּשלעך געהאַט צייט צו כאַפּן אַ שמועס. אַ גאַנצע וואָך אַחוץ פרייטיק איז שפּע געווייגטלעך געווען בלויז אינדערפרי, ווען די לאַחדימניקעס זענען געקומען איינקויפן מיט צוגעגרייטע צעטלען, און פאַרנאַכט־צו, ווען די פּעקלעך זענען פאַרטיק געוואָרן און מען איז זיי געקומען אָפּנעמען און באַצאָלן. פריי־

טיק — יאַריד־טאָג — האָט מען זיך פון כיאור ביז אַ צוויי־דריי שעה פאַר קבלת־שבת נישט געהאַט די הענט און נישט געהאַט קיין צייט נישט פאַר קיין איבערבייסן און נישט פאַר קיין איבעריק וואָרט. אָבער אין די פרייע שעהן פון אַלע איבעריקע וואָכן־טעג, און דער עיקר זומער, שניט־צייט, ווען די יאַרידים זענען קלענער און דאָס לייזונג געשלאָגן, זענען ביי מעכל בערישן אין געראַמען געוועלב תמיד דאָ צוויי־דריי בעלנים אויף אַ שמועס. און ריידן רעדט דער געוועלבער נאָר וועגן מאיר פראַנצויז און זיין ימים־נוראימדיק דאַוונען.

— איר האָט געדאַרפט הערן דאָס יאָר, ר׳ מאָטל, — ווענדט ער זיך צו מיין פעטער מאָטל פאָניע, וואָס האָט תמיד צייט און איז תמיד גרייט צו כאַפּן אַ שמועס, — ווי אַזוי מאיר האָט אָוועקגעלייגט אַ „ובכן תן כבוד ד׳ לעמך״. איר קומט דאָך נאָר — רעדט מעכל בעריש צו מיין פעטער אין אַ מוסר־טאָן — אַרויס אין דרויסן צו דער עבודה, זאָג איך אייך, אַז די „עבודה״ איז דאָך „איינציק אין דער וועלט״, אָבער דער „ובכן״ איז עפּעס אַזוינס, וואָס איז נאָך נישט געהערט געוואָרן.

און מעכל בערישעס אימפּרעסיאָניסטישע באַמערקונגען וועגן מאיר פראַנצויזס „ובכן״ און „נעילה־קדיש״, אַזוי ווי מיין פעטער מאָטל האָט זיי דערנאָך איבערדערציילט ביי מיין זיידן אין שטוב, זענען מיר פאַרבליבן עד־היום אין זכרון.

— קודם — האָט געטענהט מעכל בעריש צו מיין פעטער — מוזט איר פאַרשטיין, פאַרוואָס מאיר פראַנצויז זאָגט „ובכיינע״ (ובכן), טייגע (תן), קאָווידע (כבוד). די ווערטער זענען פשוט צו שמאָל און צו ענג פאַר אַזויפיל האַרץ און פאַר אַזויפיל התלהבות, וויפל ער לייגט אין זיי אַריין. מוז זיי מאיר דערפאַר אויסציִען, מוסיף זיין צו זיי, און אַז זיי קומען, די ווערטער, אָנגעלאָדענע און איבערגעלאָדענע צו די שערי רחמים, עפענען זיך די טויערן ברייט פאַר זיי, ווי עס פראַלן זיך פאַנאַנדער, להבדיל אלף הבדלות, די בראָ־מעס פאַר אַ שווערן און איבערגעלאָדענעם וואָגן מיט משא. מאירס תפילה איז די שווערסטע לאָדונג מיט די טייערסטע תחנונים, וואָס קומט אָן אין הימל אַריין.

און דערנאָך, ר׳ מאָטל, — צעהיצט זיך דער צעלניק־סוחר — וואָלט איר געדאַרפט זען, מיט וואָס פאַר אַ לייכטקייט און מיט וואָס פאַר אַ פריי־לעכקייט דער וואָגן, וואָס איז שווער ווי אַ באַרג, צעלויפט זיך דאָס, צעיאָגט זיך דאָס, אַז עס קומט צו די ווערטער: „שמחה לארצך (פרייד צו דיין לאַנד) וששון לעירך״ (און לוסטיקייט צו דיין שטאָט). עס איז ממש ווי אין הלל: „ההרים תרקדו כאלים וגבעות כבני צאן״ (די בערג — איר שפּרינגט ווי

ווידערס און די היגלען ווי די שאָף). מאיר פּראַנצויז טאַנצט פון איין זייט עמוד צום אַנדערן ווי אַ חתן־בחורל. עס נעמט אַרום עפּעס אַזאַ מין גוואַל־דאַוונע פרייד אַלע מתפללים אין קלויז, אַזאַ מין זיכערקייט, אַז עס וועט זיך טאַקע איה״ש איינגיכן אומקערן פרייד און לוסטיקייט צום הייליקן לאַנד און צו דער הייליקער שטאָט, אַז עס הייבט זיך אָן דאַכטן, אַז פאַרן עמוד שטייט נישט אַ בעל־תפילה, נאָר אַ נביא.

די דאָזיקע פרייד, פון וועלכער עס האָט אַזוי באַרעדעוודיק דערציילט מעכל בעריש און מיין פעטער מאָטל האָט וועגן איר אפשר נאָך באַרעדעוודי־קער נאָכדערציילט, האָב איך געהאַט אַ געלעגנהייט צו זען מיט מיינע אייגענע אויגן אַמאָל אין אַ פּריוויטק־צו־נאַכטס, ווען מאיר פּראַנצויז האָט „גאַסטראַ־לירט״ אין ר׳ איציקל־שולכל. מען האָט אים מכבד געווען מיט „קבלת שבת״, און עס איז מיר עד־היום אומפאַרגעסלעך, ווי אַזוי דער ברייטער זשידעטשווי־ווער בעל־תפילה האָט געזאָגט און געטאַנצט „לכה דודי״. ער איז געשטאַנען פאַרן עמוד און געדונערט מיט זיין מעכטיק־זיסער שטים, וואָס האָט צוגע־צויגן אַלעמענס הערצער „לכו נרננה״ און די איבעריקע עטלעכע תפילות. אַז עס איז געקומען צו „לכה דודי״, האָט זיך דער מיטלוווקסיקער געפּאַק־טער ייִד מיט די צעבאַרשטענע פּאות עפּעס אַזוי האַסטיק צעוויגט, אַז ס׳איז ממש שווער געווען צו כאַפּן אַ סטאַבילן פּונקט אין דער צעכוואַליעטער גע־שטאַלט. „אויף זיכער״ האָט מען בלויז געזען די ווייסע זאָקן, וואָס האָבן געגרייכט ווייט אַרויף כמעט ביז צו די קני, און די לייכטע פּאַנטאָפל, וואָס האָבן ווונדערלעך ריטמיש אַרומגעטאַנצט פון איין זייט עמוד צום אַנדערן.

מיט אַזוי פיל חדווה און באַגייסטערונג ווי דעמאָלט האָב איך אין ר׳ איציקל־קלויז קיינמאָל נישט געהערט זינגען דעם געזאַנג פון אויפנעמען די „שבת מלכתא״. און אַז מאיר פּראַנצויז האָט זיך ביים לעצטן פּסוק, ווי דער מנהג איז, אויסגעדרייט מיטן פּנים צום עולם און גערופן מיט עפּעס אַ ברע־נענדיקן באַגער אין קול „בואי כלה, בואי כלה״, האָט זיין צורה געשטראַלט מיט פרייד און מיט ליבשאַפט, און מיר האָט זיך אויסגעדאַכט (אָדער אפשר דאַכט זיך מיר דאָס בלויז היינט אין דער פּערספּעקטיוו פון דרייסיק איבער־געלאָפענע יאָרן), אַז ס׳איז טאַקע נישט אַנדערש, ווי געלעגן עפּעס ליידנ־שאַפטלעך־עראָטישעס אין דער מיסטישער סערענאַדע, וואָס דער גרויסער זשידעטשוויווער בעל־תפילה האָט געזונגען צו זיין געליבטער פּרינצעסין שבת.

נאָך אַזאַ איבערלעבעניש אין ר׳ איציקל־קלויז ביי מאיר פּראַנצויזס „לכה דודי״, איז מיר געווען פּריקרע צו הערן, ווי מיין פעטער מאָטל פּאַניע (אַליין אַ ווילדער פאַנטאַזיאָר, אָבער אַלעמאָל אַ סקעפּטיש־צעשמייכלטער

צו די אויסדוכטעניש פון אַנדערע) האָט נאָכדערציילט מעכל בערישעס זאָ־געכצער וועגן מאיר פראַנצויזס תפילות און דערביי צוגעלייגט זיינע חוזק־ווערטלעך, וואָס זענען אויסן געווען ווי שאַרפע נאָדלען דורכצושטעכן און צו צעלעכערן דעם קמצנס באַגייסטערונג פאַר זיין ימים־נוראימדיקן שליח־ציבור.

מיין פעטער מאָטל האָט איבערגעגעבן, און אַ שמייכעלע פון חוזק האָט זיך געטומלט אונטער זיין שווערער וואָנסע, ווי אַזוי דער קמצן פאַרגייט זיך אין התלהבות וועגן מאירס „נעילה־קדיש״:

— אַז ס׳קומט צו נעילה, — האָט מעכל בעריש דערציילט, — האָב איך ס׳געפיל, אַז דער הימל האָט זיך פלוצים פאַרכמאַרעט און אַז ס׳גרייט זיך אַ שרעקלעך געוויטער. און אַז מאיר נעמט זאָגן זיין קדיש, פיל איך, ווי די ווערטער קייקלען זיך ווי די דונערן מיט רעש און געפילדער, פאַלן און צינדן זיך אָן פאַרן כסא הכבוד.

דער פעטער מאָטל האָט געשמייכלט, אָבער מיין זיידע, ע״ה, וואָס איז, כאָטש אַ מתנגד, געווען זייער אַ פרומער און תמימותדיקער ייִד, איז דווקא געווען געצייגט אָנצונעמען מעכל בערישעס רייד ווי דברים כהויתם. אים האָט זיך געגלויבט אָדער געוואָלט גלויבן אין דעם קמצנס זעעניש ביי מאיר פראַנ־צויזס תפילות. איך האָב דעמאָלט, איך געדענק זייער גוט, געהאַלטן מיט מיין זיידן און נישט מיטן פעטער מאָטל. און נישט נאָר דעמאָלט, עפּעס דאַכט זיך מיר אַפילו היינט, אַז מעכל בערישעס פאַטעטישע זעונג איז מיר איצט אויך מער צום האַרצן און איך וויל אין איר גלייבן.

אויף אַן אמת מיטשמייכלען און אַפילו מיטלאַכן מיטן פעטער מאָטל פלעגט מען ביי מיין זיידן אין שטוב, ווען ער האָט פאַנאַנדערגעלייגט, ווי אַזוי ער האָט מעכל בערישן גענומען אויף פאַרהער נוגע די הוצאות און ווי אַזוי דער קמצן האָט געקרעכצט, געזאָגט אַ ביטער וואָרט אויף פישעלע חסיד, דעם גבאי, דעם אויסנוצער, וואָס טרייבט אַריין די עטלעכע פרייע „שטעט״ אין אַ יקרות און גיט אים דערנאָך אומיסטן אַ פעטע עליה דעם ערשטן טאָג ראש השנה; און ער, מעכל בעריש, האָט זיך מורא צו זאַטשעפּען מיט דעם „הינטישן ייִד״ און נדרט איבער זיינע כוחות, און פישעלע האָט נישט קיין צייט און שיקט איינקאַסירן דעם נדר תיכף נאָך יום־כיפּור. ס׳איז אַ רחמנות צוצוהערן — שמייכלט דער פעטער מאָטל מיט הנאה פון זיינע אייגענע רייד — וואָס פאַראַ יסורים פישעלע חסיד טוט דאָס נעבעך אָן אַזאַ בעל־תאווהניק ווי מעכל בעריש. אָבער אַז איך גיב אַ פרעג ביים סאַמע סוף — צעלאַכט זיך דער פעטער, — ר׳ מעכל בעריש, איר האָט אפשר חרטה, וואָס איר האָט זיך געלאָזט אַזוי פיל קאָסטן און וועט איבעראַיאָר שוין דאַוונען ימים נוראים

אין אייער שאַריגראַדער קלויז, גיט מעכל בעריש אַ שפּרונג אויף פּונעם בענקל און ווערט אָפּ מיט די לאַנגע שווערע הענט זיינע: חס וחלילה, ר׳ מאָטל, כ׳האָב נישט קיין חרטה און איך צאָל זיי גערן וויפל זיי ווילן און וויפל זיי נאָרן נאָך דערצו אויס, ווייל ס׳איז אַלעמאָל ווערט צען מאָל אַזוי פיל. און מעכל בעריש פאַרהתמעט דעם געשפּרעך מיט זיין געוויינטלעכן „ס׳איז איינציק אויף דער וועלט״.

און די גרויסע בושה, וואָס מעכל בעריש האָט געליטן צוליב זיין קמצנות און וואָס צוליב איר איז ער אייגנטלעך ערשט באַרימט געוואָרן אין שטאָט ווי ד ע ר ק מ צ ן, האָט זיך גענומען טאַקע בלויז דערפון, וואָס מיט אַן ערך צען יאָר איידער איך האָב אים געקענט, איז ער איינמאָל געווען געצווונגען צו דאַוונען ימים נוראים ביי זיך אין דער שאַריגראַדער קלויז. אַלע יאָר פלעגט מען קומען פון נאָענטע און ווייטערע ייִדישע קהילות אָנבאָטן מאיר פּראַנצויז גרויסע סומעס געלט און אים אויסכאַפּן פאַר זיך. אָבער מאיר איז געווען אַ הייסער זשידעטשויווער חסיד און בטבע נישט להוט נאָך געלט, האָט ער קיינמאָל נישט אָנגענומען און איז געבליבן ביי זיין שולעכל. האָט זיך געמאַכט, אַז איינמאָל האָבן רייכע סטאַניסלאַווער באַלעבאַטים אָנגעבאָטן ממש אַ ממון קורח און דער נסיון איז געווען גרויס, און ס׳ווייב איז צוגעשטאַנען, און פישעלע חסיד, דער גבאי פון דער זשידעטשויווער קלויז, האָט זיך איינגעשפּאַרט, אַז ער גיט נישט קיין הוספה — און מאיר פּראַנצויז האָט געדאַוונט ימים נוראים אין סטאַניסלאַוו. ס׳איז דעמאָלט געווען אומעטיק, ממש צום אויסגיין פאַר אומעט און פאַר פאַרדראָס נישט נאָר אין זשידעטשויווער שולכל, נאָר אויך אין אַלע קלויזן אַרום, ווו ייִדן האָבן זיך געגרייט כאָטש צו מאירס „עבודה״. די זשידעטשויווער מתפּללים האָבן זיך צעבונטעוועט און פישעלע חסיד, דער תקיף, האָט שיער נישט פאַרלוירן ס׳גבאות. אָבער דאָס גרעסטע אומגליק איז געווען, וואָס מעכל בעריש האָט געמוזט דאַוונען, ווי געזאָגט, ביי זיך אין שאַריגראַדער קלויז.

די שאַריגראַדער זענען געווען באַקאַנט אין שטאָט ווי שקצים און לצים. עפּעס האָט זיך דאָרט צונויפגעקליבן אַ חברה, איינס ווי איינס מיט שאַרפע צינגלעך און איינס ווי איינס גרייט אָפּצוטאָן אַ שפּיצל. מיט מעכל בערישן האָט זיך די חברה לצים שטאַרק דערפרייט און אָנגערעדט דעם גבאי, אַז אַזוי ווי דער קמצן איז דאָך עפּעס אַ גאַסט אין קלויז, זאָל מען אים געבן אַ גאָר שיינע עליה ראש השנה און אים אַריינטרייבן אין אַ נאָך שענערן נדר. מען האָט עס קונציק אָפּגעאַרבעט, אַז די קרואים פאַר מעכל בערישן זאָלן געבן גרויסע נדרים, אַזוי אַז דער קמצן זאָל פאַר בושה אויך נישט קענען אָפּשטיין. און מעכל בעריש איז אַריינגעפאַלן. מיין פעטער מאָטלס גירסא איז געווען,

אַז ער האָט זיך נישט געשעמט, נאָר ער האָט זיך פּשוט פאַרגעסן. ער האָט געמיינט, אַז ער איז ווי געוויינלעך אין זשידעטשוויווער קלויז, און אַז מען טאָר זיך נישט זאַטשעפּען מיט פּישעלע חסיד, ווייל איבעראַיאָר איז אויך אַ יאָר און מען דאַרף הערן מאירן דאַווענען. האָט ער געענדרט, מעכל בעריש, אין שאַריגראַד ווי אַלע יאָרן אין זשידעטשוויוו.

נאָר אַז ס'איז געקומען חול־המועד סוכות און מען האָט געדאַרפט באַצאָלן, האָט זיך מעכל בעריש געכאַפּט, וואָס האָט ער געטאָן און... היינט — מאָרגן, איבעראַכטאָג און איבער צוויי וואָכן, ער האָט דעם נדר נישט באַצאָלט. ווער עס האָט דעם שמש געהייסן אַראָפּכאַפּן ביי מעכל בערישן ס'שטריימל, האָט מען קיינמאָל נישט געקענט דערגיין. דער גבאי האָט געלייקנט שטיין־און־ביין און דער שמש האָט געפּלאָנטערט מיט דער צונג, נישט געוואָלט קיינעם אויסגעבן.

יענעם שבת, ווען דער שמש האָט ביים אַרויסגיין פון קלויז אַראָפּגעכאַפּט ביי מעכל בערישן ס'שטריימל און זיך צעשריגן, אַז מ'עט עס נישט אָפּגעבן, ביז ער וועט נישט באַצאָלן דעם נדר, איז די גאַנצע שטאָט געגאַנגען כאַדאָראָם. מעכל בעריש האָט זיך נישט אָקעגנגעשטעלט, האָט אַפילו נישט געענטפערט און איז אַהיימגעגאַנגען אין דער יאַרמלקע. דאָס שטאָט־בית־דין האָט זיך דערנאָך אַריינגעמישט און געוואָלט, אַז דער גבאי זאָל משלח זיין דעם שמש. מען האָט עס נישט געקענט אויספירן, ווייל אין שאַריגראַדער קלויז האָט געדראָט אַ „בירגערקריג״.

מעכל בערישעס ווייב האָט אָפּגעשיקט דעם נדר און דער אַזוי ביטער פאַרשעמטער קמצן האָט אַ לענגערע צייט נישט געדאַוונט אין שאַריגראַדער שולכל. אַז ער האָט ווידער אָנגעהויבן צו גיין אַהין אויף זיין ירושה־שטאָט, האָבן נישט נאָר לצים, נאָר אַפילו ערנסטע באַלעבאַטים געזאָגט, אַז דאָס שטריימל, וואָס ער טראָגט איצט, איז נישט דאָס זעלבע, וואָס דער שמש האָט ביי אים אַראָפּגעכאַפּט.

די מעשה איז מיט יאָרן פאַרגעסן געוואָרן. די איינציקע דערמאָנונג איזרע איז בלויז געוווען דער טיטל: „ד ע ר ק מ צ ן״, וואָס מיט אים איז מעכל בעריש געקרוינט געוואָרן אויף תמיד. אַרויפגעשוווּמען אויפסניי איז די דאָזיקע פיינלעכע פּאַסירונג ערשט נאָכן קמצנס טויט. געשטאָרבן איז מעכל בעריש אין ערשטן יאָר פון דער וועלט־מלחמה, אונטער דער רוסישער אָקופּאַציע. דעם „אל מלא״ האָט אויפן אוהל לויט ווונטש און אפשר אויך לויטן באַצאָלטס פונעם שאַריגראַדער גבאי געמאַכט נישט קיין אַנדערער ווי מאיר פּראַנצוויז. און מאירס זאָגעכץ איז אויך דאָס מאָל, ווי אַלעמאָל, באמת געווען „איינציק אין דער וועלט״. קיין גרעסערן כבוד האָבן מענטשן, גלייב

איך, מעכל בערישן נישט געקענט צוטיילן און קיין בעסערע פּאַרגיטיקונג פאַר דער בושה, וואָס מען האָט אים אַמאָל אָנגעטאָן, האָט מען אים, דאַכט זיך, אויך נישט געקענט געבן.

אָבער פון דעסטוועגן איז דאָס, ווייזט אויס, מעכל בערישן אויף יענער וועלט נישט געווען געגנוג. אַזוי האָט אויך געהאַלטן אין איין טענהן מיין פּעטער מאָטל פּאָניע, וואָס האָט איצט נאָך מעכל בערישעס טויט גענומען ריידן וועגן אים אָן אַ ברעקל פון אָן אָנהייב פון אַ שמייכל. קודם — אין די טעג פון שלושים — איז מיין פעטער געווען זיכער, אַז מעכל בעריש וועט בלי שום ספק האָבן ס׳גן־עדן, וואָרעם די אמתע בושה איז, ווען מענטשן פאַר־שעמען אַ מענטש און נישט גאָט ברוך הוא. און מעכל בעריש — האָט מיין פעטער געטענהט — איז פון יענער בושה זיכער געלייטערט און דערהויבן געוואָרן און איז פטור געוואָרן פון אַ סך זינד.

נאָך די שלושים אָבער האָט זיך דער דמיון ביי מיין פאַנטאַזיע־רייכן פעטער צעשפּילט און ער האָט גענומען חלומען, אַז זיין פריינט מעכל בעריש האָט דאָרט גרויסע שוועריקייטן, ווייל מען פאַרלאַנגט פון אים ס׳שטריימל. און די אלמנה האָט באַלד דערויף אויך געהאַט די זעלבע חלומות. און מען האָט גענומען זוכן ס׳שטריימל, ס׳אַלטע שטריימל, און עס איז נישט געווען... וווהין עס איז אַהינגעקומען איז נישט קלאָר, סיידן מען האַלט, אַז ס׳אַלטע און דאָס נייע זענען געווען איינס און דאָס זעלבע און אַז ס׳האָט זיך די לצים און באַלעבאַטים מיט יאָרן צוריק בלויז אויסגעדאַכט, אַז מעכל בעריש האָט אויסגעביטן ס׳שטריימל.

מיין פעטער מאָטל פּאָניע האָט איצט געהאַט אַ נייעם חלום און האָט געוווסט אויף זיכער, אַז מעכל בעריש האָט דאָס אַלטע עכטע סויבלענע שטריימל אַוועקגעשענקט אַן אָרעמען חתן צו דער חתונה. מיין פעטער האָט זיך געהיצט, און ייִדן האָבן צום טייל געשטוינט און צום טייל געשמייכלט.

די רוסישע אָקופּאַציע האָט זיך אינגיכן געענדיקט, און איך בין אַוועק פון מיין היימשטאָט. איך ווייס דערפאַר נישט אַקוראַט, ווי אַזוי די מעשה נורא מיטן שטריימל האָט זיך געענדיקט. מען האָט מיר בלויז דערציילט, אַז ווען דאָס עסטרייכישע מיליטער איז צוריקגעקומען און עס האָבן זיך אומגע־קערט די קריגס־נייעסן מיט נצחונות און מפּלות, האָט מיין פעטער מאָטל, וואָס איז געווען אַ ליידנשאַפטלעכער נייעס־יעגער, אויפגעהערט צו חלומען וועגן מעכל בערישן.

היינט זענען זיי שוין אַלע אויפן עולם־האמת, אויך דער גבאי פון דער שאַריגראַדער קלויז, דער שמש, מיין פעטער מאָטל און אויך דער גרויסער בעל־תפילה מאיר פראַנצויז. עס זענען שוין דאָרט מן־הסתם אויך די קרובים

פון דעם חתן, ווען מעכל בעריש האָט אַוועקגעשענקט דאָס שטריימל. דער ענין איז זיכער אויפגעקלערט געוואָרן און מעכל בעריש האָט מער נישט קיין שוועריקייטן.

און אויב מאיר פראַנצויז איז דאָרט אויך אַ בעל־תפילה און זיין שטימע טראָגט נאָך ווי אַמאָל, האָט מעכל בעריש, ווו ער זאָל נישט זיין, סיי־ווי זיין אייגענעם גן־עדן.

שמואל פּאַסאַליע־העַנדלער האָט אַ קורצן אָטעם און ליידט בושות ביים עמוד

שמואל נחום בערס איז געווען נישט מער ווי איינער פון דער שטאָטס הונדערטער פּאַסאַליע־הענדלער מיט קוים פּרנסה. אָבער פון זיין געשטאַלט האָט געווייעט מיט אַזאַ איינגעפונדעוועטער גרויס־סוחרישקייט, גלייך ער זאָל כאָטש האָבן אייגענע וואַגאָנען תבואה אויף דער לעמבערגער סטאַנציע. שמואל האָט אין זיין לעבן זיכער נישט געלערנט מער ווי חומש מיט רש״י, אָבער פון דעם פּנים האָבן גייסטיק אַראָפּגעשיינט כמה וכמה בלאַט גמרא מיט תוספות. ער האָט געהאַט אַ „שטאָט״ אין דער מערב־באַנק פון דער ר׳ איציקל־קלויז און געפירט האָט ער זיך ווי דער אַריסטאָקראַטישסטער ייִד פון דער מזרח־וואַנט.

געווען איז שמואל נחום בערס אַ הויכער, אַ דינער און מיט אַ באָרד, וואָס איז זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען מיט צוויי שפּיצן ווי ביי אַ חשובן דייטשן אַדמיראַל. ער האָט זיך געטראָגן זייער עלעגאַנט. דאָס ליסטרינען־בלאָע זשע־קעטל האָט ביי אים תמיד געבלישטשעט מיט נייקייט און די הויזן זענען געווען געפּרעסט און מיט אַ קנייטש ווי ביי אַ פּראַנט. ער האָט אַריינגע־שוועבט אין קלויז אַריין לייכט און איידל און יעדן אָקעגנגעטראָגן דעם „גוט מאָרגן״. די „גוט יאָרס״ האָט ער זיך דערנאָך אָפּגעזאַמלט מיט דער באַשיינ־פּערלעכער דאַנקבאַרקייט פון אַ מענטשן, וואָס איז צופרידן, אַז ער איז ב״ה מיט אַלעמען דורכגעקומען בשלום. ער האָט זיך געהיט פאַר אַ שלעכט וואָרט, פאַר אַ בייזן קוק, מורא געהאַט, אַז עס זאָל אויף אים נישט פאַלן דאָס מינדס־טע שפּרענקעלע פון מענטשלעכער אומאיידלקייט. ער האָט געמוזט האָבן, שמואל נחום בערס — אַזוי טראַכט איך היינט — זייער נישט קיין געהויי־בענע מיינונג וועגן מענטשן בכלל און וועגן זיינע מיט־דאַוונערס בפרט, וואָ־רעם ער האָט זיך צווישן זיי עפּעס אַרומגעדרייט ווי, להבדיל, צווישן בהמות. ער האָט געטראַכט מיט זיי נישט צו זאַטשעפּען, האָט יעדן פון זיי אָפּגעגעבן זיינס און נאָך מער ווי זיינס, און דאָס אַלץ, דאַכט זיך, נישט פאַר דרך־ארץ אָדער ליבשאַפט צום מין מענטש אָדער צום מין ייִד, נאָר ווייל ער האָט זיך געהיט מיט אַלע הונדערט היטעניש זיין אייגענעם כבוד.

אַ נדבה האָט שמואל נחום בערס געגעבן איבער די כוחות און טאָמער איז עמיצער פון קלויז — אָרעם אָדער רייך — קראַנק געוואָרן, איז ער געווען

דער ערשטער אָדער צווישן די ערשטע מבקר־חולה צו זיין. ער האָט טאַקע נישט געמאַכט קיין אונטערשייד, ווי געזאָגט, צווישן אָרעם און רייך. ער איז צו אַלעמען געגאַנגען. אָבער אין דער אויפפירונג זיינער ביים וויזיט גופא איז — אַזוי האָט מען דערציילט — פּאַרט געווען אַ חילוק. ביי אָרעמעלייט האָט ער זיך געפילט היימיש און זיך דערלויבט צו געבן אַן עצה. זיך דער־לויבט, אָבער זיך דערביי באַלד באַוואָרנט, אַז ער איז נישט קיין דאָקטאָר, נאָר ער מיינט, אַז ס'וואָלט כדאַי געווען אויסצופּרוּוון און איינגעמען אַ רע־באַרבערום־פּראָשעק, וואָס האָט אים אַמאָל זייער גוט געהאָלפן. אָבער ער וויל נישט צוריידן, ס'האָט נישט קיין זין צוצוריידן, וואָרעם דער חולה אַליין ווייסט צומבעסטן... האָט מיר אַ רפואה שלימה! אַ גוטן טאָג!

ביי אַ רייכן, ווידער, אָדער ביי אַן אָרעמערן מיט משפּחה־יחוס האָט שמואל נחום בערס כלל נישט גערעדט. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט און איידל געשוויגן. איך געדענק זיינע קראַנקן־וויזיטן אין משך פון אַן ערך אַ וואָך צייט ביי מיינעם אַ קרוב. ער שווימט אַריין מיט זיין הויכער, דינער פיגור, באַגריסט זיך העפלעך און שווייגט. דערנאָך גיבן זיך די צוויי חשובע באָרד־שפּיצן זיינע אַ לייכטן און עלעגאַנטן הייב אַרויף און פרעגן אויף שטום־לשון:

— וואָס מאַכט דער חולה?

— דאַנקען גאָט, בעסער. זעצט אייך צו.

שמואל איז צופרידן, וואָס דעם קראַנקן גייט בעסער. און אפשר נאָך צופרידענער — אַזוי דאַכט זיך מיר היינט — וואָס דער ענטפער איז געווען אַ פריינטלעכער. ער זעצט זיך צו. אויפן טישל לעבן בענקל ליגט אַ בוך. ס'איז אַ „צאינה וראינה", וואָס איז דאָ פאַרבליבן נאָך פון שבת. שמואל עפנט ס'ספר, לייענט ערנסט, פאַרטראַכט און, ווייזט אויס, מיט הנאה. דער־נאָך נעמט ער פון פּלוצים אַרויס דאָס זייגערל פון וועסטל־קעשענע, עס איז שוין אַזויפיל און אַזויפיל, שוין געווען דאָ מער ווי אַ פערטל שעה. ער זוכט און געפינט אַ שטיקל פּאַפּיר ביי זיך אין זשעקעטל, לייגט עס אַריין אין ספר: אַ צייכן ביז וואַנעט ער איז אָנגעקומען מיטן לייענען און... אַ רפואה שלימה! אַ גוטן טאָג!

דעם אַנדערן טאָג קומט ער ווידער. די זעלביקע העפלעכע באַגריסונג. דער זעלביקער שטומער פרעג מיט די באָרד־שפּיצן און, גאָט צו דאַנקען, פּונקט אַזאַ פריינטלעכער ענטפער ווי נעכטן. און ער זעצט זיך אַוועק, נעמט אַרויס דעם לייען־צייכן און נאָך אומגעפער אַ פערטל שעה לייגט ער אים ווידער צוריק אַריין, אָבער עטלעכע זייטלעך ווייטער. אַזוי דעם דריטן און דעם פערטן טאָג, און דאַכט זיך נאָך עטלעכע טעג דערצו.

פאַרוואָס־זשע האָט מען אָט דעם ייִד, וואָס איז געווען דער פריינטלעכ־

סטער און העפּלעכסטער אין דער גאַנצער קלויז, און האָט פּאַר אַלעמען יוצא געווען, דאָך נישט ליב געהאַט? און נישט נאָר האָט מען אים נישט ליב גע־האַט, נאָר מ׳האָט ממש געזוכט תחבולות דווקא אָנצורירן דעם כבוד זיינעם, וואָס שמואל האָט אים מיט אַזויפיל עקשנות געהיט. די איניציאַטיווע האָט אין אַזעלכע פאַלן, פאַרשטייט זיך, געהאַט דאָס יונגוואַרג אין קלויז, אָבער די דערוואַקסענע, די טאַטעס און די זיידעס מיט די לאַנגע און גראָע בערד, האָבן אַלעמאָל באַהאַלטענערהייט אונטערגעהאָלפן די ווייסע־חברהניקעס אין זייער שקאָצעוואַטעקייט.

פאַרוואָס? מן־הסתם טאָקע דערפאַר, ווייל שמואל איז געווען צו־פריינט־לעך, האָט מען אין זיין פריינטלעכקייט נישט געגלייבט און זי געהאַלטן פאַר אַ ליבלעכקייט אָן נשמה און פאַר כיטרער חניפה. און געחנפעט האָט ער זיך צום עולם, ווייל ער, דער קאַלט־העפלעכער, אויסגעגליכענער מענטש, וואָס האָט נישט געהאַט קיין שום אַמביציעס אין קלויז און איז גרייט געווען אַפילו צוצולאָזן אַנדערע זיינע חזקות ביי דער תורה, האָט געהאַט איין ליידנשאַפט, וואָס פאַר איר האָט ער טראַגיש געקעמפט און זיך לעכערלעך געמאַכט אַ לעבנלאַנג. און די ליידנשאַפט איז דווקא געווען אַזאַ, וואָס אַיעדער ייִד קען זיך פאַרגינען אָן שום שטערענישן. וואָרעם וואָס קען זיין באַשיידענער, ווי ווען דאַווענען אַ פיר מאָל אין יאָר פאַרן עמוד? צוויי מאָל אין יאָר אין די טעג פון יאָרצייט נאָך טאַטע־מאַמע און נאָך צוויי מאָל אין די שבתים פאַר די יאָרצייטן, ווען מען איז עולה לתורה און פאַרבעט דעם עולם אויף קידוש.

יעדער — יאָ, און שמואל נחום בערס, וואָס זעט אויס ווי אַ גביר און אַ למדן — נישט. וואָרעם שמואל האָט, לא עליכם, אַ קורצן אָטעם, וואָס סטאַיעט אויף אַ האַלבן פּסוק. דערנאָך פאַרהאַקט זיך ביי שמואלן ס׳קול און די ווערטער הייבן אָן אַרויסצוקומען ווי ביי איינעם וואָס האַלט אין לויפן באַרג־אַרויף. אַחוץ דעם, האָט שמואל געהערט צו יענעם מין מוזיקאַלישע קאַליקעס, וואָס עס איז פאַר זיי קריעת ים־סוף צו פאַרגעדענקען און נאָכצו־זינגען ריכטיק אַ ניגון. און אַז אַזעלכע מענטשן אָן אַ מוזיקאַלישן אויער איז שוין יאָ אַמאָל געלונגען זיך איינצוחזרן אַ מעלאָדיע, קען מען זיי מיט אַ ליאַדע ענלעכן טאָן אַראָפּפירן פונעם ריכטיקן וועג.

מילא, אין וואָכעדיקע יאָרצייט־טעג האָט דער עולם נישט געהאַט קיין צייט און קיין געדולד אַכטונג צו געבן אויף שמואל נחום בערס נוסח, אָבער אין די שבתים האָט זיך געטאָן רעבעליש. ווייסע־חברה האָט זיך געגרייט ווי צו אַ ספּעקטאַקל, און שמואל האָט אויך געמאַכט הכנות. ער האָט נישט איין־מאָל אָפּגעדאַוונט ביי זיך אין דער היים דעם שבתדיקן שחרית און מוסף ווי פאַרן עמוד: געמאַכט רעפּעטיציע. און פראַיקע משורר האָט געקראָגן באַ־

צאַלט פאַר פאַרריכטן און אונטערהעלפן. און אַט איז שוין שבת. דאָסמאָל דאַוונט שמואל נאָר מוסף. זומער־צייט, ביים יאָרצייט נאָך דער מאַמען, שטעלט ער נישט איין שחרית. ס׳איז הייס אין קלויז, און דאָס געדולד פון די דאַוונערס איז קירצער.

שמואל נחום בערס שטעלט זיך אַוועק ביים עמוד. ער ציט מיט ביידע הענט אַזוי שטאַרק און טיף אַראָפּ דעם טלית איבערן קאָפּ, אַז זיין שלאַנקער גוף זעט אויס ווי איינגעצוימט צווישן צוויי גלייך אויפגעשטעלטע ברעטער. עס דערהערט זיך זיין גרעבלעך קול, און די ווערטער נעמען גיין ווי באַר־וועסע פיס אויף שפּיציקע שטיינער, און עס רייסט זיך פון זיי פון מאָל צו מאָל אַ קוויטש פון ווייטיק:

ת—כנת שבת רצי—ת קרבנו — דאָ ענדיקט זיך דעם בעל־תפילהס אָטעם, און דער סוף פונעם וואָרט — תיה, קומט אַרויס ווי אַן אומהיימלעכער עכאָ אין וואַלד. הו, הו — כאַפּן אונטער ווייסע־חברהניקעס. און עס ווערט אַ מוראַדיקע געהוקערײַ אין קלויז, אַז מ׳הערט קוים אַ וואָרט. די דערוואַק־סענע דאַוונערס מאַכן זיך דערווייל נישט ווויסנדיק. דער בעל־תפילה אויך נישט. ער טראַכט וואָס־גיכער איבערצוקומען דאָס ביטערע קאַפּיטל מיט די הו־הוס. ער זאָגט ווייטער:

צי—וית פירו—שי—

ביי דער לעצטער זילב האַקט זיך ווידער איבער דער אָטעם, און ס׳קומט אַרויס אַ „האָ״ (ה), וואָס גיט צו כוח דער יונגער חברה הוקערס אין קלויז. עס מישן זיך אַריין די דערוואַקסענע מיט אַ קלאַפּערײַ אין די שטענדערס, וואָס איז כלומרשט אויסן אָפּצושטעלן די נאָכקרימערס, אָבער אין דער אמתן פאַרשטאַרקט זי נאָך דעם ליאַרעם אין שול. שמואל נחום בערס לעבט אי־בער חיבוט־הקבר ביים עמוד. אָבער ער האָט נאָך אינגאַנצן צוויי־דריי ווער־טער, וואָס ענדיקן זיך אויף „האָ״ (ה) — און ער איז איבערגעקומען. ביי די ווייטערע קאַפּיטלעך האָבן שוין עטלעכע ייִדן מיט רחמנות און מיט געאיי־לעניש אָהיים אינזינען, און כאַפּן אויס ביים בעל־תפילה ווו אַ האַרבע שטע־לע פאַר זיין אָטעם און פירן אים אויך בשלום אַריבער איבער די קריטישע פונקטן פונעם נוסח.

אַזוי ביים מוסף אין אַ זומערדיקן שבת. אָבער אַ ווינטערדיקער שחרית אַרום חנוכה־צייט, ווען ייִדן זענען בעסער אויפגעלייגט, לויפט שוין אַזוי לייכט נישט אָפּ. עטלעכע מאָל אין משך פון דאַוונען פירט יונגוואַרג שמואלן אַרויף אויפן יום־טובדיקן ניגון, און די דערוואַקסענע פּראָטעסטירן מיט „נו־נו״ און פירן אים צוריק צום שבתדיקן נוסח. שמואל שפּאַנט אַרום צווישן די ניגונים, ווי להבדיל, אַ פערד, וואָס האָט זיך פאַרפּלאָנטערט אין די ליי־

צעס. ער שוויצט און ציט אײַן, פֿאַר אינעווייניקסטער אויפֿרעגונג, אַלץ שטאַר־קער און שטאַרקער דעם טלית איבערן קאָפּ, אַז אַט־אַט, און ער וועט פּלאַצן. דאָס איז דער צייכן, אַז שמואלס אומגעדולד האָט דערגרייכט דעם העכסטן פּונקט. אָבער סוף־כּל־סוף דאַוונט ער אָפּ מיט צרות און לייד, און האָט אויף קיינעם קיין תרעומות נישט. ער איז פֿרײַנטלעך צו אַלעמען, גלייך גאָרנישט איז געווען. ער גייט פֿאַרביי, שטויסט זיך אָן ביי דער טיר אויף עטלעכע ייִנגלעך, גיט איינעם פֿון זיי אַ לייכטן קניפּ אין בעקל און כאַפּט ביי אונדז, קליינוואַרג, אויך אויס דעם „גוט־שבת".

אָבער איינמאָל געדענק איך שמואלס אַ ווינטערדיקן שחרית, ווען ער האָט שוין, ווייזט אויס, נישט געקענט אויסהאַלטן און געמוזט זיך אָקעגנ־שטעלן דעם עולם מיט אַ זשעסט. ס'איז געווען אַזוי: בשעתן דאַוונען האָט מען דעם בעל־תּפֿילה, ווי אַלעמאָל, געמוטשעט מיט אַראָפּפֿירן פֿונעם נוסח און אַרויפֿפֿירן צוריק. שמואל האָט עפּעס דעמאָלט געדאַוונט ערגער ווי אַלע־מאָל. ער האָט זיך דאָך, ווי עס איז, דערשלאָגן ביז קדושה. ס'האָט זיך גע־פֿילט אַ מידקייט אין קלויז, און מען האָט געמעגט זיין זיכער, אַז מען וועט דעם בעל־תּפֿילה שוין לאָזן דערזאָגן ווי אַזוי ער וויל און ווי אַזוי ער קען. אָבער פּלוצים איז איינעם, אַ יונגן בחור, אין הינטערשטן טייל פֿון דער שול, איינגעפֿאַלן אויסצושרייען דעם לעצטן פּסוק פֿון קדושה העכער פֿון אַלעמען און דערביי אויסצוקרייזלען די לעצטע ווערטער „לדור ודור הללויה" מיטן יום־טובדיקן ניגון. אַ טייל פֿון די דאַוונערס האָט זיך צעלאַכט, און שמואל, כאַטש אַזוי־אַרום געוואָרנט, איז דאָך אַראָפּ פֿון שבתדיקן שליאַך און גע־נומען זאָגן „אתּה קדוש" אויף זיין גרעבלעכן בעל־עגלה־קול מיטן יום־טוב־דיקן נוסח. פֿאַרוואָס עס איז דאָסמאָל געוואָרן אַ געפּאַטשעריי מיט די הענט אויף די שטענדערס מער ווי תּמיד, קען מען זיך נאָר דערקלערן מיט די גע־זעצן פֿון מאַסן־פּסיכאָלאָגיע. די קלאַפּעריי האָט אָנגעשטעקט מער ווי אַלע־מאָל. עס האָבן זיך אויך געהערט ברוגזע אויסגעשרייען: נו, שבת, יום־טוב, נו?!

די געשרייען זענען געווען איינדייטיק, עס האָט געהייסן: ווי לאַנג קען מען דאָס אויסהאַלטן? עס האָט אונדז שוין דערעסן מיט דיין דאַוונען. אַז מען קען נישט, נעמט מען זיך נישט אונטער!

און דאָ איז געשען עפּעס, וואָס איז אין די אַלע יאָרן פֿונעם עקשנותדיקן געראַנגל צווישן דער קלויז און שמואל נחום בערס קיינמאָל נישט פֿאַרגעקו־מען. שמואל האָט זיך אויסגעדרייט פֿונעם עמוד מיטן פּנים צום עולם און האָט געקוקט מיט אומהיימלעכע אויגן און... געשוויגן. איך געדענק זיין צורה. צווישן די טלית־ברעטער איז דאָס פּנים געווען שמעלער, און די שפּיצן פֿון דער באָרד האָבן פֿאַרלוירן די ווייטקייט צווישן זיך. דאָס פּנים האָט אויס־

געדריקט צער, פאַרשעמטקייט, אָבער אויך אומענדלעכע פאַראַכטונג צו די צענדליקער ייִדן, וואָס האָבן אָקאָרשט געקלאַפּט אין די שטענדערס און זע־נען איצט, ווי דורך עפּעס אַ כישוף, געוואָרן שטיל. דער דועל פון אויגן האָט געדויערט נישט מער ווי אַ ווײַלע. עמיצער פון מזרח האָט אַ סוף געמאַכט צו דעם קאַמף פון שווײַגן מיטן אויסרוף: „דאַוונט ווײַטער, ר׳ שמואלי!“ און דערבײַ תּיכף געזומען דעם טאָן פון שבתדיקן נוסח פאַר „אתה קדוש“.

שמואל האָט איבערגעלאָזט די בליקן פון פאַראַכטונג ביים עולם (אַזוי האָט זיך מיר דעמאָלט אויסגעדאַכט, אָדער אפשר אַנאַליזיר איך היינט אַזוי דעם קוק פון זיינע אויגן, וואָס בויערן זיך אין מיר אַריין אויך איצט ביים שרייבן), זיך צוריק אויסגעדרייט צום עמוד און פאַרענדיקט די תּפילות היל־צערן, ווי אַלעמאָל.

האָט שמואל נחום בערס איינגעשפּאַרטקייט צו זיין אַ בעל־תּפילה כאָטש פיר מאָל אין יאָר געשטאַמט פון דער אָפּטער און דערפאַר אַזוי געוויינלע־כער ליידנשאַפט צום עמוד ביי קלויז־ייִדן? אָדער איז הינטער איר געשטאַנען עפּעס אַ דרויסנדיקע סיבה, וואָס האָט אויף דעם שיינעם, שטאָלצן, אָבער נעבעך אַזוי אוממוזיקאַלישן ייִדן אַרויפגעצוואונגען אַזאַ שווערע, פאַר אים אומהיימלעך שווערע עבודה? מיט אַנדערע ווערטער: איז שמואל געווען סתם אַ „דאַוונאָמאַן“, ווי מען וואָלט געזאָגט אויף ליטעראַריש־פּראָפעסיאָנעלן לשון? צי גאָר איז ער געגאַנגען ממש מיט מסירת־נפש צו שאַנד און צו שפּאָט אין שליחות פון עפּעס אָדער עמיצן?

וואָלט שמואל געווען אַ ליטעראַרישער העלד און נישט סתם אַ ייִד, וואָס איז געווען אויף דער וואָר, וואָלט מען אים, פאַרשטייט זיך, געמוזט טראַגיש פאַרטיפן און אים אומבאַדינגט שטעלן אין דינסט פון עפּעס אַ כוח, וואָס האָט אים געשטויסן צו טאָן אַ שליחות. אָבער אַזוי ווי אין אונדזער פאַל האַנדלט זיך בלויז וועגן זכרונות, מוזן מיר די פאַקטן לאָזן אויף דער אויבער־פלאַך און געבן דעם לייענער אַ פרייע האַנט צוצופאַנטאַזירן דעם „פאַרוואָס“ פון שמואלס מוזן דאַוונען פאַרן עמוד פיר מאָל אַ יאָר.

אָבער פון ד׳עסטוועגן וואָלט געווען אומראַיעל פון מיין זייט, ווען איך זאָל נישט דערציילן, אַז מיט קנאַפּע דרייסיק יאָר צוריק האָב איך שוין גע־הערט איינעם אַ ייִד אין מיין שטאָט זיך האָבן זיין „לעגענדע“ וועגן שמואל נחום בערס. דער ייִד איז געווען רחמיאל וועשער, וואָס האָט געטראָגן דעם שווערן גוף זיינעם אַנגעשפּאַרט אויף דער לינקער זייט בויך און שטענדיק געהאַלטן ביים פאַרלירן דאָס גלייכגעוויכט. מיט דער רעכטער האַנט האָט רחמיאל אַלעמאָל געוועסלעט אין דער לופט, און מ׳האָט געהאַט דאָס געפיל,

אַז ער זוכט אַן אָנשפּאַר פאַר זיין גוף, פאַר זיין לעבן ווי אין עפּעס, וואָס איז נישטאָ אויף דער וואָר, וואָס איז בלויז חלום און מעשה.

האָט מיר איינמאָל רחמיאל דערציילט, אַז ער ווייסט אויף זיכער, אַז שמואלס זיידע, וואָס איז געווען אַ ישובניק, האָט צוריק מיט אַ זיבעציק־אַכציק יאָר אָפּגעלאָזט אַ שידוך און האָט דערנאָך חתונה געהאַט, הגם די כלה האָט אים נישט געגעבן קיין מחילה. ער האָט טאַקע געלעבט, דער זיידע, אַן ערך פופציק יאָר מיט זיין ווייב, אָבער קינדער האָבן זיך ביי אים נישט געהאַלטן. פון אַכט זין מיט טעכטער איז ביי אים פאַרבליבן אַ ציטערדיקער בן־יחיד. דער בעל־דבר האָט געוווסט, אַז דערין איז שולדיק דער אָפּגעלאָזטער שידוך. האָט ער דערפאַר נאָך זיין ווייבס טויט אויסגעפונען ווו די אַמאָליקע כלה וווינט, און איז געפאָרן אַזש קיין רומעניע ערגעץ אין אַ שטעטל הינטער יאַס בעטן ביי איר מחילה. אָבער אַז ס׳איז נישט באַשערט, איז די כלה, וואָס איז שוין געווען אַ גליקלעכע באָבע פון אייניקלעך, גראָד מיט עטלעכע טעג פריִער געשטאָרבן.

איז דער פאַרצווייפלטער חתן, וואָס האָט מורא געהאַט פאַרן לעבן פון זיינע קינדס־קינדער, געלאָפן צום סאַדאַגערער צדיק. האָט דעם ריזשינערס זון, וואָס איז דעמאָלט געווען סאַדעגערער רבי, אַרויסגעגעבן אַ תשובה, אַז דעם ייִדנס קינדער און קינדס־קינדער זאָלן האַלטן יאָרצייט נאָכן זיידנס כלה, זאָגן קדיש און דאַווענען פאַרן עמוד. און כדי נישט צו פאַרשעמען אייגענע טאַטע־מאַמע מיט דעם געדענקען עפּעס אַ פרעמדע ייִדענע, זאָלן זיי זאָגן קדיש און דאַווענען פאַרן עמוד שבת, וואָס געפאַלט ערב דעם יאָרצייט פון זייערע עלטערן, ובזכות זה וועט ער אַליין האָבן רו אויף יענער וועלט, און זיינע קינדס־קינדער וועלן האָבן אריכות־ימים.

איך ווייס נישט, צי די מעשה איז אַן אמתע אָדער האָט זי בלויז רחמיאל וועשער אויסגעטראַכט. אָבער איינס איז פאַר מיר קלאָר: דער סאַדאַגערער רבי ר׳ אברהם יאַנקעניו ז״ל האָט דעמאָלט, ווען ער האָט אויסגעהערט דעם פאַרצווייפלטן ייִד, קיין רוח־הקודש נישט געהאַט. וואָרעם ווען דער רבי זאָל געווען אַנען, אַז דעם בעל־דברס אייניקל שמואל נחום בערס וועט האָבן אַזאַ קורצן אָטעם און אַזאַ טויבן אויער, וואָלט ער אַזאַ האַרבע תשובה זיכער נישט אַרויסגעגעבן.

צווי גאַסן אין שטאָט און צוויי ייִדן וואָס זענען „אייביקע שונאים"

פּתחיה געזעצבוך און מרדכי ווערבישער — אַ שווערע שנאה הויערט צווישן די צוויי ייִדן און לאָדט זיך אויס אין ר׳ איציקל־קלויז, וווּ זיי דאַווענען אינאיינעם. ווען דער האַס האָט זיך אָנגעהויבן און וואָס פאַר אַ צונויפ־שטויס ס׳האָט אים אָנגעצונדן, ווייס איך נישט. איך געדענק נאָר, אַז די רוגזה האָט געטליִעט שטיל און צוגעדושעט דורך וואָכן און חדשים און אַמאָל אויך לענגער, אַז ערב יום־כּיפּור האָט מען זי געוויינטלעך געלאָשן מיט אי־בערבעטעכץ, און אַז פון צייט צו צייט איז זי אויסגעבראָכן מיט באַנייטע פלאַמען פון ליידנשאַפט.

איינמאָל באַנייט דעם פלאַם פּתחיה, אַן אַנדערש מאָל מרדכי. מרדכי שטעלט אונטער אַ פּיסל אין קלויז, פּתחיה דערלאַנגט אַ קלאַפּ אין די גע־שעפטן. וואָס שפּייזט דעם האַס און רייצט אַן צו קריגערייען? — דאָס האָט דאַכט זיך, גוט פאַרשטאַנען משה שמואל קאָוואַל, וואָס איז טאַקע נישט געווען קיין למדן, אָבער דערפאַר אַ ייִד אַ חכם, וואָס האָט נישט איינמאָל מיט זיינס אַ וואָרט געטראָפן אין פּינטל אַריין. איך האָב זיך אַמאָל אין אַ שבת פאַרנאַכט צוגעהערט, ווי משה שמואל האָט אַרומגערעדט אַ נייעם אויס־בראָך פון רוגזה צווישן די צוויי „אייביקע שונאים". „וואָס חידושט איר אייך? — האָט דער אַלטער קאָוואַל איינגעטענהט מיט זיינע צוהערערס, — וואָס וווּנדערט איר אייך? פּתחיה און מרדכי זענען צוויי פּונקט קאַפּוירע מענטשן. איינער איז פון בית שמאי און דער צווייטער פון בית הלל. וואָס זאָג איך פון בית הלל? — האָט זיך משה שמואל צעלאַכט פון זיין אייגענעם גרייז, — דער אַנדערער, מרדכי, מיין איך, איז נישט פון בית הלל, ווארעם בית שמאי און בית הלל קומען זיך דאָך אַמאָל צונויף און פּסקענעןביידע גלייך. מרדכי, דאָס איז רבה בר בר חנה מיט די מעשיות, מיט די גוזמאות און מיט אַלע פּיטשעווקעס. נו, זאָגט אַליין, קען זיך צונויפקומען אַ בעל־דין ווי שמאי מיט אַ גוזמא־זאָגער ווי רבה בר בר חנה?"

מ׳האָט געקענט זען, אַז דער אַלטער בעל־מלאכה, הגם ער האָט זיך געסטאַרעט צו זיין אומפּאַרטייאיש, האָט ער זיך דאָך געפילט נענטער צום בעל־דין ווי צום בעל־גוזמא. און כּדי נאָך קלאָרער צו מאַכן פאַר זיינע צוהע־רערס דעם גוואַלדאָוונעם אונטערשייד און היפּוך צווישן די צוויי שונאים,

האָט דער קאָוואַל זיך קלוג און פֿאַרשפּיצט צעשמייכלט און געגעבן די לעצ־טע, די סאַמע פֿאַרשטענדלעכסטע הסברה: „און אַחוץ דעם מוזט איר דאָך געדענקען, אַז פּתיחה איז אַ קליבאַניע־ייִד און מרדכי אַ תושב פֿון דער ווער־בישער גאַס. וואָס קען זיך, איך בעט אייך, אָנקערן — האָט דער אַלטער משה שמואל שוין געגומען לאַכן אויף אַ קול — די קליבאַניע מיט דער ווערבי־שער גאַס? איז דען דאָ עפּעס ווייטערס אין דער וועלט, ווי אָט די צוויי גאַסן צווישן זיך?״

וואָס דער אַלטער קאָוואַל איז אויסן געווען מיט זיין חכמה, האָב איך דעמאָלט נישט פֿאַרשטאַנען. איך געדענק נאָר, אַז אַלע האָבן ברייט מיטגע־לאַכט און דערמיט אויסגעדריקט נישט בלויז, אַז זיי פֿאַרשטייען וואָס ער מיינט, נאָר אַז זיי זענען אויך מסכים מיט אים.

איך האָב זיך פֿון יענעם שבת אָן נישט איינמאָל איינגעקוקט אין די צוויי גאַסן, געוואָלט אויסגעפֿינען דאָס באַזונדערע אין יעדער פֿון זיי, וואָס האָט, לויט משה שמואל קאָוואַל, געהאָט דעם כוח צו פֿורעמען די נשמה פֿון אירע איינוווינער, און דאָס שרעקלעך ווייטע צווישן זיי, וואָס האָט לויט דעם זעל־ביקן משה שמואלס טעאָריע „געמוזט״ פֿירן צו אַזאַ מין שנאה נישט צום אויסלעשן צווישן אַ ייִדן פֿון דער ווערבישער גאַס און אַ קליבאַניע־בירגער. איך בין זיך מודה, אַז איך האָב דעם חילוק ביי מיין בעסטן ווילן נישט גע־קענט אַנטדעקן. איך האָב בלויז געזען איין גרויסן, לאַנגן וועג, וואָס שניידט דורך די שטאָט פֿון איין זייט צו דער אַנדערער און טיילט זיך פֿאַנאַנדער אינמיטן רינג־פּלאַץ אויף צוויי גאַסן. איין טייל פֿונעם וועג לויפֿט אויף רעכטס אַ לייכטן באַרג־אַראָפּ אונטערן נאָמען ווערבישער גאַס און דער אַנ־דערער ציט זיך גלייך ווי אַ ווירע אויף לינקס און רופֿט זיך מיט אַ געוויסער חשיבות: די קליבאַניע.

ערשט איצט, ווען איך פּרוּוו אויף אַ לאַנגער דיסטאַנץ פֿון צייט צו אָרדענען אין מיין זכרון דאָס, וואָס איך האָב געזען מיט דרייסיק יאָר צוריק אין דער שטאָט פֿון מיין יוגנט און פּסיכאָלאָגיש צו באַלייכטן מענטשן, וואָס איך האָב דעמאָלט געקענט, און רייד, וואָס איך האָב דעמאָלט געהערט, — ערשט איצט, דאַכט זיך, האָט זיך פֿאַר מיר אַנטפּלעקט די יאָדרע פֿון ערנסט אין משה שמואל קאָוואַלס חכמהדיקער טעאָריע וועגן דעם, אַז קליבאַניע און ווערבישער וועג זענען נישט נאָר צוויי באַזונדערע גאַסן, נאָר אויך צוויי פֿאַרשיידענע געמיטס־צושטאַנדן. די איינע און די אַנדערע פֿון די צוויי גאַסן בינדן זיך אין מיין געדעכעניש מיט אַ בילד, וואָס איך האָב דעמאָלט, מיט דריי צענדליק יאָר צוריק, בלויז געזען מיט דעם אויג פֿון אַ פֿופֿצן־יעריק ייִנגל, און איצט גייט עס אויף אין מיין דמיון מיט אַ סימבאָלישן מיין און

גיט מיר בעסער צו פאַרשטיין די שנאה צווישן פּתחיה געזעצבוך און מרדכי ווערבישער.

פון דער קליבאַניע געדענק איך אַ לוויה אין אַ ווינטערדיקן שבת־צו־נאַכטס. פראַיקע היבנער, אַ חשובער באַלעבאָס פון ר' איציקל־קלויז, איז געשטאָרבן אין אַ שבת פאַרטאָג, און חברה קדישא האָט נישט געוואָלט אָפּ־לייגן ביז מאָרגן, און נאָך דעם זעלביקן אויפדערנאַכט געטאָן דעם מת זיין רעכט. ס'איז אַ סוף־חודש נאַכט. איבערן קאָפּ הענגט אַ שוואַרצער הימל, אונטער די פיס מישט זיך ברודיקער שניי מיט בלאָטע און מאַכט שווער דעם גאַנג. אַ נאַסער ווינט קריכט אין די ביינער אַריין מיט קעלט און פינצטער־ניש. ייִדן האַלטן לאַמטערנעס אין האַנט און לייכטן מיט זיי אַריין אין דער נאַכט, ווי מיט איבערגעשראָקענע אויגן. די אויגן פרעגן: מוז מען איצט גיין? אין דער נאַכט? קען מען נישט איבערוואַרטן ביז מאָרגן? און די צדקה־פּושקע קלינגט אויס איר ענטפער מיט אומהיימלעכן געקלאַנג: יאָ, נאָר איצט און נישט שפּעטער, וואָרעם שפּעטער קומט שוין אַ נייער איצט, מיט נייע פליכטן און פרישע התחייבותן. איבער דער קליבאַניע ציִען זיך אַלע ייִדישע לוויות פון שטאָט און זאָגן־אָן אַ שטענדיקן יום־הדין. עס טראָגט זיך איבער דער גאַס עפּעס אַ נאָגנדיקע, צודרינגלעכע אויפמאָנונג פון חוב. דאָס וועקסל איז פעליק געוואָרן. האָב אין זינען, מענטש, אַז עס איז פאַראַן שטרענגער משפּט און האַרבע שטראָף!

און אויף דער ווערבישער גאַס זע איך אַן אַנדער, גאָר אַן אַנדער בילד: עס איז אַ זומערדיקער שבת־נאָכמיטאָג. אַ טייך מיט מענטשן שטראָמט איבערן וועג. מיטליעריקע בעל־מלאכהס אין האַרטע שבתדיקע קאַפּעלושן מיט זייערע ווייבער אין שוואַרצע שפּיצן־שאַליקעס; שניידער־געזעלן, וואָס די באַטיסטענע נאַזטיכלעך פון זייערע רעקל־אויבערקעשענעס ווינקען זיך ממזריש איבער מיט די פלאַטערנדיקע פּעפּיטע־קראַוואַטן; כלות איינגעאָרעמ־טע מיט יאַטיש־אויסגעפּוצטע חתנים, וואָס כאַפּן אַלעמאָל אַ קוק אויף זייערע ברוינע האַלב־שיך מיט מאָדערנע אַמעריקאַנישע „פּיסקעס". אַלע ציִען זיך פון שטאָט אַרויס קיין ווערביש אין דאָרף אַריין פון יענער זייט פּרוט, צו פאַרברענגען אין געצל קראַטקעס זומער־גאָרטן ביי ברויט מיט פּוטער מיט חודש־רעטעכלעך און אַ גלעזל „פּלאַשן־ביר". אַ שטימונג, וואָס האָט אין זיך נישט נאָר פריילעכקייט, נאָר פאַר אַלעמען לייכטקייט, ווייניקער הנאה אַליין און מער דאָס יאָגן זיך נאָך הנאה, שפּרייט זיך איבער דער ווערבישער גאַס. די מענטשן אויפן וועג צו געצל קראַטקעס זומער־גאָרטן דערציילן זיך אויס־געטראַכטע מעשיות און הייבן נישט אָן צו קלערן, אַז אַ מעשה האָט אויך אַ סוף, און נישט תמיד דעם בעסטן.

קליבאַניע און ווערבישער גאַס. אָט דעם חילוק צווישן שטרענגער הלכה און לייכטזיניקער אגדה האָט אפשר געמיינט משה שמואל קאָוואַל, ווען ער האָט דעמאָלט, אין אַ שבת־פאַרנאַכט, געפּרוווט כאַראַקטעריזירן פאַר זיינע צוהערערס די „אייביקע שונאים" פּתחיה געזעצבוך און מרדכי ווערבישער.

שוין פּתחיהס צונאָמען דערציילט, אַז ער איז געווען אַ בעל־דין. פּתחיה האָט געקענט — אַזוי האָט מען אויף אים געזאָגט — דעם גאַנצן עסטרייכישן געזעצבוך אויף אויסנווייניק. און נישט נאָר איז ער געווען אַ בקי, וואָס האָט געהאַט די הונדערטער פּאַראַגראַפן פונעם ציווילן און קרימינעלן געזעץ אויף די שפּיץ־פינגער, נאָר ער איז אויך געווען אַ חריף, וואָס האָט פאַרשטאַנען, ווי אַזוי מ׳קען אַ חנפע טאָן אַ פּאַראַגראַף און אים איינבעטן, אַז ער זאָל מיינען גאָר עפּעס אַנדערש ווי געוויינלעך. אַדוואָקאַטן — האָבן זיך קלויז־ייִדן באַרימט — האַלטן זיך מיט פּתחיהן אַן עצה. דער אמת איז געווען, אַז דער „געזעצבוך" פון ר׳ איציקל־שולכל האָט נישט געוואַרט, אַז אַדוואָקאַטן זאָלן זיך מיט אים באַראָטן; ער האָט ביי זיך אין הויז, אויף דער קליבאַניע, אויפגענומען קליענטן, געגעבן יורידישע עצות און געשריבן פּראָשעניעס פאַר באַצאָלטס. מיט איין וואָרט, ער, פּתחיה, איז געווען דאָס, וואָס מען האָט אין עסטרייך גערופן אַ ווינקל־אַדוואָקאַט. ער האָט נישט קיין דיפּלאָמעס, ער האָט בלויז קענטעניש, און ווערט דערפאַר נישט אָנערקענט פונעם ריכטער. אָבער אַ ייִד ווי פּתחיה און זיינס גלייכן גיט זיך אַן עצה: ער „קויפט אָפּ" די פּראָצעסן ביי זיינע קליענטן, און אין אייגענע ענינים מעג ער שוין אַרויסווייזן זיינע חריפותן. דער דיפּלאָמירטער „פּאַן מעצענאַס" בלייבט אָפטמאָל הינטערשטעליק קעגן דעם ייִדן אין דער קאַפּאָטע מיט באָרד און פּאות, וואָס רוקט אונטער דעם ריכטער עפּעס אַן אומדערוואַרטעטן, שאַרפזיניקן אויסטייטש פון געזעץ. דער טייטש קריכט פלינק אין קאָפּ אַריין און קען אַ ליאַדע מינוט אַ תל מאַכן פונעם „פּאַן מעצענאַסעס" זיכערקייט. דער דיפּלאָמירטער ווערט נערוועז, גייט אַרויס פון די כלים און... דער דערפאָלג פון פּתחיה געזעצבוך ווערט נאָך גרעסער. איך האָב נישט איינמאָל געהערט דערציילן, און אַלעמאָל האָט מען דערציילט מיטן באַרימערישן טאָן פון אַ טאַטן, וואָס בעמט זיך איבער מיט זיין זונס מעלות, וועגן אַ צונויפשטויס צווישן דעם באַקאַנטן שטאָט־אַדוואָקאַט ד״ר מיקאָלאַי לאַנדע מיט פּתחיה געזעצבוך פון דער קליבאַניע.

ד״ר לאַנדע — האָט מען איבערגעגעבן — האָט אין איין פּראָצעס פאַרלוירן דאָס געדולד צוליב פּתחיהס חריפותן. ער האָט זיך אַ ווענד געטאָן צום געריכט און אַ זאָג געטאָן מיט איראָנישן ביטול אויף פּתחיהס חשבון: „פּאַניע ריכטער, איר טאָרט נישט פאַרגעסן, אַז מיר האָבן צו טאָן מיט אַ פּראָ־

פּעסיאָנעלן פּראַצעסניק". פּתחיה ווערט ביי זיך נישט געפאַלן. ער וואָלט בכלל נישט געענטפערט, ווארעם ער האָלט, אַז די בעסטע טענה איז דער פּאַראַגראַף אַליין. אָבער ער וויל פון דעסטוועגן דערמאָנען דעם „פאַן מעצע־נאַס", אַז ער דאַרף זיך נישט נאַריש מאַכן, ווארעם דער ריכטער ווייסט אַליין, אַז ער האָט פאַר זיך נישט עפּעס איינעם, וואָס דאַרף האָבן אַן אַד־וואָקאַט, נאָר פּתחיה געזעצבוך. „זייטס נישט קיין מלמד", בעט זיך פּתחיה אויף יידיש אין אַ מוסר־טאָן ביי ד"ר לאַנדע. דער „מעצענאַס" שפּרינגט אויף פונעם בענקל, גלייך אַ שלאַנג זאָל אים האָבן אַ ביס געטאָן.

— איך בעט, דאָס געריכט זאָל היטן מיין כבוד. דער ווינקל־אַדוואָקאַט האָט מיך באַליידיקט! — שרייט אויס מיט פּאַטאָס ד"ר מיקאַלאַי לאַנדע.

— וואָס הייסן די ווערטער אויף פּויליש און וואָס האָט איר געמיינט צו זאָגן? — פרעגט שטרענג דער ריכטער.

— כ'האָב בלויז געבעטן דעם הער אַדוואָקאַט, ער זאָל מיך נישט לער־נען, ווארעם איך בין דאָך זיין קעגנער — פאַרענטפערט זיך צניעותדיק פּתחיה.

— דאָס איז דאָך זיכער נישט קיין באַליידיקונג, — האָט דער ריכטער זיך צעלאַכט, און מיט אים האָט מיטגעלאַכט דער גאַנצער עולם אין זאַל. בלויז איינער האָט געקריצט מיט די ציין: ד"ר לאַנדע.

און פאַרענדיקט האָט מען געוויינלעך די מעשה וועגן קאַמף צווישן מי־קאַלאַי און פּתחיה דערמיט, אַז געווונען דעם פּראָצעס האָט טאַקע נישט ד"ר לאַנדע, נאָר נאָש־בראַט דער „געזעצבוך" פון ר' איציקל־קלויז. יידן זענען פון דעם נצחון געווען אויפגערוימט, און עס איז זיי געווען פריילעך אויפן האַרצן, ווארעם ערגעצוו האָט עס זיי דערמאָנט אין די וויכוחים צווישן אַ יידישן רב און אַ קאַטוילישן בישאָף, וואָס פון זיי — ווערט דערציילט אין אַלטע ספרים — איז אָפּט אָפּגעהאַנגען דאָס לעבן פון אַן עדה יידן. און גע־ראַטעוועט האָט אַלעמאָל דעם רבס חריפות און גאָט ברוך הואס רחמים.

א י ך זע פּתחיהן נאָר אין ר' איציקל־שולכל. ער קומט אַריין צום שבתדיקן דאַווענען געוויינלעך שפּעט, ווען מען האַלט שוין ביי „נשמת". ער איז אַ ייד מיט אַ שטרענג־אַסקעטיש פּנים און שאַרפע, גרינע פאַספאַר־אויגן, ווי ביי אַ וואָלף. שוין אויפן וועג צו זיין שטענדער פאַרמירט זיך ביי פּתחיהן די שטימונג. דאַווענט פאַרן עמוד אַ ייד, וואָס גאַרגלט זיך נישט, שפּרייט זיך נישט באַזונדערס אויס און זאַלצט נישט צו דעם ניגון מיט אַ קרעכץ, דאַן גייט פּתחיה מיט גיכע טריט צו זיין „שטאַט" און נעמט מיט גרויס פּינקטלעכקייט און עפּעס טרוקענער זאַכלעכקייט מיטהאַלטן מיטן בעל־תפילה. מען זעט באַשיינפּערלעך, אַז „געזעצבוך" האָט הנאה פונעם דאַוו־

נען. דעמאָלט — נישט ער גיט אַפילו אַ קוק צו זיין „שונא" מרדכי ווערבי־שער, וואָס זיצט טיף אַקעגן אין דער מזרח־וואַנט. טרעפט זיך אָבער, אַז דער בעל־תפילה ציט דאָס דאַווענען ווי גומילאַסטיק, פּיעשטשעט זיך און קרעכצט מער, ווי ער זאָגט, דאַן צעלייגט זיך ביי פּתחיהן אויפן פּנים עפּעס אַ מאָדנער אויסזען פון רציחה. ער קוקט דעמאָלט אויס ווי אַ קייסערלעכער פּראָקוראָר, וואָס וועט באַלד נעמען דונערן זיין באַשולדיקונג קעגן אַ פּילפּאַכיקן מערדער. מיט זיינע גרינע, וואָלפישע אויגן שטעכט פּתחיה דורך מיט כעס דעם בעל־תפילהס פּלייצע און פון צייט צו צייט כאַפּט ער אַ בליק אויף מרדכין, און דער בליק זיינער זאָגט: דער איז דער גאַנצער חיב.

מרדכי ווערבישער איז שוין פון לאַנג דאָ אין קלויז. ער איז, ווי אַלע־מאָל, געקומען איינער פון די ערשטע. ער איז אַ מיטלוווקסיקער, אַ ברייט־ביינִיקער און האָט אַ פּאָר קעסאָקע, וואַסערדיקע אויגן, וואָס ער דעקט זיי צו מיט אַ פּאָר שווערע ברילן. ביים דאַווענען האַלט ער אין איין קושן דעם טלית פון ביידע זייטן. עפּעס קומט אויס, אַז ער וויל זיך מיט זיינע צערט־לעכקייטן פאַרזיכערן, אַז דער טלית איז דאָ, אַז ער איז נישט פּלוצים אַנט־לאָפן געוואָרן פון אים. ער קוקט אַריין אין סידור ווי פון אַ זייט און זאָגט די פּסוקים מיט אַ מאָדנעם זינג־זאַנג. עס הערט זיך נישט אַ דאַווענען, נאָר גלייך ער זאָל דערציילן אַ מעשה. דערציילן איז ביי מרדכי ווערבישער אַ ליידנשאַפט. פאַרן דאַווענען, ווען עס איז קוים דאָ אַ מנין אין קלויז, אָדער נאָך מוסף, ווען מען איילט זיך נישט אַהיימצוגיין, האָט מרדכי תמיד גרייט אַ פּאַרטיקע געשיכטע: אַ מעשה, וואָס האָט זיך געטראָפן אויף דער ווערבי־שער גאַס, אַ חלום, וואָס האָט זיך אים געחלומט יענע נאַכט; און אַז נישט אים אַליין, איז דעם ווייב, דעם שכן זיינעם, אָדער אַפילו, להבדיל, דעם שבת־גוי.

און עס ווייזט אויס, אַז מרדכי האָט געהאַט אַ שוואַכן זכרון, אָדער אַז ער האָט בכלל נישט געהאַלטן פון דעם פאַקט גופא, נאָר פון דעם, ווי אַזוי ער ווערט דערציילט. קען זיין, אַז דערפאַר זענען ביי אים די מעשיות אַרויס־געקומען אַלעמאָל אַנדערש. זיינע געשיכטעס האָבן געליטן פון צופיל וואַ־ריאַנטן, און ייִדן אין קלויז האָבן זיי געהאַלטן פאַר אויסגעטראַכטע. עס זע־נען אַפילו געווען אַזעלכע, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין שום פאַרשטענדעניש פאַר מרדכיס פאַנטאַזיעס און האָבן דעם פאַנטאַזיע־רייכן דערציילער גערופן נישט מרדכי ווערבישער, נאָר מרדכי ליגנער. צווישן די לעצטע איז, פאַר־שטייט זיך, געווען פּתחיה; פאַר אים איז מרדכי געווען אַ צייט־פאַרשווענדער און דערעיקרשט אַ ליגנערישער עדות, וואָס פאַר אַן אַדוואָקאַט איז עס ממש אַ פּראָפעסיאָנעלער פאַרגעניגן צו נעמען אים אויפן צימבל פון אַ שאַרפן

קרייצפֿאַרהער. נאָך מער: פֿאַרן „געזעצבוך" איז מרדכי ווערבישער געווען דער סימבאָל פֿון אַ ייִדן, וואָס מיינט, אַז מען קען זיך דורכשטופּן דאָס לעבן מיט אילוזיעס, און אַז מען קען מיט מעשׂיות געווינען אַ פּראָצעס.

פֿאַר מרדכין, ווידער, איז פּתחיה געווען עפּעס אַ זלידנער מלווה, וואָס מאָנט ביי דיר שטענדיק זיין חוב, — אַפֿילו דעמאָלט, ווען ער מאָנט דיך נישט מיטן מויל. פּתחיה איז געווען דער, וואָס וועגן אים האָט ער ערגעצווו אין אַ באַהאַלטן קעמערל פֿון מוח געטראַכט ביים דערציילן זיינע מעשׂיות, און זיך געשראָקן, ער זאָל אים נישט כאַפּן ביי אַ ליגן.

מרדכי ווערבישער איז אַ צייטלאַנג געווען גבאי. פֿלעגט זיך טרעפֿן, אַז ער האָט פֿאַרגעסן צו געבן פּתחיהן אַן עליה אַפֿילו דעמאָלט, ווען זי איז אים געקומען על־פּי חזקה. פּתחיה האָט, געוויינטלעך, נישט תּיכף רעאַגירט. ער האָט עס בלויז מיט אַדוואָקאַטישער פּינקטלעכקייט פֿאַרנאָטירט ביי זיך אין מוח. אין עטלעכע וואָכן אַרום, און אַמאָל אויך פֿריִער, האָט ער „על־פּי־צו־פֿאַל" באַקומען אין האַנט מרדכי ווערבישערס אַ וועקסל, אָדער עפּעס גלאַט אַ פּראָצעס קעגן אים, און ייִדן האָבן זיך געמוזט גיין משתדל־זיין צום „געזעצ־בוך". פּתחיה — האָט מען דערציילט — האָט אַמאָל געזאָגט די שתדלנים, אַז ער וואָלט אַוועקגעשאָנקען דעם גאַנצן חוב, אַבי דער ליגנער זאָל אויפֿהערן צו דערציילן זיינע מעשׂיות. און עס קען זיין, אַז ווייל מען האָט דערפֿון גע־ווּסט, איז די סימפּאַטיע אָפֿטמאָל געווען אויף דער זייט פֿון פּתחיהן, און נישט אויף דער זייט פֿון דעם באַעוולטן מרדכי. עס האָט באַאיינדרוקט פּתחיהס פֿניהלאָזע, אידייִשע שׂנאה צו אַ ייִדן, וואָס האָט אים דערקוטשעט מיט זיין פֿאַנטאַזיאַריש־דיכטערישער איינשטעלונג צום לעבן.

מרדכי ווערבישער איז אַזוי אַרום געווען דער שוואַכערער צד אין דעם לאַנגן שׂנאה־געראַנגל, נישט נאָר ווייל ער האָט נישט פֿאַרמאָגט פּתחיהס האַרטן קעמפֿער־געמיט, נאָר אויך ווייל ער האָט נישט געוווּנען פֿאַר זיך די קלויז־עפֿנטלעכקייט; אָבער איינמאָל, אין אַ זומערדיקן שבת, האָט מרדכי צונויפֿגענומען אַלע זיינע ענערגיעס און געמאַכט אַ דראַמאַטישן זשעסט, מיט וועלכן ער האָט געוווּנען אַלעמען פֿאַר זיך און האָט, דאַכט זיך, פֿאַרטריבן דעם „געזעצבוך" פֿון דער קלויז. וואָס עס איז געווען די תּיכפֿדיקע סיבה פֿון מרדכיס סאַמע ליידנשאַפֿטלעכסטן שׂנאה־אויסבראָך, ווייס איך נישט, אָבער איך שטעל מיר פֿאָר, אַז פּתחיה האָט מיט עפּעס אַ יורידישער חריפֿות געשטעלט אין סכּנה זיין שונאס פּרנסה. עס האָט געמוזט זיין ד אָ ס, און נישט עפּעס אַנדערש; וואָרים דער צעקראָכענער, אומבאַהאָלפֿענער מרדכי, מיט די שווערע שפּאַקולן, איז אַרויף מיט דער גבֿורה און פֿלינקייט פֿון אַ טיגער אויפֿן באַלעמער, האָט געגעבן אַ קלאַפּ אין שולחן מיט אַזאַ ווייטן

זאַמאַד, גלייך ער זאָל זיך װעלן אַרױסרײסן פֿון צװישן אַ טשאַטע אָנפּאַלערס, און געגעבן עפּעס אַ מוראדיקן געשריי:

— ייִדן, איך װעל נישט דערלאָזן, מען זאָל לייענען! קריאת התורה װעט זיין אַ חילול־השם! אין קלויז געפינט זיך אַ הורג־נפש!

ייִדן זענען, װייזט אויס, געװען צוגעגרייט צו דעם זשעסט, װאָרים עס האָט זיך נישט דערפילט קיין שום איבערראַשונג. אַ פּיינלעכע שטילקייט האָט זיך מיטאַמאָל אַראָפּגעלאָזט איבער דער קלויז און איז געבליבן שטיין אַ פּאַרגליװערטע. פּתחיה האָט פֿאַרשטאַנען, אַז פֿאַר אים איז די שטילקייט אַ שטורעמװינט פֿון קעגנערשאַפֿט, פֿון שנאה. ער האָט אויף גיך אַראָפּגענומען פֿון זיך דעם טלית און איז אַרויס פֿון קלויז. ער האָט פֿון דעמאָלט אָן, דאַכט זיך, נאָר ימים־נוראים געדאַװנט אין ר׳ איציקל־שולכל.

אַ באַגעגעניש אין עקספּרעס-צוג מיט לייבל טויבעס, ע״ה

דעם 6טן יוני 1930 האָב איך זיך אין עקספּרעס־צוג, וואָס גייט פון ווין איבער לעמבערג, קאָלאָמיי און טשערנאָוויץ קיין בוקאַרעסט, צונויפגעטראָפן מיט לייבל טויבעס, ע״ה. די דאַטע ווייס איך גענוי, וואָרים זי איז מיט טויבעס׳ אייגענער ציטערדיקער האַנט פאַרצייכנט געוואָרן אויפן שער־בלאַט פון זיין ספר „תלמודישע עלעמענטן אין יידישן שפּריכוואָרט״, וואָס ער האָט מיר געגעבן צום אָנדענק פון אונדזער באַגעגעניש. דער וועטעראַן פון ציוניזם און יידיש אין מזרח־גאַליציע איז שוין דעמאָלט געווען אַן אַלטער ייד, און לויט זיין קהלתדיקער שטימונג איז ער געווען נאָך עלטער. וועגן יענע יאָרן אין סוף נײַנצנטן און אָנהייב צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, ווען ער איז געווען אפשר דער סאַמע פּאָפּולערסטער ציוניסטישער רעדנער אין אַלע שטעט און שטעטלעך, וואָס אויפן שטח צווישן לעמבערג און טשערנאָוויץ, האָט ער ווייניק דערציילט. און טאָמער יאָ, האָט פון זיינע ווערטער דורך אַלע שפּאַרונעס אַרויסגעריזלט פאַרדראָס און פאַרביטערונג קעגן צום טייל עפּעס אַן אייגנגערעדטער און צום טייל אָבער זיכער אויך רעאַלער אומדאַנקבאַרקייט, וואָס מען זאָל אים האָבן אַרויסגעוויזן. וועגן קאָלאָמיי, ווו ער האָט פאַרבראַכט אַ היפּשע ריי פון יאָרן, ווו עס איז אויך געווען דער צענטער פון זיין ציוניסטישער טעטיקייט און ווו ער האָט, אויב איך האָב נישט קיין טעות, אַרויסגעגעבן אַ יידישע צייטונג, האָט ער, ווייזט אויס, אויך נישט געהאַט די בעסטע דערמאָנונגען.

ער איז געזעסן, טויבעס, מיר אַקעגן אויף זיין ווינקל־זיץ לעבן פענצטער, און פון זיין מויל זענען געפאַלן ווערטער ווי העק, וואָס האָבן מיט איין קלאַפּ אָוועקגעהרגעט מענטשן, רעפּוטאַציעס, לעגענדעס. דער צוהערער האָט זיך דערפילט ווי איינער, וואָס מען האָט אים באַראַבעוועט אינמיטן וועג און אים איבערגעלאָזט אָדם־נאַקעט צו שאַנד און שפּאָט. דאָס קאָמישע דערביי איז געווען, וואָס מען האָט נאָך מייסטנטיילס געמוזט הנאה האָבן פון דער חריפותדיקייט און געניטקייט, מיט וועלכער דער „מערדער״ האָט געטאָן זיין עבודה. טויבעס האָט פאַרטרעטירט זיינע קרבנות שאַרף און כמעט אַלעמאָל געלונגען. ער האָט געשילדערט און כאַראַקטעריזירט פּאַסירונגען מיט הומאָר, און צווישן איין „עקזעקוציע״ און דער אַנדערער האָט ער אַמוזירט מיט תמיד נייע און גוט־דערציילטע אַנעקדאָטן.

ליריש, און צומאָל אויך פּאַטעטיש, איז טויבעס אין יענעם נאָכמיטיק אין באַן־קופּע בלויז געוואָרן, ווען ער האָט גענומען ריידן וועגן זיין „שלשלת היוחסין". די גרויסע צאָל רבנים פון דער משפחה טובש, וואָס האָט אין משך פון דורות גייסטיק געקיניגט איבער אַ סך שטעט פון מזרח־גאַליציע און רומעניע, האָט דעם ציוניסטישן וועטעראַן — דאָס האָט מען געקענט זען באַשיימפּערלעך — זעליש געוואַרעמט און געשטאַרקט און אים פּאַרגיטיקט פאַר די אומדאַנקבאַרקייטן, וואָס ער איז אויף דער וואָר און אין חלום אויס־געשטאַנען פון די „וועלטלעכע". און ווען טויבעס האָט זיך פאַרנאַכט אויפ־געהויבן פון זיין פּלאַץ און זיך, צו מיין איבערראַשונג, געשטעלט דאַווענען מנחה ומעריב, האָב איך געהאַט דאָס געפיל, אַז דער שלאַנקער, אויסגעפּוצ־טער ייִד מיט דער ווייסער באָרד פון אַ מילדן זיידע און מיט די העלע, שטע־כעדיק־שאַרפע אויגן פון אַ בייזן תלמיד־חכם, איז נישט אויפגעשטאַנען תפילה צו טאָן צו גאָט, נאָר בלויז צו מאַכן אַ סימבאָלישן זשעסט פון גייסטיקער באַהעפטונג מיט זיין רבנישער משפחה. אָבער אַפילו דער „בלויז אַ זשעסט" האָט אויך מיטאַמאָל אומגעוואָרפן אַלע ווענט פון דעם לעגענדע־בנין, וועלכן אַזויפיל און אַזויפיל מעשות וועגן טויבעסן פון זיינע אומצאָליקע תלמידים אין קאָלאָמיי און פון מיין טאַטן, וואָס איז געווען איינער צווישן זיי, האָבן אין משך פון יאָרן אויפגעשטעלט אין מיין דמיון. אין מיין פאָרשטעלונג האָט געלעבט אַ לייבל טויבעס, אַ משכיל, אַ רעוואָלוציאָנער, וואָס האָט אונטער די צאָרנדיקע אויגן פון פרומע ייִדעס און טאַטעס געפירט די קאָלאָמייער יוגנט אויף נייע וועגן. און איצט, ווען איך האָב אים אין דער באַן געזען צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן (עס איז, ליידער, אויך געווען דאָס לעצטע מאָל), איז ער געשטאַנען, לייבל טויבעס, און געמאַכט הכנעהדיקע זשעסטן פון אומקער און באַהעפטונג צו יענע, וואָס קעגן זיי האָט ער שטורמיש געקעמפט אין דער שטאָט פון מיין קינדהייט.

שפּעט אינדערנאַכט, ווען די באַן איז שוין געלאָפן איבער די היימישע פעלדער פון מזרח־גאַליציע און אין זכרון האָט זיך דערפילט דער פרישער אַראָמאַט פון די איבערלעבענישן פון צוריק מיט צוואַנציק יאָר, האָב איך דעם שמועס נאָכאַמאָל אַרויפגעפירט אויף די צייטן פון טויבעס' געזעלשאַפטלע־כער און זשורנאַליסטישער טעטיקייט אין קאָלאָמיי (ווען טויבעס האָט פאַר־לאָזט קאָלאָמיי, בין איך נאָך געווען אַ קינד, אַזוי אַז איך האָב זיין אַרבעט נישט געקענט פון אייגענער דערפאַרונג). ער איז געוואָרן באַרעדעוודיקער און גענומען דערציילן מיט אַ סך מער מילדקייט און איינזעעניש, ווי מיט שעהן צוריק. דערציילט און אַפילו דעם און יענעם געלויבט. דעם לויב פאַרגאָסן מיט אַ טראָפּן באַוווּנדערונג און די באַוווּנדערונג באַלויכטן מיט אַ פונק עכט־

קייט. אָבער אַז עס איז געקומען צו מאַכן דעם סך־הכל, האָט דער אַנגעזאַמל־טער פאַרדראָס אין אים, וואָס האָט געוואָלט שלאָגן די אומדאַנקבאַרקייט פון זיין ווינער קעגנוואַרט און אַלעמאָל געטראָפן די ראָמאַנטיק פון זיין קאָ־לאָמייער פאַרגאַנגענהייט, אַנגעוואָרפן אַ ביטער־סאַרקאַסטישן פאַרטרעט פון אַלע יענע שטורמערס און טרוימערס, וואָס ער אַליין האָט זיי געפירט אויף די „באַריקאַדעס" און וואָס צום גרויסן טייל האָבן זיי אים פאַרערט ווי זייער לערער און וועגווייזער. לייבל טויבעס האָט פאַרענדיקט דעם שמועס מיט אַן אַנעקדאָט, און דער אַנעקדאָט איז געווען דער סאַטירישער אונטערצי פון אַלץ, וואָס ער האָט מיר פריִער דערציילט וועגן מיין שטאָט אין גאַליציע און וועגן אירע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע פּיאָנערן.

— אַ ייִד אַ בעל־גוזמא — האָט טויבעס פּקחותדיק געבלישטשעט מיט די שאַרפע אויגן זיינע — האָט זיך אַמאָל באַרימט פאַר אַ לייכט גלויביקן שכן, אַז ווען ער איז אַנומלט דורכגעפאָרן איינער אַליין דעם וואַלד צווישן קאָסעוו און פּיסטען, האָט אים נאָכגעיאָגט אַ טשאַטע פון פּופּציק וועלף.

— פּופּציק וועלף זענען דיר נאָכגעלאָפן? — האָט זיך דער לייכטגלויביקער געקראַצט אין בערדל און זיך געחידושט תמימותדיק.

— און אַז עס זענען נאָר געווען דרייסיק, איז דיר ווייניק? — האָט דער דערציילער געפּרווט אָפּוווערן די „אומזאַכלעכע" פראַגע.

— דרייסיק וועלף האָבן דיך נאָכגעיאָגט? — איז דער לייכטגלויביקער צוגעשטאַנען מיט נישט ווייניקער חידוש ווי פריִער.

— ס׳רעדט זיך אַזוי דרייסיק. איך האָב זיי געהאַט צייט איבערצוציילן? אָבער צען וועלף זענען זיכער געווען — איז דעם באַרימער פריקרע געוואָרן דעם שכנס תמימות און ער האָט אויפגיך גענומען פאַרלירן וועלף.

— צען וועלף? — האָט דער גרוויזאַמער פרעגער נישט אָפּגעלאָזט.

— און אַז איך וועל דיר זאָגן, אַז איינער אַ וואָלף איז מיר נאָכגעלאָפן, וועסטו דען גלויבן? — האָט זיך דער דערציילער געבעטן.

— אַ וואָלף האָט דיך נאָכגעיאָגט? — איז דער תמים ערשט רעכט אַריין אין חידושן.

— ווער־זשע דען האָט געמרוקעט? — האָט דער באַרימער זיך צעשריען אַ פאַרצווייפלטער.

נו, קיין באַרימערישער דערציילער וועגן זיינע גאַליצישע פריינט, תלמי־דים און אידייִשע קעגנערס איז טויבעס נישט געווען, לכל־הפחות איז ער עס נישט געווען אין יענעם האַלבן טאָג מיט אַ נאַכט אויף דער באַן פון ווין קיין לעמבערג. און וועגן מיר קען איך נישט זאָגן, אַז איך בין אין יענעם זומער־טאָג אונטערוועגס געווען אַ באַזונדערס צודרינגלעכער און תמימות־

דיקער פרעגער. אַזוי אַרום איז פון דעם אַנעקדאָט־משל פאַרבליבן בלויז דער מוסר־השכל, דהיינו, אַז די פּיאָנערן־שטורמערס פון די ערשטע יאָרן פון נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן רענעסאַנס אין גאַליציע און אין מיין שטאָט קאָלאָמיי האָבן ווייניק־וואָס געהאַט צו טאָן מיטן געהייל פון וועלף. עס האָט זיך פון זיי געהערט נישט מער ווי אַ לאַנגער און פרומער „מרוקע״...

גאַטס וויכטיקסטע שונאים

1. דער העברעער מאַטל בערגער

אין אַ שמאָל, איינשטאָקיק הויז ביים עק פון וואַלאָוואַ און שפּיטאָל־גאַס געפינט זיך דער לאָקאַל פון ״שפה חיה״ — די פעסטונג פון העברעיִשער השכלה. איך זאָג: פון העברעיִשער, ווייל עס איז אויך פאַראַן אין שטאָט אַ יידישיסטישע השכלה. די לעצטערע שטייט איין ביי דער ייִדיש־סאָציאַליס־טישער פּאַרטיי דזש. פּ. ס. און טוליעט זיך אויך צוביסלעך צו די ״פּועלי־ציון״. אויף ווי ווייט אָבער די ״אויפקלערונג״ דריקט זיך אויס אין אַקטיווער אַנטי־רעליגיעזער פּראָפּאַגאַנדע, ווערט זי פאַרטראָטן נישט פון גרופּעס, נאָר פון יחידים. און צווישן די יחידים זענען, ווי עס פירט זיך, פאַראַן גרעסטע און וויכטיקסטע. איז צווישן די העברעער גאָטס וויכטיקסטער שונא מאָטל בערגער און צווישן די יידישיסטן — דער פאַנאַטישסטער צו־להכעיסניק: דער העברעיִשער פּריוואַט־לערער חיים מייבאַרד.

די הויפּט־אינסטיטוציע פונעם פאַריין ״שפה חיה״ איז געווען אַ הע־ברעיִשע צוגאָב־שול און צו איר פאַרוואַלטונג האָבן באַלאַנגט די שענסטע און רייכסטע יונגעלייט אין שטאָט. בראש פונעם פאַריין איז ביז עטלעכע יאָר פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה געשטאַנען אַ כמו־אָפיציעלער מענטש, וואָס צו אים האָבן יידן געהאַט גרויס דרך־ארץ און אַ היפּש ביסל... שנאה. דרך־ארץ האָט מען געהאַט פאַר יהושע פאַדענהעכט, ווייל, ערשטנס, איז ער געווען אַ ייד אַ תלמיד־חכם, והשנית, וואָס הגם ער איז געווען מעטריקן־פירער און האָט זיך אַזוי אַרום צוליב זיין סאָציאַלער פּאָזיציע געקענט דער־לויבן צו זיין אַן אַסימילאַטאָר און נישט וועלן ריידן מיט אַ ייד אַנדערש ווי פּויליש, האָט ער דווקא געהאַט די מאַנקאָליע פון ארץ־ישראל און העברעיִש. נ אָ ר אַ קינד, וואָס האָט געקענט ענטפערן אויף יהושע פאַדענהעכטס פראַ־גע: המדבר אתה עברית? (רעדסטו העברעיִש?) און אַחוץ דעם אויף נאָך אַזעלכע צוויי־דריי ענלעכע שאלות זיינע, האָט ביי אים געקענט צוגנבענען אַ שמייכל. פאַר דערוואַקסענע איז דעם מעטריקן־פירערס פּנים געווען כולו דין אין אַלע שפּראַכן. עס האָט נישט געהאָלפן קיין ריידן און קיין בעטן. פאַדענהעכט האָט געהיט קירהס פּאַראַגראַפן געטרייער ווי צען ווינער ביור־ראָקראַטן אינאיינעם. איז דערפאַר טאַקע דער פּרעזידענט פון ״שפה חיה״ געווען ווייניק, גאָר ווייניק באַליבט אין שטאָט, און די העברעיִשע שול אַליין

האָט נישט געקענט האָבן דעם חן ביי ייִדן, וואָס זי וואָלט מן־הסתם געהאַט, ווען נישט דער „רשע" פאַדענהעכט.

און די הויפּט־„רשעות", וואָס יהושע פאַדענהעכט האָט געטאָן קאָלאָ־מייער ייִדן, איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט געוואָלט על־פּי געזעץ אויספלאַנטערן די ביטערע פאַרדרייעניש פון זייערע פאַמיליע־נעמען. די צע־מישעניש פון די נעמען ציט זיך נאָך פון יענע צייטן ביים סוף פון אַכצנטן יאָרהונדערט, ווען פאַר מעגן חתונה האָבן האָט מען געמוזט אייַנצאָלן אַ היפשע אפּותיקא ביים קרייז־הויפּטמאַן. אָרעמעלייט האָבן דעמאָלט נישט געהאַט קיין ברירה און חתונה געהאַט נאָר ביים רב. זענען ייִדישע קינדער געוואָרן ממזרים לויט קירהס פּאַראַגראַפן און האָבן געמוזט הייסן אויף דער מאַמעס נאָמען. אָבער אַפילו נאָכדעם ווי די גזירה פון חתונה־שטייער איז אָפּגעשאַפט געוואָרן, האָבן זיך די ייִדישע „ממזרים" צוליב געוווינהייט און אפשר אויך צוליב פּראָטעסט נישט געאיילט חתונה צו האָבן געזעצלעך אין משך פון גאַנצן נייַנצנטן יאָרהונדערט, און אַזוי אַרום האָט די צעמישעניש פון די פאַמיליע־נעמען אָנגענומען קאַטאַסטראָפאַל־קאָמישע און אָפּט אויך טראַגישע פאָרמען. אַז מעטריקן־פירערס האָבן נישט צופיל „אַריינגעקוקט אין די געדערים" און נישט געפרעגט קיין איבעריקע שאלות, האָבן ייִדישע קינ־דער פונדעסטוועגן געהייסן אין די ביכער אויפן טאַטנס נאָמען, אָבער אַז דער משגיח אויף דער געזעצלעכקייט פון ייִדישע נעמען איז געווען אַזאַ ייִד ווי יהושע פאַדענהעכט, האָבן געקענט פּאַסירן די אומאָנגענעמסטע איבעראַשונ־גען און צומאָל אויך אומגליקן אין פאַמיליעס.

אָט, למשל, וויפל האָט געפעלט, אַז דער שרייבער פון די שורות זאָל פאַרבלייבן אָן דעם נאָמען ביקל, וואָס איז אין זיין משפחה אַ טראַדיציע כמעט צוויי הונדערט יאָר? איך האָב דעמאָלט געמוזט זיין אין ערשטן אָדער צווייטן קלאַס גימנאַזיע. מיין טאַטע האָט צוליב עפּעס אַן עסק געדאַרפט האָבן זיינע אַ מעטריקע און איז וועגן דעם געקומען צו פאַרן אייגנס קיין קאָלאָמיי. ביי יהושע פאַדענהעכט האָט אים דערוואַרט זייער אַן אומאָנגענע־מער קרייצפאַרהער.

— האָט איר חתונה געהאַט געזעצלעך?

— ניין.

— דאַן הייסן אייערע קינדער אויף זייער מאַמעס נאָמען געפּנער. האָבן אייערע עלטערן געהייראַט געזעצלעך?

— ניין.

— דאַן הייסט איר נישט ביקל, נאָר אויף אייער מאַמעס נאָמען שאַיאַ־

וויץ. קענט איר מיר באַווייזן אַ געזעצלעכן חתונה־שיין פון זיידע און באָבע פון אייער מוטערס זייט?

— ניין.

— דאַן הייסט איר דאָך אַפילו נישט שאַיאָוויץ, נאָר...

יהושע פּאַדענהעכט האָט מיין טאַטן געטאָן די באַזונדערע טובה (מיין טאַטע איז געווען באַקאַנט ווי אַ קענער און ליבהאָבער פון העברעיִש) און זיך נישט געגריבלט ווייטער אין די ווייבערישע נעמען פון אונדזער משפחה. מיינע עלטערן און מיין זיידע מיט דער באָבע האָבן נאָך געקענט פאַרריכטן דעם פעלער. זיי האָבן געזעצלעך חתונה געהאַט און לעגאַליזירט זייערע „ממזרים". אָבער וואָס האָבן געקענט טאָן קינדער, וואָס זייער זיידע איז שוין געווען אויפן עולם־האמת, אָדער אַזעלכע, וואָס זענען, חלילה, געווען יתומים? זיי האָבן זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ קייטעלע נעמען ווי פון אַ פּאַר־ברעכער־אַלבום: משה גאָלדשטיין (דער באָבעס מיידלשער נאָמען), וועל זיל־בערשטיין (דער מאַמעס מיידלשער נאָמען), פּאַלזע עדעלשטיין (דעם טאַטנס נאָמען, וואָס אונטער אים איז מען געווען באַקאַנט צווישן מענטשן).

ווער־זשע האָט געקענט ליב האָבן יהושע פּאַדענהעכט? וואָס פאַראַ ייִד האָט ליב געהאַט, מ׳זאָל זיך גראָבן אין זיינע משפחה־געהיימענישן און אויס־גראָבן פון דאָרט נישט אַ זיידע — אַ רב, מיט וועלכן מ׳זאָל זיך קענען יחוסן, נאָר עפּעס אַ קיינמאָל נישט־געהערטן און צומאָל זייער קאָמישן נאָמען פון אַ באָבע, וואָס נאָך איר זאָל מען פון היינט אָן הייסן? ווער? קיינער נישט, הגם, מ׳מוז מודה זיין, אַז דעם מעטריקן־פירערס אכזריותדיקע גריבלעניש האָט זיך גאָר אָפט געענדיקט דערמיט, וואָס עס זענען אויסגעבעסערט גע־וואָרן טעותים פון גענעראַציעס און עס איז אין געזעצלעכן זינען פאַרריכט געוואָרן, וואָס דורות האָבן בכיוון קאַליע געמאַכט.

ערשט נאָך יהושע פּאַדענהעכטס טויט (אַן ערך 1910 אָדער 1911) האָט זיך אַרום דער העברעיִשער שול „שפה חיה" געגרינדעט אַ יוגנט־קלוב און אַ ביבליאָטעק. אין דער דאָזיקער ביבליאָטעק זענען געווען שטענדיקע פיר לעזער, איך מיין אַזעלכע, וואָס האָבן כאָטש איינמאָל אַ וואָך געביטן ביכער. פון די פיר זענען צוויי (מיין חבר יעקב ביטער, און איך, זיין יונגער געהילף) געווען די ביבליאָטעקאַרן, אַזוי אַז שטענדיקע לעזערס זענען אייגנטלעך פאַר־בליבן נאָר צוויי, און צו די צוויי האָט באַלאַנגט דער שטורמישער קאָלאָמייער אַפּיקורס פון מיינע צייטן: מאָטל בערגער. ער האָט געהאַט דעם טיפּישן אויסזען פון אַ דייטשן אוניווערזיטעט־פּראָפעסאָר. אַ ברייטע און בכבודיקע באָרד און ערנסטע פאַרשער־שפּאַקולן. אייגנטלעך איז ער נישט געקומען צו בייטן קיין ביכער, וואָרים עס איז נישט געווען קיין ספר אין דער ביבליאָטעק,

וואָס ער זאָל עס נישט האָבן געלייענט. ער איז מער געקומען געוויר ווערן, צי מ׳האָט געקויפט עפּעס אַ ניי בּיכל און צי עס איז שוין אָנגעקומען אַ ניי העפט „השלוח״, און נאָך מערער איז ער געקומען כאַפּן אַ שמועס מיט צוויי גימנאַזיסטן וועגן דער העברעיִשער ליטעראַטור און וועגן... גאָט. מאָטל בערגערס מיינונגען וועגן ליטעראַטור געדענק איך נישט אַקוראַט, אָבער עס איז ביי מיר פאַרבליבן אין זכרון אַן אַלגעמיינער איינדרוק, אַז די מייסטע העברעיִשע שרייבער, אַחוץ מענדעלען און דוד פרישמאַנען, האָבן ביי אים נישט געהאַט קיין גוטע דאַליע. באַזונדערן חן האָט אין זיינע אויגן געפונען דוד פרישמאַן, דער קריטישער אַריינזאָגער און איבערזעצער פון „אַזוי האָט געזאָגט זאַראַטוסטראַ״. פּסוקים פון ניטשען האָט מאָטל בערגער אָפט ציטירט, און באַזונדערס האָט ער זיך, ווי איך געדענק, געקוויקט מיט דעם פּסוק „גאָט איז געשטאָרבן, ס׳זאָל לעבן דער מענטש״.

און כדי דער מענטש זאָל קענען לעבן, האַלטן אין איין לעבן, האָט ער געדאַרפט זיין פריי פון רעליגיעזע דינים און מנהגים, וואָס האָבן, ווייזט אויס, דאָס מענטשלעכע ל׳עבן נישט געלאָזט לעבן ווי ס׳דאַרף צו זיין. ווען איך דערמאָן זיך היינט אין יענע שמועסן אין דער העברעיִשער ביבליאָטעק, — שמועסן, וואָס זענען אייגנטלעך נישט געווען קיין שמועסן, נאָר מאָנאָלאָגן פון מאָטל בערגער, — קומט מיר אויס, אַז דער זעליש סאַמע איינגעשנורעוועטער פון רעליגיע איז גאָר געווען ער, דער שטאָט־אַפּיקורס. לכאורה האָט ער זיך שוין געהאַט פון לאַנג באַפרייט פונעם עול פון רעליגיעזע מצוות, און פונדעסטוועגן האָבן זיי אים אינערלעך אומברחמנותדיק געפּענטעט. וואָרים אַניט, וואָס האָט ער אַזוי שטורמיש געקעמפט קעגן זיי?

צוויי חברים און פריינט זענען זיי געווען: מאָטל בערגער און דער שוין אין אַ פּריִערדיקן קאַפּיטל דערמאָנטער מעכל קאָן.ביידע — פון אַריסטאָקראַטיש־אָרטאָדאָקסישע הייזער. ביידע האָבן זיי דורכגעאַקערט די דייטשע פילאָזאָפיע און גוט פאַרדייעט דייטשלאַנדס קלאַסישע ליטעראַטור. ביידע זענען זיי געווען גרעדיגענע קענער פון העברעיִש און פון אַלץ, וואָס איז אויף דער שפּראַך געשאַפן געוואָרן, און (כדי אָפּצושליסן מיטן צד השווה צווישן זיי) אי דער איינער און אי דער אַנדערער האָבן פאַרמאָגט אַ דידאַקטיש באַדערפעניש. זיי האָבן געהאַט אַ פאַרלאַנג נאָך תלמידים, וואָס זאָלן איבערנעמען זייער תורה און הנאה האָבן פון זייערע קענטענישן. מעכל קאָן האָט געלעבט אויף אַ פילוועריק ווייט פון דער שטאָט און האָט דאָרט „אויפן שויס פון דער נאַטור״ זיך אַלץ מער און מער דערנענטערט צו דער פּאָעזיע פון ייִדישקייט און דערפאַר אפשר געווען פריי זעליש אומגעשטערט צו קוקן אויף איר מיט פאַרליבטע אויגן.

מאָטל בערגער האָט געוווינט אין שטאָט, האָט טאָג־איין, טאָג־אויס געזען דאָס פרומע יידישע לעבן פון דער נאָענט, און דאָס דאָזיקע לעבן האָט זיך אין זיין דמיון געקרייצט מיט זיינע טרוימען וועגן אייראָפּעישקייט און וועגן אַ פרייער העברעישער ארץ־ישראל. איז ביי אים מעגלעך דערפאַר נישט געמינערט געוואָרן דער צאָרן קעגן גאָט, וואָס פּענטעט זיין פאָלק און לאָזט עס נישט לעבן ווי אַלע פעלקער פון דער וועלט. ער האָט אפשר דערפאַר נישט געקוקט אויפן יידישן לעבן מיט די טיף־מילדע אויגן פון אַ מאַרטין בובער, נאָר עס דורכגעשטאָכן מיט די בייזע בליקן פון אַן אמתן „בערליב־טשיק". און ווייל זיין בליק איז געווען בייז, האָט דערפאַר אויך זיין צונג געקענט ריידן די אויבנאויפיקע ראַציאָנאַליסטישע רייד פון השכלה.

איך פלעג אַ גאַנצן יום־כיפורדיקן טאָג שטיין אין ר' איציקל־שולכל אַן אַריינגעטועענער אין דער געדיכט־מיסטישער שטימונג פון דער קלויז און האָב באַגלייך מיט אַלעמען „געציטערט ווי אַ פיש אין וואַסער". פאַרנאַכטצו, פאַר נעילה, האָב איך זיך געוויינטלעך אַריבערגעכאַפּט אויף דער מנעכעווקער גאַס צום ציוניסטישן פאַריין „בית־ישראל". ביי יענעם מנין האָבן געדאַוונט אַלע ציוניסטישע קאַרפּן־קעפּ, און מאָטל בערגער איז אַהין אויך פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן אין משך פון טאָג זאָגן אפיקורסישע תורה. געדענק איך אַזאַ יום־כיפור פון די לעצטע יאָרן פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה. איך בין געקו־מען צו לויפן און, ווי אַלעמאָל, געטראָפן אינדרויסן אַ הייפל יידן, מייסטנס „דאַוונערס פון יוצא־וועגן", ווי מ'האָט זיי גערופן, און צווישן זיי מאָטל בערגער. ער האָט אָקאָרשט פאַרענדיקט זיין תורה־זאָגן מיט אַ געלונגענעם אַנעקדאָט, וואָרים דער עולם האָט שטאַרק געלאַכט און מאָטלס ברייטע פּראָ־פּעסאָרישע באָרד האָט זיך געשאָקלט מיט הנאה פון דעם גייסטיקן שטיקל אַרבעט, וואָס איר באַלעבאָס האָט אָפּגעטאָן.

יונגע חברה האָט מיר איבערגעגעבן וואָרט־ביי־וואָרט מאָטלס וויציקן זאָג און נישט אויפגעהערט צו לאַכן.

— אַז דו ווילסט אַריינגיין אין אַ שטוב אַריין, — האָט מאָטל בערגער זיך געווענדט צו זיינע צוהערער, — ווּעסטו, פאַרשטייט זיך, אַנקלאַפּן אין טיר. איז דאָ עמעצער אין שטוב, וועט מען דיר ענטפערן. אויב אָבער עס איז דאָרט קיינער נישטאָ, ווי לאַנג קענסטו שטיין און קלאַפּן? אַזוי — האָט ער איצט געגעבן צו פאַרשטיין — איז אויך די זאַך מיט די דאַוונער. וואָס שטייען זיי און קלאַפּן אין הימל אַריין? ווי לאַנג מוז מען זיי נישט ענטפערן, כדי זיי זאָלן זיך איבערצייגן, אַז עס איז קיינער נישטאָ?

עס איז דאָס די דירעקטסטע, אומפאַרהוילנסטע און, דאַכט זיך, אויך ברוטאַלסטע גאָט־לעסטערונג, וואָס מיר איז אויסגעקומען צו הערן אין דער

שטאָט פון מיין קינדהייט. איך געדענק נישט, ווי אַזוי מאָטל בערגערס משל האָט אויף מיר געווירקט, ד״ה צי האָב איך געלאַכט, צי גאָר געהאַט צער. אָבער עס ווייזט אויס, אַז אין דער ליטעראַרישער שלאַכט צווישן מאָטל בער־גער, פּאָר ווערמען איך האָב גוואַלדיק דרך־ארץ געהאַט, און דעם רבונו־של־עולם, וואָס צו אים איז מיין אַפּשיי דעמאָלט זיכער געווען אַפּיקורסיש דורכ־געלעכערט, האָב איך זיך אין יענעם יום־כּיפּור פּאַרט געשטעלט אויף דער זייט פון אַלטן ייִדישן גאָט פון נקמה.

איך דערמאָן זיך, אַז נאָכן אויספּאַסטן האָב איך מיין זיידן דערציילט מיט אַ סך צופרידנקייט, אַז גאָט האָט אָפּגעהאַלטן אַ גרויסן נצחון איבער נישט קיין קלענערן ווי מאָטל בערגער. נאָכדעם ווי מ׳האָט אין „בית־ישראל״, ווי איבעראַל, אָפּגעכאַפּט דאָס מעריב־דאַוונען און ייִדן האָבן צוזאַמענגעלייגט די טליתים און זיך גענומען איילן אַהיים, האָט עמעצער באַמערקט, ווי מאָטל בערגער שטייט אין אַ ווינקל און קלאַפּט אַן דאַרט „ווו עס איז קיינער נישטאָ״: ער זאָגט קדיש.

— ווי קומט עס, וואָס איר, ר׳ מאָטל, זאָלט גאָר פּלוצים זאָגן קדיש?

— איר פאַרשטייט?! ס׳איז שוין אַזאַ געוווינהייט יעדעס יאָר!

מיין זיידע האָט מיטן מעסער פאַרזיכטיק געשאַרט די קרישקעס אויפן טישטוך, ווי אַלעמאָל, ווען עס האָט אים הנאה געטאָן, און זיך אָפּגערופן צו דער באָבען:

— זעסט, פּערל, ווי מענטשן טראַכטן אויס בלבולים! איך האָב קיינמאָל נישט געגלייבט, אַז פּישל מיניסטערס זון זאָל נישט זאָגן קיין קדיש.

און דער זיידע האָט גענומען דערציילן וועגן דעם, וואָס פאַר אַ קלוגער ייִד ס׳איז געווען פּישל בערגער און וואָס פאַר אַ וווּנדערלעכער לערנער ער איז געווען, און אַז שלמה חלפן האָט אַן פּישלען קיין האַנט אין קאַלט וואַסער נישט געטאָן, און טאַקע דערפאַר האָט מען אים גערופן מיניסטער, ווייל ער איז געווען שלמה חלפנס שטענדיקער בעל־עצה.

און דערנאָך האָט דער זיידע דערמאָנט דער באָבען, ווי אַזוי פּישל פלעגט זיך אַלעמאָל באַרימען מיט זיין געראָטענעם זון, און פאַרזיכערט, אַז ער קען גוט אַ בלאַט גמרא מיט תוספות, קען איבערלייענען אַ דייטש ביכל מיט קאָפּ און לערנט זיך די טאָפּלטע בוכהאַלטעריע. און פאַרענדיקט האָט דער זיידע, אַז ער האָט געוווּסט און געקענט שווערן, אַז מאָטל איז צו־פיל לערנער און צו־קלוג, אַז ער זאָל נישט זיין קיין פרומער ייִד.

איך האַלט, אַז מאָטלס דורכפאַל אין דער שלאַכט מיטן רבונו־של־עולם יענעם מוצאי יום־כּיפּור איז בלי שום ספק געווען אַ דעפיניטיווער. זיין אַטעיִס־טישע פּראָפּאַגאַנדע האָט זיכער נישט געקענט האָבן מער קיין ווירקונג. אָבער

מיר דאַכט, אַז מיין זיידעס אָפּיציעלער קריגס־קאָמוניקאַט, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן נאָכן אויסהערן מיין באַריכט פון אַן אויגן־עדות, האָט מאָטלס דורכפאַל נאָך מער פאַרטיפט. מיין זיידע, ע״ה, האָט מיט זיין געוויינלעכער טיפער פרומקייט און תמימות אָפּגעווישט פון דער וועלט מאָטל בערגערס אַפּיקורסות, ווען ער האָט פּראָקלאַמירט, אַז ער האָט אין איר קיינמאָל נישט געגלייבט.

II. דער אַנאַרכיסט חיים מייבאַרד

מייבאַרד איז אינמיטן דער ייִדישער קאַלאָמיי פון צוריק מיט דרייסיק יאָר געווען נישט סתם אַן אַפּיקורס, וואָס פאַרדאַרבט עטלעכע יונגעלייט מיט פרייע שמועסן וועגן גאָט און וועגן רעליגיע. ער איז געווען אַ „בעזבאָזשניק״, וואָס האָט געוואַגט צו פּריידיקן אַטעיִזם אַפילו צו די פרומסטע בעל־הבתים אין שטאָט. און נאָך מער דרייסטקייט ווי צו ריידן אַטעיִסטיש האָט זיך געפאָדערט צו לעבן אַן אַ סימן ייִדישקייט אין שפּיטאָל־גאַס, אין הויף ביי מיין פעטער מאָטל פאַניע. ווען איך טראַכט היינט וועגן מיין העברעיִש־לערער און וועגן זיינע ראַציאָנאַליסטישע דרכים, קומט מיר אויס, אַז די איינציקע סיבה פאַרוואָס ער איז פאַרט אַרויס מיטן לעבן פון אַזאַ בלי שום ספק צור־דרייסטן קאַמף, איז בלויז די, וואָס ער האָט, אַחוץ אַטעיִזם, נאָך געהאַט עטלעכע „איזמען״, צו וועלכע ער האָט געדינט מיט לייב־און־לעבן. און אָט די פּילפּאַכיקייט פון זיינע מאָדנע אידייען האָט אים, ווייזט אויס, לעכערלעך געמאַכט אין די אויגן פון די פרומע און אים געראַטעוועט פון זייער צאָרן. די מילדסטע באַצייִונג צו אים האָט זיכער געשאַפן זיין וועגעטאַריאַניזם, זיין „פּאַלנע״ וועגעטאַרישקייט. וואָרים מייבאַרד האָט נישט נאָר נישט געגעסן קיין פלייש און קיין אייער, נאָר ער האָט נישט געטראָגן קיין לעדערנע שיך. און אַז ער פלעגט אַרויסגיין פון זיין וווינונג אויף לעקציעס, האָט זיך אויף אַן ערך צוויי הונדערט שריט די ווייט דערהערט דאָס קלאַפּן פון הילצערנע פּאַדעשוועס און פון דער שפּיטאָל־גאַס ביז צום קרייזאַמט האָט מען געוווּסט: עס גייט דער מענטש מיט „שגעונען״, דער לערער מייבאַרד.

און אָט פאַרקערעוועט ער זיך ערגעץ אין אַ טויער צו איינעם פון זיינע תלמידים. ער איז אַ קליינער, אַ דאַרער. די שלעכט־געגאָלטע באַקן זענען ביי אים איינגעפאַלן. די שמאָלע אויגעלעך זיצן טיף פאַרבאַהאַלטן אונטער אַ בייכיקן שטערן, און דער אויסדרוק פון זיין פּנים איז אַן עקשנותדיקער, אַ פאַנאַטישער. דעם גאַנצן זומער ביז שפּעט אין האַרבסט טראָגט מייבאַרד אַ שוואַרצע פּעלערינע. די רעכטע פּאָלע פאַרוואַרפט ער מיט גאווה, ווי אַ רוי־מישע טאָגע, אויף דעם לינקן אַקסל, און מען דאַרף נישט זיין קיין גרויסער

מבין אויף מענטשן צו זען, אַז אָט דעם דאָזיקן אַטעיִסט, פּאַציפיסט, וועגע־טאַריער, אַנאַרכיסט, ראַציאָנאַליסט אאַז״וו אויף די הילצערנע פּאָדעשוועס און אין דער שוואַרצער פּעלערינע וועט קיינער נישט בייגן. און קיינער האָט עס מיט ווערטער טאַקע נישט געפּרוווט. ער האָט נאָר פאַרלוירן כמה וכמה און פון די סאַמע בעסטע לעקציעס, און עס איז אים אָפּט אויסגעקומען צו הונגערן און אַפילו צו קומען אין קאָנפליקט מיט זיין אייגן ווייב און קינד, אָבער ער האָט קיינמאָל נישט נאָכגעגעבן.

די עטלעכע לעקציעס, וואָס מייבאַרד האָט געהאַט, האָבן ביי אים צוגע־נומען דעם גאַנצן טאָג, וואָרים נאָך יעדער „שטונדע״, וואָס ער האָט געלערנט מיט אַ תלמיד, האָט ער געפּרוווט געבן כאָטש נאָך איין שעה „פּראָפּאַגאַנדע קעגן אָבערגלויבן״ פאַר די טאַטע־מאַמע פונעם שילער. איך געדענק, ווי ער האָט אַפילו מיט מיין אַלטער באָבע, ע״ה, געזוכט איינצוקנעלן, אַז דער ענין טראָגן אַ שייטל איז אַן אָבערגלויבן. דער אופן פון דער פּראָפּאַגאַנדע איז געווען זייער אַ געשיקטער. ער פלעגט נעמען דערציילן אינטערעסאַנטע קול־טור־געשיכטלעכע מעשיות און דערמיט זאַטשעפּען ביי זיינע צוהערערס, און נישט אַזוי צוהערערס, ווי מייסטנס צוהערערינס, די גייסטיקע נייגעריקייט. און ס׳האָט אָפּט געטראָפן, אַז די נייגעריקע האָבן שוין דערנאָך אַליין פאַר־פירט דעם שמועס מיט מייבאַרדן, געוואָלט ווייטער הערן, ווייטער וויסן. און אַז דער פּראָפּאַגאַנדיסט האָט געהאַלטן, אַז זיין קרבן איז שוין רייף צו לערנען אויף אויסנווייניק די דאָגמעס פון אַנטי־גאָט, אַנטי־פלייש, אַנטי־קריג און סתם אַנטי־אָבערגלויבן, פלעגט ער ביי דער לעקציע פאַרפאַסן אַ ליד, וואָס האָט אין גראַמען באַהאַנדלט זיין פּרק פּראָפּאַגאַנדע. דאָס פּאַפּירל מיטן ליד האָט ער איבערגעלאָזט אויפן טיש, ווי איינער רעדט: זאָלן די פּערזן ווייטער טענהן פאַר מיר; זיי וועלן פאַרענדיקן, וואָס איך האָב אָנגעהויבן.

ליידער געדענק איך נישט קיין שום מייבאַרדס שירים, אָבער וואָס איך געדענק יאָ איז, אַז די פּערזן זענען געווען מוראדיק שלעכטע און דאָס לשון נישט ווייניקער הילצערן, ווי זיינע פּאָדעשוועס. מיין מומע ריווטשע, ע״ה, וואָס האָט שטאַרק געהאַלטן פון לערער מייבאַרד און האָט, איך בין חושד, צוליב זיין פּראָפּאַגאַנדע נישט אָנגעטאָן נאָך דער חתונה קיין שייטל, האָט פון דעסטוועגן נישט געקענט פאַרשטיין, ווי אַזוי אַזאַ געבילדעטער מענטש, וואָס קען אַזוי שיין דערציילן, איז נישט אימשטאַנד אָנצושרייבן עטלעכע פּערזן. דער פאַקט האָט ביי מיין מומען, ע״ה, דאַכט זיך, געגעבן אינגאַנצן איר קאָנ־צעפּציע וועגן קונסט... אָבער אויך די מיינונג וועגן מייבאַרדן גופא. אפשר האָט ער עס נישט געוווסט, מיין זייער חשובער לערער מייבאַרד, וועט ער עס, אויב ער לעבט און וועט על־פּי צופאַל לייענען מיינע זכרונות, ערשט

איצט געוואָר ווערן, אַז זיינע שלעכטע שירים האָבן אַלעמאָל אַ תל געמאַכט פון זיין גוטער פּראָפּאַגאַנדע. און נאָך פלעגט זיך טרעפן, אַז נאָך אַזאַ שיר, וואָס מען האָט געפונען אויפן טיש, האָט דער תלמיד פּלוצים אויפגעהערט צו האָבן געגנוג צייט, און דער לערער מייבאַרד האָט פאַרלוירן זיין לעקציע.

אין דער קאַלאַמייער שפּיטאָל־גאַס איז חיים מייבאַרד, דער דערזערטיר פון באַרדיטשעוו, געוואָרן דער איינציקער, וואָס אין זיין שטוב האָט מען געגעסן אין הוילן קאָפּ, וואָס האָט נישט געדאַוונט און וואָס איז אַפילו ימים נוראים נישט געגאַנגען אין שול אַריין. זיין פרוי, וואָס האָט געמוזט אַנקומען ניט איינמאָל צו שכנים און געוואָלט שאַפן אַ פריינטלעכע סביבה פאַר איר מאַן און איר בן־יחיד, איז, פאַרשטייט זיך, געווען גענייגט צו מאַכן דאָ און דאָרט אַ קליינעם קאָמפּראָמיס. זי האָט אים אויך צוגערעדט זיך אָפּצוזאָגן פון אַגרעסיווער פּראָפּאַגאַנדע אין באַזונדערס פרומע הייזער. מייבאַרד איז געווען אומפּשרהדיק און איז נישט אָפּגעגאַנגען פון זיין ראַציאָנאַליסטישן וועג אויף אַ האָר די ברייט. יאָ, דערעיקרשט, ראַציאָנאַליסטישן וועג, וואָרעם ער איז געווען אַ גרויסער חסיד פונעם מענטשלעכן שכל און אים אַליין אָנערקענט פאַרן איינציקן הערשער איבער אונדזער לעבן.

מיין קרוב ר׳ שמעון פּעטילעווער, אַ ייִד אַ בעל־מוח און אַ משכיל, האָט אַמאָל אָנגעטראָפן פונקט צו מיינער אַ „שטונדע״ ביי מייבאַרדן און האָט פאַרפּירט מיט אים אַ געלערנטן שמועס. הגם ר׳ שמעון איז אַליין געווען געכאַפּט אויף אַפּיקורסישע איבערלעבענישן, איז ער פון דעסטוועגן נבהל ונשתומם געוואָרן פון דער זיכערקייט, מיט וועלכער אַ ייִד, וואָס קען גוט תנ״ך און בכלל לשון־קודש, ווייסט און איז איבערצייגט, אַז עס זענען נישט פאַראַן איבערהויפּט קיין ענינים למעלה פונעם מענטשלעכן שכל, נאָר בלויז זאַכן, וואָס גייען דערווידער דעם מענטשנס פאַרשטאַנד און זענען נישט מער ווי אָבערגלויבן.

— וואָלט איר, ה׳ מייבאַרד, — האָט ר׳ שמעון מיטאַמאָל אַ פרעג געטאָן, — נישט מורא געהאַט צו זיין אַליין אינדערנאַכט אויף אַ בית־עולם?

— און וואָלט איר, הער פּעטילעווער, — האָט דאָס אַסקעטישע פּנים פונעם לערער מייבאַרד צוריקגעשאָסן אַ פראַגע, — מורא געהאַט צו שטיין אַליין לעבן אַ בערגל מיסט, ווו עס ליגט אַ טויטע קאַץ? עס איז איינס און דאָס זעלבע. אַחוץ, פאַרשטייט זיך, די שטיינערנע מצבות, וואָס שטייען איבער די טויטע מענטשן.

דער שמועס האָט זיך אויף גיך אָפּגעהאַקט. ר׳ שמעון איז נאָכן לערערס אַוועקגיין געווען אויפגעטראָגן און געטענהט, אַז מען טאָר אַזאַ ייִד, וואָס מאַכט נישט קיין אונטערשייד צווישן אַ מענטש און אַ קאַץ, נישט אַריינ־

לאָזן אין אַ ייִדישער שטוב און אַוודאי אים נישט איבערגעבן אַ ייִדיש קינד צום לערנען. און איך געדענק, ווי דאַנקבאַר איך בין דעמאָלט געווען מיין באָבען, ע"ה, וואָס כאָטש זי האָט זיך זיכער נישט ווייניקער פון ר' שמעו־בען דערשראָקן פאַרן לערערס מיינונגען, האָט זי פון דעסטוועגן געהאַט כוח צו זיין טאָלעראַנט און אויסלויבן מייבאַרדן ווי אַ בעל־מידות. זי האָט זיך דער־ביי פאַררופן אויף מאָטל פאַניעס ווייב, וואָס האָט איר איבערגעגעבן, וואָס פאַר אַן איידעלער מענטש אָט־דער „משוגענער" מייבאַרד איז , ווי אַזוי עס איז ביי אים אַנגעלייגט צו טאָן אַ טובה אַ מענטש און אַפילו זיך צו טיילן מיטן ביסן. און וואָס שייך קנסענען אים פאַר זיין אַפּיקורסות — האָט די באָבע אַ שמייכל געטאָן — לערנט מיט אים דער בן־יחיד זיינער בלק אין הלכות ייִדישקייט. מייבאַרדס בן־יחיד — האָט די באָבע מיט אַ סך הנאה דערציילט — וויל דווקא דאַווענען אינדערפרי און וויל נישט עסן אָן אַ היטל, כאָטש האַק און בראַק אים. ס'איז דען אַ חידוש? אַ קינד שפּילט זיך מיט ייִדישע חברים אויף דער גאַס, קומט אין ייִדישע הייזער, — האָט די באָבע געגומען פאַרטיישן, — זעט ער וואָס עס איז גוט און ווי אַזוי אַ ייִד דאַרף זיך פירן. און טאָמער הייבט דער פאָטער אָן, ווי זיין שטייגער איז, צו ריידן, מען זאָל אָפּהיטן, על ה' ועל משיחו, מאַכט דאָס קינד אַזעלכע גוואַלדן, אַז די שכנים לויפן זיך צונויף.

ר' שמעון האָט זיך אַ צופרידענער צוגעהערט, און מיר דאַכט, אַז די מעשה וועגן חדר־ייִנגל, וואָס איז געוואָרן גאָט ברוך הואס אַזאַ געטרייער ריטער קעגן זיין אייגענעם פאָטער, האָט אין אים געשטאַרקט די אמונה אין מצוות מעשיות, און ער האָט זיך אין אַזאַ שטאַרקונג, ווי איך וועל באַלד דערציילן, אַלעמאָל געניייטיקט.

שמעון פעטילעווער זוכט אייגענע וועגן אין לעבן

אַ מאָדנע אינטערעסאַנטער ייִד איז געווען ר׳ שמעון פעטילעווער. נעבן־טער האָב איך זיך מיט אים ערשט באַקענט אין טשערנאָוויץ. ער האָט דאָרט געהאַלטן אַ שענק אין קעלער פֿונעם אַמאָליקן קאַפֿע האַבסבורג און איז גע־ווען דעם באַרימטן ד״ר שטראָוכערס אַ מקורב. אין וואָל־צייטן איז ר׳ שמעון נישט איינמאָל געשטאַנען אויפֿן באַלעמער אין קלויז און האָט נאָכגעוויזן על־פּי סדרה פֿון דער וואָך, אַז פֿרומע ייִדן טאָרן נישט וויילן עמיצן אַנדערש פֿאַר דעפּוטאַט ווי נאָר ד״ר בענאָ שטראָוכער. און ייִדן האָבן אים געגלייבט, ווייל, ערשטנס, איז ר׳ שמעון געווען אַן אויסגעצייכנטער פֿאָלקס־רעדנער מיט אַן אַ שיעור טרעפֿלעכע משלים און וויציקע גלייכווערטלעך, און צווייטנס... צווייטנס, איז ער געווען אַ שטורמישער דעקלאַמאַטאָר פֿון תנ״ך. די דעקלאַמאַציע זיינע איז אַלעמאָל געווען אַ נישט־צוגעגרייטע, אַ ספּאָנ־טאַנע, און האָט דערפֿאַר נאָך מער געווירקט. געשען פֿלעגט עס אַזוי: ר׳ שמעון האָט געשטיצט זיינעם אַן אַרגומענט מיט אַ פּסוק פֿון ישעיה, אָדער עמוס, און האָט זיך געוויינלעך פֿון דעם נביאס ווערטער אַזוי צעוואַרעמט, אַז ער האָט שוין נישט געקענט שטיין־בלייבן, ביז ער האָט נישט אָפּגעזאָגט פֿאַרן עולם ס׳גאַנצע קאַפּיטל, און אַמאָל נאָכמער אויף אויסנווייניק. די דע־קלאַמאַציע איז כמעט תמיד געווען דער אַפּשלוס פֿון דער רעדע, און עס איז פֿאַרשטענדלעך. נאָך דעם נביאס ווערטער זענען שוין ר׳ שמעונס רייד געווען איבעריק. ייִדן האָבן אַלעמאָל באַגייסטערט אַפּלאָדירט, און איך בין זיי שטאַרק חושד, אַז זיי האָבן מיט זייער אויסדרוק פֿון צופֿרידנקייט געמיינט ישעיהן, אָבער געוויילט האָבן זיי שטראָוכערן.

תנ״ך אויף אויסנווייניק איז געווען ר׳ שמעונס אַן אַלטעליידנשאַפֿט. מיר איז זי גוט באַקאַנט פֿון מיינע גימנאַזיסטן־יאָרן. אין יענער צייט האָט ר׳ שמעון געוווינט אין אַ דאָרף אין דער קאָלאָמייער געגנט און איז יעדע עטלעכע חדשים געקומען צו פֿאָרן אין שטאָט אַריין. אַזוי ווי ער איז געווען שלמה חלפנס אַ פּלימעניק, איז אונטער זיין השגחה אויסגעוואַקסן און איז אַ שטיקל צייט געווען אַ מין פּריוואַטער סעקרעטאַר זיינער, איז ער, פֿאַר־שטייט זיך, אין שטאָט איינגעשטאַנען ביי שלמהס זון — מרדכי מענטש.

געדענק איך איינעם אַ באַזוך זיינעם. ר׳ שמעון האָט זיך געוואַשן צום טיש און געזאָגט אויף אַ קול „שאו ידיכם״. ער איז אַ ייִד אַ גברן, און

לויט זיין פּנים און הילוך קען מען נישט גלייבן, אַז ער זאָל זיין אַ בקי אין די קליינע אותיות. ער זעט אויס ווי עפּעס אַ פאַרגרעבטער ישובניק. דער גוף, די הענט און די פיס זענען ביי אים מגושמע, און דער גאַנג אַ שווערער ווי פון אַן אָפּגעהאָרעוועטן פּויער. דאָס פּנים — ברייט און אָפּגעברענט פון דער זון. נאָר דאָס פייער־רויטע בערדל זיינס איז, דאַכט זיך, חריפותדיק פאַרשפּיצט און גיט אַן אָנצוהערעניש, אַז מען זאָל האָבן געדולד און וואַרטן, ביז דער ייִד וועט זיך צערעדן... און ר' שמעון ווייסט, אַז ער האָט נישט קיין הדרת־פּנים. ער האָט אַליין ליב צו דערציילן, ווי אַ רייכער וואַלד־סוחר האָט אים אַמאָל אין דער באַן אין שפּאַס אַ פרעג געטאָן:

— ר' שמעון, איאָ, איר זענט אַ כהן?

— איר האָט געטראָפן, ר' עוזר, אָבער וואָס האָט אייך געבראַכט אויף דער השערה?

— ווייל איר האָט נישט קיין צורה פון קיין ישראל.

ר' שמעון דערציילט דעם שפּאַס, וואָס מ'האָט געמאַכט אויף זיין חשבון, מיט דער זיכערקייט און דעם זעלבסטבאַוווסטזיין פון אַ ריז, וועמען עמיצער האָט זיך פאַרגונען צו רופן קאַרליק; און גלייך ער זאָל וועלן, אַז דער קליי־נער גימנאַזיסט ביים טיש זאָל זיך תיכף איבערצייגן, אַז נישט די כלי, נאָר דער ווייַן איז דער עיקר, ווענדט ער זיך צו מיר:

— ווי האַלטסטו ערגעץ מיט אַ גוט קאַפּיטל ישעיה, אָדער תרי־עשר? האַ? קענסט עפּעס אויף אויסנווייניק?

איך פּרוביר זאָגן די ערשטע עטלעכע פּסוקים פון „חזון ישעיהו", אָבער ר' שמעון איז שוין אויף דער גיך, איידער וואָס־ווען, אַזוי צעוואָרעמט גע־וואָרן, אַז ער האָט שוין פאַרגעסן אַן מיר און אַן אַלע ביים טיש און שטורעמט מיט גרויס התפּעלות איין קאַפּיטל נאָכן אַנדערן; און וואָס מער ער דעקלאַ־מירט, אַלץ מער באַגייסטערט ווערט ער, און זיין מגושם פּנים ווערט עפּעס מיטאַמאָל באַשיינט פון אַ מאָדנער גייסטיקער איידלקייט. עס איז נישט ר' שמעון פּעטילעוווער, עס איז דער נביא ישעיה אַליין, וואָס דונערט מוסר־רייד צו זיין פאָלק ישראל און צערטלט דערנאָך מיט אַ לירישער שטימע טרייסט־ווערטער פאַר אים.

אַז דער דעקלאַמאַציע־שטורעם איז פאַרביי און ר' שמעון איז צוריקגע־קומען פון דעם נביאס וועלט מיט ווערטער צום היימישן שמועס, האָט ער זיך אויך דערמאָנט אין מיר און אַ זאָג געטאָן צו מרדכי מענטש:

— איך מיין, אַז יהודה הערש גלינערט וואָלט אים געגעבן שבת־אויבס נומער איינס.

אַלע האָבן זיך מיט צופרידנקייט צעלאַכט, וואָס איך בין דורך בשלום

שמעונס פאַרהער. איך געדענק שוין נישט, צי די מעשה מיט יהודה הערש גלינערטס שבת־אויבסן האָט מען מיר טאָקע דעמאָלט דערציילט, צי אפשר שפּעטער, אָבער וואָס איז די נפקא־מינה?

יהודה הערש איז געווען איינער פון די שטאָט־פאַרהערערס, וואָס האָט אַנגעוואָרפן אַ פּחד אויף תלמידים און מלמדים. האָט דער תלמיד געענט־פערט אַזוי, אַז יהודה הערש איז געווען העכסט צופרידן (אַזאַ זאַך האָט פּאַ־סירט איינמאָל אין אַ יובל), האָט דער פאַרהערער אַריינגעשריגן מיט אַ יום־טובדיקן קול אין אַלקער צו זיין ווייב:

— צירל, גיב אים שבת־אויבס נומער איינס, ער פאַרדינט עס.

און דער פאַרהערטער האָט שוין דעמאָלט געהאַט, — ווי ייִדן האָבן געזאָגט, — אַלע מיינע ליבע אַזאַ שבת־אויבס און אַלע מיינע ליבע אַזאַ שם אין שטאָט.

אַז יהודה הערש האָט נישט געהאַט וואָס אויסצוזעצן ביים בחור, נאָר ער האָט געפילט, אַז עס פעלט אין זיין לערנען גלאַנץ און חריפות, האָט ער מיט אַ געוויינלעכן קול געבעטן זיין ווייב צירל, אַז זי זאָל שטעלן שבת־אויבס נומער צוויי. צום שרעק פון די מלמדים און צו דער שאַנד פון די תלמידים האָט זיך אָבער זייער אָפט געטראָפן, אַז יהודה הערש איז געבליבן אינגאַנצן אומצופרידן פונעם פאַרהערטן; דעמאָלט האָט ער זיך ברוגז אַ דריי געטאָן איפן בענקל און אַ בורטשע געטאָן:

— צירל, גיב אים אַ שטיקל קוילעטש.

דאָס האָט געהייסן, אַז דער אָרעמער בחור קען פונקט אַזויפיל לערנען ווי אַ שבת־גוי, און אַז ער וואָלט געמעגט אַראָפּנעמען די לייכטער פונעם טיש און זיך פאַרדינען אַ שטיקל חלה. אַז יהודה הערש האָט אַרויסגעגעבן אַזאַ פּסק, איז נישט געווען וואָס מקנא צו זיין נישט דעם מלמד, נישט דעם בחור און נישט זיינע טאַטע־מאַמע. אויך נישט זיינע עלטערן, זאָג איך, וואָ־רעם, אַז יהודה הערש האָט געפּסקנט אַ שטיקל קוילעטש, האָט אַזאַ שטיקל חלה געשאַדט צו אַ שידוך.

און פון יענעם שמועס ביי מרדכי מענטש, ווען ר' שמעון האָט פאַר מיר אַנטפּלעקט זיין ליידנשאַפט צו תנ״ך־דעקלאַמאַציע, געדענק איך נאָך עפּעס. איך געדענק, ווי ער האָט ממש איבערגעשראָקן די מענטשן ביים טיש מיט אַזאַ מין דרייסטן זאָג:

— דו ווייסט כאָטש, מרדכי, אַז דיין טאַטע, ע״ה, פלעגט זיך לייגן שלאָפן אָן קריאת־שמע?

— ? ? ? — אַלעמענס פּנימער האָבן אויסגעדריקט אַ פיינלעכן חידוש.

בלויז ר׳ מרדכי האָט געשמייכלט, ווייל ער האָט זיך משער געווען, אַז שמעון איז זיכער אויסן עפּעס אַ שבח פאַרן נפטר.

— דער פעטער שלמה, — האָט ר׳ שמעון גענומען דערציילן אויף זיין שטייגער, הויך, געשמאַק, און מיט אַ פול מויל מיט ווערטער, — האָט געהאַלטן, אַז אַ קאַפּיטל ג״ך, וואָס איז אַ מענטשן באַזונדערס צום האַרצן און צינדט ביי אים התלהבות און בטחון, רייניקט מער אָפּ דעם ייִדנס נשמה און באַהעפט זי נענטער צו גאָט ברוך הוא ווי קריאת־שמע, וואָס אַלע לייענען. ווער עס האָט ליב צו טרינקען אינאיינעם מיט דער טשערעדע, — האָט דער פעטער געטענהט, — איך האָב מיר ליב מיין אייגענעם שאַרפן געטראַנק, וואָס ער שמעקט נאָר מ י ר און לעשט מ י ר דעם דאָרשט. און אַ קאַפּיטל ישעיה האָט אים געלאָשן דעם דאָרשט פון זיין נשמה מער ווי דאַווענען, מער ווי אַ מוסר־ספר און מער ווי אַ בלאַט גמרא. האָט ער אַרומגעשפּאַנט, דער פעטער, פאַרן שלאָפן־גיין, געשריגן ישעיה, אַז עס האָט צענומען ס׳האַרץ אים און מיר. ווען אַ ייִד וואָלט געהאַט כוח פאַרן טויט איבערצומישן אין קאָפּ עטלעכע קאַפּיטלעך ישעיה, — האָט דער פעטער צו מיר אַמאָל אַ זאָג געטאָן, — וואָלט ער געווען פּטור פון טהרה, ווייל ער וואָלט סיי־ווי געקומען אַ ריינער פאַר גאָט ברוך הוא. אין ישעיה דערפילסטו, אַז דו דאַרפסט זיך באַפרייען פון די אַלע קליינינקע, פּיצינקע מצוותלעך בין אדם למקום, וואָס פאַרשטעלן דעם אדם אָפּט דעם וועג צום מקום.

ר׳ מרדכי האָט אויסגעהערט מיט הנאה שבחים וועגן זיין פאָטער, אָבער ערגעצווו האָט אים געשראָקן אַ געדאַנק, אַז נאָכזאָגן אַ ייִד באַזונדערע דרכים קען, חלילה, עפּענען ס׳מויל פון קטיגור, און ער האָט זיך אָפּגערופן מיט זיין געוויינלעכער תמימות צו שמעונען:

— שמעון, ע ר האָט געמעגט, ע ר איז געווען אַן אדם גדול; ע ר קען עס פאַרענטפערן, אָבער אַנדערע ייִדן דאַרפן זיך היטן פון באַזונדערע גענג; מיט אַלע אינאיינעם איז מען זיכערער, אַז מען וועט נישט געשטרויכלט ווערן.

שמעון פעטילעווער האָט אַ הויכן פויערשן לאַך געטאָן. עס איז געווען קענטיק, אַז ער האָט מיט זיין געלעכטער דערשטיקט אויפברויז, כעס אויף מרדכי׳ מענטש, פאַרוואָס ער איז נישט אַזאַ גוטער קאָפּ ווי זיין טאַטע איז געווען און פאַרוואָס ער פאַרשטייט נישט, אַז שמעון פעטילעווער איז פון ד י, וואָס מעגן זיך דערלויבן צו האָבן אייגענע גענג.

און שמעון, אַזוי ווי איך האָב אים דערנאָך געקענט אין טשערנאָוויץ, איז

טאַקע געווען אַ מענטש מיט באַזונדערע און דערצו זיגזאַגישע דרכים אין לעבן. ער האָט געהאַט אַ ברענענדיקן פאַרלאַנג צו זיין אַנדערש ווי די משפּחה, און בכלל אַנדערש ווי אַלע אַנדערע. איז די משפּחה געווען אַ מתנגדישע — איז ער דווקא געווען אַ חסיד. נישט קיין חסיד פון אַ באַשטימטן רבי, נאָר פון אַלע גוטע־יידן. וואָס פאַר אַ רבי עס זאָל נישט געווען קומען צו פאָרן קיין טשערנאָוויץ, איז ער געווען דער ערשטער ביים טיש, האָט געשטעלט וויין און זיך משמח געווען מיטן עולם. האָט מען אויף אים דאָרט אַ קוק געטאָן, האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז דער הכנעהדיקסטער, דער צומייסטן פאַרגלייבטער און אויך דער סאַמע פריילעכסטער חסיד; ווייבאַלד אָבער ער איז אַהיימגעקומען, איז ער פּלוצים אַריינגעפאַלן אין אַ מרה־שחורה און פון זיך און פון די שטוביקע געריסן די הויט, למאַי ער איז געגאַנגען און למאַי מ׳האָט אים געלאָזט גיין זיך דערנידעריקן פאַר אַזאַ... עם־הארץ איז געווען דאָס מילדסטע וואָרט, וואָס ער האָט גענוצט וועגן גוטן־ייִד, ביי וועלכן ער האָט זיך נאָר־וואָס געפראַוועט.

— ר׳ שמעון, וואָס איז דער מער מיט אייך? וואָס גייט איר פּלוצים צו רבייִשע טישן? — האָב איך אים אַמאָל אַ פרעג געטאָן.

— פאַרשטייסטו מיך, — האָט ער געענטפערט מיט אַ ציניזם, וואָס האָט אַזש געשווידערט, — עס קומט אָפּצוגעבן כבוד אַ מענטשן, וואָס האָט דעם כוח צו מאַכן בהמות פון אַן עדה און זיי מיט זיין גוף אַלע צו פאַרשטעלן דעם אייגענעם וועג צו גאָט ברוך הוא. נאָר איך וועל מער נישט גיין! — האָט ער צו מיר געשריגן — אַנדערע קענען דאָך נישט וויסן מיין כוונה און קענען מיינען, אַז איך בין אויך אַ פערד.

און ער איז אַלעמאָל יאָ געגאַנגען, האָט נישט אויפגעהערט צו גיין, ביז צו דער שווערער קראַנקהייט זיינער, וואָס האָט אים פאַר עטלעכע יאָר צייט אָפּגעשניטן פון דער וועלט, און אים סוף־כל־סוף אומגעבראַכט אין די לפי ערך יונגע יאָרן פון עפּעס איבער זעכציק. און געגאַנגען איז ער נישט צוליב דעם צינישן מאָטיוו, מיט וועלכן ער האָט זיך און מיך געוואָלט אָפּנאַרן, נאָר ווייל ער האָט געבענקט צו גיין אינאיינעם מיט דער טשערעדע. אים איז, ווייזט אויס, נמאס געוואָרן אַ באַזונדערער און אייגענער גאַנג אין ייִדישקייט, און אפשר האָט ער גאָר אַזעלכן נישט געהאַט, און זיך בלויז איינגערעדט, אַז ער קען גיין אויף אייגענע וועגן.

דער געראַנגל אין אים צווישן דער גאווה פון אייגענע דרכים און דער בענקשאַפט צו זעלישער רו אין גאַנג מיט אַלע ייִדן אינאיינעם, האָט צומאָל אָנגענומען גראָטעסק־קאָמישע פאָרמען. אַ צייט לאַנג האָט ער געדאַוונט מיט ברענענדיקער חסידישער התלהבות, און האָט מדקדק געווען אויף דער

קלענסטער מצווה פון עשה און לא־תעשה, און פּלוצלינג אַן איבערקערעניש: ער האָט אויפגעהערט צו לייגן תּפילין, און אַחוץ אַ קאַפּיטל תּנ״ך, וואָס ער האָט זיך אין אים געניייטיקט ממש ווי אין אַ שטיקל ברויט, האָט ער כמעט נישט גענומען אַ ייִדיש וואָרט אין מויל אַרײַן. אַזוי־אַרום איז ער, צוליב אַ פאַרלאַנג נאָך אייגנס און נאָך עקסטראַוואַגאַנטקייט, אַוועק פאַר אַ צייט פון דעם אַלגעמיינעם דרך פון רעליגיעזער ייִדישקייט און איז אַרײַנגעפאַלן אין אַן אַנדער אַלגעמיינעם, דעם אַלגעמיינעם וועג פון ייִדיש־רעליגיעזער גלייכ־גילטיקייט. ער איז געווען גענוג קריטיש צו באַמערקן, אַז ער טרייבט מיט זיך אַליין קאַטאָוועס, און האָט זיך אַלעמאָל צוריק אומגעקערט צו אָרטאָדאָק־סישער פרומקייט. אַזוי האָט ער זיגזאַגעוועט, ר׳ שמעון, זעליש און פּראַק־טיש, געזוכט אייגענע וועגן און זיי נישט געפונען.

ביים סאַמע אָנהייב פון זיין שווערער האַרץ־ און לונגען־קראַנקייט איז ער איינמאָל, אין אַ געשעפטלעכן ענין, געקומען קיין בוקאַרעשט און האָט מיר, פאַרשטייט זיך, געמאַכט אַ וויזיט. מיר זיצן נאָכן מיטאָג, רויכערן אַ סיגאַרעט און כאַפּן אַ שמועס. און איך ווייס נישט ווי אַזוי, אָבער ער האָט פּלוצלינג גענומען דערציילן וועגן מרדכי מענטש מיט אַ טאַלק און מיט אַ כוונה.

— כ׳מיין, עס זענען שוין דאָ אַ צען יאָר זינט מרדכי איז נפטר גע־וואָרן? — האָט ער אַ פרעג געטאָן.

— אַן ערך אַזויפיל — האָב איך געענטפערט.

און שמעון האָט גענומען זינגען אַ לויב צום אָנדענק פון מרדכי מענטש.

אַ פרומער ייִד געווען מרדכי, אַן אמתער איש תּמים. קיין גרויסער חריף איז ער נישט געווען, און אַפילו נישט קיין איבעריקער למדן, אָבער דערפאַר טאַ־קע האָט ער נישט געדאַרפט קיין אייגענע וועגן. ער איז געגאַנגען עם כל העם (מיטן גאַנצן פאָלק). אָפּגעהיט אַלע מצוות, די קלענסטע און די גרעסטע. אַ לב טוב, וואָס קיין גלייכן צו אים איז נישט געווען. ווען ער איז געווען אַן עושר, האָט זיך זיין צדקה שטאַרק אָנגעזען, און אַז ער איז, ר״ל, אַראָפּ פון די נכסים, געוואָרן אַ בלוטיקער אָרעמאַן און האָט שוין נישט געהאַט צו געבן, איז ער אַרומגעגאַנגען אין מאַרק צווישן די טרעגערס און געשטופּט יעדן דאָס פושקעלע טאַבעק. איגנאַץ, — האָט ער זיך געבעטן ביי יואל טרעגער, וואָס האָט בלויז פּורים, ווי אַ פאַרשטעלטער, געהייסן יואל, און אַ גאַנץ יאָר איגנאַץ, — זיי מיך מהנה מיט אַ שמעק טאַבעק. און ער אַליין, אַ שטיקל ברויט האָט אַ לאַנגע צייט געפעלט אין שטוב, אָבער ער האָט זיך איינגע־שפּאַרט, אַז ער וועט נישט אָנקומען צו קיין מענטשן. ער האָט נישט גענומען ביי משפּחה וויפל עס איז שוואַרץ אונטערן נאָגל. די ברעטלערס, וואָס האָבן

געהאַנדלט אַמאָל מיט שלמה חלפן, האָבן געוואָלט געבן דערוויל חודש־געלט. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט. און קהל האָט אָפּילו נישט געוואָגט אָנצו־באָטן. און ווי ווייט עס איז דערגאַנגען מיט דער עקשנות, קאָנסטו פאַרשטיין פון אַ מעשה, וואָס מרדכיס ווייב, פערל, ע״ה, האָט מיר אַמאָל דערציילט בסוד־סודות.

— אין יענע הונגער־טעג — האָט ר׳ שמעון ווייטער גערעדט, און זיין פּנים האָט, דאַכט זיך, געשטראַלט ווי דעמאָלט, ווען ער פלעגט זאָגן אַ קאַפּיטל ישעיה, — איז מרדכי אַריינגעגאַנגען צו פויע קירזשנער זיך פאַר־ריכטן דאָס סויבעלנע שטריימל. עס איז געווען אַ ירושה־שטריימל פונעם פאָ־טער׳, און מען האָט געדאַרפט עטלעכע געציילטע שטעך, מען זאָל עס קענען טראָגן. פויע האָט אים, פאַרשטייט זיך, אויפגענומען פאַר אַ גרויסן גאַסט און געבעטן זיצן. ערגעץ פון דער קיך איז דערגאַנגען אין ווערקשטוב אַריין אַ ריח פון געקאָכטע קאַרטאָפל און פאַרשלאָגן מרדכין דעם אָטעם. דער הונגער האָט זיך צעבונטעוועט, און מען האָט מרדכין געמוזט מינטערן מיט חלשות־טראָפּנס. אָבער געקומען צו זיך — האָט מיר פערל, ע״ה, דערציילט אין פריידן — איז מרדכי פון אַ שיסעלע וואַרעמע באַרבוליעס, וואָס די פויעכע האָט דערלאַנגט צום טיש.

עס איז געווען דאָס איינציקע מאָל אין לעבן, וואָס מרדכי איז נכשל געוואָרן און איז אָנגעקומען צו מענטשן. אָבער ער האָט געהאַט איין טרייסט דערפאַר. צו וועמען איז ער אָנגעקומען? נישט, חלילה, צו די נדיבי־עם, צו די רייכע און שטאָלצע, נאָר צו פויע קירזשנער.

— אָט דאָס עקשנות, מיין ליבער, איז געווען מרדכיס אייגענער וועג. ער איז געגאַנגען אינאיינעם מיט דער טשערעדע, אָפּגעהיט זייערע מצוות, זייערע מנהגים און זייערע דינים. דאָס אייגנס איז בלויז געווען דער כוח זיך מקריב צו זיין פאַר אָט־די מצוות. דאָס איז ווייניק? — האָט ר׳ שמעון אויף מיר געקוקט מיט הכנעהדיקע אויגן.

איך האָב געשוויגן און ער האָט ווייטער גערעדט:

— און דו מיינסט, אַז נאָר מרדכי איז געווען אַזאַ טייערער ייד? זיין שווער, מענדל סאַדאַגערער, איז שוין גאָר געווען אַ ייד פון אַ גאַנץ יאָר, פאַרהאַוועט אין עסקים און גרויסע געשעפטן, און קיין צייט נישט געהאַט פאַר יידישקייט; האָט ער זיך אויך געקאָנט שטעלן פאַרן בית־דין של מעלה מיטן באַווייז פון מסירת־נפש פאַר אַ מצווה. מענדל איז געווען אַ יונגערמאַן נאָך דער חתונה, ווען זיין פאָטער איז אַוועקגעפאָרן קיין ארץ־ישראל און מיטגענומען מיט זיך דעם מוזיניק, וואָס איז דעמאָלט געווען אַ בר־מצווה־יינגל. יאָרן זענען פאַרגאַנגען. מענדלס אַלטער פאָטער איז געשטאָרבן אין

צבֿת. דער מוזיניק, ווידער, האָט דאָרט חתונה געהאַט. ער האָט אָפּגעלעבט עטלעכע יאָר מיטן ווייב און איז אַוועק פון דער וועלט, נישט האָבנדיק אויפֿגעשטעלט קיין דור נאָך זיך. קומט אָן ר׳ מענדלען אַ בריוו פון דער שוועגערין (עס האָט געמוזט זיין ערגעץ אַרום תרט״ו אָדער תרט״ז — 1857 אָדער 1858 — וואָרעם פערל איז נאָך דעמאָלט געווען אַ קליין מיידעלע), אַז זי פֿאַרלאַנגט חליצה. האָט מען אָנגעהויבן קלערן פון שיקן חליצה דורך אַ שליח. מען האָט זיך באַראָטן מיט רבנים, ביז אין מענדל סאַדאַגערער האָט זיך צעפֿלאַקערט דער פֿאַרלאַנג נאָך מסירת־נפש פֿאַר אַ מצווה. ער האָט זיך אין איין שיינעם טאָג אויפֿגעהויבן און איז אַוועקגעפֿאָרן פון סאַדעגערע קיין טריעסט, און פון דאָרט מיט דער שיף קיין ארץ־ישראל. ער איז דאָרט פֿאַרבליבן אַ גאַנץ יאָר, האָט געגעבן חליצה זיין שוועגערין און איז צוריקגעקומען אַהיים. טרחה, הוצאת־הדרך פֿאַר אַ ייִדן, וואָס איז נישט געווען קיין עושר און אַ גאַנץ יאָר אָן פרנסה — דאָס אַלץ אַבי צו טאָן אַ מצווה.

אָט דאָס איז געווען מרדכיס און מענדל סאַדאַגערערס אייגענער וועג. — איז ר׳ שמעון אַריין אין התפעלות, זיך צעשריען אויך אַ קול און זיך דערנאָך פֿאַרהוסט, — זיך מוסר־נפש זיין, זיך מקריב זיין פֿאַר מצוות און געבאָטן, וואָס אַלע ייִדן היטן. נישט זיך אויסזוכן נייע מצוות פֿאַר זיך, נאָר צולייגן האַרץ און לעבן צו די אַלטע.

דאָס איז געווען ר׳ שמעונס ווידוי, דער קריטישער סך־הכל פון זיין אייגן אינעווייניקסטן לעבן. אין יענעם טאָג האָב איך אים צום לעצטן מאָל געזען. מיר איז אויסגעקומען דערנאָך צו ריידן מיט זיין אלמנה. זי איז געווען אַ פרומע, און איך האָב זיך עפּעס געשעמט צו פרעגן, ווי אַזוי ר׳ שמעון האָט זיך געפֿירט אין פּראַקטישער ייִדישקייט אין די לעצטע עטלעכע יאָר פון זיין לעבן. אָבער איך שטעל מיר פֿאָר, אַז ער האָט מן־הסתם געהיט מצוות נישט אַנדערש ווי מרדכי מענטש און ווי מענדל סאַדאַגערער.

אין טלית און תפילין צופוס פון קאַלאָמיי קיין גוואַדזעץ

ר׳ וועלוול גריידיקער איז אייגנטלעך נישט געווען קיין קאָלאָמייער תושב. ער האָט געוווינט אין אַ דאָרף און איז בלויז געווען אַן אָפטער צופאָרער אין שטאָט אַריין. פון דעסטוועגן איז ער אין מיין זכרון אַ לעגיטימער ייִד אין דער „שטאָט מיט ייִדן". ער געהערט אַהין אי לויט דעם גייסטיקן איינשטעל זיינעם און אי ווייל ער, דער ישובניק, איז געווען דער זאַמל־אָרט פון מיינע קינדערשע חלומות וועגן מענטשנס קענטשאַפט.

איך זיץ אין די ערשטע יאָרן פון גימנאַזיע ביי מיין זיידן אין אַלקער און בויער מיר דעם קאָפּ מיט עפּעס אַ שווערער אַריטמעטישער רעכענונג און איך טראַכט מיט גרויס אָפּשיי, אַז ווען ר׳ וועלוול איז איצט דאָ לעבן מיר, וואָלט ער געגעבן אַ רוק־אַרויף דעם סאַמעטענעם קאַפּעליוש און דערנאָך אַ שיב געטאָן אויך די יאַרמלקע, און דער גאַנצער גימנאַזיסטישער חשבון וואָלט „אין איין שמיי־דריי" אַרויסגעשפּרונגען אַ פאַרטיקער פון זיין קאָפּ. און אַז עס גייט מיר צו־האַמטענע מיט מיינע געאָמעטרישע פיגורן און איך קען נישט אַרויסברענגען די צורה פון אַ טראַפּעז אָדער אַ טראַפּעזויד, זע איך בשעת־מעשה, ווי ר׳ וועלוול זיצט ביי זיך אויפן פּילוועריק אין זיין רחבותדיקער מעבל־שטוב און צייכנט אַ פּלאַן פון אַ הויז פאַר דער פּירשטין לובאָמירסקי. מיט וואָס פאַר אַ לייכטקייט די ליניעס שטעלן ביי אים צונויף דעם טראַפּעז און מיט וואָס פּאַראַ פלינקייט ער חשבונט אויס דעם פלאַך פון די שטיבער און פון די קאָרידאָרן, און ווי מאַטעמאַטיש קלאָר עס איז פאַר אים דער נויג פון די ווינקלען ביים דאַך! און טאָמער קומט גראָד ר׳ וועלוול צו פאָרן אין אַ שפּעטן נאָכמיטאָג און טרעפט מיך צוגרייטן די לאַטייניש לעקציע, ווערט ער תיכף אַ שותף מיט עטלעכע פּסוקים. דאָס געשעט אַזוי: ער וואַרפט פון זיך פאַוואָליע אַראָפּ דעם ליאַדענעם שטויבמאַנטל, און בעת ער טוט דאָס, נעמען זיך זיינע מאַנגאַלישע קינבאַקנס הייבן, די ליפּן לייגן זיך צונויף ווי צו אַ פייף און די קליינע אויגן זיינע שווימען גיך, גיך, ווי איבערגעשראָקענע קאַטשקעלעך אויפן טייך. דאָס אַלץ זענען הילפסמיטלען אויפצוכאַפּן די קלאַנגען פון דער אַלטער, פרעמדער שפּראַך. און אָט זאָגט ער מיר שוין נאָך מיט גרויס פרומקייט האַלבע און גאַנצע לאַטייניש פּסוקים און פאַרשטייט אַפילו דעם טייטש.

פון דעם, וואָס איך האָב ביז איצט דערציילט וועגן ר׳ וועלוול גריידי־

קער, וואָלט מען געקענט מיינען, אַז ער איז געווען איינער פון די פילע, וואָס האָבן געטראָגן זשופּיצע און שטריימל און זענען געווען געכאַפּט אין דער השכלה. ניין! ס׳איז גאָרנישט געווען, אָדער לכל־הפחות האָב איך נישט גע־קענט אַ פרומערן ייִד ווי ר׳ וועלוול. ער האָט געהיט די תרי״ג מצוות מיט אַלע זייערע לפנים משורת־הדין־קנייטשן און איז דערצו געווען אַ פלאַם־פייערדיקער חסיד, וואָס האָט נישט פאַרפעלט צו פאָרן צום טשאָרטקאָווער רבין אויף יום־טוב און אויך אויף אַ וויכטיקן שבת.

איך געדענק און וועל עס, ווייזט אויס, קיינמאָל נישט פאַרגעסן, ווי אין איינעם אַ פרימאָרגן, ווען ר׳ וועלוול איז געווען אין קאָלאָמיי און איז איינ־געשטאַנען ביי מיין זיידן, ע״ה, האָב איך דערהערט זאָגן „מודה אני״ פון אַ שאַפע אַרויס. איך בין קודם געווען אויסער זיך פאַר שרעק. דערנאָך בין איך איבערגעוועלטיקט געוואָרן פון גרויס אָפּשיי, ווען איך בין געוווּיר געוואָרן, אַז דער גאַסט האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין אַלמער אַריין ווי אין אַ באַזונדער צימער, כדי אויסצומיידן צו זאָגן אַ ייִדיש וואָרט אין אַ שטוב, וווּ עס איז געשטאַנען נעגל־וואַסער. אָזאַ עקסטראַ־אָפּגעהיטקייט האָב איך, ווי געזאָגט, אַפילו ביי מיין זיידן נישט געזען, און דער זיידע מיינער האָט טאַקע, דאַכט זיך, געקוקט מיט אַ קוים־פאַרשטעלטער איראָניע אויף ר׳ וועלוולס באַזונדע־רער ברייטקייט ביים דאַווענען און אַפילו ביי יעדער מינדסטער ברכה, וואָס ער האָט געמאַכט. ר׳ וועלוול האָט געדאַוונט שעהנווייז, ווייל ער האָט געציילט די ווערטער פאַוואָליע און מיט גרויס פאָרזיכטיקייט און אַכטונג געגעבן, אַז איין וואָרט, איין אות זאָל, חלילה, נישט פאַרלוירן־גיין. קושט ער די ציצית, געדויערט ביי אים דאָס צונויפלייגן די איינצלנע פעדעם פּונקט אַזויפיל, וויפל ביי אן אַנדערן דאָס גאַנצע קריאת־שמע־זאָגן. ער היט אָפּ, ר׳ וועלוול, אַז קיין איין־און־איינציקער פון די פעדעם ביי די ארבע־כּנפות זאָל חס־וחלילה נישט בלייבן אומגעקושט. און אַז ער קומט צו קריאת־שמע, שטעלט ער זיך אָפּ עפּעס לענגער, אָדער טאַקע כמעט לאַנג ביי „ושננת בם״ (זאָלסט זיי איבערחזרן) און „ודברת בם״ (זאָלסט ריידן וועגן זיי) און עס גייט אים דאָ נישט אין „ושננת״ און אויך נישט אין „ודברת״, נאָר אין דעם קליינעם ווער־טעלע „בם״. וואָרעם ער האָט אינזינען — האָט ער מיר איינמאָל, ווען איך בין שוין געווען מיט עטלעכע יאָר עלטער, געגעבן צו פאַרשטיין, — אַז דער „זיי״ זאָל אַרומנעמען וואָס מערער און אַריינדרינגען וואָס טיפער און די כוונה זיינע ביים דאַווענען זאָל זיין באַפעלקערט וואָס געדיכטער מיט האָפע־נונגען און גאַרונגען צו גאָט ברוך הוא. און, ווייזט אויס, כדי אין דעם „בם״ זאָל קענען אַריין וואָס מערער, האָט ער דאָס ווערטל, ספּעציעל ד אָ ס ווערטל, אַרויסגעשליידערט פון מויל מיט גרויס אימפּעט, און דערביי אַזש

פאַרקריצט מיט די ציין. אויב דער פאַרגלייך, וואָס איך וויל דאָ מאַכן, זאָל נישט זיין אַ צו־גשמיותדיקער, וואָלט איך געזאָגט, אַז ר׳ וועלוול האָט גע־טאָן מיטן ווערטעלע „בם״ דאָס זעלבע וואָס, להבדיל, אַ גוי, ווען ער וויל אָנ־פילן אַ זאַק מיט תבואה: אַ גוי, וואָס הייבט אויף דעם זאַק און גיט מיט אים דערנאָך אַ קלאַפּ צו דער ערד, כדי די שוין פאַראַנענע קערנער זאָלן זיך זעצן און צונויפּפרעסן, אַזוי האָט אויך ר׳ וועלוול אַרויף־ און אַראָפּגעשליי־דערט דעם „בם״, אום ער זאָל קענען אַריינגעמען נאָך כמה וכמה הונדערטער און טויזנטער פונקען פון מענטשלעכער ליבשאַפט און בענקשאַפט צו גאָט.

אין חסידישע מעשיות און שפּעטער אויך אין אונדזערע ביידע ליטע־ראַטורן איז מיר אויסגעקומען צו לייענען וועגן יידן, וואָס האָבן געדאַוונט „אויפן שויס פון דער נאַטור״, אָבער וועגן אַ יידן, וואָס האָט געמאַכט אַווייטן וועג צופוס אין טלית־און־תפילין, האָב איך, דאַכט זיך, נישט געהערט. שולדיק אין דעם, וואָס ר׳ וועלוול גריידיקער האָט געמוזט גיין צופוס און נישט געקענט פאַרטיק ווערן מיטן דאַוונען, איז געווען לייבוש, דער איסטיטש־קער בעל־עגלה. ביים אַרויספאָר פון דער שטאָט האָט זיך לייבוש אָפּגע־שטעלט מיט דער בויד ביי אַ קרעטשמע אויפן גוואַדזעצער וועג. ר׳ וועלוול האָט דערווייל אויסגענוצט די צייט און זיך געשטעלט דאַוונען. דער בעל־עגלה האָט אָבער פלוצים גענומען צוויילן, און אַז ס׳האָט שוין ביי אים גע־האַלטן אַ האָר צו ווערן אַן עזות־פּנים, האָט ר׳ וועלוול אַ זאָג געטאָן:

— ווייסטו וואָס, לייבוש, דו פאָר פּאַוואָליע. איך וועל נאָכקומען און מיך אויפזעצן אַ פערטל שעה שפּעטער.

דער וועג איז געווען אַ טרוקענער און אַ גוטער און די פערד האָבן זיך געריסן צו טראָפּ. לייבוש האָט אַזוי לאַנג געטראַגן אויפן קאָפּ, אַז מען דאַרף פאָרן פּאַוואָליע און וואַרטן אויף ר׳ וועלוולען, ביז... ער האָט פאַרגעסן, אַ קנאַק געטאָן מיט דער בייטש און געטאָן די פערדס ווילן. ר׳ וועלוול, ווידער, איז געווען אַזוי פאַרטיפט אין דאַוונען און אַזאַ הנאה געהאַט אי פון די ווער־טער און אי פון דעם דרויסן, אַז ער האָט אפילו נישט געפילט, צי ער גייט, צי ער פאָרט. ס׳איז אים יאָ עפּעס פאַרגעקומען מאָדנע, וואָס די פויערים טראָגן אים אַנטקעגן דעם „דאָברעי דען״ (גוט מאָרגן) מיט אַ שמייכל און מיט אַן אָנצוהערעניש, נאָר ער האָט זיך נישט געקענט דערטראַכטן פאַר־וואָס. ערשט אין האָראָדענקע האָט זיך לייבוש בעל־עגלה געכאַפּט, אַז ר׳ וועלוול פעלט אים אין וואָגן. ער האָט אויסגעדרייט דעם דישל און געפאָרן אָפּזוכן זיין פאַרשוין. געטראָפן האָט ער אים אין אַ קרעטשמע צווישן גוואַ־דזעץ און האָראָדענקער הויף. ר׳ וועלוול, ווידער, האָט זיך דערמאָנט, אַז ער גייט, ערשט מיט אַ צוויי־דריי מייל צוריק, נאָר עס איז שוין געווען צו־שפּעט.

ער האָט די בויד שוין נישט געקענט אָניאָגן און אַ גויִש פורל אויף נאָכצו־פאָרן דעם בעל־עגלה האָט זיך עפּעס נישט געמאַכט.

די מעשה מיט ר׳ וועלוולען, וואָס איז געגאַנגען פון קאָלאָמיי ביז נאָך גוואַדזעץ צופוס אין טלית־און־תפילין און איז געווען אַזוי פאַרטיפט אין תפילה, אַז ער האָט אַפילו נישט געוווסט, צי ער גייט, האָט געשמט איבער דער גאַנצער געגנט. ס׳זענען געווען ייִדן, וואָס האָבן געלאַכט פון אַזאַ מין בטלנישער וועלט־פרעמדקייט, ווי זיי האָבן געזאָגט, און ס׳זענען ווידער גע־ווען אַזעלכע, וואָס האָבן דאָס פאַרשריבן אויפן חשבון פון ר׳ וועלוולס גאוו־נות. ס׳איז נישט פאַר ר׳ וועלוולען צו האַלטן אַ פּולווועריק, צו האָבן צו טאָן מיט אַן אַקאָמען (פאַרוואַלטער) און פאַרנאַליעס (שטאַלדינערס). ר׳ וועלוול וואָלט געדאַרפט זיין... אָבער וואָס אַזוינס ר׳ וועלוול האָט געדאַרפט זיין האָט מען אייגנטלעך נישט געוווסט. און געווען איז ר׳ וועלוול גריידיקער נאָך דעם ווי ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ טאָכטער פון ר׳ עליע וויגדערס קודם אַ שניט־קרעמער אין האָראָדענקע און דערנאָך, אַז ער האָט אַנגעווירן דעם נדן ביז צו דער שפּונטע, האָט אים דער שווער געדונגען אַ צוויי הונ־דערט יאָך פעלד אין פאַטיק און פון אים געמאַכט אַן עובד אדמה. כמעט אי־בער אַ צענדליק יאָר האָט ער דאָרט געוווינט און אַלע צען יאָר האָט אים זיין פרנסה געלאַנגוויילט. ער האָט די עסקים מיט דער ערדאַרבעט צוגע־וואָרפן דעם ווייב און די דערוואַקסענע טעכטער און אַליין האָט ער געטרוימט פון מסחר. דער קאָפּ זיינער איז געווען אַ מאַטעמאַטיש־לאָגישער און דער אופן טראַכטן ווי געוויינלעך ביי אַ מענטש אַ בעל־חשבון — אַן אַבסטראַק־טער. ער האָט אויסגערעכנט וואָס קאָלאָמיי האָט צו־ווייניק און וואָס זי מוז דערפאַר אַריינפירן פון טאַרנאָפּאָל, און פאַרקערט, מיט וואָס טאַרנאָפּאָל איז אָנגעוויזן אויף קאָלאָמיי אָדער לעמבערג. ער האָט עס געגנוי מיט ציפערן אויסקאַלקולירט און תיכף זיך געלאָזט אין וועג אַריין קויפן און פאַרקויפן. און אַלעמאָל, ווייסט דער גוטער יאָר, דער חשבון האָט געשטימט, די קאַלקולאַ־ציע איז געווען אַ חידושלעכע. אָבער די הוצאות זענען תמיד געווען אומזיסט. און ווייל די הוצאות זענען געווען אומזיסט, איז ר׳ וועלוול גריידיקער, וואָס איז געווען אַ זעלטענער קאָפּ, געבליבן אַן אָרעמאַן אַלע זיינע יאָרן.

מיין טאַטע, הגם אַ ייִד אַ משכיל, און אין זיין קרובס אויגן ממש אַן אַפּיקורס, האָט פון דעסטוועגן מיט ר׳ וועלוולען געלעבט אין גרויס פריינט־שאַפט. דעם טאַטן מיינעם האָט באַאיינדרוקט אי ר׳ וועלוולס לומדות און אי זיין גרויסע קענטשאַפט פון חכמות חיצוניות. פונוואַנען עס נעמט זיך, למשל, צו אַ כאָסקל איציק ראַזענשטאָק מאַטעמאַטיק און פילאָזאָפיע — פלעגט מיר דער טאַטע זאָגן — פאַרשטיי איך. אַז ער איז עוסק דערין טאָג־און־נאַכט,

וואַרפט אין זיך אַריין ביכער פון כל־המינים, ווערט ער סוף־כל־סוף אַליין געגליבן צו אַ צעוואָרפענעם ספרים־אַלמער, וואָס דו קענסט דאָרט געפינען אַלערלייאיקע גוטע און וויכטיקע ביכער, נאָר קיינמאָל נישט אויף דער ריכ־טיקער פּאָליצע, ווו ס׳געהערט זיך. נאָר ווי אַזוי מאַטעמאַטיק, געאָמעטריע און אַרכיטעקטור האָט זיך געפונען אַ נעסט ביי ר׳ וועלוול גריידיקער, דאָס איז איינס פון גאָטס גרויסע חידושים, וואָס מאָדערנע מענטשן רופן עס טאַ־לאַנט און וואָס אין דער אמתן איז עס אפשר נאָך אַ סך מער דערפון. אויף ר׳ וועלוולען — האָט זיך מיין טאַטע אַריינגערעדט אין באַגייסטערונג — איז חל וואָס מען האָט געזאָגט וועגן סאָקראַטן: ער האָט דער מענטשלעכער זעל אָנגעטאָן דעם גרויסן כבוד צו ווייזן וויפל זי איז בכוח אַליין פון זיך אַרויס. ר׳ וועלוול האָט זיך אַוועקגעזעצט צייכענען אַ פּלאַן און דער רוח־הקודש האָט געפירט זיין האַנט. ער האָט זיך אָנגעשטרענגט צו דערגיין אויף גיך אַ חשבון און זיך אַפילו פאַרמאָסטן אויפצולייזן אַ מאַטעמאַטישע גלייכונג, און די איינגעבוירענע שאַרפקייט פון זיין פאַרשטאַנד איז אים צוהילף געקומען און האָט עס אים איינגעגעבן. אָבער — האָט דער טאַטע מוסיף געווען מיט אַ היפּש ביסל געזונטער משכילישער סקעפּטיק — ער האָט געמוזט בלייבן אַ דילעטאַנט, ווייל ער האָט נישט געהאַט קיין סיסטעמאַטיש־פאַרלייגטע פונ־דאַמענטן פון וויסן. ווען ער זאָל עס געווען האָבן, ווען ער וואָלט געווען גע־האַט די מעגלעכקייט צו לערנען די וויסנשאַפטן, צו וועלכע ער האָט אַרויס־געוויזן אַזאַ נאַטירלעכן טאַלאַנט, וואָלט ער... וואָלט ער זיכער...

איז ער אָבער געבוירן געוואָרן אין גריידיק, איז פרי געבליבן אַ יתום, פרי חתונה געהאַט און צעבראָכן געוואָרן אונטערן עול פון פּרנסה. האָט ער געמוזט בלייבן זיצן אין דאָרף, האָט נישט געהאַט ממש מיט וועמען אַ וואָרט אַרויסצוריידן און האָט געמאַכט מנחם־מענדליש־אומזיסטיקע הוצאות קיין קאָלאָמיי, קיין טאַרנאָפּאָל און אַפילו... קיין טשאָרטקאָוו צום רבין. וואָרעם עס איז געלעגן אויף אַ שטיק סתירה אין זיין פאָרן צום רבין. ר׳ וועלוול איז נישט געווען סתם עפּעס אַ חסיד, נאָר אַ מענטש, וואָס האָט באַנומען דאָס חסידות טעאָרעטיש. און ווי אַ טעאָרעטיקער איז ער געווען אָן אָנהענגער פונעם „נועם אלימלך״. באַגלייך מיטן לעזשאַנסקער רבי ר׳ אלימלך האָט ער געהאַלטן, אַז דאָס פאָלק מוז זיך איבערענטפערן מיט זיין גאָט־באַדער־פעניש צום צדיק, וואָס האָט אויף זיך גענומען דעם אויסשליסלעכן עול פון גייסטיקייט. דער צדיק לעבט על התורה ועל התפילה און דאָס פאָלק איז דער זבולון, וואָס דאַרף אויסהאַלטן דעם יששכר מיט פּרנסה. מיט איין וואָרט, פאַר ר׳ וועלוולען איז טעאָרעטיש געווען באַגרינדעט דער פּדיון, וואָס דער חסיד דאַרף געבן דעם רבין. אָן דעם פּדיון איז דאָס פאָרן צום צדיק אומ־

זיסט און אומנישט און ר׳ וועלוול האָט נישט נאָר מייסטנס נישט געהאַט דעם פדיון, נאָר אַפילו נישט אויף הוצאות קיין טשאָרטקאָוו.

איינמאָל אין זיין לעבן — האָט מען נישט איינמאָל דערציילט ביי אונדז אין שטוב — האָט ר׳ וועלוולס הוצאות קיין לעמבערג באַצאָלט זיין שווער ר׳ עליע וויגדערס און דאָס איינע מאָל איז די נסיעה נישט געווען קיין אומזיסטע און אומנישטע. און ווי אַזוי ר׳ וועלוול האָט געליטן פון עם־הארצות און ווי אַזוי דאָס האָט אים דערפירט דערצו, אַז ער האָט פאַרשעמט אַ יידן, דאָס קען א י ך אַליין דערציילן ווי אַן אויגן־עדות. נאָר לאָמיר גיין כסדר.

אַז ביי ר׳ עליען האָט זיך אַ פלימעניצע — אַ יתומה — פאַרליבט אין דאָרפס־לערער און איז מיט אים אַוועק קיין לעמבערג זיך שמדן, האָט דער שטאָלצער ר׳ עליע, וואָס האָט נישט מורא געהאַט צו זאָגן דעם האָראַדענקער פירשט דעם אמת אין פנים אַריין, אויסגעריכט זיינע צוויי שענסטע איידעמס: וועלוול גריידיקער און אברהמל קאַלאָמייער, קיין לעמבערג אָפּצוראַטעווען דאָס מיידל און זיי אָנגעזאָגט, אַז כסף אינו נחשב כלום. איר געדענקט די סצענע אין תהילים־ייד, ווו אַ מאַמע דרייט זיך אַרום אין העכסטער פאַרצווייפלונג פאַרן קלויסטער און זוכט אַ וועג, ווי אַזוי צוצוקומען צו דער משומדת? עפּעס ענלעכס האָט דערציילט מיט יאָרן שפּעטער אברהמל קאַלאָמייער. דער אַרומדרייער אין דעם פאַל איז נישט געווען קיין פאַרצווייפלטע מאַמע, נאָר ר׳ וועלוול גריידיקער, וואָס האָט זיך אַראָפּגערוקט דעם קאַפּעליוש איבער די אויגן, כדי נישט מוזן קוקן אויף די צלמים, און עקשנותדיק געוואַרט און נישט אויפגעהערט צו וואַרטן ביז ער האָט זיך דערשלאָגן צו ר׳ עליעס פלימעניצע. און אַז ער איז געשטאַנען אויג־אויף־אויג מיט איר, האָט ער גערעדט אי רייד פון תחנונים און אי רייד פון שטראָף, און ער האָט געפּועלט, אַז זי זאָל נאָך דעם זעלבן טאָג זיך אומקערן אַהיים צו דער פרומער משפחה. פאַרוואָס ר׳ וועלוול האָט געפּועלט, ווען אַזויפיל אַנדערע העלדן פון יידישע שמד־דראַמעס זענען געבליבן באַזיגט און צעבראָכן פון דער משומדת׳ ליבע צום גוי׳ישן חתן, איז אַ רעטעניש. און אפשר איז דער סוד דער, וואָס אַ וואָרע לעבנס־פּאַסירונג האָט זיך געוואָלט אַנדערש פאַרענדיקן ווי אין דער ליטעראַטור? קען זיין. אָבער אַ פאַקט איז, אַז ר׳ וועלוול האָט אָפּגעראַטעוועט אַ יידישן דור. די שיער־נישט־משומדת האָט חתונה געהאַט מיט אַ זייער פרומען יונגנמאַן און איז היינט־צו־טאָג שוין צו מזל אַ פרומע יידישע באָבע פון כשרע אייניקלעך, אָבער ר׳ וועלוולס טעכטער, שיינע און געראָטענע טעכטער, האָבן זייער באַשערטן נישט געפונען. איך האָב אַמאָל, ווי אַ יונג יינגל, אונטערגעהערט, ווי משפחה־פרויען האָבן זיך געשושקעט וועגן דעם, אַז צעשטערטע ליבע איז זיך נוקם... איז דאָ נישט פאַראַן שטאָף פאַר אַ שטאַרקער דראַמע אַלאַ דיבוק?

אָבער דאָס זענען דאָך בלויז זאַכן אונטערגעהערטע. און איצט קומט דאָס אונטערגעזעענע פון ר׳ וועלוולס לײדן פון עם־הארצות. ביי זיך אין פול־װעריק־הויף האָט ר׳ וועלוול געהאַט אַלע שבת אַ מנין. אַ צוויי צענדליק ייִדן פון די אַרומיקע דערפער פלעגן זיך צונויפקומען. געדאַוונט פאַרן עמוד האָט אַלעמאָל איינער פון די ישובניקעס. ווען דאָס מנין האָט שוין געהאַלטן ביי „נשמת״, איז ר׳ וועלוול געווײנלעך ערשט פאַרטיק געוואָרן מיט די הכנות צום דאַוונען. אַזוי־אַרום איז דער עמוד געווען פריי און ישובניקעס, וואָס האָבן אַ לײדנשאַפט פירצוזאָגן, האָבן זיך צוגעכאַפּט, און גרייזן גרויסע ווי די פויסטן (אַזוי האָט ר׳ וועלוול דערציילט מיט אַ שמייכל) זענען אַרומגע־פלויגן אין קלויז. באַזונדערס חוצפּהדיק האָט געשטעלט אויף זיך איינער אַ ייִד, אַ בהמה־סוחר, מיט אַ געדיכטער, רויטער באָרד, וועמען מען האָט נאָכ־געזאָגט סיי אומגעלומפּערטע גרייזן און סיי אַ ווייטאָגלעכע אומקענטעניש פון נוסח.

ר׳ וועלוול איז געשטאַנען ביים כיור, זיך געוואַשן צום אַזויפילטן מאָל די הענט און מ׳האָט געזען אויף זיין פּנים ווי ער לײדט חבוט־הקבר פון דעם רויטן ייִדנס זאָגן און זינגען. בעל־קורא איז געווען ר׳ וועלוול אַליין. ער האָט געלייענט מייסטנס אָן דעם טראָפּ, אָבער מיט אַזאַ פּינקטלעכער אויסשפּראַך פון נקודות, ווי ער וואָלט אויסן געווען צו לערנען מיט די צוויי מנינים ייִדן אַביסל עברי אויף אַן אומדירעקטן אופן. עס איז געווען אַ נחת צו הערן, ווי אַזוי ער ניואַנסירט דעם חטף פּתח און פאַסט אויף אויף דער אויסשפּראַך פונעם שוא. עס איז געווען אַ באַזונדער פאַרגעניגן, ווייל אין די חסידישע און מתנגדישע קלויזן אין קאָלאָמיי האָט מען זיך געגוג אָנגעליטן דערפון, ווי אַזוי ייִדן, קנאַפּע לומדים און ייִדן גרויסע לומדים, האָבן סקאַליעטשעט דעם רייכן וואָקאַלן־אוצר פון לשון־קודש. מפטיר, ווו מען האָט אויסער דער ברכה נאָך געדאַרפט „זאָגן״, האָט ר׳ וועלוול אַלעמאָל גענומען זיך, אָדער זיין זון. אַז גאָט האָט געהאָלפן, אַז עס איז געקומען אַ גאַסט, וואָס קען עברי, איז ע ר, פאַרשטייט זיך, געווען דער בעל־מפטיר. האָט ר׳ וועלוול זיך נישט געקענט איינהאַלטן און מפסיק געווען אויף ייִדיש פאַרן אויפרופן: „ס׳איז דאָ וועמען צו געבן מפטיר: יעמוד הבחור החתן פלוני בן אלמוני, ער קען עברי״. אַז מיר איז איינמאָל אויסגעקומען צו זיין אין דער סיטואַציע פון אַן „עברי־קענער״, האָב איך זיך פאַרשעמט, אָבער ר׳ וועלוולס אויפריכטיקע פרייד מיט עברי האָט אָפּגעווישט אַלע בושות.

און איינמאָל... ס׳איז מן־הסתם ר׳ וועלוולען אין יענעם שבת געווען גוט אָנגעזאָלעט אויפן הארץ. ער איז געשטאַנען ביים כיור און אין אויער האָבן געגראָבלט דעם רויטן ייִדנס ווילדע גרייזן, איז ער אויך עפּעס נישט

לויט זיין שטייגער, ווילד געוואָרן, האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם האַנטוך, אים אַ שליידער געטאָן צום בעל־תּפילה און זיך צעשריגן מיט אַ גישטער:

— אַוועק, עם־הארץ, פונעם עמוד! כ׳האָב צען יאָר געטערפּעט, איך קען שוין מער נישט.

ער האָט נאָך דעם זעלבן שבת געפּועלט ביים רויטן ייִד, ער זאָל אים מוחל זיין.

ווי אַזוי זעט אויס אליהו הנביא?

איך האָב שיער נישט פאַרגעסן צו דערציילן וועגן מיין גמרא־מלמד יאָ־סעלע באַהאָראַדטשינער. מעגלעך, אַז דאָס איז בלויז אַ צופאַל, וואָס שיער־נישט־פאַרגעסן האָב איך גראָד ר׳ יאָסעלען, וואָס האָט זיין לעבנלאַנג געהאַלטן אין איין פאַרגעסן, און אפשר גאָר האָט מיין סטיליסטישער מזל באַוויזן די קונץ. קען זיין.

ר׳ יאָסעלע איז דווקא געווען אַ גרויסער בעל־זכרון. זיין מוח האָט גע־דענקט און צונויפגעפירט, ווען מ׳האָט באַדאַרפט, די פאַרבאָרגנסטע ערטער אין דער גמרא און זיך אַלעמאָל דערמאָנט פּינקטלעך די מסכתא און דעם דף. אָבער די קליינע ענינים פון טעגלעכן לעבן האָט ר׳ יאָסעלע נישט געקענט באַהאַלטן אין קאָפּ. און אָפּט זענען דאָס געווען וויכטיקע זאַכן פאַר אים און זיין משפחה. אַזוי, למשל, האָט מען דערציילט מיט חידוש און געלעכטער, אַז דער באַהאָראַדטשינער מלמד איז איינמאָל בין־הזמנים געגאַנגען זיך באַ־דינגען צו אַ חשובן באַלעבאָס וועגן אַ תלמיד און האָט פאַרגעסן, וועגן וואָס ער איז געגאַנגען. מ׳האָט גערעדט אַביסל דברי־תורה און אַביסל וועלט־זאַכן, און אַז ער דאַרף עפּעס זאָגן דעם באַלעבאָס, נאָר וו אָ ס — האָט ער נישט געדענקט. ער האָט, ווי זיין שטייגער איז געווען, גענומען בייסן די רעכטע זייט ליפּ און נאַכטראַכטעריש צופּן האָר פון דער וואָנסע, און אַז דאָס האָט נישט געהאָלפן, האָט ער נישט געהאַט קיין ברירה און אַ פרעג געטאָן מיט כלומרשטן שפּאַס:

— צוליב וואָס בין איך אייגנטלעך געקומען צו אייך, ר׳ גדליה? אפשר געדענקט איר?

דאָסמאָל האָט מען, פאַרשטייט זיך, דעם מלמד לייכט געקענט אַרויס־העלפן. און ר׳ גדליה האָט אים די הילף געגעבן מיט אַ פולן מויל געלעכטער. אָבער אַן אַנדערש מאָל, אַלע אַנדערע מאָל, ווען ר׳ יאָסעלע האָט מיט עמיצן גערעדט וועגן „פּראַקטישע ענינים״? — דאָס בלייבע תלמיד־חכם־פּנים איז אָנגעשטרענגט, די ציין בייסן די רעכטע זייט פון די ליפּן, די פינגער צופּן האָר פון דער וואָנסע — און ר׳ יאָסעלע קען זיך באַין אופן נישט דערמאָנען. סוף־כל־סוף כאַפּט ער אייך אָן, מיט אַ לייכטן זשעסט, ביים לאַץ פונעם ראָק און שמייכלט אַ פאַרשעמטער מיט התנצלות:

— עפּעס האָב איך אייך געוואָלט זאָגן, נאָר כ׳האָב פאַרגעסן!

און ער זעט דעמאָלט אויס, ר׳ יאָסעלע, ווי אַן אָרעם, הינטערשטעליק באַשעפעניש, ביי וועלכן גאָט האָט צוגענומען דאָס וואָס, להבדיל, אַפילו דער נאַרישסטער שבת־גוי פאַרמאָגט: זכרון.

וויבאַלד אָבער אַז עס קומט צו אַנדערע ענינים ווי די בין־הזמנים־שמועסן מיט די באַלעבאַטים און די איבעריקע נודנע, אַזוי־גערופענע, פּראַקטישע זאַכן, ווערט ר׳ יאָסעלע ממש אַן איבערגעביטענער. איך האָב געהאַט די געלעגנ־הייט אים צו זען ביי זיין אַרבעט אין חדר, אין ר׳ איציקל־שולכל און אויף אַ שמחה ביי מיין זיידן, און קען עד־היום נישט פאַרגעסן זיין חריפותדיקע פּקחות, זיין פאַרכאַפּנדיקן אופן פון לערנען, זיין זעלטענע פרומקייט, זיין טיפע לעבנס־פרייד, מיט וועלכער ער האָט זיך אַליין פאַרכלינעט און צוגע־געבן מיט איר צענדליקער אַנדערע מענטשן מוט צום לעבן.

איך בין אַלט געווען אַן ערך זעכצן יאָר און בין געווען אין זעקסטן קלאַס גימנאַזיע, ווען מיין טאַטע האָט מיך אַנגעדונגען צו ר׳ יאָסעלען אין חדר אַריין פאַר דריי מאָל אַ וואָך גמרא מיט תוספות. דאָס חדר האָט ר׳ יאָסעלע געהאַט אין זיין וווינונג, אין אַ קליין הייזל הינטערן פוילישן קלויסטער; און די גאַנצע דירה איז באַשטאַנען פון איין מיטל־גרויסער שטוב, וואָס איז גע־ווען צו דער זעלבער צייט אי דאָס חדר, אי די קיך, אי דאָס וווינצימער. באַ־זונדערס ענג איז געווען אין חדר דאָנערשטיק אויפדערנאַכט. די רביצין האָט דעמאָלט געבאַקן חלה אויף שבת און ברויט אויף אַ גאַנצער וואָך. דער לאַנ־גער, שמאָלער טיש, ביי וועלכן עס זענען געווען אויסגעזעצט אַן אַנדער־האַלבן צענדליק דערוואַקסענע און כמעט־דערוואַקסענע בחורים, איז געווען פּונקט אַקעגן אויוון. ס׳איז געווען הייס און פאַרנע, ווי אין אַ שוויצבאָד. דער רביצינס אָפטע אינספּעקציעס מיט דער קאָטשערע אין אויוון האָבן דער־קוטשעט און געמאַכט נערוועז, וואָרעם דאָס שאַרן מיט דער קאָטשערע האָט דערמאָנט אין שקראַבען פון מייז. אָבער ביים טיש איז געווען פריילעך. ר׳ יאָסעלע האָט פאַרטייטשט אַ שווערע גמרא, און בשעת־מעשה האָט ער גע־שוימט מיט חריפותדיקן וויץ און אַנעקדאָט, מיט לעגענדע און גלייכווערטל. יעדעס וואָרט און יעדער זאַץ האָבן ביי אים געוועקט צענדליקער אַסאָציאַ־ציעס, אים דערמאָנט אין אַ מעשה־שהיה, אין אַ משל און אין אַ מאמר חז״ל.

צווישן די תלמידים זענען, ווי געזאָגט, געווען עטלעכע סטודענטלעך, וואָס זענען אַריינגעקומען בלויז דריי מאָל אַ וואָך פאַר צוויי שעה אין טאָג און האָבן לכתחילה געוואָלט קוקן מיט אַביסל ביטול אויף דעם קליינעם פרומ־מען יידל, וואָס האָט נאָך דערצו געהאַט אַ שם פון אַן אומבאַהאָלפענעם, קאָמישן פאַרגעסער. מ׳שטעלט אים פראַגן און מ׳האָט אינזינען, אַז דאָס מלמדל זאָל „אַריינפאַלן״, זאָל אַרויסווייזן זיין גאַנצע וועלט־פרעמדקייט און

נאַרישקייט. און דאָס מלמדל ענטפערט אויף די פראַגן מיט אַזאַ וועלט־קענע־רישער זיכערקייט, מיט אַזאַ אָפענעם האַריזאַנט און מיט אַזויפיל פאַרשטענ־דעניש פאַר דער מענטשלעכער נשמה און פאַר אַלץ, וואָס ס׳קומט פאָר אין איר, אַז די סטודענטן ווערן קודם פאַרחידושט און דערנאָך שטעלן אויף זייער רבין. זיי דערציילן דערנאָך דעם אַנדערן טאָג זייערע חברים אין גימ־נאַזיע, אַז ר׳ יאָסעלע באַהאַראַדטשינער איז וויציקער, קלוגער און חריפות־דיקער אַפילו פון דעם וויציקסטן און אינטערעסאַנטסטן פּראָפעסאָר זייערן, סטאַניסלאַוו ווערבער, וואָס שמט איבער דורות גימנאַזיסטן מיט זיינע שאַרפ־זיניקע לעקציעס וועגן געשיכטע.

לאָמיך דאָס אילוסטרירן כאָטש מיט איין מעשה, וואָס ר׳ יאָסעלע האָט אונדז דערציילט. אין אַ טאָג פון אָנהייב זמן האָט אים איינער פון די גימנאַ־זיסטן פאַרטשעפעט מיט אַזאַ מין „אונטערוויילעכדיקער" שאלה:

— רבי, — האָט מיין חבר־גימנאַזיסט געפרעגט ר׳ יאָסעלען, — אליהו הנביא איז ביי אונדז, להבדיל, דאָס זעלבע, וואָס ביי די קריסטן דער הייליקער ניקאָלאַי. איז ביי זיי האָט מען אַ פאַרשטעלונג, ווי אַזוי דער היי־ליקער ניקאָלאַי זעט אויס: זיין געשטאַלט איז די געשטאַלט פון אַ גוטן זיידן. איך וואָלט וועלן וויסן, ווי אַזוי דאַרף מען זיך פאַרשטעלן דאָס אויסזען פון אליהו הנביא?

ר׳ יאָסעלע איז נישט בטל געוואָרן פאַר אָט דער „אינטעליגענטער" פראַגע. ער איז אָבער אויך נישט אַרויס פון די כלים, ווי ס׳וואָלט אפשר גע־ווען פאַסירט מיט אַן אַנדער פרומען ייִדן אויף זיין אָרט; ער האָט געענטפערט שטיל, מיט אַ שמייכל, און האָט תיכף געהאַט צו דער האַנט אַ מעשה־שהיה:

— שייגעץ, — האָט ר׳ יאָסעלע געזאָגט צום פרעגער, — לויט אונדזער תורה, איז פאַרבאָטן זיך פאַרצושטעלן. מיר קענען אויסקומען אָן בילדער און אָן געשטאַלטן. נאָר פון דעסטוועגן, עס איז דאָך נישט דער ערשטער לאָו, וואָס דו ביסט אויף אים עובר, און דו ווילסט דאָך דיר דווקא אויסמאָלן — וועל איך דיר זאָגן: פאַר דיר דאַרף אליהו הנביא אויסזען, ווי ד״ר ראָזענהעק. ביי דיר איז דאָך אַ גאַנצע זאַך אַ גלות, אַ דאָקטאָר און אַ ציוניסט. איז, אַז דו וועסט דיר אָנהייבן פאַרצושטעלן, וועט דאָס זיין די געשטאַלט פון אליהון. אַ פרומער ייִד וועט טראַכטן וועגן אליהו הנביא, ווי וועגן אַ מלאך אלהים, און אַזאַ עם־הארץ, נעבעך, ווי עס איז געווען עבער בעל־עגלה, האָט געזען אליהו הנביא אין דער צורה פון הערש לאַשיק.

און ר׳ יאָסעלע האָט גענומען דערציילן אַ מעשה־שהיה און זיך דערביי פאַררופן אויף דער עדותשאַפט פון מיין טאַטן, וואָס איז געווען איינער פון די העלדן אין דער דאָזיקער פאַסירונג.

— אַז דיין טאַטע — האָט ר׳ יאָסעלע געטייטלט אויף מיר מיט די פינ־גער — האָט געוווינט אין איסטיטשקע (אַ שטעטעלע לעבן האָראָדענקע), האָט ער זיך אַמאָל, אין אַן ערב־פּסח, אָפּגעשמועסט מיט אַ חברה לצים, אַז מ׳זאָל צום ערשטן סדר אַריינשיקן אַן אליהו הנביא צו עבער בעל־עגלה, ווייל עבער האָט געחלומט, ער זאָל אַמאָל זוכה זיין צו האָבן ביי זיך אליהו הנביא אין שטוב. ווער־זשע זאָל שפּילן די ראָלע פונעם נביא? האָט מען געפּועלט ביי אַן אַנדערן פורמאַנטשיק, מיטן צונאָמען הערש לאָשיק, אַז ער זאָל אויף זיך נעמען די דאָזיקע טרחה. אַז עבער בעל־עגלה האָט געעפנט די טיר און זיך צערעוועט: „שפוך חמתך״ — האָט זיך באַוויזן הערש לאָשיק מיט זיין רחבותדיקער פּלייצע, וואָס מען האָט אויף איר געקענט אָפּלייגן צוויי קאָרעץ תבואה אין דער ברייט, און מיט זיינע צוויי דעמבענע פיס, וואָס מען האָט אויף זיי געקענט אָנשפּאַרן אַ מויער. ער האָט זיך געגלעט די צוגעטשעפּעטע ווייסע קלאָטשע־באָרד, איז צוגעגאַנגען סטאַטעטשנע צום טיש און האָט אויס־געטרונקען דעם כוס. דערנאָך האָט ער זיך אויפגעהויבן און איז אַרויסגעלאָפן.

דעם אַנדערן טאָג ביי שחרית אין קלויז האָט עבער בעל־עגלה דער־ציילט מיט גרויס פרייד, אַז ענדלעך האָט ער זוכה געווען צו זען ביי זיך אין שטוב אליהו הנביא. אַז די חברה לצים האָבן אים מיט געמאַכטער תמימות אויסגעפרעגט, ווי אַזוי אליהו זעט אויס, איז דער בעל־עגלה אַריין אין גרויס התפּעלות: „קיין עין־הרע, אַ געזונטער ייִד אליהו הנביא! אַ ברייטע פּלייצע, ווי ביי הערש לאָשיק, און אַ פּאָר אייזערנע פיס, ווי ביי דעם זעלבן שמייסער־יונג. און ווייסט איר נאָך וואָס איך וועל אייך זאָגן, — האָט עבער פאַרזי־כערט מיט גרויס התלהבות, — ס׳פּנים ביי אליהו הנביא איז אויך אות־באות הערש לאָשיק״. און אַז די לצים האָבן אַרויסגעוויזן צופרידנקייט מיט זיין אליהו, האָט עבער גענומען זיך אַראָפּריידן פון האַרץ. „איך האָב זיך אַלע־מאָל געשראָקן, — האָט ער געזאָגט, — אַז אליהו הנביא זאָל נישט אויסזען ווי שבתי דראַנקע דער שמש. איך מיין, ער זאָל נישט זיין אַ שוואַך און דאַר ייִדל, וואָס מ׳זאָל אים קענען אַוועקבלאָזן מיטן הויך פונעם מויל. אָבער גאָט צו דאַנקען: צען זייערע ניקאָלאַיעס מעגן ביי אים די הרובע הייצן״.

אַז ייִדן זענען דעמאָלט אינדערפרי אין קלויז געבליבן לעבן און זענען נישט צעזעצט געוואָרן פאַר געלעכטער, זענען זיי, אַזוי האָט מיר דיין טאַטע איבערגעגעבן — ר׳ יאָסעלע האָט ווידעראַמאָל געטייטלט אויף מיר מיט די פינגער — געווען שטאַרקער פון אייזן, שטאַרקער פון אליהו הנביא און אַפילו שטאַרקער פון הערש לאָשיק.

מיר האָבן אַלע אַנדערהאַלבן צענדליק בחורים גענומען לאַכן מיט אַ גרויס לאַכעניש, אַזש די ווענט פון אַלע דריי צימערן — חדר, קיך און וווינ־

צימער — האָבן געציטערט. אָבער ר׳ יאָסעלע האָט אונדז גיך איינגעשטילט מיט זיין דינעם תלמיד־חכם־שמייכעלע: „וואָס טויג מיר דאָס געלעכטער? דער עיקר איז דאָך דער מוסר־השכל! און דער מוסר־השכל איז, אַז אַ סטו־דענט און ציוניסט, ווי דו, — האָט דער מלמד געוויזן מיט דער האַנט אויפן פרעגער, — זעט מן־הסתם אליהו הנביא אין דער צורה פון ד״ר ראָזענהעק, אַ פרומער ייִד טראַכט וועגן אים, ווי וועגן אַ מלאך אלהים, און עבער בעל־עגלה וויל אַן אליהו, וואָס זאָל זיין אַזוי געזונט און פויעריש, ווי הערש לאַ־שיק. און נאָך עפּעס, חברה סטודענטן, — האָט אונדז ר׳ יאָסעלע קלוג און מילד געשטעכלט ווי מיט אַ שפּילקע, — בענקען נאָך גלוי אליהו איז אַ גרוי־סע מדרגה; נייגעריק צו זיין — איז אַן ענין פאַר קינדער און בעל־עגלהס״.

אין אַ שפּעטן שבתדיקן נאָכמיטאָג, איידער מען גייט צום שלוש־סעודות, כאַפּט זיך ר׳ יאָסעלע אַריבער צו מיין זיידן אויף אַ שמועס. מען רעדט וועגן דעם, אַז עס איז היינט־צו־טאָג קריעת ים־סוף אַ שידוך צו טאָן. אַ ליאַדע בחור, וואָס קען קוים חומש מיט רש״י, מעסט זיך אָן כאַטש צוויי מאָל ת״ק (פינף הונדערט) קרוינען. און טאָמער קען ער נאָך אָנשרייבן האַלבוועגס אַ דייטשן בריוו, איז נעם און פּיל אים אָן די קעשענעס מיט רענדלעך.

— וואָס וועט טאָקע זיין דער תכלית מיט באַלעבאַטישע מיידלעך? — האָט די באָבע געקרעכצט, און פון איר קרעכצן האָט זיך אַרויסגעהערט דער צער פון אַלע משפּחה־טעכטער, וואָס זיצן און וואַרטן אויף זייער באַשערטן.

— פרעג נישט קיין איבעריקע קשיות, פּערל, — האָט דער זיידע גע־באַמקעט מיט זיינע ווייסע, לאַנגע פינגער אויפן טיש, און פון יעדן קלאַפּ מיטן פינגער האָט אָפּגעקלונגען מיט אַ טרויער, וואָס האָט ממש געריסן ביים האַרץ, — אַז ס׳וועט קומען די צייט, וועט דער רבונו של עולם צושיקן דעם רעכטן שידוך.

אַ שווערע שטימונג פון אויסגאַנגלאָזיקייט האָט געהויערט אַרום דעם דעמבענעם טיש. די קערנדלעך האָפענונג זענען אין יענעם שבת נאָכמיטאָג ערגעצווו פאַרזונקען געוואָרן אין דער באָבעס שטילער רעבעלישקייט און אין זיידנס רעזיגנירטן בטחון. ווי אַזוי ציט מען זיי אַרויס פון דער טיפעניש? ווי אַזוי וועקט מען זיי ווידער אויף צום לעבן? דערצו האָט מען געדאַרפט האָבן די דרייסטקייט צו שפּילן זיך אין חלום, ווי קינדער. ר׳ יאָסעלע האָט פאַרמאָגט אָט דעם, ביי זיינס גלייכן אַזוי זעלטענעם, קוראַזש.

ער האָט זיך אויפגעהויבן פונעם בענקל, האָט אַוועקגעזעצט סאָליד דאָס שטריימל אויפן קאָפּ און גענומען צופן, ווי זיין שטייגער איז געווען, האָר פון דער וואָנסע. מיר דאַכט זיך היינט, אַז איך האָב קלאָר געזען, ווי אַ קינדע־

רישער טרוים און אַ שטיפּערישער שמייכל ווערן געבוירן אויף זיין קיילעכ־דיקן, ביז אונטער די אויגן פאַרוואַקסענעם פּנים.

— פּערל, — האָט זיך ר׳ יאָסעלע מיטאַמאָל אָפּגערופן צו דער באָבען, — וואָס פאַר אַן איינגעמאַכטס וועט איר מיר געבן איה״ש ביי אייער ריוו־טשען אויפן פאַרשפּיל?

— איך ווייס דאָך, אַז איר האָט ליב פון יאַגדעס, — איז די באָבע מערקווירדיק־תיכף איינגעגאַנגען אויף דער קינדערשער פראַגע, ווייל דאָס שפּיל אין טרוים האָט זי, ווייזט אויס, מאַגנעטיש צו זיך אַ ציַ געטאָן.

— איינגעמאַכטס פון יאַגדעס ביי אַ פאַרשפּיל? — האָט זיך ר׳ יאָסעלע קאָקעטיש איבערגענומען.

— וועל איך אייך געבן מאַלינעס.

— וויל איך נישט!

— רויזן.

— רויזן?

ר׳ יאָסעלע האָט זיך קינדעריש איבערגעקרימט אויף נייַן. די באָבע האָט זיך דערפילט גלייך ס׳איז שוין היינט די חתונה, און זי דאַרף געבן כּיבוד פאַר אַן אָנגעלייגטן מחותן, און האָט גענומען פירלייגן פאַרשידענערליי אַנ־דערע מינים. דער זיידע איז מיטגעריסן געוואָרן פון דער מיטאַמאָל אָנגעַ־פלויגענער חתונה־שטימונג און האָט צוגעהאָלפן דער באָבען איינבעטן דעם חשובן גאַסט צו אַ לעפעלע פון דעם און יענעם סלאַי, וואָס איז ממש טעם גן־עדן.

— וואָס פאַר אַן איינגעמאַכטס האָט איר נ י ש ט? אָט דאָס וויל איך! — האָט זיך ר׳ יאָסעלע צעלאַכט שטיפעריש אויף אַ קול, און דער זיי־דע מיט דער באָבען האָבן מיטגעלאַכט פון האַרצן, נישט אַנדערש ווי צוויי קליינע שאָלטיקעס, וואָס האָבן אָקאָרשט פאַרענדיקט אַ שפּיל, וואָס האָט ביי זיי שטאַרק אויסגענומען.

און דערנאָך — אַ יאָר אָדער צוויי שפּעטער — געדענק איך אַ חתונה. טאַקע יענע פּילגעגאַרטע חתונה פון מיין מומע ריווטשע, ע״ה. ס׳איז דינס־טיק, דער טאָג, אויף וועלכן עס איז אין חומש געזאָגט געוואָרן צוויי מאָל „כּי טוב״. אין גרויסן זאָל פון ציון־פאַראיין. אין איין צימער שטריימלעך, אין אַנדערן שטערנטיכלעך און שייטלען. צווישן די שטריימלעך — די קליי־נע, קיילעכדיקע פיגור פון ר׳ יאָסעלע באַהאָראָדטשינער. ערגעץ אין אַ ווינקל כאַפּט ער מיך און נאָך צוויי משפּחה־גימנאַזיסטן. ער באַטראַכט אונדזערע מונדירן מיט די זילבערנע און גילדענע פּאַסיקעס אויפן קראַגן, און ער איז אויפגעלייגט צו שפּאַסן אויף אונדזער חשבון; ער גיט אַ צופּ, ווי זיין שטיי־

גער איז, עטלעכע האָר פון דער וואָנסע און עס ווערט אויף גיך געבוירן אַ דעפיניציע פון אַ סטודענט.

— וואָס, מיינסטו, איז אַ סטודענט? — ווענדט ער זיך צו אונדז מיט אַ שמייכעלע, און מיר שמייכלען צוריק, ווייל מיר ווייסן, אַז עס גייט עפּעס שאַרפס אויף צו לאַכן, — מען נעמט אַ געפּאַסט רעקל, מיט אַ שטייענדיקן קראַגן און אַ פּאָר געפּרעסטע הויזן און מען שטופּט זיי אַן מיט שייגעץ, ווערט דערפון אַ סטודענט.

מיר האָבן זיך — די צוויי־דריי גימנאַזיסטן — קוים געקענט אויסבאַ־האַלטן אויף יענער חתונה, אַזוי איז אונדז נאָכגעגאַנגען ר׳ יאָסעלעס וויציקע באַצייכענונג און אונדז געמאַכט צו שפּאָט צווישן אַן עדה מיט שטריימלעך, וואָס איז אכזריותדיק געווען אויפגעלייגט צו פרייד.

אכזריותדיק, אָבער נישט עקשנותדיק. נאָך די טענץ מיט דער כלה, נאָך דעם בדחנס געגראַמטע אַרויסרופעניש און נאָך עטלעכע האָפּקעס בציבור, לאָזט די שמחה נאָך. אַ מידקייט באַפאַלט דעם עולם, יונג און אַלט האָט גע־וויסן־פלאָגעניש: ס׳טייטש, אַזוי איז מען דאָס משמח חתן־כלה? יעדער האָט תרעומות צו זיך און צו אַנדערע, און אַלע טרייסטן זיך: נישטאָ קיין כוח! און עס איז ווייניקער אַ פיזישע מידקייט, ווי די פאַרצרהדיקייט, וואָס דער־וועקט זיך ערגעצוווּ ביי יעדן און האַקט־אָפּ די פליגלען ביי דער פרייד.

דעמאָלט שווימט אַרויס פון ערגעץ אַ ווינקל ר׳ יאָסעלע באַהאָראַד־טשינער. דאָס גרויסע שטריימל פאַררוקט אויפן שטערן, אין דער האַנט אַ פלעשל בראַנפן, איין עק זשופּיצע פאַרשטעקט אין גאַרטל, — ר׳ יאָסעלע גייט אַ טאַנץ פון אָנהאַלטן די פרייד ביי ייִדן, פון אויסציִען די שמחה פאַר חתן־כלה. ער דאַרף נישט קיין מוזיק, ער זינגט זיך אַליין צו. ער האַלט אין איין איבערחזרן די זעלביקע פיר פערזן פון אַ ליד, אָבער פון די שירות רייסט זיך אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער דאָס פייער פון התלהבות און פון פרייד:

אָדער דעם לעקעך, אָדער דעם פלאָדן,
אָדער די פענצטער, אָדער די לאָדן,
אַזוי וועט מען זינגען דער מאַמען, אַזוי, —
אַזוי וועט מען זינגען דער מאַמען, אַזוי!

דער פלאַם כאַפּט אַרום קודם עטלעכע, וואָס נעמען זיך טאַנצן, יעדער פאַר זיך, ביחידות. די איבעריקע קוקן דערווייל צו. די צאָל פון די איינצלנע טענצערס ווערט אַלץ גרעסער, ביז אין אַרום אַ שעה באַוועגט זיך איבערן זאַל אַ כוואַליע פון שטריימלעך, וואָס טאַנצן יעדער פאַר זיך, אָן מוזיק, און

נאָר מיטן כוח פון ר׳ יאָסעלעס פון דרויסן מאָנאָטאָנע, אָבער אינעווייניק ברענענדיקע פיר שורות.

— ווו נעמט ער כוח, ר׳ יאָסעלע? — פרעגט מען. — ער טאַנצט דאָך שוין אַזוי שענהנווייז!

— וואָס הייסט ווו ער נעמט כוח? — ענטפערט פנחס שפּאַניעמאַכער, ווי זיין שטייגער איז, האַלב אין ערנסט און האַלב אין שפּאַס. — ער איז דאָך משמח אַן עדה ייִדן! ווו האָבן גענומען כוח אַלע ייִדישע שליחי־ציבור, וואָס האָבן געטאָן זייער עבודה מיט מסירת־נפש?

לייביש ליסיצער — דער איוב פון יידישקייט-צרות

די טרעפעגישן, וואָס האָבן זיך געטראָפן מיט ר׳ לייבוש ליסיצער, זע־בען ווערט, אַז מען זאָל זיי פאַרשרייבן אין אַ מעשה־ביכל — אַזוי האָב איך נישט איינמאָל געהערט זאָגן ביי מיין זיידן אין שטוב. און די זאָגערס זענען געווען אויף אַלע הונדערט פּראָצענט גערעכט. נאָך עד־היום, ווען עס שווי־מען־אַרויף אין מיין זכרון די פּאַסירונגען פון ר׳ לייבושעס לעבן, אַזוי ווי איך האָב זיי געהערט דערציילן אין מיינע יינגל־יאָרן, קען איך זיך נישט באַ־פרייען פון געדאַנק, אַז זיי זענען טאַקע נישט אַנדערש ווי אויסגעטראַכט. וואָ־רעם אַזוי אומגעווייגלעך זענען געווען די געשעענישן, אַזוי נישט אין הסכם מיטן פרומען יידישן לעבנסשטייגער און אַזוי נישט אין איינקלאַנג מיטן פרו־מען בעל־דבר אַליין.

ווען איך האָב געקענט ר׳ לייבושן, איז ער שוין געווען אַ ייד איבער די פופציק, און די מאָדנע פּאַסירונגען פון זיין לעבן האָבן שוין באַלאַנגט צו דער פאַרגאַנגענהייט. ער האָט דעמאָלט ווי פריער געהאַלטן די פּראָפּינאַציע (מלוכה־קאָנצעסיע פאַר אויסשליסלעכן פאַרקויף פון בראַנפן) אין שטעטל לי־סיץ און פלעגט יעדע עטלעכע וואָכן קומען צו פאָרן קיין קאַלאָמיי, ווו עס האָבן געוווינט זיין אַלטע מוטער און אַ יינגערער ברודער. די באָבע מיינע, ע״ה, וואָס איז געווען ר׳ לייבושעס אַ נאָענטע קרובה און איז געווען פאַרקאָכט אין יחוס, האָב ליב געהאַט צו דערמאָנען, אַז איר קרוב איז ר׳ שואל אהרן ליסיצערס אַ לייבלעך אייניקל. און ר׳ שואל אַהרן? ר׳ שואל אַהרן איז גע־ווען אַ סך יאָרן רב אין ליסיץ אָן שכירות, איז געווען אַ זעלטענער ירא־שמים און אַ גרויסער למדן, און דערעיקרשט: ער האָט איבערגעלאָזט אַ צוואה, וואָס האָט מער ווי אַ האַלבן יאָרהונדערט געהאַלטן אין שרעק די משפּחה־ווייבער און נישט אויסגעזאָגטערהייט אויף אַ היפּשן טייל פון די מאַנצבילן.

אין אַן עת־צרה — האָט ר׳ שואל אַהרן אָנגעזאָגט אויפן טויטן־בעט — זאָלן משפחה־קינדער קומען אויף זיין קבר בעטן הילף. און עס וועט זיין, אויב זיי וועלן קענען צוקומען אַהין אָן שום שטערענישן, וועט מען בלי שום ספק געהאָלפן ווערן. טאָמער אָבער וועלן זיך מאַכן מכשולים... און דאָ גיט איבער די פאַמיליע־טראַדיציע, אַז דער גוסס האָט נישט געהאַט מער קיין בוח צו פאַרענדיקן זיינע ווערטער. ער האָט בלויז אַ שווערן מאַך געטאָן מיט דער האַנט אויף ניין און איז נפטר געוואָרן.

אויף ווי ווייט מען האָט געקענט, האָט מען זיך טאַקע אָפּגעהאַלטן פון צו גיין אויף ר׳ שואל אַהרנס קבר. מען האָט זיך געשראָקן פאַר שטערענישן, אָבער אַז מענדל סאַדאַגערערס ווייב האָט באַקומען קימפעט־פיבער און דאָק־טוירים האָבן איר אָפּגעזאָגט ס׳לעבן, האָט זיך דער קראַנקערס עלטסטע מיידל אינאיינעם מיט אַ מומע אַוועקגעלאָזט מיט פערד־און־וואָגן פון סאַדאַגערע איבער טשערנאָוויץ און קאָלאָמיי און איבער סטאַניסלאַוו קיין ליסיץ אויפן בית־עולם. ביז נאָך קאָלאָמיי איז דער דרויסן געווען אַ שיינער און דער וועג אַ גוטער. דערנאָך האָט גענומען גיין אַ לאַנד־רעגן, דער וועג איז קאַליע געוואָרן און ביים אַריינפאָר קיין סטאַניסלאַוו האָט זיך צעבראָכן אַן אַקס ביים וואָגן. מענדל סאַדאַגערערס טאָכטער און שוועגערין האָבן תיכף פאַר־שטאַנען דעם צייכן, וואָס איז זיי געגעבן געוואָרן און האָבן זיך יאָמערלעך צעוויינט. זיי זענען שוין ווייטער נישט געפאָרן. זיי זענען פאַרבליבן אין אַ סטאַניסלאַווער אכסניה און זיך געזעצט שבעה... און פונקט אין דער זעל־בער שעה — האָט מיין באָבע געוויינלעך פאַרענדיקט צו דערציילן די מעשה — האָט די קימפעטאָרין אין סאַדאַגערע געלאָזט די נשמה.

ר׳ לייבוש ליסיצער האָט נישט ליב געהאַט צו הערן דערציילן וועגן זיין זיידעס צוואה. איך געדענק אים זיצן אין איינעם אַ טאָג ביי מיין זיידן אין שטוב. ער איז אַ הויכער, אַ באַלייבטער, און זיין קיילעכדיק, גרויס פנים גלאַנצט מיט פריילעכקייט און מיט קלוגשאַפט. ער רעדט גיך און אַ סך און שפּיציק און גיט אָפּט אַ זאָג אַ ווערטל, פון וועלכן מען ווייסט נישט, צי עס איז פונעם פאָלקס מויל, צי גאָר ער אַליין האָט עס גראָד איצט באַשאַפן. איי־נער אַ שפּיציקער פּאַראַדאָקס זיינער איז מיר עד־היום פאַרבליבן אין זכרון און רוימט מיר איין אין אויער מיט ממזרישער ראַפינירטקייט, אַז איך זאָל נישט נתפעל ווערן פאַר וויפל מען לערנט, נאָר זאָל אַלעמאָל קוקן, ווער ס׳איז דער לערנער.

— וואָס האַלטסטו אין איין לערנען? — רופט זיך אָפּ ר׳ לייבוש צו אַ בן־בית אונדזערן, וואָס איז געווען אַ סך, אַ סך מער מתמיד ווי חריף. — אַז דו וועסט אַזויפיל לערנען, וועסטו דאָך קיין צייט נישט האָבן צו קענען!

נאָר אָט איז געקומען די רייד וועגן דער מעשה מיט ר׳ שואל אהרנס קבר. די באָבע צעפירט זיך די הענט. ר׳ לייבוש שטעלט אָפּ די דערציילערין מיט אַ שפּאָטיש שמייכעלע, וואָס ס׳קוקט פון אים אַפיר (צי דאַכט זיך מיר דאָס בלויז היינט?) קוים באַהאַלטענע שרעק.

— גיי שוין, גיי, פערל, ס׳איז אַ ווייבערישע מעשה. ס׳איז אַן אויס־טראַכטעניש פון דיין מומע טויבע. איך האָב קיינמאָל נישט געהערט קיין שום מאַנצביל אין דער משפּחה דערציילן וועגן אַזאַ מין צוואה.

אָבער די באָבע איז ר׳ לייבושן נישט שולדיק געבליבן קיין ענטפער. זי האָט זיך נישט געוואָלט שיידן מיט דעם זיסן פּחד פון ר׳ שואל אהרנס אָנזאָגענישן. פאַר איר איז די אומפאַרמיידלעכקייט, וואָס האָט זיך צו איר אַנטפּלעקט דורכן צייכן פון אַ געבראָכענער אַקס ביים וואָגן דעמאָלט ביים אַריינפאָר קיין סטאַניסלאַוו, געווען טיפער טרייסט אין איר טרויער נאָך דער יונג־פאַרשטאָרבענער מאַמע און פאַר איר זענען די זעונג און דער חלום פון אַ געלונגענעם צופאַר צום ליסיצער בית־עולם געווען אַ פאַנצער קעגן צרות, וואָס קענען קומען.

— וואָס מיינסטו, לייבוש? אַז מען שטעלט נישט איין, נעמט מען טאַקע נישט אַרויס!

און אַז ר׳ לייבוש איז אַוועקגעפאָרן, האָב איך געהערט די באָבע שוין ריידן אָפן און מיטן פולן מויל, אַז זי פאַרשטייט נישט, ווי אַזוי לייבוש האָט דעמאָלט, ווען ס׳האָט אים געטראָפן די גרויסע צרה, אַפילו נישט געפּרוווט גיין אויפן בית־עולם. ער האָט נישט געהאַט קיין אמונה אין די רייד פון אַ צדיק — האָט די באָבע אַ באַליידיקטע פון איר קרובס אומגלייבן געטענהט מיט הארץ.

דער זיידע אָבער האָט קיינמאָל נישט דערלאָזט זאָגן אַ שלעכט וואָרט אויפן קרוב. „ווער ווייסט, — האָט דער זיידע אין אַזאַ פאַל תמימותדיק אַקרעכץ געטאָן, — פאַר וועמעס זינד לייבוש איז אָפּגעקומען?! לייבוש אַליין איז אַן ערלעכער און אַ העכסט־פרומער יִיד, אַ יִיד מיט מסירת־ נפש. וויפל האָט געפעלט, ער זאָל, חלילה, גיין פון דער וועלט, ווייל ער האָט געוואָלט היטן אַן עיקר־מצווה, לפנים משורת הדין?״

ס׳איז טאַקע געווען אַ טרעפעניש, וואָס טרעפט זיך איינמאָל אין אַ יובל, און איז ווערט, מען זאָל עס דערציילן; אָבער קודם בין איך שולדיק דעם לייענער די מעשה מיט דער שרעקלעכער פאַסירונג, וואָס אויף איר האָב איך שוין פריִער אָנגעוווּנקען.

די מעשה וואָלט געווען אַ באַנאַלער גט־סקאַנדאַל, ווען זי פאַסירט נישט ביי אַזאַ פרומען יִיד, ווי ר׳ לייבוש. זי וואָלט געווען איינע פון טויזנט מאַן־און ווייב־געשיכטעס, ווען זי טרעפט מיט אַ טאָכטער זיינער. ביי ר׳ לייבושן אָבער איז געשען אַזוינס וואָס איז, דאַכט זיך, נאָך נישט פאַרגעקומען. ער — אַ יִיד מיט באָרד און פאות און אַ חסיד; זי — אַ פרומע יִידישע טאָכטער אין אַ שייטל. זיי זענען פאַרהייראַט היפּשע עטלעכע יאָר און האָבן דריי קינדער. זיי האַלטן די פּראָפּינאַציע אין שטעטל און פירן אַ ברייטע און רייכע שטוב.

פרום, רייך און קינדער זענען אָבער אין דעם כמעט איין־און־איינציקן

פֿאַל נישט געווען קיין שמירה. אין איינעם אַ שיינעם טאָג רופֿט זיך אָפּ דאָס פֿרומע ווייבל אין אַ שייטל צו איר פֿרומען מאַן מיט באָרד און פּאות, אַז זי פֿאַרלאָזט דאָס הויז, ווייל זי איז פֿאַרליבט אין אַ גויִשן אָפֿיציר פֿון דער קאַוואַלעריע. עס האָבן נישט געהאָלפֿן נישט קיין גוטע און נישט קיין שלעכטע רייד. טאַטע־מאַמע האָבן געקלאָגט און געוויינט און זענען צוריקגעפֿאָרן אַהיים מיט גאָרנישט. יונגע חברטאָרינס און אַלטע קרובהס האָבן זיך משתדל געווען. אַלץ איז געווען אומזיסט. אַ לאַנגער און רחבותדיקער וואָגן איז פֿאָרגעפֿאָרן צו ר׳ לייבושעס הויז און טרעגערס האָבן גענומען אויפֿלאָדן דעם ווייבס זאַכן. דער קאַוואַלעריע־אָפֿיציר איז געשטאַנען און אַכטונג געגעבן, מען זאָל אים נישט אָפּנאַרן. די שטאָט איז געווען אויף די פֿיס, האָט פֿאַרשאָלטן דער משומדת׳ס געביין און אַרויסגעקוקט מיט שרעק און נייגעריקייט, וואָס וועט געשען מיט די קינדער. פֿון די דריי קינדער זענען די עלטערע צוויי פֿאַרבליבן ביי ר׳ לייבושן.

דערנאָך וויקלט זיך אַלץ אָפּ נאָרמאַל און פּינקטלעך, ווי אין שמר׳ס אַ קלאַסישן ראָמאַן. דאָס אַנטלאָפֿענע ווייב שמדט זיך, האָט חתונה מיטן אָפֿיציר און באַזעצט זיך אין סטאַניסלאַוו. עטלעכע יאָר שפּעטער ווערט דעם אָפֿיציר נמאס די ייִדישקע און ער פֿאַרלאָזט זי. די משומדת בלייבט איבער אין גרויס אָרעמקייט און אויף לייטיש געלעכטער. און ביי מיין זיידן אין שטוב הער איך דערציילן, אַז זי וואַשט די פֿענצטער ביי ייִדן און נעמט אַראָפּ די לייכטער אום שבת פֿאַר אַ שטיקל קוילעטש. און נאָך הער איך זאָגן עפּעס אַזוינס, וואָס נעמט מיטאַמאָל צו דאָס שונדיש־אָפּערעטישע פֿון דער משומדת־געשטאַלט און מאַכט זי פֿאַר אַ טראַגישער פֿיגור מיט שטאַרק־פּאַטעטישע אַקצענטן פֿון זעלבסט־מוסר און פֿון זעלבסט־פּייניקונג. די משומדת האָט, כאָטש זי האָט געוואַלטיק חרטה געהאַט אויפֿן שמד און אויף אַלץ, וואָס זי האָט אָפּגעטאָן, פֿאַר קיין שום פֿאַל נישט געוואָלט אויסקומען, ווייל זי האָט אויף זיך אַרויפֿגעלייגט אַ שטראָף פֿון אָרעמקייט, גויִשקייט און דינען ביי ייִדן.

איך ווייס נישט, אויף ווי ווייט די מעשה מיט דער שטראָף, וואָס די משומדת האָט אויף זיך גענומען, האָט געהאַט אַ רעאַלן גרונט, אָבער איך געדענק, ווי אַלע ביי מיין זיידן אין שטוב האָבן זיך אָנגעכאַפּט אין דער געשיכטע און אין איר געגלייבט מיט באַגייסטערונג. היינט איז מיר קלאָר, אַז דער זיידע און די באָבע, די פֿעטערס און מומעס האָבן דעמאָלט מיט זייער גלייבן אין דער זעלבסט־שטראָף־מעשה אויסגעדריקט זייער ליידנשאַפֿטלעכע בענקשאַפֿט נאָך טראַגישן פּאַטאָס און נאָך ייִדישן העראָיִזם אין לעבן. זייער בענקשאַפֿט האָט באַלויכטן מיט אַ העכערן עטישן זין דאָס מיזערנע, צעבראָ־

בענע לעבן פון דער משומדת און ז י, וואָס איז געווען אַ קרבן פון שונ־דישער ליבע, כאָטש אָפּגעראַטעוועט פון שונדישער מעלאָדראַמע־חרטה.

די טרויעריקע פּאַסירונג מיט ר׳ לייבוש ליסיצערס ווייב, וואָס איז פאַר־געקומען ערגעץ אין די אַכציקער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט, איז נאָך אין מיין גימנאַזיסטן־צייט ערב דער ערשטער וועלט־מלחמה נישט געוואָרן אויס טעמע פאַר משפּחה־געשפּרעכן. זי איז געבליבן פרישער, לעבעדיקער און אָפּט זייער ווייטאָגלעכער געשפּרעך־שטאָף צוליב דער משומדת׳ס בן־יחיד, וואָס איז געוואַקסן ביי ר׳ לייבושעס אַלטער מוטער אין קאָלאָמיי. שואל אהרן — אַ נאָמען נאָכן ליסיצער רב ר׳ שואל אהרן — האָט געירשנט פון זיין מאַמען איר ברוויזיקע לײדנשאַפט און איר האַרטע עקשנות. ער האָט זיך פון קינדוויז אָן געשעמט מיט זיין אָפּשטאַם און האָט געהאַט עפּעס אַ סאַ־דיסטישן פאַרלאַנג צו טאָן שלעכטס יידן. ער איז געווען גלייכגילטיק צו זיין פאָטער, ער האָט געמיטן די קרובים און זיך אויך קיינמאָל נישט נאָכגע־פרעגט נאָך זיין מוטער. ער האָט זיך געגרייט צו ווערן אָפיציר און איז נישט מיד געווען גאַנצענע טעג צו מאַכן „אָפיצערסקע שטיק״ צום גרויסן פאַר־דראָס פון זיין אַלטער באָבע, וואָס האָט אויף אים געקוקט ווי אויף אַ משו־גענעם מיט בייזע געבליטן פון אַ משומד.

עס האָבן נישט געהאָלפן ר׳ לייבושעס באַמיִונגען צו דערהאַלטן דעם בן־יחיד ביי יידישקייט. פאַרענדיקט די גימנאַזיע, איז דער בחור ערגעצוווּ פאַרפאַלן געוואָרן, האָט זיך געשמדט און מיט יאָרן שפּעטער געלאָזט וויסן, אַז ער איז אַן אַקטיווער אָפיציר ביי אַ ווינער רעגימענט. אַ גוי, אַן אָפיציר, אָבער אין האַרצן, זעט אויס, מיט אַן אומגעשטילטער אומרויִקייט. דער משומד האָט געבענקט צוריק. אפשר איז דאָס געווען בלויז אַ פאַרלאַנג אָנ־צוקניפּן צוריק משפּחה־פעדעם. עס קען אָבער אויך זיין, אַז דאָס געפיל פון בענקשאַפט איז געווען אַ סך טיפער און עס האָט געוואָרצלט אין יענעם „פינטעלע ייד, וואָס מוטשעט זיך״ און מוטשעט אַנדערע „און ווערט קיינ־מאָל נישט מיד״.

איך האָב בייגעווויִנט אַ סצענע, ווען עס האָט זיך שטורמיש מאַניפעס־טירט די בענקשאַפט צוריק ביי ר׳ לייבושעס געשמדטן זון. עס איז געווען דאָס ערשטע און איינציקע מאָל, ווען איך האָב דעם משומד געזען אויף דער וואָר. עס האָט געמוזט זיין אין זומער 1909 אָדער 1910. אין דעם דאָרף, ווו מיין טאַטע האָט געוווינט און ווו איך האָב פאַרבראַכט מיין זומער־וואַ־קאַציע, זענען אָפּגעהאַלטן געוואָרן מיליטערישע מאַנעווורעס. ווו אַ פויערשע כאַטע זענען געווען איינקוואַרטירט זעלנער און ווו אַ יידישע שטוב האָבן געוווינט אָפיצירן און עס איז געווען אַן אימפּראָוויזירטער רעסטאָראַן. זיצן

אַזוי אַן אויפדערנאַכט אינאײנעם אָפּיצירן ביי מײן טאַטן אויפן גאַניק און טרינקען ביר, זינגען לידער און האָרעווען זיך צוביסלעך אַרײן אין אַ פּאַר־שײטער פריילעכקייט. צווישן דער חברה אָפּיצירן איז פאַראַן אײנער מיט אַ גרויס, קײלעכדיק פּנים, וואָס כאַפּט ערגעצוווּ דעם אָנבליק פון אַ ייִדישער צורה. ער איז, דאַכט זיך, פרײלעכער פון אַלעמען. ער לאַכט און ער זינגט ליאַרעמדיק, און דאָס קול זײנס ווערט אַלץ חרובער און חרובער. אין דער סאַמע מיט פון זײן פרײלעכקייט כאַפּט דער אָפּיציר אַלעמאָל אַ פאַרגנבעטן בליק אויף מײן טאַטן און מיטאַמאָל אַ געשריי מיט שיכורער חוצפּה אויף ייִדיש:

— איציק, וואָס טוסטו?

מײן פאָטער ווערט בלײך פאַר כעס און מען זעט באַשײמפּערלעך, אַז ער טראַכט נאָך, ווי אַזוי צו רעאַגירן אויף דעם גויס אַנטיסעמיטישן אויס־ברוך. אָבער אײדער וואָס ווען, איז שוין געקומען דער המשך און אויף דײטש:

— איך מעכטע אינען וואָס זאָגען, הער ביקל (כ׳וואָלט אײך עפּעס גע־וואָלט זאָגן, הער ביקל).

און... אין אַ ווינקל אויפן גאַניק אין אַן אויסגעשטערנטער זומער־נאַכט קומט פאָר אַ דערקענונג־סצענע, אַן ענלעכע צו די פיל מעלאָדראַמאַטישע סצענעס, וואָס איך האָב דערנאָך נישט אײנמאָל געזען אין ייִדישן טעאַטער. דער מיטלוווקסיקער, האַלב־שיכורער אָפּיציר האָט פאַרטרויט מײן טאַטן, אַז ער איז ר׳ לייבושעס געשמדטער זון און אַז „ישראליק בענקט אַהײם". ער האָט די באַגעגעניש געבעטן האַלטן בסוד און פאַרזיכערט מיט טעאַטראַ־לישע זשעסטן, אַז ער איז געבליבן אַ ייִד אין האַרצן און אַז ער וועט נישט שטאַרבן ביז ער וועט זיך נישט אומקערן צוריק צו ייִדישקייט.

נו, ער האָט זײן וואָרט, הגם ער איז אין יענער נאַכט געווען צו שיכור־מעלאָדראַמאַטיש, מען זאָל אים געווען קענען גלייבן, טאַקע געהאַלטן. דער וואָס טראָגט אַ נאָמען נאָכן ליסיצער רב ר׳ שואל אהרן איז הײנט אַלט אַן ערך זעכציק יאָר און לעבט אין ווין. ער האָט דאָרט, אין היטלעריסטישן גיהנום, זיכער די אײנציקע טיפּע סאַטיספאַקציע, וואָס ער איז נישט קײן „קריסטלעכער יודע", וואָס דאָס העלפט הײנט צו גאָרנישט, נאָר ער איז ווי־דער אַ ייִדישער ייִד.

ווען איך האָב אין 1921 שוין ווי אַ טשערנאָוויצער סטודענט, באַזוכט קאָלאָמײ און בין ווידער געזעסן, ווי אַמאָל מיט יאָרן צוריק, מיט מײן זיידן און באָבען אין פעדערשטוב ביים דעמבענעם טיש, איז דער געשפּרעך ער־געצוווּ אַרויסגעשווומען אויף דער שרעקלעכער פּאַסירונג אין ר׳ לײ־בוש ליסיצערס לעבן. די באָבע מײנע האָט נאָך אַלץ געהאַלטן, אַז ר׳ לײבוש

האָט דעמאָלט מיט פּערציק יאָר צוריק געדאַרפט ריזיקירן אַ גאַנג צו ר׳ שואל אַהרנס קבר. ווער ווייס, אפשר וואָלט ער זיך געווען דערשלאָגן. אָבער נישט דער באָבעס אויסגעהאַלטנקייט אין דעם פּרט האָט מיך דעמאָלט אימפּרע־סיאָנירט. ס׳האָט אויף מיר געמאַכט אַ רושם און גייט מיר נאָך עד־היום נאָך דער באָבעס זיכערקייט, אַז דאָס וואָס לייבושעס מיידל איז ב״ה געבליבן אַ פֿיינע און צנועהדיקע יידישע טאָכטער און דער זון, דער משומד, האָט זיך אויך אומגעקערט צו יידישקייט, דאָס האָט מען צו פֿאַרדאַנקען ר׳ שואל אַהרנען ז״ל.

די משומדת — האָט מיין באָבע געוווסט צו דערציילן — האָט זיך דערשלאָגן צו ר׳ שואל אַהרנס קבר און האָט ביי אים אויסגעפּועלט, אַז אי־רע קינדער זאָלן בלייבן יידן.

דער זיידע האָט, ווי זיין שטייגער איז געווען, מילד און תמימותדיק פּראָטעסטירט. ער האָט זיך געהאַלטן ביי זיינס, אַז לייבוש אַליין האָט זיך דעם זכות פֿאַרדינט מיט זיינע אייגענע מצוות און מידות טובות און ער האָט ווידער דערמאָנט יענע מצווה, וואָס ר׳ לייבוש האָט זיך פֿאַר איר ממש מוסר־נפש געווען. און דער זיידע האָט מיר דערציילט די מעשה־שהיה, וואָס איז מיר ביז דעמאָלט נישט געווען באַקאַנט מיט אַלע פּרטים, ווייל כ׳האָב זיך געשעמט איבערצופרעגן:

ר׳ לייבוש איז געווען אַ יונגערמאַן ביי די דרייסיק, ווען אַ באַקאַנטער האָט אים אין מרחץ אין שפּאַס אַ זאָג געטאָן, אַז ער איז נישט קיין ייד. ר׳ לייבוש האָט דעם זאָג געצומען ערנסט. ער האָט די זאַך חוקר ודורש געווען און אויסגעפונען, אַז דער ייד איז גערעכט. ער האָט געפרעגט אַ שאלה ביי זכריה דיין, און זכריה, הגם ער איז געווען אַ מחמיר, האָט געפּסקנט, אַז ר׳ לייבושעס מוהל איז טאַקע געווען אַ פּאַרטאַטש שבפּאַרטאַטש, נאָר אַזוי ווי עס איז פּקוח נפש, איז ר׳ לייבוש פּטור. לייבוש איז אָבער נישט געווען פֿון די יידן, וואָס זאָגן זיך אַזוי לייכט אָפּ פֿון אַ מצווה צוליב סכנת־נפשות. ער האָט געלאָזט דורכפֿירן די אָפּעראַציע און האָט געשוועבט עטלעכע טעג צווישן לעבן און טויט. אַז זכריה דיין — האָט דער זיידע געזאָגט — האָט דערפֿון געהערט, איז ער פֿאַרגאַנגען אין מתיקות: אַ טייערער ייד, לייבוש! אַזוי דאַרף צו זיין. אַ ייד דאַרף פֿאַרמאָגן דאָס פֿייער פֿון מסירת־נפש!

איך האָב זיך דאָ אין ניו־יאָרק באַגעגנט מיט ר׳ שואל אַהרן ליסיצערס אַן אוראייניקל. מיר האָבן, ווי געוויינלעך, געכאַפּט אַ שמועס וועגן פֿאַרגאַנ־גענע זאַכן פֿון בשותּפֿותער משפּחה. דערעיקרשט האָבן מיר נישט איינמאָל דערמאָנט מיט וואַרעמקייט און ליבשאַפֿט ר׳ לייבוש ליסיצער, וואָס איז אין

פרט פון ייִדישקייט־צרות געווען אַ מין איוב. מיר האָבןביידע אויסגעדריקט אונדזער צופרידנקייט, וואָס די „שרעקלעכע פּאַסירונג" האָט זיך ב"ה געענדיקט ווי אַלע ייִדישע געשיכטעס, און אויך די איוב־געשיכטע — מיט אַ „העפּי־ענד".

ר' לייבוש האָט געזען אַלע זיינע קינדער פאַרבלייבן ביי ייִדישקייט און אויך זיינע קינדס־קינדער. און ר' לייבוש איז געשטאָרבן צוריק מיט עטלעכע יאָר, קרוב צו די ניינציק אַלט און זאַט אין טעג.

פ ר ו י ע ן...

I. די וווילקענעוודיקע גבירנטע

וואָס שיטערער עס ווערן די רייען פון די מענער־געשטאַלטן, וואָס וואַרטן אויף באַשרייבונג, אַלץ אָנזעעוודיקער ווערן אין מיין געדעכעניש אויך די פרויען־פיגורן.

איינס נאָך איינס קומען זיי אַרויס פון די טונקעלע פאַרגעסלעכקייט־ווינקלען און שטעלן זיך אַוועק פאַר מיר לעבעדיק און קלאָר אין שיין פון דערמאָנונג. אָט גייט רבקהלע פרידמאַן, די שטאָלצע קאָלאָמייער חברטע פון „מירעלע אפרת". זי איז אַ הויכע און האַלט תמיד שפּיציק פאַרשנעבלט ס'מויל — אַזוי, אַז ס'זעט אויס ווי פאַרמאַכט אויף אַ שלעסל. אויף דער אויבערליפּ — שוואַרצער פּוך און אויפן קאָפּ אַ שוואַרץ שייטל. אויף ביידע זייטן שייטל — צוויי ווייסע טאַשמעס האָר ווי איינגעוועבט. אין אָט די צוויי ווייסע פּאַסן האָר און אין דעם בלענדנדיק־ווייסן גוידער מיט דריי דינע איידעלע קנייטשן, ווי דריי נידעריקע עטאַזשן, ליגט רבקהלעס מענערשע תקיפות, וואָס רופט אַרויס אַזויפיל אָפּשיי און דרך־ארץ ביי אייגענע און פרעמדע. רבקהלע איז אַ פרוי פון קנאַפּע זעכציק יאָר און איז, ב"ה, צום אונטערשיד פון גאָרדינס „מירעלע", נישט קיין אלמנה. איר מאַן יחיאל אָשר לעבט, אָבער ער האָט ווייניק וואָס צו זאָגן אין זיין אייגענעם גרויסן תבואה־מסחר און האָט אויך אַ קליינע דעה וואָס שייך די עטלעכע קאַמעניצעס אין שטאָט, וואָס ברענגען אַריין אַ היפּש ביסל דירה־געלט. און שידוכים געטאָן מיט די עלטערע פיר זין האָט אויך נישט יחיאל אָשר, נאָר רבקהלע. און מיט דעם פינפטן, וואָס איז אַ בעל־מום פון קינדוויז אָן און קען נישט שטיין אויף די אייגענע פיס, איז אויך ז י און נישט ע ר געפאָרן קיין ווין צו פּראָפעסאָרן און אים דערנאָך פאַרזאָרגט מיט אַ ווענעלע און אַ מענטש, וואָס פירט אים האַלבענע טעג שפּאַצירן. און די דאגות פאַר די צוויי יינגסטע, וואָס זענען מיינע חברים און גייען מיט מיר אין חדר אַריין צו דעם זעלביקן מלמד, טראָגט אויך די מאַמע און נישט דער טאַטע.

חומש מיט רש"י פאַרהערט רבקהלע אַליין. זי שטעלט דווקא שבת־אויבס נאָך איידער דער מלמד מיט די יינגלעך נעמען באַווייזן פאַר איר דאָס בקיאות אין דער סדרה. אָבער ס'וועט קיינעם נישט איינפאַלן אָנצורירן עפּעס פונעם טעלער, אַזוי לאַנג רבקהלע האָט נישט אויפגעשלאָסן איר מויל מיט אַ

שמייכל. זי זיצט אויפֿן ווייכן פּאָטערשטול און הערט זיך איין. און טאָמער איז איר אַ זאָגעכץ נישט געפֿעלן געוואָרן, אָדער דער רבי כאַפּט אויס ביי די תּלמידים דעם טייטש, גיט רבקהלע אַ פֿאַרכריפּעטן, איידעלן הוסט, און דער הוסט דרינגט אַריין דעם מלמד און די קינדער אין האַרץ אַריין, ווי אַ באַפֿעל און ווי אַ וואָרנונג. קיין תּלמידי־חכמים זענען רבקהלעס זין קיינמאָל נישט געווען, און איינער פֿון די צוויי ייִנגסטע, אייזיקל, האָט אַפֿילו אונטערגעהונ־קען ביי אַ גלאַטיקער פּרשה חומש. עפּעס אַ לץ האָט אַמאָל אַרויסבאַקומען ביי אייזיקלען, אַז ער קען אַלעמאָל גוט די סדרה, און אַז נאָר ביים פֿאַרהערן צעפּלאָנטערט אים דער מאַמעס בליק די פּסוקים אין קאָפּ. מ׳האָט באמת נישט געדאַרפֿט קיין סך פֿאַנטאַזיע, כּדי זיך אויסצומאָלן אַ בילדל, ווי דער מלמד קומט אַ האַפּערדיקער פֿאַרהערן רבקהלעס מיזיניק. ער ווייס, אַז איי־זיקל איז צוגעגרייט על צד היותר טוב, און פּלוצים כאַפּט דאָס ייִנגל אַ קוק אויף דער שטרענגער מאַמען, און עס פֿאַרמישן זיך אים אין קאָפּ די פּסוקים פֿון די ווינטערדיקע מיט די זומערדיקע סדרהס.

איך בין זיכער, אַז פֿון אָט דעם בילדל, וואָס עס איז זיך געווען לייכט אויסצומאָלן, נעמט זיך דאָס דער אַנעקדאָט, וואָס האָט מיין חבר אייזיקל גע־מאַכט צו שאַנד און צו שפּאָט אין די אויגן פֿון יונגוואַרג און אויך פֿון דער־וואַקסענע. אומזיסט האָט זיך דער אַנעקדאָט באַרימט, אַז זיין באַשאַפֿער און ערשטער דערציילער איז אין יענעם פּראַסטיקן שבת־נאָכמיטאָג געזעסן ביי יחיאל אָשרן אין דער מחיהדיק־וואַרעמער מעבל־שטוב און צוגעהערט, ווי זיין אשת־חיל האָט פֿאַרהערט איר מיזיניק מיטן האָראָדענקער מלמד. עס האָט דעם אַנעקדאָט קיינער נישט געגלייבט, אָבער נאָכדערציילט האָבן אים פֿון דעסטוועגן אַלע: מאַנצבילן — אפשר בלויז צוליב שפּאַס, און ווייבער — מן־הסתם אויך צוליב קנאה.

געגאַנגען איז דעמאָלט די סדרה „חיי שרה“, און אייזיקל האָט זיך גע־נומען פֿאַרטייטשן פֿאַר דער מאַמען דעם ערשטן פּסוק „ויהיו חיי שרה“, און... אַלע טייטשן האָבן אים פֿאַרלאָזט שוין ביי די ערשטע ווערטער. דער האָראָדענקער מלמד האָט געשוויצט פֿאַר יסורים. ער האָט אונטערגעטריבן דעם תּלמיד, אים געוואָלט אַרויספֿירן אויפֿן שליאַך, אָבער אייזיקל — אַזוי וויל דער לץ — האָט זיך מער נישט געגייטיקט אין רבינס הילף. ס׳איז אים מיטאַמאָל ליכטיק געוואָרן אין קאָפּ. און ער האָט צוריק באַקומען זיין זיכער־קייט. „ויהיו חיי שרה“, האָט ער אַרויסגעשליידערט פֿון זיך מיט גרויס אימ־פּעט, איז דער טייטש „אין דיין טון טאָן אָנצינדן“. דעם מלמד האָט אַ דונער געטראָפֿן. רבקהלע האָט פֿאַר פֿאַרדראָס אונטערגעהוסט לענגער ווי אַלעמאָל. דער האָראָדענקער האָט זיך נישט געוווּסט קיין עצה צו געבן און האָט באַ־

שלאָסן צו ראַטעווען די סיטואַציע מיט אַ חכמהלע. ער האָט זיך, ווי זיין שטייגער איז געווען ערב כּעס, אַ בראָך געטאָן די פינגער פון דער לינקער האַנט און אַ זאָג געטאָן מיט אַן אַך־און־וויי־געלעכטערל:

— אַן אייזערנער קאָפּ פון אַ בחור! ער האָט זיך דערמאָנט אין דער זומערדיקער סדרה „בהעלותך".

רבקהלע האָט זיך אויפגעהויבן און איז מאַיעסטעטיש, ווי איר חברטע מירעלע אין גאַרדינס פּיעסע, אַרויסגעגאַנגען פון שטוב. ס'האָט זיך פאַרענ־דיקט דאָס פאַרהערעכץ, און אייזיקל איז אינמיטן זמן געוואָרן אויס תלמיד פונעם האַראַדענקער מלמד. און דאָס איז, דאַכט זיך, דער איינציקער אמת־דיקער פּונקט אין דעם גאַנצן אַנעקדאָט, וואָס די ייִדן פון מיין שטאָט האָבן צוגעטראַכט, כּדי צו צעלעכערן דעם אייגענעם עפּעס צו־געדיכטן דרך־ארץ פאַר דער ווילקענעוודיקער אשת־חיל רבקהלע פרידמאַן.

רבקהלע איז געווען, ווי געזאָגט, אַ וואַריאַנט אויף דער וואָר פון גאַרדינס ליטעראַרישער העלדין. געפעלט האָט איר, פאַרשטייט זיך, דער שטעקן, אויף וועלכן מירעלע אפרת שטיצט זיך — לשם טעאַטער און לשם אַרויפגעשרויפ־טער ווערדע — און זי האָט אויך נישט פאַרמאָגט דאָס דראַמאַטישע ליכט, וואָס פאַלט אויף יעקב גאַרדינס העראָינע, צוליב דער ממש שעקספּירישער אומדאַנקבאַרקייט, וואָס ס'ווייזן אַרויס אירע אייגענע קינדער. די מאָנומענ־טאַלע אשת־חיל־געשטאַלט פון דער שטאָט קאָלאָמיי האָט נישט געהאַט אויפ־צוווייזן קיין שום דראַמאַטישע ריסן און שפּאַלטן. זי האָט געשפּאַנט מאַיעס־טעטיש אויף דער זעלביקער הויכער טרעפּ פון רייכקייט דאָס גאַנצע לעבן אירס, אַרומגערינגלט מיט דער זעלביקער אומפאַרמינערטער געדיכטקייט פון כּיבוד־אם מצד אירע קינדער און מיט אַן אפשיי מצד דער שטאָט, וואָס אַנעק־דאָטן האָבן אים קוים וואָס געקענט צעלעכערן, — צו איר קבר, וואָס איז אָוועקגעשטעלט געוואָרן אַזוי נאָענט, ווי עס איז נאָר געווען פּאַסיק, לעבן די שטיבלעך פון צוויי דורות רבנים און גוטע־ייִדן.

II. די אַראָפּגעקומענע יחסנטע

און אַט רוקט זיך צום פראָנט פון מיין זכרון אַ געשטאַלט פון אַ צווייטער פרוי, וואָס האָט אויסערלעך נישט פאַרמאָגט די שטאָלצע קיניגלעכע ווערדע פון רבקהלע דער גבירנטע, האָט זיך אָבער דערפאַר איינגעקריצט אין מיין ייִנגלשן געמיט מיט דעם איידעלן אַריסטאָקראַטישן טרויער פון איר האַלטונג און פון איר ריידן. מלכה די אַריסטאָקראַטקע (אַזוי האָט מען זי גערופן) איז געווען אַן אַראָפּגעקומענע יחסנטע. אַמאָל איז שלמה חלפנס שנור געווען איינע

פון די רייכסטע און עלעגאַנטסטע יונגע ווייבלעך אין שטאָט. זי איז געווען פון די געציילטע — אַזוי האָבן דערנאָך אירע טעכטער און שנורן זיך באַרימט, — וואָס איז צוריק מיט זעכציק יאָר געגאַנגען שבת אינדערפרי אין שול אָריין נישט אין קיין שטערנטיכל, אַפילו נישט אין קיין שפּיצן־שאַליק, נאָר אין אַ היטעלע מיט אַ גרויסער שוואַרצער פעדער. ווען איך געדענק זי, איז מלכה שוין געווען אַ פרוי פון אַ יאָר עטלעכע־פופציק און אַ באָבע פון אייניקלעך. זי איז אַ דינע, אַ שלאַנקע, מיט אַ פּאָר שוואַרצע, קיילעכדיקע אויגן, וואָס פאַרמאָגן אין זיך עפּעס אַ מאָדנע גלאַנץ פון איראָניע. צוליב דער דאָזיקער איראָנישקייט פון מלכהס אויגן, קאָן מען נישט אַרויסריידן קיין הויך וואָרט אין איר קעגנוואַרט. זי הערט דווקא אויס, אָבער דער שרייער פאַרלירט עפּעס פון זיך אַליין דעם אימפּעט, און דער לויפער האַלט אומגעבעטן איין זיין שריט. עס פאַלט מיר איין, אַז מלכה דער אַריסטאָקראַטקעס בליק האָט פאַרמאָגט אין זיך אויף אַן אָרגאַנישן אופן יענעם כוח, וואָס די פאַרקער־פּאָליציי האָט איבערגעענטפערט צו די רויטע לאָמפּן אויף די קרייצוועגן פון די גאַסן: אויפהאַלטן מאַשינען און מענטשן אין זייער געלאָף און גאַנג.

זי האָט אויפגעהאַלטן דעם געיעג פאַרויס, כדי צו דערציילן וועגן אַמאָל. און געווען איז זי אַ וווּנדערלעכע דערציילערין. און פון אירע מעשיות איז געבליבן אין געמיט — איניינעם מיט די פאַסירונגען און איניינעם מיט די ווערטער — אויך דער קלאַנג פון איר קול. ס'איז געווען אַ שטים, וואָס האָט געוווּנען די הערצער מיט איר לירישער אַרייַנדרינגלעכקייט. געוויסע, וויכטיקע מאָמענטן אין דעם דערציילן האָט זי אונטערגעשטראָכן מיט אַ זשעסט פון אירע ווייסע, אַביסל נערוועזע הענט. היינט, קנאַפּע דרייסיק יאָר שפּעטער, טראַכט איך אָפט, אַז מיט אַזעלכע אויגן, מיט אַזאַ שטים און מיט אַזאַ ווייך־ראַפינירטער האַלטונג האָט מלכה די אַריסטאָקראַטקע, אונטער אַנדערע באַדינגונגען, געקענט ווערן אַ סטאַר אויף דער בינע און באַזונדערס אין די אַזוי גערופענע „שפּרעך־פּיעסן", ווו אַלץ שטייט אויף דער קלאָרקייט און עלעגאַנץ פון ריידן.

אין שטילע, זומערדיקע פאַרנאַכטן (זייער פאַרחלומטקייט האָט זיך אפשר צום בעסטן געפּאַסט צו מלכהס טרויעריק־איראָנישער שטימונג) האָט די אַריסטאָקראַטקע ליב געהאַט אַזוי פּלוצים, פון דער העלער הויט, צו דערציילן עפּיזאָדן פון איר פאַרגאַנגענעם לעבן. זי האָט, ווייזט אויס, אין די דערציילונגען אירע געפונען זעלישן אָנהאַלט און אַ נייעם חשק צום לעבן, וואָרים אויף דער וואָר האָט אָרום איר געהערשט בלויז גראָקייט און אָרעמקייט. דער מאַן — אַ קראַנקער, פּרנסה אָן דער מינדסטער הרחבה און דריי טעכטער זיצן

און וואַרטן... אַן נדן. איז אפשר — האָט געטראַכט מלכה — אַרויסרופן דאָס געשפּרעך צווישן שלמה חלפן און מענדל סאַדאַגערער? דערציילן, ווי אַזוי זי, מלכה, איז אַ כּלה געוואָרן? אפשר וועט זיך מיט די ווערטער אויך אומקערן יענער לייכטער און מענטשלעך־ווירדיקער אופן פון אַ שידוך טאָן מיט אַ טאַכטער?

אַז שלמה חלפן איז איינגעגאַנגען דער שידוך, וואָס מ׳האָט אים פּיר־געלייגט פאַר זיין זון, האָט ער נישט געוואַרט אויף די שדכנים. ווען ער איז געוואָר געוואָרן, אַז ר׳ מענדל סאַדאַגערער איז געקומען צו פאָרן און שטייט איין ביי זיין שוואָגער ר׳ נפתלי ליסיצער, האָט שלמה חלפן אַ נעם געטאָן אויף זיך די זיידענע ראַדזיוווּלקע און מיט דעם לאַנגן בורשטינענעם ליולקע־ציביק אין מויל איז ער אַוועק זיך באַגעגענען מיטן גאַסט. אַריינגעקומען צו ר׳ נפתלין, האָט ער פון דער שוועל אַ פרעג געטאָן:

— ר׳ נפתלי, ווו איז דער ייִד, וואָס וויל מיט מיר אַ שידוך טאָן, און איך מיט אים?

— שלום עליכם, ר׳ שלמה, — האָט זיך באַוויזן פון דער אַנדערער שטוב אַ ייִד, פּונקט די זעלביקע הויך ווי שלמה חלפן און כּמעט מיט דער זעלביקער חשיבות אין קול און אין הילוך, — איך בין מענדל סאַדאַגערער. מיין טאָכ־טער מלכה, זאָל לעבן, איז אַ פרומע ייִדישע טאָכטער, אַ שוואַרץ־חנעוודיקע ווי שולמית, זי איז פון איר מאַמעס צד אַן אוראייניקל פון ר׳ שאול וואַל, און איך גיב ת״ק רייניש כסף נדן במזומנים.

— עליכם שלום, ר׳ מענדל — האָט שלמה חלפנס רויטע באָרד געפלאַמט מיט חכמה, און ס׳ווייסע פּנים האָט געשיינט מיט תורה, — און מיין זון מרדכי איז אַ בן־תורה און דער עיקר אַ גרויסער ירא־שמים. זיינע זיידעס פון טאַטנס זייט האָבן געשריבן ספרים, און די ייִדן פון דער מאַמעס צד האָבן געטאָן צדקה. איך גיב פינף יאָר קעסט. און נאָך עפּעס, ר׳ מענדל, מיין זון איז נישט קיין חסיד, און איך בין אַ מתנגד. און איר זענט מן־הסתם אַ סאַדאַגערער חסיד?!

— חס וחלילה, — האָט מענדל סאַדאַגערער געשמייכלט, — בלויז אַ שכן מיטן הויף פון ר׳ אברהם יאַנקעניו. איך האָב אַמאָל דאַרט צו טאָן גע־שעפטלעך מיט די גבאים, מיט די צוגעפּאַרענע חסידים, אָבער אין מיין לעבן ביים רבין גאָרנישט געבעטן און קיין קוויטל נישט געגעבן.

— שטייט דאָך גאָרנישט אין וועג, — האָט ר׳ שלמה אַ צופרידענער דערלאַנגט ר׳ מענדלען די האַנט, — אַז מיר זאָלן ווערן מחותנים. זאָל־זשע זיין אין אַ גוטער שעה! און גאָט זאָל העלפן, ס׳זאָל זיין אַ קשר של קיימא!

אַזוי איז מלכה די אַריסטאָקראַטקע געוואָרן אַ כּלה. אָבער יענע טאַט־

ראַליש־פּאַטעטישע סצענעס האָבן זיך נישט אומגעקערט, נישט געקומען צוריק אויף די כּישוף־ווערטער, וואָס מלכּה האָט נאָך זיי אייגנס אַרויסגעשיקט. זיצן די טעכטער און וואַרטן, און מלכּה פאַרלירט נישט די האָפענונג. זי דערציילט אַלץ נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל, ווי אַזוי עס איז געווען אַמאָל... און שטעלט עס אַוועק דער צוקונפט פאַר אַ מוסטער. אָבער אַז די צוקונפט האָט זיך באַוויזן אין איר אייגענער מיאוסער געשטאַלט פון עפּעס אַ נחת־דרגאשן שידוך פאַר איר עלטסטער טאָכטער, האָט די אַריסטאָקראַטקע מיטאַמאָל פאַרלוירן די מאָס און וואָג פון דיאַלאָג און די, דאַכט זיך, ווי אייַנגעבוירענע בינע־עלעגאַנץ און איז איבערגעגאַנגען צו אַ שטאַרקער מעלאָדראַמאַטישער ראָלע.

מ׳האָט איר פון אַלע זייטן גענומען צוריידן. די טאָכטער איז אַ מיידל מיט שכל. זי פאַרשטייט, אַז עס האָט נישט קיין זין צו וואַרטן, און זי וויל דעם שידוך. און דעם חתנס משפּחה איז טאַקע נישט קיין געהויבענע, אָבער דער מחותן איז אַן עושר, און ס׳וועט פאַרן מיידל זיין אַן אָפּרו פון אָרעמקייט. מלכּה האָט זיך נישט געלאָזט ריידן. זי איז אין איינעם אַ פרימאָרגן אַוועק אַ צעיאַכמערטע, אַן אויפגעבראַזטע, ווי כ׳האָב זי קיינמאָל נישט געזען, אויפן בית־עולם — צו שלמה חלפנס קבר. זי האָט זיך דאָרט אָפּגעזאַמט היפּשע עטלעכע שעה און איז אַהיימגעקומען אַ צעפלאַמטע, מיט פאַרשוואָלענע אויגן און מיט אָנגעלאָפענעביילן אויפן שטערן. אַ קרובה האָט געלייגט נאַסע קאָמפּרעסן צום קאָפּ און געשפּאַסט: „ווי אַזוי די מצבה האָט דאָס אויסגעהאַלטן אַזעלכע שטאַרקע קלעפּ?!״

מלכּה האָט אַ בלישטשע געטאָן מיט די שוואַרצע פינטלען פון אירע אויגן און וואָס זי האָט דעמאָלט געזאָגט צו דער קרובה, איז געווען אומהיימלעך. „דער שידוך וועט נישט צושטאַנדקומען״, איז מלכּהס שטים שוין געווען צוריק סאַמעטן און אייַנדרינגלעך, ווי ביי אירע אָפטע דערציילונגען אין די ווייכע זומער־פאַרנאַכטן. „דער שווער האָט מיר פאַרזיכערט, און דעם שווער, עליו השלום, האָב איך אַלעמאָל געגלויבט״.

און אַז די קרובה האָט אַ דערשראָקענע געשטוינט און געפרעגט מיטן אויסדרוק פון אירע אויגן און מיטן אויסזען פון איר פּנים, האָט זיך מלכּה די אַריסטאָקראַטקע צוגעבויגן צו איר און צו איר געשעפּטשעט: „איך האָב געהערט דעם שווערס קול. ער האָט צו מיר גערעדט ווי אַ לעבעדיקער. איך בין פאַר פּחד אַנידערגעפאַלן און געחלשט. יונה קברן האָט מיך דערמונטערט און אַוועקגעפירט פונעם קבר״.

פונעם שידוך איז טאַקע גאָרנישט געוואָרן. וואָס איז געווען דער עיכּוב, ווייס איך נישט. אָבער איך בין משער, אַז מ׳איז פון חתנס צד געוואָר געוואָרן,

אַז די אָרעמע יחסנים שטופּן זיך פּעדערן אין נאַז אַריין, און מען האָט זיך צוריקגעצויגן. דאָס איז מיין ראַציאָנאַליסטישע אויסטייטשונג. אָבער מלכה די אַריסטאָקראַטקע איז געווען זיכער און האָט אַלעמען אַרום זיך, מערקווירדיק, געמאַכט גלויבן, אַז שלמה חלפן האָט זיך געלאָזט אייגבעטן פון זיין שנורס צודרינגלעכע קלעפּ אין דער מצבה. און אַלע זענען געווען אַזוי דערשראָקן פון דעם „דערפּאָלג", אַז מלכה איז פון דעמאָלט אָן זעלטן געגאַנגען אויף קבר־אָבות און מיטן קאָפּ אין מצבה האָט זי זיכער, דאַכט זיך, מער נישט געשלאָגן. די טעכטער וואָלטן מורא געהאַט פאַר די רעזולטאַטן און אויף אַן אמת געקענט ברוגז ווערן...

III. באַסיע די כהנטע און איר געראַנגל מיטן מלאך־המות

ווער האָט אין דער שטאָט פון מיין קינדהייט און אויך אין אַלע איבעריקע שטעט און שטעטלעך פון גאַליציע נישט געהאַט זיין אייגנס אַ צונאָמען? — כמעט יעדער. די צונעמענישן, אַחוץ, פאַרשטייט זיך, יענע ברוטאַלע, וואָס האָבן זיך באַצויגן אויף אַ קערפּערלעכן אָדער גייסטיקן מום, זענען מייסטנס געהאַנגען אויף אַ קלייניקייט: אויף דער פאַרב פון די האָר, אויף אַ קאָמישן זשעסט מיט דער האַנט, אויף דער לענג פון דער באָרד, אויף אַן אָפּט־געניצטער שפּראַך־ווענדונג, און בכלל אויף אַזאַ אָדער אַנדערער מענטשלעכער גע־ווויינהייט. ס'פלעגט זיך אָבער אויך טרעפן (זעלטן!), אַז אַ צונאָמען האָט באַלויכטן אַ לעבנס־פּרינציפּ, האָט אויפגעדעקט אַ וויכטיקן כאַראַקטער־שטריך אָדער אָנגעוווּנקען אויף אַ גייסטיקער ליידנשאַפט און דערמיט אין „שלושה דברים — צוויי ווערטער" פּרעזענטירט אַ מענטש, געצייכנט פון אים דעם סאַמע קנאַפּסטן קינסטלערישן פּאָרטרעט.

באַסיע טערענעשטער האָט פאַרמאָגט צוויי צונעמען. מען האָט זי גערופן די כהנטע, אָדער די צענטראַל־פּאָסט, און —ביידע האָבן דערציילט וועגן איר לעבן און וועגן איר כאַראַקטער. פיר מאָל האָט באַסיע חתונה געהאַט, און אַלע פיר מענער זענען געווען כהנים. נישט על־פּי צופאַל, נאָר ווייל באַסיע, וואָס האָט געשטאַמט פון דעם בוקאָווינער דאָרף טערענעשט, האָט דעם לעבן געשטעלט אַ באַדינג אַזאַ: אָדער אַ כהן, אָדער זי האָט בכלל נישט חתונה. דער טאַטע אירער, דער ישובניק, איז געווען אַ כהן און פאַר זיין דוכענען האָט געציטערט דער גאַנצער מנין טערענעשטער יידן. אַז איר פאַטער — האָב איך געהערט באַסיען דערציילן ביי מיינער אַ קרובה אין שטוב — האָט זיך אַמאָל אָנגעברוגזט אויף דער דאָרפס־קלויז, האָט ער די עדה ישראלים באַשטראָפט דערמיט, וואָס ער האָט יום־טוב נישט געדוכנט. און די פרומע בוקאָווינער ישובניקעס האָבן אַלעמאָל געהאַט גרויס עגמת־נפש.

ווען דער איינציקער כהן זײַערער האָט נישט געוואָלט געבן זיין ברכה, און זיי זענען פאַר אים אַרומגעגאַנגען אויף די שפּיץ פינגער, ווייל זיי האָבן געוואָלט פאַרמיידן אַ רוגז.

און דער אַלטער כהן, דער בעל־הקרעטשמע פון טערענעשט, האָט, ווייזט אויס, נישט געהאַט קיין ריין געוויסן און לויט זיין אייגענער אויפפירונג פאַרשטאַנען, אַז ישראלים מוזן מן־הסתם ביי זיך אין האַרצן פיינט האָבן אַ כהן. זיי זענען אַלעמאָל גרייט אויסצוכאַפּן ביי אים די ברכה און הינטן־אַרומעט לויערן זיי שלעכטס צו טאָן אים, זיינע קינדער און קינדס־קינדער. אַזוי האָט געקענט טראַכטן דער אַלטער לעמל קרעטשמער, וואָרים אַנדערש איז נישט צו פאַרשטיין, וואָס ער האָט אויפן טויטנבעט איינזינען געהאַט אַנצוזאָגן זיין ווייב, אַז זיין בת־יחידה זאָל למען־השם נאָר חתונה האָבן מיט אַ כהן.

באַסיע האָט דעם טאָטן אירן געפאָלגט און אַלע פיר מענער אירע זענען, ווי געזאָגט, געווען כהנים. אָבער אַ באַוואָרעניש קעגן אַ שלעכט לעבן איז די כהונה נישט געווען. וואָרים ביי אַלע פיר — האָט זי זיך געקלאָגט נישט איין מאָל פאַר מיין קרובה — האָט זי געהאַט אַ שלעכטע דאָליע. ווען איך האָב באַסיען געקענט אין קאָלאָמיי, איז זי שוין געווען אַ זקנה פון אַן ערך זיבעציק יאָר. איך געדענק זי אַריינקומען צו מיין קרובה אין שטוב אַריין פאַרקויפן הייוון און כאַפּן אַ שמועס. זי איז אַ קליינע, אַן איינגעהויקערטע, מיט אַ גרויסער, איינגעבויגענער נאָז, ווי דער שנאָבל פון אַ רויב־פויגל. זי טראָגט אַ ווייס טיכל אויפן קאָפּ, אין דער מיט ווייט אַרויסגערוקט איבערן שטערן, ווי אַ דאַשעק. פון אונטער דעם דאַשעק קוקן אַפּיר צוויי קליינע טונקעלע אויגעלעך און קוקן אַראָפּ ווי פאַרשעמטע אויפן טיש בעתן דערציילן. באַסיע שטעלט זיך תמיד אַוועק ביים קאַנט פונעם קיך־טיש, ווישט זיך אויס מיט דער לינקער האַנט די ווינקלען פונעם מויל. דאָס שאַרפט זי אַן דעם רייד־אינסטרומענט. דערנאָך שיבט זי מיטן צייג־פינגער פון דער רעכטער האַנט איבערן קאַנט פונעם טיש אַהין און צוריק. דאָס שטעלט זי זיך דעם טאָן און דעם ריטם פון אירע רייד. ערשט איצט, נאָך אָט די צוגרייטונגען, נעמט זי איבערגעבן די נייעס פון שטאָט, דערציילן, וואָס עס הערט זיך ביי דער און ביי יענער שכנה, און ווו עס האַלט מיט די שידוכים פון באַקאַנטע מיידלעך. מיט איין וואָרט: עס עפנט זיך די „צענטראַל־פּאָסט״. אפשר האָט דער יעניקער, וואָס האָט צוגעטשעפּעט דעם צונאָמען „צענטראַל־פּאָסט״ צו באַסיע די כהנטע, געוואָלט געבן אַ בייזוויליק אָנצוהערעניש, אַז זי איז אַ רכילות־גיצע און אַ באַריידערין. אויב דאָס איז געווען זיין כוונה, איז ער בפירוש געווען אומגערעכט, וואָרים באַסיע איז געווען ווייט פון לשון־הרע. זי האָט, ווי איך געדענק דאָס זייער גוט, קיינמאָל און קיינעם נישט קריטיקירט. זי

האָט בלויז געהאַלטן פֿאַר איר חוב גוט צו באַדינען אירע קונים, זיי צו געבן אַ מין צולאָג צו דער דעקע היינון, וואָס זיי האָבן ביי איר געקויפֿט. זי האָט דערציילט די נייעס אָן שום פּניות, זי האָט נאָר געטאָן איר פּראָפֿעסיאָנעלע אַרבעט קאָרעקט, פּינקטלעך און... מיט גלייכגילטיקייט צום שטאָף. פֿאַרענ־דיקט האָט זי אירע נייעס תּמיד מיט איין־און־דעם־זעלביקן פּסוק: „און וואָס ס'וועט נאָך זיין ווייטער, וועיסט מען דערווייל נישט"... דאָס האָט געזאָלט הייסן, אַז זי האָט אַלץ דערציילט וויפֿל זי ווייס, זי האָט נישט פֿאַרהוילן גאָרנישט, און אַז ס'וועט נאָך קומען המשך, וועט זי נישט פֿאַרזאַמען אים צו ברענגען. דערפֿאַר טאַקע — אַזוי דאַכט זיך מיר היינט — האָט דער נאָמען „צענטראַל־פּאָסט" אַזוי געפּאַסט צו באַסיען. וואָרים ווי די פּאָסט האָט זי אייגנטלעך קיין שום שייכות נישט געהאַט צו די בריוו און צו די טעלעגראַ־מעס. זי האָט בלויז אויפֿגענומען, אָפּגעסטעמפּלט און אָפּגעגעבן.

די ערשטע „טעלעגראַמע", וואָס זי האָט דערלאַנגט אירע קונים, איז געוויינטלעך געווען וועגן איר שלעכטער דאָליע ביי איר פּערטן מאַן מאיר בער חסיד. וועגן די ערשטע דריי האָט מען ווייניק גערעדט. עס איז, ערשטנס, שוין געווען אַלטע נייעס, און והשנית, זענען זיי געלעגן מחוץ פֿון די שטאָט־גרענעצן. מיט די ערשטע דריי כּהנים האָט באַסיע געוווינט אין דערפֿער אַרום דער שטאָט סערעט און זיי דאָרט אויך געבראַכט צו קבֿורה. ערשט דורך מאיר בערן איז זי געוואָרן אַ קאָלאָמייער תּושבֿ.

מאיר בער איז געווען איינער פֿון יענע אָרעמע תּבֿואה־מעקלערס אין שטאָט, וואָס איך פֿלעג אין די זומערדיקע זונטיק־פֿאַרמיטיקן זען זיצן אויף אַ באַנק לעבן קאַרפּינסקיס דענקמאָל מיטן קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף אַ שטעקן און איינטענהן מיט די „קאָלעגן". אָבער ביי זיין גאַנצער אָרעמקייט איז מאיר בער געווען אַ וואַזשנער וויזשניצער חסיד און איינער פֿון די שענסטע בעל־תּפֿילהס לויטן וויזשניצער נוסח. אַחוץ דעם איז ער געווען אַ ליידנשאַפֿטלע־כער אַסטראָנאָם. ער האָט ליב געהאַט אויסצוחשבונען, ווי ווייט עס איז פֿון דער ערד ביז צו דער לבֿנה, און... ער האָט שטילערהייט געהאַלטן מיט קאָ־פּערניקן. נישט נאָר האָט ער באַגלייך מיט אים געהאַלטן, אַז די ערד דרייט זיך אַרום דער זון, נאָר ער האָט טאַקע ממש געוווסט, ווער עס איז געווען דער „געלערנטער גוי", ווען און ווו ער האָט געלעבט. שמואל קוינעס, מיין זיידנס אַ ידיד, וואָס איז געווען אַ תּבֿואה־סוחר און איז זיך אָפֿט צונויפֿגעקומען מיט מאיר בערן, האָט איבערגעגעבן אין זיין נאָמען, אַז קאָפּערניקוס איז גע־ווען אַ פּאָליאַק און האָט געשטאַמט פֿון אונדזערע מקומות, עפּעס העכער צו וואַרשע צו. און טאַקע פֿון שמואל קוינעס ווייס איך, אַז מאיר בער פֿלעגט

ביים מחדש זיין די לבנה האַלטן פאַר ייִדן אַ שטיקל שיעור אין הלכות אַס־טראָנאָמיע. ער האָט געוויזן דעם מילך־וועג און אָנגערופן שטערן ביים נאָמען.

איך האָב איינמאָל יום־טוב געהערט דאַווענען מאיר בערן פאַרן עמוד אין זיינס אַ שולכל אויף דער קליבאַניע. ער איז געווען אַ ייִד דערעיקרשט מיט אַ גרויסער בעזעמדיקער באָרד, און אַז ער האָט זיך ביים יום־טובדיקן קדיש נאָך „ברכו", לויטן שטייגער פון די וויזשניצער בעל־תפילהס, עלעגאַנט און קאָקעטיש פאַרנייגט ביי „יתגדל" אויף דער רעכטער זייט און ביי „יתקדש" אויף דער לינקער זייט, האָט אים דער שפּיץ פון דער באָרד געגרייכט ממש ביז צו די קנעכל. די ניגונים האָט מאיר בער אַרויסגעבראַכט לויטער און קלאָר און מיט אַלע ניואַנסן. ביים זינגען האָט ער אַליין, און מיט אים זיין לאַנגע, בעזעמדיקע באָרד, שטיפעריש אונטערגעטענצלט און דערמיט צוגע־געבן דער וויזשניצער מוזיק נאָך מער אויפגעראַמטע לייכטזיניקייט, וויפל זי האָט אין תוך פאַרמאָגט.

די קרובה מיינע, וואָס באַסיע די כהנטע איז ביי איר געווען אַן אָפּטע אַריינגייערין, איז געווען ביי דער מיינונג, אַז פאַר אַלעמען זענען די וויזשני־צער ניגונים שולדיק אין באַסיעס שלעכטן לעבן מיט איר מאַן. באַסיע — האָט מיין קרובה געטענהט — קען נישט פאַרטראָגן, אַז אַ ייִד זאָל שטיין ביים עמוד און טענצלען פאַרן רבונו של עולם, ווי להבדיל, אַ שייגעץ ביים „דאַנעץ". אפשר איז דאָס טאַקע געווען אַזוי און אפשר (איך האָב אַ שטאַרקן חשד!) האָט מיין קרובה זיך און אירע צוהערער געוואָלט איינריידן אַזאַ מוזיקאַלישע סיבה פאַר באַסיעס צעשטערטן שלום־בית, ווייל זי האָט זיך דערמיט געוואָלט נוקם זיין אין די וויזשניצער ניגונים, וואָס זי האָט אומ־ברחמנותדיק פיינט געהאַט. מיין קרובה איז געווען אַזאַ באַגייסטערטע אָנ־הענגערין פון דעם זשידעטשויווער נוסח מיט דער געזאַלבטער פּאַטעטיק פון זיינע מעלאָדיעס, אַז זי האָט זיך געקויפט אַ „שטאָט" אין דער זשידעטשווי־ווער קלויז, הגם איר מאַן האָט געדאַוונט אין ר' איציקלס שולכל און זי אַליין האָט דאָרט געהאַט אַ ירושה־„שטאָט". און די ליבשאַפט צו די זשידעטשווי־ווער ניגונים, אַזוי ווי דער באַרימטער בעל־תפילה מאיר פראַנצויז האָט זיי געזונגען אַלע שבת, אַלע יום־טובים און דערעיקרשט ימים־נוראים אין דער זשידעטשויווער קלויז, האָט זיך ביי מיין קרובה געפּאָרט מיט ביטול, מיט שנאה צו די האָפּערדיקע און אָפּט הומאָרפולע מעלאָדיעס פון דער וויזשניצער גזע. די לייכטזיניקייט פון דער וויזשניצער מוזיק האָט נישט אַפּעלירט צו איר שווערן געמיט און האָט, ווייזט אויס, אויך שאָקירט דעם פרומען ערנסט פון איר לעבנס־אויפפאַסונג.

מיט יאָרן שפּעטער, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָב איך אָפּט

פאַרבראַכט מײַנע וואַקאַציעס אין דעם דאָרף, פון װוּ באַסיע האָט גע־שטאַמט, און איך האָב זיך מיט איר דאָרט באַגעגנט. זי איז שוין דעמאָלט געווען איבער די אַכציק און צום פערטן מאָל אַן אלמנה. זי איז אַרומגעגאַנגען צווישן די דײַטשע פויערים און האָט פאַרקויפט, ווי אַמאָל אין קאָלאָמיי, הייזון. זי האָט איר סחורה געגעבן מייסטנס אויף קרעדיט און אַלע חובות געהאַלטן אויפן קאָפּ, ווײַל אַליין פאַרשרײַבן האָט זי נישט געקענט און אַנ־דערע זיך אָנפאַרטרויען מיט אירע „געשעפט־סודות" האָט זי, ווייזט אויס, נישט געוואָלט. באַסיע האָט געהאַט קינדער אין דער נאָענטסטער שטאָט און אין די אַרומיקע דערפער. אָבער זי איז צו זיי נישט געקומען און האָט זיך מיט זיי נישט אָנגעקערט. זי האָט געוווינט אַליין אין אַ פויערשן שטיבל, האָט געמסחרט און... זיך געהיט פאַרן טויט.

און דאָרט אין טערענעשט האָב איך פון באַסיען אַליין געהערט דער־ציילן, פאַרוואָס זי האָט זיך נישט געקענט צונויפלעבן מיט איר פערטן מאַן. מאיר בער איז געווען — האָט באַסיע געזאָגט — אַ שטאָלצער מענטש. עס איז אים נישט אָנגעשטאַנען, וואָס איך גיי פאַרקויפן הייזון. און ער האָט רק מורא געהאַט, טאָמער מאַך איך מיר אַ קניפּל.

— און פאַרוואָס טאָקע זענט איר אַרומגעגאַנגען און גייט נאָך עד־היום אַרום פאַרקויפן הייזון? — האָב איך זי געפרעגט. — מאיר בער האָט אַלעמאָל פאַרדינט אַזוי פיל, וויפל מען האָט געדאַרפט. און איר האָט דאָך אויך קינ־דער, וואָס קענען אײַך שטיצן?

באַסיע האָט צונויפגעצויגן אַלע קנייטשן פון איר פאַרמעטענער הויט. דאָס פּנים ביי איר איז געוואָרן נאָך קלענער און האַרטער. מען האָט געזען, אַז זי וויל, מען זאָל וויסן, אַז וואָס זי זאָגט, איז נישט סתם רייד, נאָר דער סאַמע עיקרדיקסטער לעבנס־פּרינציפּ, וואָס זי איז פון אים קיינמאָל נישט אָפּ־געגאַנגען און וועט שוין נישט אָפּגיין איר לעבנלאַנג. קינדער, שמינדער — האָט זי פול מיט פאַרכאַטונג געפּלעסקעט מיט אירע אַלטע, דינע ליפּן — אַ מענטש דאַרף זיך אַליין שפּייזן, און אַ מענטש דאַרף נישט צולאָזן צו זיך קיין איבעריקע יסורים.

— פאַרוואָס???

— ווײַל אַז אַ מענטש דאַרף אָנקומען צו אַנדערע און אַפילו צו איי־גענע קינדער, אָדער ער האָט צופיל עגמת־נפש, דערבאַרעמט מען זיך אויף אים אויבן... (אַן אומהיימלעך איראָניש שמייכעלע האָט איצט אַרויסגעשפּיזלט פון די הונדערטער קאַרבן אויף איר פּנים) און דער מלאך־המוות קומט נאָך אים. אַ מענטש, וואָס וויל לעבן, — האָט באַסיע געזומען אויסברייטערן איר

פילאָזאָפיע, — דאַרף נישט געבן דעם מלאך המות קיין תירוצים, ער זאָל זיך האָבן פאַרוואָס צוצואיילן פאַר דיין טובה וועגן.

און פלוצים האָט זי זיך אָפּגעשטעלט און אַ פרעג געטאָן אויף מיר: „ווער איז ער?“ — אַז מען האָט איר געזאָגט, אַז איך בין אַ נאָענטער קרוב פון איר אַמאָליקער הייוון־קונהטע אין קאָלאָמיי, האָט זי, ווייזט אויס, דער־פילט ערשט דעם רעכטן חשק צו ריידן און זיך פאַר היימישע מענטשן דורכ־צוקריגן מיט איר טויטן מאַן מאיר בער. זי איז נאָך איצט געווען אויף אים ברוגז, וואָס ער האָט זי נישט פאַרשטאַנען און פון איר חוזק געמאַכט.

— איך פלעג אים זאָגן, מאיר בערן, — האָט זי אויפסניי גענומען דער־ציילן, — אַז היינט פאַרדינט ער און מאָרגן קען ער, חלילה, נישט האָבן און זיך דאַרפן קנייטשן פאַר מענטשן. און דער מלאך המות קוקט נאָר אַרויס אויף אַזאַ געפּיעשטשעריי און ער דערבאַרעמט זיך איבער דיר און קומט דיך באַלד נעמען. איז וואָס אַרט דיך, נאַרישער ייִד, אַז איך פאַרקויף הייוון און מאַך מיר אַ קניפּל? וואָס טו איך דען? איך גרייט בלויז אָן אַ ווייסן גראָשן פאַר שוואַרצע טעג, כדי מען זאָל דעמאָלט אויך קענען מוחל זיין דעם מלאך המות זיין רחמנות. האָט ער, מאיר בער, געשטשירעט מיט די ציין און גע־טרעסעט מיט דער לאַנגער באָרד און געזידלט. אינמיטן דאַווענען אין טלית־און־תפילין האָט ער פלוצים דערזען, אַז איך גרייט מיר צו און צעטעכער ס׳פונטל הייוון פאַר מיינע קונים. איז ער געוואָרן מלא רציחה. און ווייל ער האָט נישט געקענט מפסיק זיין, האָט ער געשריגן אויף אַ קול, אַז מען האָט געקענט הערן אין דער צענטער גאַס איין וואָרט: פּ ח ד, דאָס הייסט, די ראשי־תיבות פון „פאַלנאַ כאַטאַ דורניוו“ (אַ פולע שטוב מיט נאַראָנים). און דער דורען (נאַר) איז ער געווען — נישט איך. וואָרים אַז עס איז געקומען די מלחמה און ער האָט אויפגעהערט צו פאַרדינען, האָט ער נישט געהאַט קיין ברירה און איז אָנגעקומען צו זיין טאָכטער. איך האָב מיר ווייטער פאַרקויפט הייוון און געלעבט פון מיין אייגענעם גראָשן. עס האָט נישט לאַנג געדויערט, איז מאיר בער קראַנק געוואָרן און איז געשטאָרבן.

זי איז געווען איבערצייגט, באַסיע, אַז מאיר בער איז געשטאָרבן נישט דערפאַר, וואָס ער איז געווען קראַנק, נאָר דערפאַר, וואָס ער האָט זיך געלאָזט אויסהאַלטן פון זיין טאָכטער, וואָס איז דערצו געווען אַ נישט־פאַרמעגלעכע, און ער האָט אַזוי אַרום אַרויסגערופן דעם מלאך המותעס רחמנות. און אַז איך האָב זי געהערט אַזוי ריידן, אַזוי ריידן מיט רוגזה וועגן איר פאַרשטאָר־בענעם מאַן, האָב איך אָנגעהויבן גלויבן, אַז עס קען טאַקע גריילעך מעגלעך זיין, אַז זי האָט אַרויסבאַגלייט דעם טויטן מאיר בערן פון דער שטוב מיט די ווערטער: „הייט אין דר׳ערד אַריין!“ איך האָב געגלויבט, ווייל די ווער־

טער האָבן פאַר מיר אין באַסיע דער כהנטעס מויל פאַרלוירן זייער ברוטאַל־ציניִשן באַטייט. זי האָט אויף איר אופן און אויף איר שפּראַך אויסגעדריקט דערמיט גישט, חלילה, צופרידנקייט איבער איר מאַנס טויט, נאָר פאַרקערט, איר טיפסטן פאַרדראָס און צער, וואָס מאיר בער האָט זיך נישט צוגעהערט צו אירע וואָרענונגען און איז אַריינגעפאַלן אין נעץ פון מלאך המותעס רח־מנות. באַסיע איז פאַר מיר מער נישט געווען עפּעס סתם אַ ייִדענע, וואָס קען צוליב איר טעמפּעראַמענט נישט האַלטן שלום־בית, נאָר אַ מענטש אַ שטאַר־קער, וואָס פילט אין זיך געגוג אינעווייניקסטן כוח אויף צו קענען אויפנעמען אַ קאַמף מיט די העכערע קרעפטן, וואָס באַהערשן אונדזער לעבן. זי האָט גע־קעמפט קעגן טויט מיט פיזישער און זעלישער גבורה, און אַחוץ דעם אויך, ווי איר זעט, מיט ראַפינירטע דיפּלאָמאַטישע קונצשטיק. און זי האָט געהאַלטן, ווי עס האָט זיך געקענט אויסדאַכטן, אין מנצח זיין. זי איז אַלט געווען איבער אַכציק, האָט געלעבט און זיך געגרייט ווייטער צו לעבן...

איך טראַכט היינט, אַז באַסיע פון טערענעשט, און נאָך איר פּערטן מאַן פון קאַלאַמיי, האָט מיט איר לעבנס־ווילן, מיט איר קאַמף־עקשנות, מיט דער דינער דיפּלאָמאַטישער פּאָועטיניע פון קאַמפּסמיטלען און תחבולות, און אַפילו מיט אירע לעבנס־קאָנצעפּציעס פאַרקערפּערט אין זיך אַ גרויסן טייל פון די מעלות טובות פון איר פאָלק, וואָס ראַנגלט זיך אויף אַן ענלעכן שטיי־גער שוין היפּשע עטלעכע הונדערט יאָר פאַר זיין נאַציאָנאַלן קיום... און וויפל מאָל האָט באַסיעס אַלט און לעבנס־דאָרשטיק פאָלק נישט געזאָגט צו די מאיר בערס, וואָס האָבן נישט פאַרשטאַנען זיין לעבנס־קאָנצעפּציע און האָבן זיך אָוועקגעזעצט אויף קעסט ביי פרעמדע און אָפּגעפרעמדטע אייגענע קינדער, וויפל מאָל האָט דאָס פאָלק נישט געזאָגט צו זיי, געמוזט זאָגן צו זיי: „הייט אין דר׳ערד אַריין!?‟

אין ווינטער, 1929, האָב איך פאַרבראַכט עטלעכע וואָכן אין טערענעשט ביי מיין ווייבס קרובים. איך געדענק געגוי דאָס יאָר, ווייל ס׳איז דעמאָלט געווען דער קאַלטסטער ווינטער אין מזרח־אייראָפּע זינט עטלעכע דורות. די פרעסט און די זאַווערוכעס האָבן געשטאַרקט די מענטשלעכע און אוודאי און אוודאי די ייִדישע סאָלידאַריטעט. אין שטאָט האָט די קהילה אַרויסגעשיקט מאָבילע קיכן, וואָס האָבן אויסגעטיילט אומזיסט הייסן טיי אויף די גאַסן. באַלעבאַטישע שטיבער זענען אין דעם יאָר, מער ווי אין אַלע ווינטערס, גע־זוען אָפן פאַר יעדן, וואָס וויל זיך אָנוואָרעמען. אין טערענעשט האָבן עטלעכע ייִדישע משפּחות געהאַט אין יענע טעג איין זאָרג: באַסיע די כהנטע און נאָך עפּעס איינע אַן עלטערע פרוי בראָנציע זאָנטאָג, וואָס האָט געווינט איינע

אַליין ביי זיך אין הויז. צו בראַנציען האָט מען אַריבערגעשיקט הייסן טיי און האַלץ. צו באַסיע דער כהנטע איז געווען איבעריק צו שיקן, וואָרים מען האָט געוווסט, אַז זי וועט נישט אָננעמען. זי וועט דעם מלאך־המוות נישט אָקעגנ־קומען אויף אַ האָר. זי האָט פאַר זיך אַליין געזאָרגט, און אַז זי האָט געהאַט צייט — אַפילו אַכטונג געגעבן אויף בראַנציע זאָנטאַג, וואָס האָט געווינט איבערן וועג.

געדענק איך אַן אָנהייב נאַכט אין יענעם ווינטער. אינדרויסן האָט גע־סמאַליעט אַ טרוקענער פראָסט. די הינט איז קאַלט געווען אין די קאַליבעס און זיי האָבן אימהדיק געבילט. איך בין געזעסן ביי מיינע קרובים און זיך געוואַרעמט ביי דער הרובע. מען האָט גערעדט און געטרונקען טיי. מיטאַמאָל דערהערט זיך אַ יאָמערלעך ווייבעריש קול, וואָס האָט זיך פאַרצווייפלט גע־ראַנגלט נאָך הילף. אַלע האָבן פאַרציטערטע אָנגעשפּיצט די אויערן. אַז די שטים האָט זיך דערנענטערט, האָט מען זי דערקענט: עס איז געווען באַסיע די כהנטע. אַז מען האָט זי אַריינגענומען אין שטוב אַריין, האָט זי נישט געקענט כאַפּן דעם אָטעם פאַר שרעק. זי האָט זיך באַרויִקט, זיך אָנגעוואָ־רעמט און האָט דערנאָך איבערגעגעבן, וואָס עס האָט פּאַסירט.

בראַנציע זאָנטאַג האָט זיך פאַרנאַכט־צו געפילט נישט גוט. עס איז גע־ווען קאַלט. האָט זי זיך צוגעלייגט אין אָנגעטועכץ אויפן בעט און זיך איינ־געדעקט. באַסיע איז געזעסן לעבן איר און האָט דערציילט. בראַנציע איז אַלעמאָל געווען אַ שווייגערין, האָט באַסיע גערעדט און בראַנציע האָט נישט געענטפערט. פאַררעדט זיך, אָפּגערעדט און פאַרגעסן, אַז עס איז טונקל גע־וואָרן אין שטוב.

— בראַנציע, ווו שטייט דער לאָמפּ? איך וועל אים אָנצונדן.

קיינער ענטפערט נישט.

באַסיע האָט געפרעגט הויך און נאָך העכער, און אַז קיין ענטפער איז אַלץ נישט געקומען, האָט זי גענומען רייסן די קאָלדרע, וועקן... אַ טויטן.

— כ'האָב דערפילט, — האָט באַסיע גערעדט צו מיינע קרובים מיט אַזאַ ווייך קול, ווי קיינמאָל דאַכט זיך אין איר לעבן, — אַז דער מלאך המוות שטייט נאָך לעבן מיר און אָט־אָט לייגט ער מיך אַוועק לעבן בראַנציען.

זי איז אַנטלאָפן, באַסיע. זי איז געלאָפן מיט אַלע כוחות. עס איז געווען פינצטער אין הויז. זי האָט זיך דורכגעטאַפּט דורך שטיבער, טרעפּ. זי איז געפאַלן, האָט זיך אויפגעהויבן און איז נאָכאַמאָל געלאָפן. דעם אויפדערנאַכט האָט באַסיע שוין געגעסן און געשלאָפן ביי מיינע קרובים.

צו פרילינג־צו איז באַסיע געשטאָרבן. ווען זי קען ריידן נאָכן טויט,

וואַלט זי זיך זיכער אויסגעמוסרט, למאַי זי האָט זיך אַפילו אין יענעם שרעק־לעכן ווינטער אויפֿדערנאַכט געלאָזט איבעררײדן און איז אָנגעקומען צו מענטשן. מײַנע קרובים האָבן געהאַט איין טרייסט: זי האָט נעבעך נישט געוווּסט, באַסיע, אַז זי איז שוין סײַ־ווי־סײַ געלעגן אין נעץ פֿון מלאך־המוות'ס רחמנות. ס'האָט זיך נאָך איר טויט אַרויסגעשטעלט, אַז זי האָט נישט איבערגעלאָזט אַפילו געגנוג אויף תּכריכים. עס איז נישט געווען נישט קיין הייוון און נישט קיין געלט אין שטוב. און די בעלי־חובות, די דײַטשע פּויע־רים, האָבן געלייקנט, אַז זיי זענען ווען־עס־איז באַסיען עפּעס שולדיק גע־בליבן. זיי האָבן איר תּמיד באַצאָלט פֿאַר איר סחורה.

אַט דעם מאָמענט פֿון מענטשלעכן פֿאַרראַט צו דער אָרעמער פֿרוי האָט דער טויט, ווײַזט אויס, אויסגענוצט און זי מיט רחמנות אײַנגעזאַמלט צו זיך.

די שטאָט־משוגעים

1. שרהלע וואָס איז נאָך קיינמאָל נישט געשטאָרבן

די קליינע און אומגליקלעכע אָפּאָזיציע פון זיין מאַיעסטעט דעם שכל מאָנט איר רעכט. די שטאָט־משוגענע פאַרלאַנגען זייער קאַפּיטל. און עס קומט זיי. וואָרים פון זייער געמיט־צעשויבערטקייט און פון זייער אידיייִשער איינזייטיקייט קען מען ערגעצווו צומאָל דערגיין די ריכטונג פון דער מער־הייטס שטילע טראַכטענישן. און אויב נישט די ריכטונג פון געדאַנק, איז לכל־הפחות די פאַרב פון אירע פאַרבאָרגענע פאַרלאַנגען.

פון מרדכי־איציע־עין־יעקבס לוויה געדענק איך דעם (פאַר מיר) ערשטן „עפּנטלעכן אויפטריט" פון שרהלע דער משוגענער. דער אַלטער מרדכי־איציע, וואָס מען האָט אים גערופן „עין־יעקב", ווייל ער האָט טאָג־איין, טאָג־אויס געקנעלט מיט אָרעמע ייִדן די זיסע אגדות פון דער גמרא, איז געשטאָרבן אין אַ האַרבסטיקן פרייטיק און די לוויה איז דערפאַר פאַרגעקומען אין גרויס איילעניש. אי די חברה־קדישא און אי די מלווים האָבן געוואָלט פאַר־פרי־פאַרטיק ווערן, כדי נישט צו פאַרשפּעטיקן צו קבלת־שבת אין קלויז אַריין. האָט אָבער דער פאַרשטאָרבענער מרדכי־איציע איבערגעלאָזט דריי אייגענע, געניטע קלאָגערינס, וואָס האָבן אויף קיין שום פאַל נישט געוואָלט מקצר זיין דאָס באַוויינעכץ. און ווי אויף צו להכעיס איז פון ערגעצווו אויסגעוואַקסן שרהלע די משוגענע און זיך צוגעשטעלט פאַר אַ פערטער קלאָגערין.

איך געדענק גלייך ווי עס וואָלט געווען נעכטן. דער שמש איז אַרויס־געקומען פון דער טהרה־שטוב מיט די ערדענע טעפּ און האָט זיי אַ שליידער געטאָן צו אַ שטיין. דערנאָך האָט ער, לויטן באַזונדערן קאָלאָמייער מנהג, אַרויסגענומען פונעם בוזעם אַ שופר און אויסגעבלאָזן אַ לאַנגע און ריינע תקיעה גדולה. אַ דראָזשע איז דורך איבערן לייב. דער סימבאָל פון ביאת המשיח און תחית המתים האָט אָנגעיאָגט אַ גרעסערן און טיפערן פחד ווי דער טויט אַליין מיט זיין פאַראַד פון שוואַרצע טיכער און צדקה־פושקעס. אויף דער תקיעה האָבן, ווייזט אויס, געוואַרט דעם נפטרס טעכטער ווי אויף אַ סיגנאַל. זיי זענען אַרויס פון דער שטוב אויף דער גאַס מיט אַ שרעקלעכער יללה און נאָך זיי האָבן זיך נאָכגענומען אפשר אַ צענדליק קרובות און שכנות. די פנימער ביי די טעכטער — ווי ביי צערייצטע רויב־פייגל, צעשויבערטע

קעפּ האָר, אויף וועלכע עס בלאַנדזשעט אַרום ערגעץ הינטן ביים נאַקן אַ קאַפּטיכל. זיי שטייען אַקעגן דער טיר, וואָס דורך איר דאַרף מען אַרויסטראָגן דאָס מת און שטיקן איין דערוייל אין זיך דאָס געוויין. איצט ברעכן זיי בלויז די הענט און פאַרוואָרפן אַלעמאָל דעם קאָפּ אויף אַ שכנהס אַקסל, ווי אין חלשות. נאָר אָט באַווייזט זיך די מטה איבערגעדעקט מיטן שוואַרצן טוך מיטן מגן־דוד. די וואַרטערס רוקן זיך אָפּ אַן אַ זייט און די טרעגערס שרייען זיך איבער: „פּאַוואָליע, ס'איז שמאָל, גיט אַכטונג ווי איר גייט!" קוים מיט צרות זיך דורכגעשטופּט דורך דער שמאָלער טיר. ייִדן נעמען שפּאַנען. אָבער פלוצים וואַקסט פאַר די טראָגערס אויס אַ וואַנט: די דריי טעכטער. זיי פליִען אַקעגן דער מטה מיט די הענט, מיטן פּנים, מיטן גאַנצן גוף. די ייִדן מיטן מת אויף די אַקסלען זענען געצווונגען אַלץ מער און מער איינצוהאַלטן די שריט. אָט טאַפּטשען זיי שוין מיט די פיס אויף איין אָרט.

די טעכטער נעמען זאָגן אויף אַ קול און יעדן פּסוק זייערן שטרייכן זיי אונטער מיט אַ באַזונדערן קוויטש, וואָס לעכערט דורך די אויערן און פאַר־גליווערט דאָס בלוט אין די אָדערן. דער הויפּט־תמצית פון זייער זאָגעכץ איז אַ ווענדונג צום פאַרשטאָרבענעם, וואָס הערט זיך, אויף ווי ווייט איך דער־מאָן זיך, אַן ערך אַזוי: „טאַטע, זאָלסט זיך נישט שרעקן! דיינע מצוות וועלן דיר פאַרויסגיין, דיין תורה־לערנען וועט פאַר דיר אַ זכות דערלאַנגען. גוטע מלאכים וועלן פאַר דיר פּירשפּרעכן". דערנאָך קומט אַ סדרדיקע היעראַרכי־שע אויפצײלונג פון די אָבות, מלכים און צדיקים, וואָס וועלן דעם טויטן אַקעגנקומען און וועלן אים אָפּגעבן שלום עליכם. פאַרענדיקט מיט דער פּרטימ־דיקער אויסרעכענונג פון דער פאַרזאַמלונג, וואָס וועט דעם פאַרשטאָרבע־נעם באַגריסן, האָבן די טעכטער גענומען דערלאַנגען דעם פאָטער דעם בקשה־צעטל, פאַר וועמען ער זאָל זיך מיִען, און דאָס אויך אין אַ פּערפעקטער ביו־ראָקראַטישער אָרדענונג: קודם פאַר דעם עלטערן און דערנאָך פאַר דעם ייִנ־גערן, צוערשט פאַר דעם נאָענטערן און דערנאָך פאַר דעם וויטערן.

דעמאָלט, מיט דרייסיק יאָר צוריק, האָט אויף מיר און אויף נאָך עט־לעכע חברים מיינע, וואָס זענען דערביי געווען, דער געקלאָג פון די ווייבער קיין רושם נישט געמאַכט. און נישט געווירקט האָט ער טאַקע אפשר צוליב דער צופיל סימעטרישקייט פון די יללות. היינט, ווען איך טראַכט צוריק צו די זאָגעכצן פון מרדכי־איציקס טעכטער, דערפיל איך אין זיי דעם ריח פון חומש, און דער בוכהאַלטערישער סדר זייערער הייבט מיר נישט אָן צו שטערן. פאַרקערט, עס אַפּעלירט צו מיר דווקא די פאַרגליווערטע פאָרם זייערע, און איך טראַכט, אַז אין די דאָזיקע פאַרשטיינערנע וואָרט־כלים פון אַן אַלטן פאָלקסשטייגער האָט דער צער פון ייִדישע טעכטער געפונען אַ היפּש ביסל

טרייסט און געקענט אין זיי אַריינריידן מיט מער האַרץ און מיט מער טרערן ווי היינט אין ספּאָנטאַן־געשאַפענע ריידעניש[ן] און שווייגעניש[ן].

איר אייגענעם לשון, אַ נישט־באַרירטן פון טראַדיציע, האָט צום אונ־טערשייד פון די טעכטער ביי יענער לוויה גערעדט שרהלע די משוגענע. שרה־לע האָט געשטאַמט פון אַ חשובער משפחה אין שטאָט. איר ברודער, אַן אָנ־געזעענער בעל־הבית, איז געשטאַנען אין מאַרק מיט אַ גרויסן מעל־געוועלב, און אירער אַ פּלימעניק איז געווען איינער פון די וויכטיקסטע אינטעליגענטן אין שטאָט. זי איז אַראָפּ פון זינען, ווען זי איז געווען נאָך גאָר אַ יונג ווייבל. ווען איך האָב זי געקענט, איז זי שוין געווען אַלט און צעבראָכן, אָבער אירע אויגן האָבן געגלאַנצט נישט נאָר מיטן פייערל פון שגעון, נאָר עס האָט פון זיי אויך אַרויסגעטליעט אַ הייסע קויל פון טעמפּעראַמענט און פון ווילן צום לעבן. זי איז געווען אַ קליינע און אַ קיילעכדיקע און אַ באַהאָנגענע מיט קליידער. נאָר דער אויבערקערפּער איז זומער און ווינטער געווען באַדעקט נישט מער ווי מיט אַ לייכטער בלוזע. אין בוזעם האָט זי געטראָגן אַלעמאָל עטלעכע ווייצענע בולקעס. זי האָט זיי געזאַמלט און פאַרבאַהאַלטן מיט אַ באַזונדערער עקשנות, ווייל זי האָט, ווייזט אויס, מורא געהאַט, זי זאָל נישט בלייבן אַמאָל אָן ברויט. עס איז געווען לייכט אויסצונאַרן ביי איר ס׳געלט, די אויערינגלעך פון די אויערן און דאָס רינגל פונעם פינגער, אָבער קיינעם איז, דאַכט זיך, קיינמאָל נישט געלונגען אויסצובעטן ביי איר אַ שטיקל פון אירע בולקעס.

ביי מרדכי־איציעס לוויה האָב איך זי געהערט פירטראָגן אירע פיקסע אידייען. זיי האָבן זיך געדרייט אַרום מענטשלעכן עלנט און טויט. איך זע זי, ווי זי שטעלט זיך אַוועק לעבן די טעכטער־קלאָגעריננס און נעמט אויף איר שטייגער זאָגן, און דערביי גיט זי אַכטונג, עס זאָלן פון איר נישט אַרויספאַלן די בולקעס פונעם בוזעם. געבוירן — טענהט שרהלע מיט גרויס דבקות צו דער מטה — ווערט דער מענטש פון אַ מאַמען, דערנאָך לעבט ער ביי טאַטע־מאַמען, דערנאָך האָט ער חתונה און לעבט מיט אַ ווייב, מיט קינדער, מיט אייניקלעך, מיט אוראייניקלעך, און שטאַרבן — נעמט זי יאָמערלעך קרעכצן — שטאַרבט ער אַליין. זאָלסט נישט מורא האָבן, — צעשרייט זי זיך אויף אַ קול, — מרדכי־איציע, דאָס שטאַרבן געדויערט נישט לאַנג. וועסט דיך באַלד באַגעגענען מיט דיין ווייב און מיט דיין טאַטע־מאַמען און וועסט נישט זיין אַליין!

ווייסע־חברהניקעס האָבן איר געשטערט ביים זאָגן, דערוואַקסענע האָבן זי געטריבן פון דער מטה. זי איז נישט אָפּגעטראָטן. זי איז אינאיינעם מיט די טעכטער פאַרויסגעלאָפן פאַר דער לוויה און באַקרעכצט און באַיאָמערט

נישט אַזוי דעם טויט, ווי די עלנטקייט זיינע, דאָס געצוווּנגענע אַלייבזיין אויף דעם שטיקל וועג פון גסיסה ביז צום גן־עדן. יינגלעך האָבן זיך צוגעטשעפּעט צו איר, זי געגומען אויפן קרייצפאַרהער:

— שרהלע, פון וואַנעט ווייסטו, אַז דער מענטש איז אַליין, ווען ער שטאַרבט? ביסט דען שוין אַמאָל געשטאָרבן?

— ניין, — שרייט שרהלע צוריק, — איך בין נאָך קיינמאָל נישט געשטאָרבן, ווייל כ'האָב מורא צו זיין אַליין. מרדכי־איציע וועט זיך צונויפקומען מיטן ווייב, מיט טאַטע־מאַמע, דערנאָך מיט די צדיקים, מיט דוד המלך און אברהם אבינו, אָבער איך? מיך האָט מיין מאַן פאַרלאָזן, טאַטע־מאַמע האָבן מיך פאַרטריבן, מיין ברודער זיסיע לאָזט מיך נישט אין שטוב אַריין און איך אַליין בין אַ משוגענע, וואָס קיין איינע פון די פרומע ווייבער אין גן־עדן וועט מיט מיר נישט וועלן ריידן אַ וואָרט. ווער איך דאָך זיין איינע אַליין אויף יענער וועלט! ווייל איך נישט! איך האָב מורא צו שטאַרבן!

עס איז געלעגן אַזוי פיל צער און אַזוי פיל עכטער שרעק אין די רייד פון דער משוגענער פרוי מיט די בולקעס אין בוזעם, אַז אונדזערע חכמהלעך זענען מיטאַמאָל אויסגערונען, אונדזער שפּאַט איז אויסגעטריקנט געוואָרן און מיר האָבן געהאַט אַ באַדערפעניש צו טרייסטן די עלנטע יידענע, איר זאָגן, אַז מיר וועלן זיין איר גוואַרדיע, און איר פאַרזיכערן, אַז זי וועט קיינמאָל נישט שטאַרבן. נאָך עד־היום געמט מיר דורך אַ שוידער, ווען איך דערמאָן זיך, ווי שרהלע די משוגענע, די עלנטסטע צווישן די עלנטע, האָט פאַר אונדז, חדר־יינגלעך, געוויינט און געקלאָגט ביי מרדכי־איציעס לוויה, אַז זי האָט מורא צו שטאַרבן, ווייל זי שרעקט זיך, אַז אויף יענער וועלט דערוואַרט איר נאָך מער עלנט און איינזאַמקייט, ווי צווישן די טויזנטער מיושבע אין איר שטאָט קאָלאָמיי.

II. שמואל פּויטאַש אין יאַטקע־געסל

שמואל פּויטאַש האָט געליטן פון אַ באַדערפעניש נאָך גלאָריע. און באַזונדערס האָבן אים אינטערעסירט די אַפּלאָדיסמענטן פון דער יאַטקע־גאַס. עס האָט אין שמואל פּויטאַש געלעבט עפּעס אַ פאַרוואָגלטע נשמה פון אַ שוישפּילער, וואָס זיין טעאַטער־קאַריערע איז צעבראָכן געוואָרן פאַר דער צייט. אינדערפרי, אין דער שעה, ווען די ווייבער גייען נאָך פליייש אין די יאַטקעס, לאָזט זיך שמואל פּויטאַש אַרויס פון זיין שטיבל הינטער דער הויכער שול אויף אַ שפּאַציר צו דער יאַטקע־גאַס. ער גייט גלייך ווי אַ ווירע און טראָגט זיין באַלייבטן, ברייטביינערדיקן גוף מיט אויפגעבלאָזענער חשיבות. דער

קאָפּ איז ביי אים אַ קוואַדראַטנער; די באָרד — אַ קורצגעוויקסיקע, און דער בליק פון די אויגן — אַ קאַלטער און אַ האַרטער. ס'וואָלט זיך געקענט אויס־דאַכטן, אַז מען האָט פאַר זיך עפּעס אַ פאַרהאַסטן שטאָט־וואַכערניק, ווען נישט דאָס אָפּגעטראָגענע דזשאַקעטל מיט אַ לאַטע אויף דער פּלייצע, און די הויזן זיינע, וואָס זענען אַזוי קורץ, אַז צווישן זיי און די צוג־שטיוועלעטן זעט מען אַרויס אויף צוויי פינגער די ברייט די זאָקן. דאָס דזשאַקעטל מיט די הויזן מאַכן אים פאַרדעכטיק אין די אויגן פון ווייסע־חברה־ניקעס און זיי טראַכטן אים שוין צו פאַרטשעפּען, אָבער עס שרעקט זיי אָפּ די ווערדע פּונעם שפּאַ־צירער, וואָס האַלט זיי אויף אַ מייל די ווייט פון זיך.

אַז שמואל פויטאַש קומט צו צום פּלאַץ, וווּ דאָס יאַטקע־געסל שניידט זיך מיט דער שול־גאַס, און ער דאַרף זיך פאַרנעמען אויף לינקס, „אויף דער בינע אַרויף", ציט ער זיך נאָך גלייכער אויס, און די הויזן פאַררוקן זיך צו־ליב דער אויסציִעניש נאָכמער אַרויף, און ער נעמט שפּאַנען ווי אַ טריומפאַ־טאָר צווישן די יאַטקעס. די העקער־יונגען זענען פאַרנומען, זיי האַקן אויס פלייש און וועגן עס צו די קונהטעס. די ווייבער קריגן זיך, וואַרפן צוריק די סחורה און דינגען זיך. אָבער די אַלע נאַר־וואָס אויסגערעכנטע עבודות פון קצבים און קונים ווערן בטל וויבאַלד עס באַווייזט זיך מיט זיין סטאַטעטש־נעם הילוך שמואל פויטאַש. מען לאָזט איבער אַלץ אינמיטן און מען צע־שרייט זיך אויף אַלע קולות — באַס, טענאָר און סאָפּראַן — „פויטאַש! פויטאַש!"

שמואל פויטאַש קען אויסגעצייכנט זיין ראָל. ער שפּילט זי שוין כמה וכמה יאָרן. אַז ער דערהערט דאָס „שטיכוואָרט", פאַרהייבט ער אויפגיך דאָס זשאַקעטל און באַווייזט פאַר דעם געשעצטן פּובליקום אַ גאַנצע אויסשטעלונג פון פאַרשיידנפאַרביקע לאַטעס אויפן הינטערשטיין טייל פון די הויזן און זאָגט מניה ובה שוין אויך די עטלעכע ווערטער טעקסט אָן אַ סופליאָר אויף אויסנווייניק:

— קירה האָט געהייסן מנשק זיין — דערקלערט פויטאַש מיט זיין באַ־סאָווער שטימע און ער האַלט בשעת־מעשה מיט דער לינקער האַנט דאָס זשאַ־קעטל און מיט דער רעכטער ווייזט ער די קצבים און די קונים זייערע דעם וועג, וואָס קירה אַליין האָט געהייסן גיין.

פויטאַשעס געלונגען אַראָפּדעקלאַמירטע רעפּליק רופט אַרויס אַ דונער פון אַפּלאָדיסמענטן: „בראַוואָ, פויטאַש!" — ווערט אַ געפּאַטשעריי מיט די הענט. דאָס פּובליקום וויל אים נישט אַראָפּלאָזן פון דער בינע. די העקער־יונגען דריקן אויס זייער גרויס צופרידנקייט מיטן שווישפּילער מיט ליאַרעמ־דיקע סאָלוועס געלעכטער. די ווייבלעך גיבן זייער הנאה צו פאַרשטיין דער־

מיט, וואָס זיי רויטלען זיך און כיכיקען פאַרשעמט. פויטאַש — נישט ער קוקט זיך אום אויף דעם צעיאַכמערטן פאָלק. מיטן אויפגעהויבענעם זשאַקעטל אין דער לינקער האַנט און מיט דעם אַביסל פאַראויסגעבויגענעם קערפּער, ווי די סצענע פאַרלאַנגט עס, מאַרשירט ער, אַ גליקלעכער פון זיין גרויסן דערפאָלג, פאַרביי דאָס יאַטקע־געסל, ביז ער קומט אָן צום „עק פון דער בינע". דאָרט דרייט ער זיך ווידער אויס מיט טריומף, לאָזט ווידער אַראָפּ דאָס זשאַקעטל און דאַנקט מיט אַ שאָקל פון קאָפּ פאַר דעם „לאָרבער־קראַנץ" וואָס איינער פון די קצבים דערלאַנגט אים. דער „לאָרבער־קראַנץ" באַשטייט פון אַ ביליק שטיקל פלייש און אַ האַלב בעקעריש ברויטל.

אַזוי טאָג־איין, טאָג־אויס אין משך פון יאָרן, ביז אין איין שיינעם פרימאָרגן איז דעם פּובליקום, ווייזט אויס, נמאס געוואָרן איינע און די זעלבע פאָרשטעלונג. פויטאַש קומט, ווי געוויינלעך, אינדערפרי אין יאַטקע־געסל און טרעפט דאָרט אָן אַ פיינלעכע שטילקייט. ער ווענדט זיין קוואַדראַט־קאָפּ אויף רעכטס און אויף לינקס, און צו זיינע אויערן דערגרייכט נישט מער ווי דאָס פּוסטע דינגעניש פון די ווייבער מיט די קצבים. ער האָט געפּרוּווט נישט וואַרטן אויף דער רעפּליק און האָט אַזוי פון זיך אַליין אויפגעהויבן דאָס זשאַקעטל. אַז דאָס האָט אים אויך נישט געהאָלפן, איז דער ווירדיקער שוישפילער מיטן אויסזען פון אַ וואַכערניק צוגעלאָפן צו אַ וואַנט און האָט זיך יאָמערלעך צעוויינט. קצבים האָבן אים געגומען טרייסטן, אים דערלאַנגט זיין „לאָרבער־קראַנץ", אָבער פויטאַש האָט מיט פאַראַכטונג צוריקגעוויזן אי זייער טרייסט און אי זייער פלייש מיטן ברויט. ער האָט אַלעמאָל אָן אַנדערן קצב אָנגעכאַפּט ביים ווייסן פאַרטוך און אַרויסגעשטויסן פון זיך אַ פאַרצווייפלטע פראַגע, וואָס איז נישט פאַרגעקומען אין שפּילטעקסט: „פאַרוואָס שרייסטו נישט, פויטאַש?"

דעם „פאַרוואָס שרייסטו נישט, פויטאַש?", וואָס דער שוישפּילער פון דער יאַטקע־גאַס האָט אין אַ מאָמענט פון פאַרצווייפלונג באַשאַפן, האָב איך דערנאָך נישט איינמאָל געהערט אין שטוב און אין גאַס. עס איז געוואָרן אַן אַלגעמיין ווערטל און האָט — אַזוי דאַכט זיך מיר — אויסגעדריקט, אַז דער אַלטער דור קאָלאָמייער יידן, וואָס איך דערמאָן אים אין מיינע זכרונות, האָט מער געהאַלטן פונעם לעבעדיקן וואָרט, ווי פון דעם שטיקל ברויט מיט פלייש.

III. דער פאַרליבטער אינטעליגענט

דער דריטער שטאָט־משוגענער איז געווען אַ דאַרער אינטעליגענט אין די מיטעלע יאָרן, מיט אַ גרויסן קאַפּעליוש, וואָס איז אים אַראָפּגעפאַלן אי־בער די אויערן. אין זוניקע טעג האָט ער אַרומגעשפּאַצירט אויפן ברייטן טראָטואַר ביי דער היכער שול און זיך געחזרט פון אויסנווייניק לידער פון היינע און שילער. ער איז געווען אַ שטילער, צאַרטער מענטש מיט אַ פּנים פון אַן אַסקעט. איך געדענק נישט, ס׳זאָל אים עמיצער האָבן גערופן ביים נאָמען. ער איז געווען אַ פרעמדער, וואָס האָט צוגעוואַנדערט קיין קאַלאָמיי מיט יאָרן צוריק פון אַ שטעטל לעבן סטאַניסלאַוו. ער איז געווען דער איינ־ציקער, וואָס ווייסע־חברהניקעס האָבן אים גערופן מיטן פולן מויל „משו־גענער“.

ער האָט נישט רעאַגירט אויף די געשרייען און אויף די באַליידיקונגען, נאָר אַז מען האָט אים שוין צופיל דערקוטשעט, האָט ער אַ רוק געטאָן אַרויף זיין גרויסן קאַפּעליוש און זיך געווענדט צו איינעם פון די צודרינגלעכע ייִנג־לעך צאַרט, פּאָעטיש, גלייך ווי ער זאָל ריידן צו זיין געליבטער, מיט אַ גע־גראַמטן פּסוק אויף דייטש:

„קאַום ווערדע איך דיך ערהאַשען,
דאַןווירסט דו שאָן נאַשען“.

אין פּראָזע־איבערזעצונג אויף ייִדיש הייסט עס: וויבאַלד איך וועל דיך דערטאַפּן, וועסטו שוין פון מיר אָפּלייזן. אָבער ער האָט קיינמאָל קיינעם נישט געפּרווט דערטאַפּן און קיינער האָט פון אים קיינמאָל נישט אָפּגעלייזט מער ווי אַ געגראַמטן דייטשן פּסוק.

קיין שום פרומער ייִד האָט נישט געקענט מיט אַזויפיל עקשנות האַלטן אין איין זאָגן תהילים, מיט וויפל אויסדויער און געדולד דער אינטעליגענט מיטן גרויסן קאַפּעליוש איבער די אויערן האָט אויפן טראָטואַר פאַר דער היכער שול רעציטירט היינע און שילער. שוין דעמאָלט האָבן מיר, יונגע גימנאַזיסטן, אַרומגערעדט דעם גורל פון דעם אומגליקלעכן היינע־רעציטאַ־טאָר און האָבן געוווּסט אויף זיכער, אַז אַן אומגליקלעכע ליבע האָט דעם מענטשן זעליש צעשמעטערט און אַראָפּגעבראַכט פון זינען. דערנאָך מיט עטלעכע יאָר שפּעטער האָב איך אַפילו געהערט דעם נאָמען פונעם שטעטל און דעם נאָמען פונעם מיידל, וואָס האָט זיך געוואָרפן אין טייך אַריין פאַר־האַרצווייטיק. אַלע האָבן געזאָגט, אַז זי איז געווען אַ געבילדעטע און האָט געקענט די דייטשע קלאַסיקער אויף אויסנווייניק. און וויל טאַטע־מאַמע האָבן נישט געוואָלט דעם שידוך, האָט זיך דאָס מיידל גענומען ס׳לעבן, און

דעקלאַמירט די דייטשע קלאַסיקער און מיט אַ באַזונדער נאָכטראַכטעניש און האַרצווייטיק זיך געחזרט פרידריך שילערס פערזן:

Oh dass sie ewig grünen bliebe
die schöne Zeit der jungen Liebe.

(הלוואַי וואָלט זי אייביק געגרינט, די שיינע צייט פון דער יונגער ליבע).

זי האָט שוין אַפילו אין מיין צייט נישט מער געבליט, די צייט פון ראָמאַנטישע ליבעס. ס׳זענען אָנגעקומען יאָרן פון שטורמישע געזעלשאַפטלעכע אידעאַלן און פון זאַכלעכן קאַריעריזם אין גאַליציע, וואָס זייער איינציק פּינטעלע ראָמאַנטיזם איז אפשר געווען דאָס, וואָס זיי האָבן נישט געוווּסט, אַז זיי שטייען ערב אַ גרויסן מבול.

די „לאַמעדוואָווניקעס"

1. הערש דראַטאָוווניק

דער פּאַסיקסטער אָפּשלוס פון אַ „שטאָט מיט ייִדן" וועט, דאַכט מיר, זיין אָפּצוגעבן דאָס לעצטע קאַפּיטל צו די צוויי סאַמע פאַרהוילנסטע געשטאַלטן פון דער קהילה: צום דראַטאָווניק און צום וואַסערפירער.

איבערן דראַטאָווניק האָט געהאַנגען דער סוד פון פרעמדקייט. ער איז אַהער אין שטאָט אַריין אַראָפּגעקומען נישט נאָר פון ערגעץ אַ ווייט מקום, נאָר אויך פון ערגעץ אַ ווייט פאָלק. ער זעט אויס אינגאַנצן גוייִש. זיין ברייטביינערדיק פּנים איז פאַרוואַקסן מיט אַ ברודיקער באָרד פון קורצע, שטעכיקע הערעלעך. אין רעכטן אויער־לעפּל טראָגט ער אַ גרויס, קיילעכדיק אויערינגל, ווי אַ ציגיינערישער עלטסטער. מייסטנס שווייגט ער, און אַז ער רעדט, איז זיין ייִדיש־לשון אַ געמוטשעטער און ער נוצט סלאַווישע ווערטער, וואָס זענען אין אונדזערע ערטער נישט באַקאַנט. זיי זענען נישט פּויליש און נישט אוקראַיִניש. פונוואַנען שטאַמט ער, דער גר, און ווי אַזוי האָט ער אַמאָל געהייסן, ווי אַזוי הייסט ער איצט?

מען דערציילט, אַז ער איז דער זון פון אַ רייכן רוסישן סוחר ערגעץ אין טיף־רוסלאַנד, אַז ער האָט זיך מגייר געווען און אויף זיך גענומען אַ תשובה צו לעבן אין אָרעמקייט. פון אים אַליין קען מען גאָרנישט געוואויר ווערן. ער זיצט אַ פאַרשלאָסענער אין אַ ווינקל אין קיך און פאַרציט מיט דראָט ווו אַ ריס און ווו אַ שפּרונג אין ערדענע טעפּ און לאַדינעס. ווייבער פרעגן, קינדער ווערן צודרינגלעך, ווילן וויסן, ווי אַזוי ער הייסט, פונוואַנען ער קומט און צי ער איז אַ ייִד. דער דראַטאָווניק שווייגט, און אַז דאָס פרעגעכץ ווערט אים צופיל, ענטפערט ער אויף זיין האַרטן, עפּעס ווי טאַטערישן, ייִדיש: איך הייס הערש. און אַז ער ווערט באַרעדעוודיק, איז ער מוסיף: הערש הייס איך. און שוין. מער וועט מען פון אים קיין וואָרט נישט אַרויסרייסן וועגן די זאַכן, וואָס ער וויל וועגן זיי נישט ריידן.

און ערגעץ אין איין שיינעם טאָג האָבן מיר, יונגוואַרג, אויפגעהערט פרעגן, צי הערש דראַטאָווניק איז אַ ייִד. מיר זענען מיטאַמאָל געוואויר געוואָרן, אַז ער איז „אויב נישט נאָך העכער". אין יאַטקע־געסל האָבן זיך שיכורע גוייִם אויפן יאַריד געוואָרפן שלאָגן ייִדן. פאַרוואָס? פאַרוואָס? איך גע־

דענק נישט. אפשר גאָר ז'ערפאַר, וואָס שיכורע גויִים האָבן סתם ליב צו שלאָגן.

וואָס איך געדענק יאָ, גלייך ס'וואָלט געווען היינט, איז, אַז אויפן וועג אהיים פון דער שול האָבן חברה חדר־יינגלעך איבערגענומען מיך און נאָך עטלעכע גימנאַזיסטן און אונדז דערציילט וועגן גרויסע זאַכן, וואָס האָבן זיך אָפּגעטאָן אין יאַטקע־גאַס. שיכורע גויִים — האָט איינער פון די דערציילערס אַזש געפּלאַמט פון גליק און פרייד — האָבן זיך אַ לאָז געטאָן פון מרדכי שעיהס שענק צו די יאַטקעס זיך „אָפּרעכענען" מיט יידישע קצבים און געוועלבערס. מען האָט זיך אָקעגנגעשטעלט, אָבער די גויִים זענען געווען שטאַרקער אין צאָל, טיפער אין צאָרן און גבורהדיקער אין די הענט. מיט לישניעס פון די וועגענער האָבן זיי אויסגעזעצט שויבן, צעבראָכן לאָדנס, צעקלאַפּט קעפּ און אָנגעמאַכט אַ חורבן. יידן האָבן באין־ברירה גענומען אַנטלויפן. און אַז עס האָט זיך געדאַכט, אַז אַלץ איז הפקר, איז פלוצים, ווי פון אונטער דער ערד, אויסגעוואַקסן דער דראַטאָווניק. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט לעבן מענדל דינערס יאַטקע און אַ געשריי געטאָן צו די ווילדע פּויערים, זיי זאָלן נישט דערוועגן צו מאַכן אַ שריט ווייטער, וואָרעם ער וועט זיי אַלעמען צעברעכן, ווי מען צעברעכט אַ טשערעפּ. און דאָס וווּנדער איז געווען, וואָס די גויִים האָבן הערשן געגלייבט אויפן וואָרט. זיי צוואַנציק, דרייסיק, און אפשר מער, געזונטע פּויערים מיט דרענגער און מעסערלעך, און אַקעגן זיי אַ פּאָר לאַנגע, גרויסע הענט און עטלעכע חצי־אוקראַיִנישע, חצי־רוסישע ווערטער פאַרבראַקט מיט טאַטעריש פון הערש דראַטאָווניק, און די גויִים ציִען זיך צוריק, פאַרשטייען, אַז ס'איז נישט כדאַי אָנצוהייבן, ווייל עס וואַרט אויף זיי אַ זיכערע מפּלה. און אַז די פּויערים זענען אַוועק, האָט הערש געגלעט דעם אַלטן נאַמן, פּייוויש, איבער די פּלייצעס און געשמייכלט צו די קצבים. ער האָט דערמיט אויף זיין שווייגעדיקן אופן אויסגעדריקט זיין פרייד און זיין צופרידנקייט, וואָס ער האָט געקענט ראַטעווען יידן.

עס איז איבעריק צו זאָגן, אַז הערש דראַטאָווניק איז זינט דעמאָלט געווען דער העלד פון יידישן יונגוואַרג אויף דער וואָר און אין חלום. מיר האָבן געטראַכט, אַז ס'איז איצט נישטאָ וואָס מורא צו האָבן צו לאָזן זיך ביינאַכט אויף די נישט־באַלויכטענע גוייִשע גאַסן, אַרום דער וועגבישער בריק, צי גאָר אויף מאָקרע, ווו הינט זענען אַרומגעלאָפן פראַנק און פריי און מוראדיק געהאַווקעט. דער פּחד האָט זיך פון אונדז אָפּגעטאָן, ווייל ערגעצוווּ האָט אין אונדז געלעבט די זיכערקייט, אַז אין אַ מאָמענט פון סכנה וועט פלוצים אויסוואַקסן הערש דראַטאָווניק, און איין מאַך פון זיין מגושמדיקער האַנט און איין צעקאַליעטשעט, שטומפּיק וואָרט פון זיין מויל — און אַלע

געפאַרן וועלן אַנטרונען ווערן און קיין שום שונא וועט אויף אונדז קיין שליטה נישט האָבן. הערש דראַטאָווניק האָט אויפגעהערט צו זיין אַ רעטעניש, וואָס מוטשעט די פאַנטאַזיע. ער איז געוואָרן אין אונדזער דמיון דער מיסטעריע־זער און מיסטישער כוח, וואָס וואַנדערט אַרום איבער דער ערד אויף צו באַשיצן דאָס גרויסע רעטעניש פון יידישן קיום.

היינט, דרייסיק יאָר שפּעטער, וואַרעמט די געשטאַלט פון הערש דראַטאָווניק נישט ווייניקער, ווי דעמאָלט, מיינע חלומות און מיינע האָפענונגען. אָבער די גולם־פיגור, וואָס האָט געצונדן די פאַנטאַזיע פונעם פופצניע־ריקן אין קאָלאָמיי, ווערט דאָ אין ניו־יאָרק, ביים דעם פינף און פערציק־יע־ריקן, מיטן רייפערן בליק אויף לעבן און געשיכטע, סובלימירט צו סימבאָל. הערש דראַטאָווניק איז פאַר מיר איצט, ווען דער חורבן האָט שוין דערגרייכט ביז צו די סאַמע אויסלויפערס פונעם אייראָפּעיִשן קאָנטינענט און אַלץ ־ראָט צו ווערן הפקר אין דער האַנט פונעם פאַרוויסטער, הערש איז איצטער פאַר מיר, זאָג איך, דער האָפענונגספולער, סימבאָלישער אַנדייט, אַז דער טאָג איז נאָענט, ווען דער גרויסער, אַנאָנימער, מענטשלעכער קלאָס וועט אַ קלאַפּ טאָן מיט מיליאָנען הערצער, וועט אויסשפּרייטן מיליאָנען לאַנגע, מגושמדי־קע הענט און אַ געשריי טאָן: גענוג! די רויבערס און מערדערס וועלן זיך דע־מאָלט ווי די מייז צעלויפן אין די רשעות־לעכער פון דער געשיכטע. און אפשר וועט דער רעטער דעמאָלט שמייכלען צום אַלטן כלל־ישראל, פּונקט מיט אַזויפיל פרייד און צופרידנקייט, מיט וויפל דער דראַטאָווניק האָט גע־גלעט דעם אַלטן נאמן, פּייוויש, איבער די פּלייצעס.

יעדע פּאַסירונג און יעדע געשטאַלט קען זיך צעבליִען סימבאָליש אין מענטשלעכע הערצער. מען דאַרף נאָר וועלן די גאולה און גלויבן אין איר.

II. יואל וואַסערפירער

דער וואַסערפירער, יואל, איז געווען אַ ייד אַ פרומער ביז גאָר, אַ פרו־מער מיט גאָט און אַ פרומער מיט מענטשן. ער האָט אַליין נישט געהאַט גענוג אויף צו שפּייזן אָרעמע, אָבער וואַסער טראָגן אומזיסט און אין די גרעסטע פרעסט, דאָס האָט ער געקענט און דאָס האָט ער אויך געטאָן.

איך געדענק יואלן שוין גאָר אַ זקן. פון דעסטוועגן פלעגט ער נאָך דע־מאָלט דעם גאַנצן ווינטער פירן וואַסער פון „קלאשטער”. אַרויף־ און אַראָפּ־פירן די מאָגערע שקאַפּע מיט דעם לאַנגן, שמאָלן פּאַס הינטער דעם באַרג, לעבן מאַגיסטראַט, איז געווען ממש סכנות־נפשות. אָבער קיינער פון די יינ־גערע וואַסערפירערס האָט עס נישט געטאָן פלינקער און מיט מער געניטקייט, ווי דער אַלטער יואל. אויפן קאָפּ — אַ ווייסע, שאָפענע קיטשמע אַריבער־

געצויגן איבער די אויערן, אויף די פיס — גרויע, פילצענע שטיוול איבערגע־בונדן מיט שמאַטעס, שפּאַנט ער, דער אַלטער, הויכער ייִד לעבן זיין פערדל, אַרויף און אַראָפּ דעם באַרג, טראָגט וואַסער פאַר גראַשנס און אומזיסט, מיט דער געטריישאַפט און מיט דער תמימות פון אַ לערנער - אַ מתמיד אין אַלטן בית־המדרש.

יואל וואַסערפירער האָט געהאַט אַ גרויס איבערלעבעניש מיט אַ צוואַנ־ציק יאָר צוריק. ער היט עס ביי זיך אין האַרצן מיט אמונה און אין זומער־פאַרנאַכטן, ווען „די מלאכה פון וואַסער־פירן איז נישט מער ווי אַ שפּילעכל", און עס איז דאָ מער צייט צו כאַפּן אַ שמועס, איז יואל אַלעמאָל גרייט צו דערציילן וועגן דער ווונדערלעכער זאַך, וואָס איז זיך מיט אים פאַרלאָפן.

ס'האָט נאָך דעמאָלט געלעבט דער אַלטער רב ר' הלל ליכטענשטיין, און ר' הלל האָט זיך ליב געהאַט צו חברן מיט פּראָסטע מענטשן. ער האָט זיך געקענט אָוועקזעצן איינטענהן מיט מיר — האָט זיך יואל באַרימט — אפשר אַ גוטע פערטל שעה. זיך אָפּרייסן אויף אַזוי לאַנג פון לערנען, איז געווען אַ גרויסע זאַך פאַרן רב. הערש פּוזער לערנט נישט, האָט ער שוין מיט מיר גערעדט צוויי מינוט? — האָט זיך דער וואַסערפירער, ווי אַ הקדמה צו דער מעשה, תמיד גוטמוטיק געבייזערט אויפן שטאָט־גביר. — צו ר' הללן האָט מען געקענט אַריינקומען אפשר צוואַנציק שעה אין מעת־לעת, ווייל געשלאָפן איז ער זיכער נישט מער ווי פיר שעה.

אין איינער אַ זומער־נאַכט, פּונקט אַרום חצות, ווען יואל דער וואַסער־פירער איז פאַרבייגעגאַנגען ביי דער הויכער שול, אויפן וועג אַהיים, צו דער גלייזער־גאַס, האָט ער דערהערט ווי מען רופט אים אויף צו דער תורה. דער אויפרוף איז געווען אַ קלאָרער און אַ שיין־געקרייזלטער, ווי פון אַ גוטן בעל־קורא: יעמוד ר' יואל בר' אריה לייב הכהן. אַן אַנדערער אויף יואלס אָרט וואָלט געווען געלאָזט די נשמה פאַר פּחד. דער וואַסערפירער איז אָבער בטבע געווען אַ באַהאַרצטער, און ס'האָט אים צוגעגעבן קוראַזש און כוח אויך דאָס, וואָס אַקעגנאיבער אין דער שפּיטאָל־גאַס האָט געוווינט דער רב ר' הלל. יואל איז אַריינגעלאָפן אין איין גאַלאָפּ צו ר' הללן און אים דער־ציילט, וואָס ער האָט אָקאָרשט געהערט. דער אַלטער רב ז"ל האָט זיך פאַר־טראַכט, געקנייטשט זיין הויכן, ליכטיקן שטערן און דערנאָך געכאַפּט זיין אייגענעם טלית און געזאָגט צו יואלן: טו אָן דעם טלית און גיי אַריין גלייך ביז צום שולחן און מאַך אַ שטילע ברכה. עס וועט דיר איה"ש גאָרנישט גע־שען. פאַרקערט, דו ביסט אַ גרויסער חשוב און וועסט האָבן אַריכות־ימים.

יואל האָט דערנאָך דערציילט ר' הללן און האָט עס מיר און וועמען נישט אין שטאָט איבערדערציילט, אַז ער האָט קיינעם נישט געזען, נאָר ער האָט

ממש געפּילט, ווי מען איז געשטאַנען קאָפּ אויף קאָפּ און זיך צוגעהערט צו דער ברכה פון אַ לעבעדיקן. און דער רב האָט אים פאַרטייטשט און יואל האָט עס גוט געדענקט, אַז זיין זכיה איז באַשטאַנען דערין, וואָס די פאַרפלאָסענע דורות האָבן דווקא אין וואַסערפירער דערפילט, אַז ער איז איינס מיט זיי. מען קען לערנען תורה — האָט יואל נאָכגעזאָגט אין רבס נאָמען — און דערביי נישט פילן, אַז דאָס אייגענע לערנעכץ איז נאָר אַ טראָפּן אין ים פון תורה, וואָס דורות פאַר דיר האָבן געלערנט און די דורות נאָך דיר וועלן לערנען. אַז דו פילסט זיך נישט איינס מיט אַלע לערנערס פון אַלע ייִדישע צייטן, פירט דיין תורה צו גאווה און זי טריקנט אויס ווי וואַסער אין דער מדבר. אַזאַ לערנעכץ איז אָן שום ווערט פאַר גאָט ברוך הוא און פאַרן כלל ישראל. און פונקט ווי מיטן לערנען, אַזוי איז מיטן וואַסער־פירן. אַלץ איז גלייך אַנגעלייגט, אויב דו טוסט דיין עבודה און נעמסט זי אויף מיט דיין נשמה ווי אַ רינגעלע אין דער קייט פון דורות, וואָס האָבן פאַרזאָרגט און וועלן פאַרזאָרגן גאָטס באַשעפענישן מיט וואַסער. און ווייל דו טוסט דיין אַר־בעט מיט תמימות און הכנעה, — האָט ר׳ הלל מסביר געווען יואלן, — האָסטו זוכה געווען, אַז די פאַרגאַנגענע דורות ווילן נהנה זיין פון דיין ברכה.

און פון יענער נאַכט אָן האָט עס ר׳ הלל געהאַלטן פאַר אַ כבוד, וואָס יואל האָט געדאַוונט ביי אים אין קלויז, און ער האָט מיט באַזונדערער אויפ־מערקזאַמקייט אויסגעהערט זיין ברכת כהנים.

אַז איך בין נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה געווען אין קאַלאַמיי און זיך נאָכגעפרעגט אויף יואל וואַסערפירער, האָט מען מיר געזאָגט, אַז ער לעבט נאָך און זומער־צייט טוט ער נאָך צוביסלעך זיין עבודה. היינט איז דער וואַסערפירער שוין זיכער אויפן עולם־האמת און קוקט מן־הסתם אַרויס, אַז די קינדער און קינדס־קינדער נאָך אים זאָלן אַזוי אויפנעמען אין זיך די פרי׳ערע ייִדישע דורות, ווי ר׳ הלל ליכטענשטיין ביים תורה־לערנען און ער, יואל, ביי דער עבודה פון וואַסער־פירן.

שרייבנדיק מיינע זכרונות, האָב איך אַ סך מאָל געטראַכט פון דער גרוי־סער זכיה, וואָס עס האָט געהאַט יואל וואַסערפירער, און איך האָב מכוון גע־ווען, אַז אַלץ, וואָס איך האָב דערציילט וועגן די ייִדן פון מיין שטאָט, זאָל זיין אַ וואַכער פונק אין מיין אייגענעם געפיל פון צוגעבונדנקייט צום כלל פון ייִדישע דורות און אין ייִדישן המשך־געפיל פון מיינע לייענערס, און זאָל אונדז אַלעמען באַהעפטן נאָך טיפער און ליידנשאַפטלעכער צו אונדזער אַלטן, פיל־געליטענעם פאָלק.

אַפּריל־אָקטאָבער 1941.

אינהאַלט:

הקדמה — 7

צוויי לאַנדסלייט אין דער טשערנאָוויצער מלוכה־גימנאַזיע — 9

באַראָן דאַוויד היינריך מילער פון בעטשוטש — 18

שלמה חלפן אַקעגן אַ שטאָט מיט יידן — 26

שלמה חלפן ראַנגלט זיך מיט זיינע ספקות און שטאַרבט — 34

מיין ערשטער חדר אין דער קאַמינקער קלויז — 42

מענדעלע פערעלע דער רביצנס פראַוועט חסידות — 50

מיין רבי ר׳ וואָוויק קוגל שרייבט אַ ספר — 57

פייוויש האַלאָפּיעטניק און הערש תשעה־באָב — 64

חזקה ביי דער תורה אין ר׳ איציקל־שולכל — 71

לייבושל דער בלינדער און די שריפה אין אַלטן בית־המדרש — 75

אויפן לאָטעריי־שילדל האָט געבושעוועט אַ טעות — 79

יאָסל דער ציטערדיקער לערנט מיט דער שטאָט רעספּעקט — 83

צוויי רוסישע יידן: יונה שמש און מאָטל דער נייעס־זוכער — 88

ראובן אָשר ברוידעס און זיין „פּריוואַט־סעקרעטאַר" — 95

דעם פרעמדן אַפּיקורס כבוד און דעם היימישן שפּינאָזיסט — מלקות 102

„וועסט מירצעשעם האַלטן שבת ביי הערש ראַמלער" — 110

דער „פּאָליאַק פון משהס גלויבן": ר׳ אַהרן כהן — 115

דער רבי פון דריטן קלאַס און דער שייגעץ פון ערשטן קלאַס — 118

דעם רבי בחורס חסידים — 124

מעכל בעריש קמצן און דער גרויסער בעל־תפילה מאיר פראַנצויז — 134

שמואל פּאַסאָליע־הענדלער האָט אַ קורצן אָטעם און ליידט בושות — 145

צוויי גאַסן אין שטאָט און צוויי יידן — „אייביקע שונאים" — 152

אַ באַגעגעניש אין עקספּרעס־צוג מיט לייבל טויבעס, ע"ה — 160

גאָטס וויכטיקסטע שונאים — 164

שמעון פּעטילעווער זוכט אייגענע וועגן אין לעבן — 174

אין טלית און תפילין צופוס פון קאָלאָמיי קיין גוואָדזעץ — 182

ווי אַזוי זעט אויס אליהו הנביא? — 190

לייבוש ליסיצער — דער איוב פון יידישקייט־צרות — 198

פרויען — 206

די שטאָט־משוגעים — 221

די לאַמעדוואָווניקעס — 229

ביכער פון שלמה ביקל

אינזיך און אַרומזיך (ליטעראַרישע און אַנדערע עסייען)
בוקאַרעסט, 1936.

אַ שטאָט מיט ייִדן (זכרונות און געשטאַלטן)
ערשטע אויפלאַגע, ניו־יאָרק, 1943.

דעטאַלן און סך־הכלען (ליטעראַרישע עסייען)
ניו־יאָרק, 1943.

ייִדן דאַווענען (ניו־יאָרקער בילדער)
ניו־יאָרק, 1948.

עסייען פון ייִדישן טרויער,
ניו־יאָרק, 1948.

דריי ברידער זענען מיר געווען (אויטאָביאָגראַפישע דערציילונגען און עסייען), פאַרלאַג „מתנות", ניו־יאָרק, 1956.

שרייבער פון מיין דור (ליטעראַרישע עסייען)
פאַרלאַג „מתנות", ניו־יאָרק, 1958.

אַ שטאָט מיט ייִדן (צווייטע אויפלאַגע)
פאַרלאַג „קיום", בוענאָס איירעס, 1960.

קיום
פארלאג
פועלי ציון-התאחדות

פארלאג־אדרעס:
"KIUM"
Ayacucho 352
Buenos Aires Argentina

דערשינענע ביכער:

1. דוד בן־גוריון — נצח ישראל
2. מענדל מאַן — אין אַ פאַרוואָרלאָזטן דאָרף (אויספאַרקויפט)
3. יחיאל האַלפּערן — דער רעוואָלט פון אַ גלות־פאָלק
4. יוסף שפּרינצאַק — אין וואָרט און אין שריפט
5. ה. לייוויק — אַ בלאַט אויף אַן עפּלבוים.
6. אפרים דקל — געהיים־דינסט פון דער „הגנה" אין ארץ־ישראל
7. ד"ר טעאָדאָר הערצל — דערציילונגען און פעליעטאָנען
8. י. לעשטשינסקי — דאָס נאַציאָנאַלע פּנים פון גלות־יידנטום
9. מ. גראָס־צימערמאַן — יידן צווישן יידן
10. יצחק בן־צבי — מיט דער צווייטער עליה
11. רחלס לידער
12. מענדל מאַן — די גאַס פון בליענדיקע מאַנדלען
13. אריה לעאָן קובאָווי — וואָרצלען און פליגלען (אויספאַרקויפט)
14. שלמה סיימאַן — אין די טעג פון די ערשטע נביאים (אויספאַרקויפט)
15. יוסף ווייץ — זכרונות
16. אפרים אויערבאַך — גילדענע שקיעה
17. מרדכי שטריגלער — שמועסן מיט דער צייט (אויספאַרקויפט)
18. יצחק יאַנאַסאָוויטש — מיט יידישע שרייבער אין רוסלאַנד
19. פּנחס שטיינוואַקס — ציוניסטן
20-21. יעקב גלאַטשטיין — אין תוך גענומען (צוויי בענד)
22. שלמה ביקל — אַ שטאָט מיט יידן

אין שפּאַניש:

Marie Syrkin: Al Servicio de una Causa (Agotado)
Ab. N. Polak: Así se forjó el Estado de Israel

אין גיכן דערשיינט:

חיים גרינבערג — ייד און וועלט
זלמן שזר — ליכטיקע פּערזענלעכקייטן
בנימין וועסט — ציוניזם אונטער די סאָוויעטן

Este libro se terminó de imprimir en el mes de julio de 1960, en los Talleres Gráficos de JULIO KAUFMAN S.R.L., Avda. Corrientes 1976, Buenos Aires, República Argentina.

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE

•

A JEWISH TOWN

Copyright by
Dr. S. Bickel
New York

•

Hecho el depósito que marca la ley 11.723
Buenos Aires

Editado por
Poale Sion Hitajdut
Departamento
Ediciones "**KIUM**"

SHLOMO BICKEL

CIUDAD DE JUDIOS

●

BUENOS AIRES
1 9 6 0